STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09161

DI GESHIKHTE FUN DI KHAZARN UN ZEYER IDISHE MELUKHE IN TSENTRAL EYROPE

Sol Podolefsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-09161-8

9780657091613T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

THE HISTORY

of

The KHAZARS

AND THEIR JEWISH KINGDOM IN CENTRAL EUROPE

by

SOL PODOLEFSKY

(Sol Libers)

RACHMAN PUBLISHING COMPANY

New York, N. Y.

די געשיכטע

פון

די כּוזרן

און זייער אידעשע מלוכה אין צענטראל אייראָפּע

פון סאל פּאראלעפּסקי
(סאל ליבערס)

אַרויסגעגעבן פון
ראכמאן פּאָבלישינג קאָ.
ניו יאָרק, 1971

Copyright 1971

by

RACHMAN PUBLISHING CO.

New York, N. Y.

געווידמעט מיינע טייערע אייניקלאך

אהרן, איטקע, און רחל דבורה

Dedicated to my Grandchildren

AARON, ITKE and DEBORA RACHEL

אינהאלט פארצייכעניש פון די טיילן

די אַלטע פעלקער פון די עראַזיע פליינען 25

אידעשע אינפאָרמאציע וועגן די כאַזאַרן 69

אַראַבישע אינפאָרמאציע וועגן די כאַזאַרן 91

דער אַרויסגאנג פון די כאַזאַרן אויף דער וועלט אַרענע................ 109

די כאַזאַרן נעמען אָן דעם אידעשן גלויבן 133

מלחמות מיט די אַראַבער לויט אַראבישע אינפאָרמאציע 163

דער אונטערגאַנג פון דער כאַזאריש אידעשער מלוכה 191

אידן אויף דעם האַלבן אינזל קרים און ביי די ברעגן
פון שווארצן ים 207

אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין כאַזאריע 261

ביילאַגעס 273

רשימה פון אילוסטראציעס

קאָנסטאַנטין דער צעזאַר וואָס האָט אָנגענומען קריסטענטום
און פאַרוואַנדלט דער רוימישער רעפּובליק אין א מאָנארכיע 52
א פאָגראָם ביי די קרייץ-ציגלער 63
א טייל פון דעם בריוו פון קעניג יוסף צו רבי חסדאי 76
א קאָפּיע פון א מאנוסקריפּט פון ספר הכוזרי 85
א מאפּע געמאכט פון אבו קאסים איבן האוקאל 94
פונדאמענטן פון געביידעס אין סאַרקעל 146
ציגל פון סאַרקעל מיט קבלה אויסקריצונגען 148
צייכענונגען פון קבלה ספר רזיאל המלאך 149
סעראמיקס געפונען אין סאַרקעל 151
דער אויסזען פון סאַרקעל היינט 152
מצבות פון פאנאגאריע קרים 212
מצבות פון טשופּט קאלע 213
אן אויפשריפט אויף א מצבה פון אַ כאזארישן אידן 216
פוילישע אידן אין מיטל אלטער 231
אַ זיצונג פון ועד ד׳ ארצות 234
אַן ארעסטירטער איד אין אַ קונע 235
אידעשער בעל עגלה אין 18טן יאָרהונדערט 239
א מטבעות מינצעריי אין אַלטן פוילן 251
מטבעות מיט העברעאישע אותיות אין אַלט פוילן 252
ר׳ ישראל בעש״ט לויט אַן אלטער בילד 256

יאסינאָוו דער דאָרף וואו ר׳ ישראל האָט זיך צום
ערשטן מאָל אנטפלעקט 257

א מזרח אייראָפּעאישער איד מיט זיין פרוי
אין 20טן יאָרהונדערט 258

אַ זיצונג פון ראַט פון פאָלקס קאָמיסאַרן וואו
יעקב סווערדלאָוו איז ערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט 278

אינהאַלט פאַרצייכניש

די אַלטע פעלקער אויף די עראַאַזיע פליינען

עראַאַזיע סטעפעס און וועלדער 27
די אַרדע 28
די אַלטע פעלקער פון די גרויסע עראַאַזיע פליינען
די ערשטע באַריכטן 31
די געשיכטע פון די פעלקער אויף די פליינען פון עראַאַזיע 32
די הוהנען 35
די ישקלאפן אינסטיטוציע 39
טיורקוטן 43
די אַלטע בולגאַרן 48
גרויס בולגאַריע 49
די ביזאַנטישע אימפעריע 51
סלאַוון 61
פונוואַנען קומט דער נאָמען רוס 63

אידעשע אינפאָרמאַציע פון די כאַזאַרן

די קאָרעספאָנדענץ צווישן קעניג יוסף און רבי חסדאי אבן שפרוט 71
דער בריוו פון קעניג יוסף 76
דער קעמברידזשער דאָקומענט געשריבן ביי אַן אנאָנים 82
רבי יהודה הלוי און דער ספר הכוזרי 84
רבי פתחיה 87
יצחק בן אברהם עקריש 88
ר׳ אברהם בן דוד 89

אראַבישע אינפאָרמאַציע .

אַראַבישע שרייבער מיטטצייטלער פון די כאַזאַרן 93
די עקאָנאָמישע און פאָליטישע לאגע פון די כאַזאַרן 97
דער בריוו פון אבן פאדלאַן 101

דער אַרויסגאַנג פון די כאַזאַרן אויף דער וועלט ארענע .

דערעבענט 120
די כאַזאַרן אַלס אַן אימפעריע 121

די כאַזאַרן נעמען אָן דעם אידעשן גלויבן

פעסטונגען און שטעט אין כאַזאַריע 143
סארקעל 143
איטיל 154
סעמענדער און באל אב אבואב 159
די שריפט פון די כאַזאַרן 160

. מלחמות מיט די אַראַבער

מלחמות מיט די אַראבער לויט אראבישע אינפאָרמאציע 165
די כאזארן און רוס אין צענטן יאָרהונדערט 177
כאַזאַרן און אלאנער 186

דער אונטערגאנג פון די כאַזאַרן

אונטערגאַנג פון כאַזאַרן לויט געשיכטע כראָניקער 193

. אידן אויף דעם האלבן אינזל קרים

און ביי די ברעגעס פון שווארצן ים

די קראים קאראאימען 217
שאלות ותשובות 220
די קאווקאזער בארג אידן 222

. דער מזרח אייראָפּעאישער אידנטום

דער ועד ד׳ ארצות 233
טראנספּאָרט אין מזרח אייראָפּע 236
בעלי עגלות און קרעטשמעס 236
די קרעטשמע 239
די שטעטל 243
חורבן כמעלניצקי 253
חסידיזם ציט זיינע וואָרצלען פון כאזאריע 255
דער טיילווייזער אונטערגאַנג פון מזרח אייראָפּעאישן אידענטום 256

ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין כאַזאַריע

די דיעלטאס פון די גרויסע טייכן 264
דער בערגל סטעפאן ראדזין 267
אויסגראָבונגען אויף בית עולסס 270
די ענדערונגען אין קלימאט 270

. ביילאַגעס .

וואָס דערציילן די בילינעס 275
געווער 276
די זשידאָווסטוואָיוטשע יערעס אין נאָוואָגראַד
לויט אויסלענדישע קוואַלן 297
די זשידאָווסטוואָיושטשע יערעס, רוסישע קוואַלן 281
מערקווירדיגער היסטאָרישער צופאַל יעקב סווערדלאָוו 277

אריינפיר

דער רוב מנין און רוב בנין פון אידעשן פאָלק איז דער מזרח אייראָפּעאישער אידענטום: די מיליאָנען אידן וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרהונדערטער אַריבערגעוואנדערט פון אייראָפּע און זיך באַזעצט אין די לענדער פון צפון און דרום אַמעריקע, קומען פון מזרח אייראָפּע.

די שאפונג פון דער אידישער מדינה אין ישראל איז געקומען פון די נאציאָנאלע און ציוניסטישע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך ענטוויקלט ביי די מזרח אייראָפּעאישע אידן. דער גרויסער חורבן און די פאַרניכטונג פון די 6 מיליאָן איז אויך געקומען פון דעם מזרח אַייראָפּעאישן אידענטום. ניט קוקענדיג דערויף איז די געשיכטע פון מזרח אייראָפּעאישן אידענטום אין דעם ערשטן יאָרטויזנט פון דער נייער צייט רעכענונג זיקער ווייניג געפאָרשט געוואָרן, און כמעט גאָרניט באקאנט: מיר ווייסן פון דער געשיכטע אין ערשטן יאָרטויזנט פון די אידן אין שפּאניע, אין די אַראַבישע לענדער, מערב אייראָפּע דייטשלאנד, אָבער די געשיכטע פון די מזרח אייראָפּעאישע אידן אין ערשטן יאָרטויזנט ווייסן מיר ניט.

די געשיכטע פון די מזרח אייראָפּעאישע אידן לויט די היסטאָריקער גרעץ, דובנאָוו און אַנדערע הייבט זיך אָן אין פערצענטן יאָרהונדערט אָדער 15טן יאָרהונדערט; לויט גרעץ און דובנאָוו קומט אויס אַז ביז דעם 14טן יאָרהונדערט זיינען גאָר קיין אידן ניט געווען אין מזרח אַייראָפּע: ערשט אין 14טן יאָרהונדערט האָבן אידן פון דייטשלאנד אָנגעהייבן אַריבערוואַנדערן קיין מזרח אייראָפּע און פון זיי שטאַמען דאָס אָפּ די מיליאָנען מזרח אייראָפּעאישע אידן.

פרעגט זיך ווי אַזוי האָבן די מיליאָנען אידן פון מזרח אייראָפּע געקענט אָפּשטאמען פון די מערב אייראָפּעאישע אידן, ווען דער גאַנצער מערב אייראָפּעאישער אידנטום איז אין יענער צייט ניט באַשטאַנען אפילו פון איין מיליאָן און זיינען געווען איינוואוינער פון געטאָס און גרויסע שטעט וועלכע האָבן זיך באשעפטיגט מיט האַנדל און פראָצענט נעמעריי, צו וועלכע ערד־אַרבעט און מלאכה איז געווען פרעמד וואו האָבן זיך די מיליאָנען מזרח אייראָפּעאישע אידן וועלכע האָבן געזאָלט זיין די אָפּשטאַמיגע פון די מערב אייראָפּעאישע אידן זיך אויסגעלערנט צו באשעפטיגן זיך מיט ערד ארבעט, בעל־עגלהריי און מלאכה?

פארוואָס זיינען די מזרח אייראָפּעאישע אידן געווען פּראָסט און ניט געלערנט, אז זיי האָבן געדאַרפט באַציען פון מערב אייראָפּע מלמדים און כלי־קודש?

ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען וואָס זיינען לעצטנס געמאכט געוואָרן

אין קרים, אויף אַלטע בית עולמ׳ס זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן מצבות מיט אויסקריצונגען פון מגן דודס, מנורות און אויפשריפטן פון העברעאישע אותיות אויף שפראכן פון אַלטע פעלקער. די עלטער פון די מצבות זיינען פון 5טן און 6טע יאָרהונדערט און עלטער.

די קאַווקאַזער בארג אידן די טאטן פרומע אידן וואָס ריידן אויף זייער שפּראך טאטיש האָבן ביז דעם 18טן יאָרהונדערט ניט געוואוסט אַז עס זיינען דאָ אויף דער וועלט אַנדערע אידן חוץ זיי. ערשט אין 18טן יאָרהונדערט ווען רוסלאנד האָט פארנומען קאַווקאַז האָבן זיי זיך דערוואוסט אַז עס זיינען דאָ נאָך אידן. זיי האָבן ניט קיין געשיכטע און זייער שפּראך טאטיש האָט ניט געהאט קיין שריפט. פונוואַנען קומען זיי? זיכער ניט פון מערב אייראָפּע.

די אויסגערעכנטע באווייזן און נאָך אַנדערע ווייזן אַז די געשיכטע פון די מזרח אַייראָפּעאישע אידן האָט זיך אָנגעהייבן א סך פריער פון 14טן אָדער 13טן יאָרהונדערט, זי האָט זיך אָנגעהייבן אין אָנהייב פון ערשטן יאָרטויזנט און אפשר פריער. מזרח אַייראָפּע און מערב אזיע „עראָאַזיע״ איז באשטאַנען פון פליינען, (סטעפּעס) און וועלדער מיט געדיכט באוואקסענע פעטע ערד וואָס האָט געצויגן צו זיך מענטשן כוואַליעס פון מזרח און מערב, נאָמאַדישע פעלקער און אַזעלכע וואָס האָבן זיך באשעפטיגט מיט ערד ארבעט. פון מזרח נאָמאדן און פון מערב גערמאניש ריידענדע פעלקער, הערולן, גאטן, וואַנדאלן און אַנדערע, צווישן זיי זיינען אויך געווען אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין די גערמאנישע לענדער, די אַלט גערמאנישע פעלקער האָבן גערעדט גערמאנישע שפּראכן וועלכע האָבן זיך אָנגעהייבן צו פאָרמירן אין דיאלעקטן, די אידן האָבן גערעדט די שפּראך פון די אַרומיגע פעלקער וועלכע האָט זיך אָנגעהייבן צו פאָרמירן אין אַ דיאלעקט געמישט מיט לשון־קודשדיקע ווערטער, די שפּראך „לשון קודש״ מיינט א היילגע שפּראך וואָס דאַרף גענוצט ווערן פאַר רעליגיעזע ריטואַלן האָט שיין פאַרמאָגט א שריפט און זייער ווייניג האָבן איר געקנט. עס ווייזט אויס אַז אידעש איז ניט אַלט ווי עס איז אָנגענומען 500 יאָר נאָר א סך עלטער מעגלאך ארום 2000 יאָר, און ניט גענומען געוואָרן ביי די דייטשן נאָר זיך פאָרמירט אין דער אייגענער צייט ווען די גערמאנישע שפּראכן האָבן זיך פאָרמירט, אידעש איז אָבער אין פאַרלויף פון 1500 יאָר געווען אַ שפּראך אָן א שריפט ווי טאָטיש איז געווען ביז דער רעוואָלוציע. דעריבער האָט מען ניט געוואוסט פון איר, אלע שריפטן זיינען געקומען אויף לשון קודש און ניט נאָר רעליגיעזע.

אין דעם 4טן און 5טן יאָרהונדערט האָבן מענטשן כוואַליעס פון נאָמאדן, די הונען, טיורקוטן און אַנדערע פאַרפלייצט „עראָאַזיע״ און עס האָבן זיך

אָנגעהייבן מלחמות, אין וועלכע די גערמאנישע פעלקער זיינען באזיגט געוואָרן און זייענדיג שיין קריסטן האָבן זיי געלאָפן צו די קריסטליכע אימ־פעריעס דער רוימישער און גריכישער. האָבן זיי די קריסטליכע הערשער אויפגענומען און באַזעצט אויף נייע ערטער. די אידן האָבן ניט געהאַט וואוהין צו לויפן, ווייל זיי זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן פון די קריסטלעכע הערשער א סך מער ווי פון די געצענדינערישע הערשער. בכלל זיינען די געצענדינער מער טאָלעראנט צו מענטשן פון אַנדערע גלויבנס ווי די קריסטן און מאכמעדאנער, דאָס קען מען נאָך זען היינט אין כינע אָדער יאפאן וואו די הערשענדע רעליגיע איז בודהיזם און די בודיסטן זיינען טאָלעראנט צו אנדערש גלויביגע אַז איינער קען זיין א בודהיסט און אין דער אייגענער צייט זיין אַ קריסט, שינטאָאיסט אָדער מאַכמעדאנער, אונטער אַזעלכע באַדינ־גונגען זיינען די אידן פאַרבליבן אויף זייערע ערטער מיט די געצענדינע־רישע פעלקער, ווען די טיורקוטן און שפעטער די כאַזאַרן האָבן זיך אויסגע־שפרייט איבער די פליינען און וועלדער פון ווייסל ביז צו די קאווקאזער בערג האָבען זיך מיט זיי אויסגעשפרייט די אידישע ישובים. די סלאַוון זיינען געקומען שפעטער. די כאַזאַרן האָבן זיי באזעצט אויף די ערטער וואו עס זיינען פריער געווען אַנדערע פעלקער וואָס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן ביי די נאָמאַדן. די סלאוון האָבן ניט געוואוסט פון קיין מלוכה אָרדנונג, די כאַזאַרן האָבן זיי אָרגאניזירט אין קניאזשעסטוועס (פירשטענטומס) און קליינע מלוכות דאָס איז געווען אין זייערע אינטערעסן. עס זאָל זיי זיין לייכטער איינמאָנען צינזן. דערביי האָבן זיי קען זיין אַרויסגעהאָלפן די אידישע ישובים.

ווען די כאזאַרן זיינען אַרויס פון די וועלדער צוליב אורזאַכן וועלכע מיר ווייסן ניט ביז היינט זיינען דאָרטן די אידן פאַרבליבן. אין 10טן, 11טן און 12טן יאָרהונדערט ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן די קאַטאסטראָפעס איבער די פליינען פון עראַזיע אין דער צייט פון דעם פאַרניכטונגס אָנגריף פון די מאָנגאָלן אונטער טשינגיז כאַן זיינען די פעלקער געלאָפן צום מערב און צו צפון. אידן פון קרים, פון די פליינען פון עראַזיע, כאַזאַרישע גרים, האָבן אָנגעפילט און פאַרמערט די צאָל פן ישובים אין מזרח אייראָפע און געבילדעט דעם אייראָפעאישן אידענטום. דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פון ערשטן יאָרטויזנט פון דעם מזרח אייראָפעאישן אידענטום, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן א סך פריער פון דער געשיכטע פון די פעלקער וואָס געפינען זיך היינט אין מזרח אייראָפע וועלכע די כאזארן האָבן באַזעצט און זיי געלערנט שאפן מלוכה אָרדנונגען און פון וועלכע עס איז אַרויסגעוואקסן דער היינטיגער סאָוועטן פאַרבאנד, און אַנדערע קלענערע מלוכות. דערפון זעט

מען אַז די געשיכטע פון די מזרח אייראָפּעאישע אידן אין ערשטן יאָרטויזנט איז ענג פאַרבונדן מיט די געשיכטעס פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן זיך געפונען און ספּעציעל מיט דעם כאַזאַרישן פאָלק וואָס האָט געשפּילט א וויכטיגע ראָלע צווישן די פעלקער פון מזרח אייראָפּע, און וועלכער האָט אדאָפּטירט דעם אידעשן גלויבן און וואָס איז אַזוי טראַגיש פארשוואונדן פון דער וועלט סצענע, און וועמענס געשיכטע מיר ברייינגען אין דעם בוך.
עס האָט גענומען ביי מיר אַן ערך פון 15 יאָר צונויפזאמלען די היסטאָרישע מאַטעריאלן גענומען פון אַ סך שפּראכן און א סך קוואלן. איך באדאנק די אלע וואָס האָבן מיר געהאָלפן אין קריגן די היסטאָרישע מאטעריאלן און געבן מיר פינאַנציעלע מעגליכקייטן אַז דער בוך זאָל קענען ערשיינען.
א ספּעציעלן דאַנק דעם היסטאָריקער דר. רפאל מאלער, וואָס האָט מיר געהאָלפן מיט זיינע עצות און מיט חעם מאַטעריאל וואָס איך האָב גענומען פון זיין בוך די קאַראַאימער. אַ דאנק אויך דעם זעצער פון בוך, דעם אייגענטימער פון „מאָדערן לייניאָטייפּ" אין ברוקלין, יחיאל שפּירא, וואָס איז אַ איד א תלמיד חכם און פאַרשטייענדיג די וויכטיגקייט פון בוך האָט ער מיר גערעכנט פאַר זיין אַרבעט א קליינעם פרייז אין דער צייט וואָס ער האָט זייער שווער געארבייט אויף דעם בוך.

אײנלײטונג

די געשיכטע פון א אידישער מלוכה אין ערא־אזיע צווישן דעם דאָן און דער וואָלגא אין דעם ערשטן יאָרטויזנט פון דער נייער צייט רעכנונג.

אויף די גרויסע לאַנדפלאַכן צווישן דעם טייך דאָן און דעם טייך וואָלגאַ וואו עס געפינט זיך היינט די רעפּובליק פון צענטראַל רוסלאַנד און די רעפּובליק פון טשוואשיע האָט אין דעם ערשטן יאָרטויזנט פון דער נייער צייט רעכענונג זיך געפונען אַ גרויסע אימפעריע, מיט א מלוכה אָרדנונג, ציוויליזאַציע און אייגענאַרטיגער קולטור. די אימפעריע האָט עקזיסטירט אַריבער 500 יאָר. דורך דער צייט האָבן די פירער פון דער אימפעריע און אַ טייל פון דעם פאָלק אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן און געהאַט א דינאסטיע פון מלכים פון אידעשן גלויבן. די אימפעריע איז אַראָפּ פון דער וועלט סצענע אין 11טן יאָרהונדערט און אינגאַנצן פאַרשוואונדן אין 13טן יאָרהונדערט אין דער צייט פון דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע פון „טשינגיס כאַן”.

די אורזאַכן פון איר אונטערגאַנג אין 13טן יאָרהונדערט נייע צייט רעכענונג, איז געווען דער אָנפאל פון שכנישע סלאַווישע פעלקער מיט דער הילף פון דער ביזאַנטישער אימפעריע, דער דרוק פון די אַראַביש מאַכמעדאנישע לענדער פון אַזיע וועלכע האָבן זיך געשפּארט קיין אייראָפּע, און מעגלאך פון קלימאַטישע ענדערונגען אין יענעם געגנט.

די כאַזאַרישע אימפעריע האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און אין דער ציוויליזאַציע פון מעריב אייראָפּאַ. די מענטשלאכע ציוויליזאַציע ווי זי איז היינט האָט צו פאַרדאַנקען איר עקזיסטענץ די כאַזאַרן. די כאַזארן זיינען געווען די וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון 500 יאָר געשטאַנען, ווי אַ וואנט און ניט געלאָזן, די מענטשן כוואַליעס פון נאָמאדן, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון אַזיע קיין אייראָפּאַ פון די קאווקאזער בערג, פון מאָנגאָליען, פון די גרעניצן פון כינע. די מענטשלאכע כוואַליעס זיינען באשטאנען פון ווילדע ניט קולטורעלע נאָמאדישע פעלקער, וועלכע פלעגן אונבּרחמנותדיג פאַרניכטן אַלע ישובים וועלכע זיינען געווען באזעצט מיט פעלקער וועלכע האָבן זיך שיין פאַרנומען מיט אַגריקולטור און מלאכה און געשטאַנען אויף אַ העכערע שטופע אויף דעם לייטער פון דער ציוויליזאַציע, ווי די נאָמאדן. די נאָמאדן פלעגן אונברחמנותדיג פאַרניכטן די באַזעצטע ערטער און זיי פאַרוואנדלען אין פּאַשע פּאַר זייערע סטאַדעס.

די כאזארישע אימפעריע, וועלכע איז באשטאנען פון א בונד פון קליינע מלוכות און שבטים און געווען צעווארפן איף די גרויסע לאנדפלאכן פון עראזיע, האט אין פארלויף פון יארהונדערטער אפגעשטויסן די גרויסע מענטשן כוואליעס אויף צוריק. דאס האט געגעבן א מעגלעכקייט די פעלקער אין מיטל אייראפא זיך צו אנטוויקלען און בויען דער ציוויליזאציע וועלכע מיר פארמאגן היינט.

זיי זיינען אויך געשטאנען, ווי א וואנט צווישן דעם קריסטלעכן מעריב און דעם מזרח אראבישן מאכמעדאנערטום, ניט געבנדיג זיי א מעגלעכקייט צו פארניכטן איינער דעם צווייטן, ווען ניט די כאזארן, וואלטן די ביידע רעליגיעס די מאכמעדאנישע און די קריסטלעכע אויסגעזען אנדערש ווי זיי זעען אויס היינט און מעגלאך איינע פון זיי וואלט אינגאנצן פארניכטעט געווארן, ווי עס האט פאסירט מיט די ביזאנטיער וועלכע די טיורקוטן אין 15טן יארהונדערט האבן זיי פארניכטעט. די פארדינסטן פון די כאזארן פאר דער מענטשהייט אין דער ליכט פון דער געשיכטע זיינען זייער גרויס. מיט דעם אונטערגאנג פון דער כאזארישער מלוכה, איז אונטערגעגאנגען און פארניכטעט געווארן זייער קולטור, שפראך און זייער גאנצער געשיכטע איז אפגעווישט געווארן.

עס איז געווען א צייט אין דעם פארגאנגענעם יארהונדערט, ווען מען האט בעדענקט אז די געשיכטע פון דער כאזארישער אימפעריע, איז אן אויסגעטראכטע. די באשרייבונגען וועגן די כאזארן ביי זייערע מיטצייטלער די אראבער, ביזאנטיער און אנדערע האבן זיך געפונען אין מאכמעדאנישע מעטשעטן (אראבישע געבעט הייזער) און קריסטלעכע מאנאסטירן וואו עס איז ניט געווען מעגלאך פאר א ניט גלויביגן פארשער צו קומען. דאס זיינען געווען מאנוסקריפטן געשריבן אויף אלטע שפראכן, אונמעגלאך פאר פארשער וואס האבן ניט געקענט די אלטע שפראכן פון די געשיכטע שרייבער צו שטודירן און פובליקירן דעם אויסגעשטודירטן מאטעריאל.

אין דעם לעצטן יארהונדערט נאך די גרויסע רעוואלוציעס ווען די ארכיוון פון די רוסישע מאנאסטירן און מעטשעטן האבן זיך געעפנט האבן היסטאריקער אריענטאלאגן אנגעהייבן שטודירן און פובליקירן, די אלטע שריפטן פון די כאזארישע מיטצייטלער. דער אמעריקאנער אריענטאלאג דונלאפ האט צונויפגעזאמלט א סך פון די שריפטן און ארויסגעגעבן אין א בוך „די דזשואיש כאזאר". א סאוועטישער געלערנטער ארטמאנאוו האט ארויסגעגעבן א בוך „היסטאריא כאזאר". אין ישראל איז ערשינען א בוך פון פאלאק „כזריה". עס איז אויך ארויסגעפארן אן ארכעלאגישע עקספעדיציע וועלכע האט געגראבן

און געזוכט אין די איבערבלייבאכצן פון די שטעט און פעסטונגען פון די כאַזאַרן ווי אין „סאַרקעל“ א כאַזאַרישע פעסטונג ביי דעם דאָן און „איטיל“, די הויפט שטאָט ביי דער וואָלגא, עס זיינען געמאַכט געוואָרן אויסגראָבונגען אויף קורגאַנען, אַלטע בית עולם׳ס. עס זיינען געפונען געוואָרן מצבות מיט צייכענונגען פון מנורות, לולבים, און אַנדערע אידעשע רעליגיעזע מכשירים. מען האָט געפונען שערבלאַך פון קרוגן, שטוב כלים, געווער, מיסטעריעזע קבלה צייכענונגען אויף ציגל פון די ווענט פון סאַרקעל. ווען דאָס איז צונויפגעזאַמלט און אויסגעשטודירט געוואָרן האָט זיך פאַר די אויגן פון די וויסנשאַפטלער אנטפלעקט א קולטור מיט א ציוויליזאַציע פון אַ פאָלק וועלכער האָט אין א פעריאָד פון 500 יאָר געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אויף די פליינען פון עראַזיע און געגעבן אַ גרויסע ביישטייער צו דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע פון דער מענטשהייט.

לויט די שפורן אויף די שטיינער און איבערבלייבאַכצן פון די הייזער און אויך די שריפטן פון זייערע מיטצייטלער זעט מען אַז די כאַזאַרן זיינען געווען אָנפירער פון אַן אימפעריע מיט אַ צוזאַמענבונד פון א צאָל גרעסערע און קלענערע פעלקער און שבטים. צוזאַמען האָבן זיי געפירט מלחמות מיט גרויסע פעלקער. עס איז אוממעגלאַך צו פאַרשטיין די געשיכטע פון די כאַזאַרן, ניט באַקאַנענדיג זיך מיט די אַלע קלענערע און גרעסערע פעלקער. איידער מיר הייבן אָן דערציילן דער געשיכטע פון די כאַזאַרן, וועלן מיר דערציילן די געשיכטע, געאָגראַפישע לאַגע, קולטור, און לעבן פון די פעלקער מיט וועלכע די כאַזאַרן זיינען געווען פאַרבונדן, שכנים, און געפירט קריג.

די כאַזאַרן זייענדיג נאָמאַדן, דאָס אַרומוואַנדערן און פירן מלחמות מיט די אַרומיגע פעלקער האָט זיי געצוואונגען צו זיין אָרגאַניזירט אין א מלוכה מיט א סאָציאַלער אָרדנונג. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך די סלאַוון באַשעפטיגט מיט ערד אַרבעט און באַפעלקערט די וועלדער און זומפּיגע געגענטן ארום די גרויסע פליינען, לעבענדיג אין שבטים און קליינע פעלקער ניט האָבענדיג קיין פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט האָבן זיי ניט געוואוסט פון שריפט, געזעצן, מלוכה פירונג, סאָציאַלער אָרדנונג. די כאַזאַרן וועלכע זיינען געקומען מיט זיי אין פאַרבינדונג אין מיטן פון ערשטן יאָרטויזנט נאָך דער נייער צייט רעכענונג האָבן זיי געלערנט ווי אַזוי איינצואָרדענען א מלוכה אָרדנונג אונטער אַ פירערשאַפט פון א קניאַז. עס זיינען פאַרבליבן שפורן וואָס ווייזן פון דער נאָענטקייט פון דער סלאַווישער ציוויליזאַציע צו דער כאַזאַרישער. די רוסישע אזבוקא (אלעף בית) וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פון גריכישע קריסטן וואָס ווערט גערופן די „קיריליצע“ נאָך דעם

ווי די סלאַווען האָבן אַדאַפּטירט קריסטענטום פֿאַרמאָגט העברעאישע אותיות ווי דער (שא) (שטשא) (צע) (טשע). א סך נעמען פֿון ישובים אין צענטראַל רוסיע, אוקראַאינע, ווייס רוסלאַנד און פּוילן טראָגן העברעאיש כאַזאַרישע נעמען. שפּורן ווייזן, אַז די סלאַווישע קולטורן און זייערע מלוכה אָרדנונגען, האָבן געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זייער ענטוויקלונג דער כאַזאַרישער אימפּעריע.

אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען און געשיכטע פֿאָרשונגען, וועלכע זיינען לעצטענס געמאַכט געוואָרן ווייזן, אַז מען קען ניט שרייבן די געשיכטע פֿון דעם מזרח אייראָפּעאישן אידנטום אין דעם ערשטן יאָרטויזנט און אויסמיידן די כאַזאַרן. די כאַזארן האָבן געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער אויפֿהאַלטונג און צושפּרייטונג פֿון דעם מזרח אייראָפּעאישן אידנטום. נאָך איידער די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן זיינען געווען, א סך אידן צושפּרייט איבער דער כאַזאַרישער אימפּעריע. די כאַזאַרן האָבן פֿריער און נאָכדעם, ווי זיי האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום צייכנס פֿון אידן פֿיינטליכקייט. אין די גרויסע מלחמות צווישן ביזאַנטיע און איראַן בבל זיינען אידן געלאָפֿן פֿון בבל צו די עראָאַזיאַטישע פֿעלקער וואו זיי האָבן געקראָגן שוץ און זיך פֿאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן מזרח ניט נאָר אין די סטעפּעס נאָר אַפֿילו אין די באַוועלדערטע געגענטן צווישן די סלאַווישע שבטים און פֿעלקער. ווי עס זעט אויס האָבן א סך סלאַווישע פֿעלקער נאָך איידער וולאַדימיר מאָנאָמאַך האָט אָנגענומען און איינגעפֿירט דעם גריכיש קאַטוילישן גלויבן, שיין געגלויבט אין אַן אונזעבאַרן גאָט. אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין ערטער, וואו עס האָבן געוואוינט אמאָליגע סלאַווישע פֿעלקער פֿון פֿאַר קריסטענטום, האָבן אין ערגעץ ניט געוויזן קיין צייכנס פֿון איבערבלייבאַכצן פֿון הילצערנע, שטיינערנע און מעטאַלענע געטער. דאָס ווייזט אַז די אַלטע סלאַווישע פֿעלקער האָבן געגלויבט אין אַן אונזעבאַרן גאָט און זייענדיג נאָענט צו די כאַזאַרן זיינען זיי געווען נאָענט צו דעם אידישן גלויבן. נאָך ביז ניט לאַנג צוריק איז דאָס רוסישע פֿאָלק געווען פֿול מיט סעקטעס ווי דוכאָבאָרן, סובאָטניקעס, און סתם גרים וועלכע מען האָט גערופֿן זשידאָווסטוואָיעשצע. אין דער צייט ווען אין מערב אייראָפּאַ זיינען די אידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן, אין ענגלאַנד און פֿראַנקרייך דורך די קרייץ צוגן פֿאַרניכטעט געוואָרן, אין איטאַליע, דייטשלאַנד און אין די מאַכמעדאַנישע לענדער האָט מען זיי געצוואונגן צו וואוינען אין געטאָס אין שרעקלאַכע אונסאַניטאַרישע באַדינגונגען, אַזוי אַז די מערב אייראָפּעאישע אידענטום האָט דערגרייכט צו אַ צאָל פֿון ווינציקער פֿון א מיליאָן און געהאַלטן ביים פֿאַרשווינדן, אין דער זעלבער צייט האָט די אידישע באַ-

פעלקערונג איז מזרח איירָאפּאַ א דאנק די כאַזאַרן און די פריינטלעכע סלאַווישע פעלקער געלעבט פריי און זיך פאַרשפּרייט איבער מזרח איירָאפּאַ. צום באדויערן איז אונז זייער ווינציג פאַרבליבן פון יענער עפּאָכע. די אונאויפהערלאַכע מלחמות וואָס האָבן געבושעוועט איבער די פליינען פון עראָאַזיע ביז דעם 14טן יאָרהונדערט, האָבן געבראכט צו דער פאַרשווינדונג פון פעלקער און קולטורן פון וועלכע עס איז קיינע צייכנס ניט געבליבן ניט פון זיי און ניט פון זייערע קולטורן אַ חוץ קורגאנען און בית עולמס וועלכע ווערן היינט דורך ארכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס אויפגעגראָבן. אויף אַ סך פון די אַלטע בית עולם׳ס אין קרים ווערן אויסגעגראָבן אַלטע מצבות אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט אידעשע רעליגיעזע אַרטיקלען ווי מנורות, שופרות, לולבים און אַנדערע. אינטערעסאנט זיינען די קאבאליסטישע צייכנס וואָס מען האָט געפונען אויף די ציגל פון די ווענט פון דער פעסטונג סאַרקעל. די צייכנס זיינען ענלאַך אויף די צייכנס וואָס מען געפינט אין קבלה ספרים. און וועלכע פלעגן אריינגעשריבן ווערען אין קמיעות.

פאַר וואָס ווערט ניט דערמאָנט אין דער רבנישער ליטעראטור פון יענער צייט פון די כאַזאַרן? ווייל די רבנישע און תלמודישע ליטעראטור האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן מיט שרייבן געשיכטע. דער אינהאַלט פון דער רבנישער ליטעראַטור באשטייט פון פלפולים וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט און פאַרנעמט זיך מיט הלכה און דינים און ניט מיט געשיכטע. דערצו קומט צו וואָס די רבנישע ליטעראַטור פון יענער צייט האָט זיך אַנטוויקלט אין די מעריב איירָאפּעאישע און אַראַבישע לענדער און כאָטש די אידן פון יענע לענדער זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן האָט זיך די שריפטן און קולטור גוט אויפגעהאלטן, און ווען די מעריב אידעשע רבנישע ליטעראטור האָט זיך באגעגנט מיט דעם מזרח אַייראָפּעאישן אידנטום איז דאָס געווען א סך שפּעטער פון דער פאַרשווינדונג פון דער כאזארישער אימפּעריע און די גאנצע געשיכטע איז שיין געווען פאַרגעסן. דער מזרח איירָאפּעאישער אידנטום וואָס איז געקומען פון בבל און כאזאריע און וועלכער האָט מעגלאך גערעדט אויף א סך שפּראכן און ניט פאַרמאָגט קיין אייגענע שריפט און אַלעף ביתן איז שנעל ארונטערגעפאַלן אונטער דער הויך אנטוויקעלטער דייטש אידישער קולטור וועלכע האָט פּארמאָגט א שפּראַך מיט אַן אלעף בית און זיך אויסגעמישט מיט דעם מעריב דייטשן אידנטום.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט אַנדערע פעלקער וועלכע האָבן אין דער צייט פון דעם אָנגריף פון די מאָנגאָלן אין דעם 13טן יאָרהונדערט ווען זיי האָבן זיך מיט זייערע האָרדעס גערוקט פון אַזיע צו איירָאפּאַ פאַרניכטענדיג

אַלץ וואָס זיי האָבן געטראָפן אויף זייער וועג. אין יענער צייט זיינען א סך פעלקער געלאָפן צו מעריב וואו זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער פון פריער איינגעזעסענער באַפעלקערונג, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ העכערער שטופע פון קולטור און שיין פאַרמאָגט אַן אייגענע שריפט און אַלעף בית. די נייע אָנגעלאָפענע פעלקער האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אַלטע איינגע־זעסענע פעלקער און האָבן פאַרלאָרן זייער שפּראַך און קולטור און ארונטער־געפאַלן אונטער דער השפעה פון די פעלקער מיט דער העכערער קולטור. מעגלאַך אַז צוזאמען מיט כאַזאַרישע אידן וועלכע זיינען ארונטערגעפאַלן אונ־טער דער השפעה פון דער דייטש אידישער רבנישער קולטור זיינען אויך געווען שבטים פון סלאַוון, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צום אידעשן גלויבן און אדאָפטירט דעם רבניש אידעשן גלויבן פון דעם מרב איראָפעאישן אידנטום און געוואָרן אידן.

די אלטע פעלקער
פון די
עראָאַזיע פליינען

ע ר אָ - אַ ז י ע 1)

סטעפּעס און וועלדער

ע ר אָ אַ ז י ע איז אַ געאָגראַפישע לאַנדמאַסע וועלכע באַשטייט פון אַ צאָל פּלעינען (סטעפּעס) דער קאַווקאַזער פּלעין, דער מעריב סיבירער, דער טורקעסטאַנער און אַ צאָל קליינע סטעפּעס. נידעריגער פון די פּלעינען צו דרום און מעריב הייבן זיך אָן געדיכטע וועלדער וועלכע ציען זיך ביז דעם דרום פון די קאַרפּאַטן, אוקראַאינע, טיומען ביז די אַלטאַיער בערג. די ריזיגע סטעפּעס באַשטייען פון שוואַרצן ערד באַדעקט מיט טייכן און טייכ־לאַך, באַוואָקסן מיט גראָז און בוימלאַך.

אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן האָבן זיך איבער די פּלעינען פון ע ר אָ אַ ז י ע דורכגעטראָגן, אָפּגעוועזן אַ שטיקל צייט און פאַרשווונדען פאַר־שידענע שבטים, פעלקער, נאַציאָנען פון פאַרשידענע ראַסן וועלכע פּלעגן זיך פון צייט צו צייט דורך מלחמות און אָפּמאַכן זיך פאַראייניגן, בילדן אימפּעריעס פאַר אַ קורצער צייט און צוליב אומבאַקאַנטע סיבות זיך פונ־אַנדערפאַלן ניט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין צייכן אויסער צושאָטענע קור־גאַנען איבער די סטעפּעס. וואו עס זיינען געלעגן באַגראָבן זייערע פירער און עלצטע.

די פּליינען פון „עראָאַזיע״ שיידן זיך אונטער איינער פון אַנדערן מיט זייער קלימאַט און געוויקסן. די צפונדיגע פּליינען מיט זייער האַרטן און קאַלטן קלימאַט שיידן זיך אונטער פון די דרומדיגע מיט זייער מילדן קלימאַט. היינט איז ניטאָ קיין אונטערשייד פון די איינוואוינער פון די סטעפּעס און די איינוואוינער פון די וועלדער , אַלע זיינען פאַראייניקט אונטער די פאָנען פון די סאָוועטישע רעפּובליקן. ניט אַזוי איז געווען מיט טויזנט יאָר צוריק.

איבער די סטעפּעס האָבן געוואַנדערט נאָמאַדישע פעלקער מיט זייערע סטאַדעס, זיי פּלעגן ווינטערן אין דרום און זומערן אין צפון. די נאָמאַדישע פעלקער האָבן געלעבט אַן אייגנאַרטיקן סאָציאַלן לעבן יעדער שבט און פאָלק

---

1) עראָאַזיע אַ טייל פון מזרח אייראָפּע און אַ טייל פון צפון אזיע פאַראייניקט.

האָט געהאַט אַ ספּעציעלע קולטור און אַ ציוויליזאַציע צוגעפּאסט צו זיין נאָמאדן לעבן.

אין די וועלדער האָבן געוואוינט אַנדערע פעלקער וועלכע האָבן זיך באשעפטיגט מיט יאגד און ערד אַרבעט, און ווייל די באַדינגונגען פון לעבן פון די איינוואוינער פון די וועלדער איז געווען אַנדערש ווי די באַדינגונגען פון די איינוואוינער פון די סטעפּעס איז זייער סאָציאלער און קולטורעלער לעבן אויך געווען אַנדערש ווי דער פון די נאָמאדישע פעלקער. צווישן די נאָמאדישע איינוואוינער פון די סטעפּעס און די איינוואוינער פון די וועלדער איז ניט געווען קיין פאַרבינדונג אויסער מלחמות און פון צייט צו צייט אָפּמאכן. די כ אַ ז אַ ר ן זיינען געווען די ערשטע וועלכע האָבן פאַרבונדן די סטעפּעס מיט די וועלדער. זיי זיינען אריינגעדרונגען ביז דעם דניעפּר און לויט דער לעגענדע געבויט דער שטאָט „קיעוו“ וועלכע זיי האָבן גערופן „סמבור“ אין גריכיש „סאמבאַטאָס“. דער נאָמען קיעוו איז געגעבן געוואָרן שפּעטער . צוליב מלחמות אָדער אַנדערע אורזאַכן האָבן שפּעטער די כאזארן פאַרלאָזן די וועלדער און אַוועק אין די סטעפּעס. פון יענער צייט איז דער סטעפּ און וואַלד געוואָרן צושיידט ביז דעם 15טן יאָרהונדערט. די פאַרבינדונג צווישן די כאַזארן און די איינוואוינער פון די וועלדער איז געווען אַ פרייע ניט קיין געצוואונגענע ברייגנענדיג נוצןביידע צדדים. מיט דער אויסשפּריי־טונג פון דער רוסישער אימפּעריע איז ווידער פאַראייניקט געוואָרן דער וואַלד און דער סטעפּ.

די אָרדע

די נאָמאַדישע פעלקער אויף די פּלעינען פון עראָאַזיע האָבן געלעבט אין אַנדערע סאָציאלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע באַדינגונגען ווי עס האָבן געלעבט די פעלקער וועלכע האָבן זיך באשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט. די וואנדערונגען נאָך די סטאדעס שאָף, דער קאמף מיט די כוחות פון דער נאטור און מיט די אַרומיגע שכנים האָבן געשאַפן א ספּעציעלע מלוכה פאָרם פון נאָמאדישע פעלקער וועלכע האָט אויף דער שפּראך פון די מאָנגאָלן און טיורקןטן געהייסן „ אָ ר ד ע ” אָדער אורדו אַ פאָרם פון אַ מלוכה וועלכע איז אין פרידן צייט געווען צושפּרייט איבער דעם סטעפּ און זיך באשעפטיגט מיט פרידלעכע אַרבעט און אין קריגס צייט האָט זי לויט דעם רוף פון קעניג זיך צונויפגעזאמלט אין אַיין אָרט וואו עס האָט זיך געפונען די הויפּט קווארטיר פון קעניג ,זיין הויף, זיינע באַדינער און ניט קיין גרויסע צאָל פון זיין מיליציע וואָס האָט באוואכט דער הויפּט קוואַרטיר.

אין פרידן האָט די „אָרדע“ נאָמאדן יערלאך אָנגעהייבן זייערע וואַנ־דערונגען פון די ווינטער פּלעצער וועלכע האָבן זיך געפונען אין דרום אין

נידעריג וואַרעמע פייכטע פלעצער וואו דער ווינטער איז אַ קורצער און די גראָז באוויזט זיך פרי אין פרילינג, ווען די פאַשע אויף יענע ערטער פלעגט אָפגעגעסן ווערן האָבן זיך די מחנות נאָמאדן מיט זייערע סטאדעס זיך געצויגן ווייטער צו צפון וואו דער ווינטער איז לענגער און דער פרילינג קומט אָן שפעטער. זיי האָבן זיך גערוקט מיט זייערע סטאַדעס ווייט אין צפון וואו עס געפינען זיך די אוראַליער בערג. אינמיטן זומער האָבן זיי זיך אָנגעהייבן אומקערן און גערוקט זיך צוריק צו זייערע ווינטער קוואַרטירן וואו זיי פלעגן אָנקומען שפעט אין הארבסט.

די באוועגונג פון די נאָמאַדן פלעגט פאָרקומען יערלאך אויף דיזעלבע פלעצער. זיי פלעגן זיך אָפשטעלן אויף אַ געוויסער צייט אויף באַשטימטע פלעצער, דאָס איז געטאָן געוואָרן אַז אין פאַל פון אַ מלחמה זאָל די קעניגליכע מיליץ וויסן וואו זיי צו טרעפן און אין פרידן זאָלן די מלוכה באַאַמטע וויסן וואו זיי צו געפינען.

די אָרדעס זיינען באַשטאַנען פון באזונדערע שבטים און פעלקער וועלכע האָבן אמאָל גערעדט פאַרשידענע שפראַכן און געגלויבט אין אַנדערע רעליגיעס. זיי זיינען געווען פאַראייניקט אונטער איין פאָן פון א קעניג. דער קעניג חוץ וואָס ער איז געווען א הערשער איבער אַ סך אָרדעס האָט ער אויך געהאָט זיין אייגענע אָרדע, זיין אָרדע האָט אויך געהאַט איר יערלאַכן וועג, וואו זי האָט געפאשעט אירע סטאדעס. די אָרדעס פון קעניג האָט אויסגעזען אַנדערש פון די איבעריגע אָרדעס מיט דעם געבוי פון אירע געצעלטן. די אָרדע פון קעניג פלעגט פאַרברייגגען לענגער אויף איר ווינטער קווארטיר וועלכע האָט שיין געהאט דעם אויסזען פון א שטאָט און געקענט גערופן ווערן אַ הויפט שטאָט. א באשרייבונג ווי אַזוי אַ קעניגילעכע אָרדע האָט אויסגעזען אַנדערש פון די איבעריגע אָרדעס מיט דעם געבוי פון אירע געצעלטן, געפינט זיך באַ אַן אראבישן רייזענדער ‘אבן באטוט” וולכער האָט באזוכט אַזאַ אָרדע אין 1334. ער באשרייבט אַן אָרדע פון א מאָנגאָלישן קעניג.

די אָרדע פון קעניג האָט אויסגעזען ווי אַ רייזענדע שטאָט, שוואַרצע געצלטן זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף וועגענער געשפאנט צו צוויי פערד, פון די קוימענס פון די צעלטן איז געגאַנגען אַ רויך. די נאָמאדן האָבן געקאָכט זייער שפייז אין די צעלטן. ווען אַזאַ רייזענדע שטאָט איז געקומען אויף אַן אָפשטעל אויף איינע פון די באַשטימטע סטאנציעס זיינען שנעל אראָפגענומען געוואָרן די צעלטן און אויסגעשטעלט געוואָרן אין גאַסן אין אזא אָרדנונג אַז יעדער איינער זאָל וויסן וואו עס געפינט זיך דער מארק, וואו די געבעט הייזער און וואו עס וואוינען זיינע פריינט א. אז. וו.

ארום די ווינטער קווארטירן פון דער קייזערליכער אָרדע, האָבן זיך געפונען שטעט וואו עס האָבן זיך געפונען איינוואוינער וועלכע האָבן ניט

געוואנדערט מיט די נאָמאדן, זיי זיינען באשטאַנען פון בעלי מלאכות וועלכע האָבן באדינט דער קייזערלאכן הויף און סוחרים. די בעלי מלאכות און די סוחרים זיינען געווען אַריינגערעכנט צווישן די הויף מענטשן און דער מיליציע.

דעם קעניגס אָרדע פלעגט זיך פאַרזאמען אויף דער ווינטער קווארטיר לענגער מיט עטלעכע חדשים פון די אַנדערע אָרדעס. זיי פלעגן פאַרברייגגען אויף זייערע זומער אָפשטעל סטאנציעס קירצער. דער לאַנגער אָפשטעל אויף דער ווינטער סטאַנציע איז געווען צו געבן אַ מעגלעכקייט די פירער פון די אַנדערע אָרדעס צו קומען ווינטער צו דער הויפט שטאָט. צו פאַרקויפן זייערע פראָדוקטן און איינקויפן וואָס זיי באַדארפן און אויך רעפּאָרטן צו די פירער פון דער מלוכה וועגן זייערע זאָרגן וואָס זיי האָבן אויסצושטיין וועגן מאנגעל אין פאַשע, פיש פאַנג און אַנדערע סכסוכים וואָס זיי האָבן געהאט צווישן זיך אָדער פון איין אָרדע מיט דער צווייטער מייסטנס זיינען די הויפט שטעט באשטאַנען פון צוויי שטעט, איין שטאָט אַ וואַנדערענדע פון דעם קעניגס אָרדע און א צווייטע הויפט שטאָט ניט ווייט פון דעם קעניגס ווינטער קווארטיר.

מיט דער פאַרמערונג פון די מענטשן און די סטאדעס און מיט דער אָנשליסונג אין דער קעניגלאַכער אָרדע אמאָל פריי און אמאָל געצוואונגען פון נאָך אָרדעס מיט אנדערע פעלקער האָט זיך דער שטח פון דער וואַנדערונג פון די אָרדעס אויסגעשפרייט און עס איז געוואָרן שווער פאַר דער קעניג־לאכער אָרדע צו קאָנטראָלירן אַלע אָרדעס האָבן די פירער פון דער קעניגלאכער אָרדע איינגעטיילט די אָרדעס איבער וועלכע זיי האָבן געהערשט אין טיילן וועלכע האָבן זיך גערופן „ א ו ל ו ס ן” . אין דער שפיץ פון יעדער אולוס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ פירער איינער פון דער קעניגלאַכער פאַמיליע אָדער א נאָענטער פון דעם קעניג. מיט דער צייט זיינען די אולוסן פאַרוואנדלט געוואָרן אין אויטאָנאָמישע אָרדעס וועלכע זיינען געווען אונטער־געוואָרפן דער קעניגלאכער אָרדע.

די אָרדעס האָבן געהאט נעמען מייסטנס פון קאָלירן, ווי די „בלאָע אָרדע”, ווייסע, ברוינע. די קעניגלעכע אָרדע וואָס האָט קאָנטראָלירט אַלע אָרדעס האָט געהייסן אָדער מיט אַ ספּעציעלן נאָמען ווי די „גאָלדענע אָרדע” פון טשינגיז כאן (א מאָנגאָלישער הערשער) וואָס האָט קאָנטראָלירט אַן אימפעריע מיט אסך אָרדעס אָדער לויט דעם נאָמען פון פאָלק צו וועלכן עס האָט באלאנגט די אָרדע. אין דער צייט פון די כאַזאַרן האָט די קעניגלאכע אָרדע געהייסן די „אָרדע פון די כאַזאַרן” לויט דעם נאָמען פון דעם פאָלק וואָס איז געווען דער הערשער איבער אַלע אָרדעס. אין דער אימפעריע פון די כאזאַרן האָבן זיך געפונען טיורקוטן, אוגרא־פינען, איראנער, טשערקעסן, סלאוון, און אַנדערע. די אלע אָרדעס האָבן געוואנדערט אין סטעפּעס איבער

וועלכע עס האָבן געהערשט די כאַזארן. די אָרדעס האָבן געבילדעט דער כאַזאַרישער אימפּעריע וועלכע האָט געהערשט איבער די עראָ־אזיע פּלעינעז אַרי־בער 500 יאָר.

די אַלטע פעלקער פון די גרויסע עראָאַזיע פּליינען
די ערשטע באַריכטן

די ערשטע באַריכטן פון די אַלטע פעלקער וועלכע האָבן באַזעצט די עראָאַזיע פּליינען קומען פון די גריכן. זייערע באַריכטן זיינען פון גריכישע קאָלאָניעס וועלכע זיינען אויפגעבויט געוואָרן בא די צפונדיגע ברעגעס פון דעם שווארצן ים אין דעם זיבעטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט רעכענונג. די קאָלאָניעס זיינען געווען „כערסאָנעס" אויף אַ קליינעם האַלב אינזל דרום מעריב פון קרים ניט ווייט פון דער היינטיקער סעוואַסטאָפּאָל. „אָלביאָ" בא דעם מערבדיגן ברעג פון דער דעלטא, וואו עס פאַלט אַריין דער דרום׳דיגער „בוג" „בוספור" אָדער פאַנטיקאַפּוס, אויף דעם מערבדיגן זייט פון דעם פּאַס וואָס פאַרבינדט דעם שווארצן ים מיט דעם אַזאָוו ים. „פאַנאגוריע" אויף דעם מזרחדיגן ברעג פון דעם זעלבן פּאַס. „גורניפּיע" נעבן דעם שווארצן ים „טאַנאַאיס" בא דעם טייך דאָן וואו ער גיסט זיך אַריין אין אזאָווישן ים.

די אַלע שטעט לויט די גריכישע באַריכטן זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך די איינוואוינער פון דער שטאָט מילעט אין גריכנלאנד. אין דעם לעצטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט רעכענונג האָבן די אַלע שטעט באַלאַנגט צו דער רוימישער אימפּעריע. מיט דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע זיינען אונטערגעגאַנגען די אַלע שטעט אַ חוץ „כערסאָנעס", וועלכע האָט באַלאַנגט צו ביזאנטיע ביז די כאַזארן האָבן איר איינגענומען.

די איינוואוינער וועלכע האָבן געוואוינט אין שכנות פון די גריכישע קאָלאָניעס האָבן די גריכן גערופן „קימערן". עס איז ווינציג באוואוסט פון זייער אַרט לעבן.

אין סוף פון 8טן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט רעכענונג זייען די בעלי בתּים איבער די גרויסע פּליינען געוואָרן די „סקיפן". די סקיפן זיינען באפאלן און באַרויבט די לענדער פון דרום קאַווקאַז, קליין אַזיע, סיריע און ארץ ישראל. דער עגיפּטישער קעניג האָט זיי באגעגנט נעבן אשדוד און זיי געצוואונגן גיין צוריק. וועגן דער געשעעניש דערציילט דער גריכישער היסטאָריקער „היראדאָט". די סקיפן זאָגט „העראדאָט" ריידן אויף פאַרשידענע שפּראַכן. דאָס מיינט אַז זיי זיינען באַשטאַנען פון פאַרשידענע פעלקער. היפּאָקראַטעס מאָלט די סקיפן אַלס נידעריגע מענטשן, פעטע, באוואַקסן מיט רויטע האָר, אָן

בערד און זעען אויס אַנדערש ווי די מענטשן פון די אַנדערע פעלקער. לויט זיין באשרייבונג זיינען זיי געווען מאָנגאָלן.

די טיורקותן וועלכע האָבן זיך באַוויזן שפּעטער, אויף די פּליינען פון עראַזיע, האָבן זיך אין יענע צייטן, געפונען אין מאָנגאָליע פון די אַלטאיער בערג, ביז דער דיעלטא פון דעם טייך אמור און אין די וועלדער פון מעריב סיביר. גריכישע און רוימישע היסטאָריקער דערציילן, וועגן א פאָלק פון פאַסטוכער און יעגער „אקאצירן“ אָדער „אגאזירן“ וועלכע האָבן געוואוינט אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט רעכענונג אין צפון פון שווארצן ים און האָבן געהאָלפן רוים אין אירע מלחמות מיט פּערסיע. אַנדערע רעכענען די אַקאַצירן צו די אונגאַרן וועלכע זיינען דענסטמאָל אַרויס פון וואַלד און אויף טיורקותיש מיינט דאָס „אגאטש ארי“ וואלד מענטשן. אנדערע וויסנ־שאפטלייט רעכנען זיי צו די כאַזאַרן „קאציר“ כאק כזר, ווייסע כאזארן.

די געשיכטע פון די פעלקער אויף די פּליינען פון עאָראַזיע נאָך דער נייער צייט רעכענונג

אין דעם ערשטן יאָר טויזנט פון דער נייער צייט רעכענונג, זיינען די פּליינען פון עראַזיע (דער היינטיגער מזרח אַייראָפּעאישער טייל פון סאָוועטן פאַרבאַנד פון דאָן ביז דער וואָלגאַ און פון דער וואָלגא איבער צענטראל רוסלאַנד ביז דעם קאַספּישן ים, אוקראאינא, ווייס רוסלאַנד, די קאַרפּאטן ביז דעם באַלטישן ים) געווען באַזעצט מיט א סך קליינע פעלקער און שבטים, וועלכע האָבן געפירט א נאָמאד און פּרימיטיוו אַגריקולטוראַל לעבן. די פעלקער האָבן פאַרמאָגט זייערע שפּראכן, זייערע קולטורן, זייער סאָציאלער אָרדנונג. פון צייט צו צייט האָבן זיי געפירט מלחמות איינע מיט דער אַנדערער.

ארום דעם אָנפאַנג פון דעם ערשטן יאָר טויזנט, נאָך דער נייער צייט רעכענונג, האָבן 2 מענטשן כוואַליעס איינע פון ווייטן מזרח פון די די גרעניצן פון כינע פון די אוראַלער בערג מאָנגאָלישע שבטים, די „הוהנען“ וועלכע האָבן פאַר יאָרהונדערטער געפירט מלחמות מיט די כינעזער און ווען די כינעזער, האָבן פאַרטריבן זיך אַ לאַז געטאָן פון ווייטן מזרח אַזיע צו די פּליינען פון מזרח אייראָפּע. מחנות נאָמאדן קריגס לייט מיט זייערע ווייבער און קינדער האָבן זיך געטראָגן צו די פּליינען פון מזרח אייראָפּע.

אנטקעגן זיי, האָט זיך געטראָגן א צווייטע כוואַליע פון מעריב אייראָפּע פון די ברעגעס פון דעם באלטישן ים, גערמאנישע שבטים גאָטן, הערהולן, וואַנדאלן. די מענטשן כוואַליעס האָבן זיך געטראָגן צו די פּליינען פון עראַ־אַזיע.

ביידע מענטשן כוואַליעס האָבן זיך באגעגנט. עס איז פאָרגעקומען א

פעלקער אויסמישונג ערטערוויז האָבן זיי מלחמה געהאלטן, ערטערווייז האָבן זיי זיך פאַראייניקט און געבילדעט נייע פעלקער.ביידע מענטשן כוואליעס האָבן געיאָגט און פאַרטיליגט אונברחמנותדיק דער אַלטער איינגעזעסענער באפעלקערונג וועלכע איז געלאָפן פון זייערע אײַנגעזעסענע ערטער צו די רוימישע און ביזאַנטישע אימפעריעס אין דעם נאָענטן מזרח. די רוימער און ביזאַנטיער צוליב זייערע פּאָליטישע אינטערעסן האָבן זיי אַריינגעלאָזן, זיי געהאָלפן זיך באזעצן אויף לאַנד און זיי באַשיצט.

די אַנגעלאָפענע פעלקער האָבן געבראכט מיט זיך קולטורן, אַנדערע ווי די וואָס האָבן פאַרמאָגט די גרויסע פעלקער פון דעם נאָענטן מזרח. א „פעאָדאַלע סיסטעם“, וועלכע איז געווען מער ראַדיקאַל פון דעם סיסטעם פון שקלאַפעריי, וואָס איז געווען די סיסטעם פון די אַלטע גרויסע פעלקער, די רוימער, די גריכן און אַנדערע מזרחדיגע פעלקער.

עס האָט גענומען צייט ביז די מענטשן כוואליע וועלכע האָט פאַרפלייצט עראָאזיע די „הונען“ ווי מען האָט זיי גערופן האָט זיך גענומען באַרואיגן, א סך פון זיי האָבן זיך גענומען צו דער באַשעפטיגונג פון אַגריקולטור און עס האָט זיך אָנגעהייבן אויסבילדן פון זיי נאַציאָנען און פעלקער.

עס איז ניט אַריבער קיין 100 יאָר ווי א נייע כוואַליע פון נאָמאדן פון וויטן מזרח די „טיורקוטן“ האָט זיך אַראָפּעלאָזן אויף די פליינען פון עראָאַזיע. די נייע מענטשן כוואַליע האָט זיך ניט אונטערשיידט פון דער פריערדיגער מענטשן כוואליע, מיט זייער אַרט לעבן און קולטור. זיי האָבן זיך שנעל אויס־געמישט מיט די פון די פריער אָנגעקומענע, די ניי געקומענע נאָמאדן, און די פון פריער געקומענע האָבן נאָך אַלץ ניט געווען בכח צו שאפן אַן אימפעריע און זיי זיינען פאַרבליבן קליינע פעלקער און נאָמאדישע שבטים. צווישן די קליינע פעלקער זיינען אין יענע צייטן געווען די כאַזאַרן.

די גרויסע און קליינע פעלקער אין די פליינען פון עראָאַזיע, האָבן פאַר־מאָגט אייגענע שפּראכן און קולטורן, וועלכע זיינען, אַ חוץ פון די גרעסערע די שטאַרקערע פאַרשוואונדן צוזאמען מיט די פעלקער. עס זיינען פאַרבליבן נאָר די נעמען פון א צאָל פעלקער. פון דער גרעסטער צאָל זיינען די נעמען אפילו ניט פאַרבליבן. די אורזאכן פון זייער פארשווינדונג זיינען געווען:

1) מערסטנס פון די פעלקער זיינען אומגעקומען אין מלחמות מיט די אַלט געזעסענע פעלקער און אויך מיט זייערע אייגענע מיט וועלכע זיי זיינען געקומען פון אַזיע.

2) א סך קליינע פעלקער האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גרויסע און שטארקע פעלקער און אָנגענומען זייער שפּראך און קולטור. א סך פון די נעמען פון די פאַרשוואונדענע פעלקער ווערן דערמאָנט אין די באַשרייבונגען פון זייערע מיטצייטלער די ביזאַנטיער, די איראַנען וועלכע האָבן באשריבן

א סך פון די פעלקער מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין באַרירונג, פירנדיג מיט זיי מלחמות און שליסנדיג מיט זיי אָפּמאכן.

3) די גרעסטע צאָל פעלקער וועלכע האָבן באפעלקערט די עראָאזיע פליינען זיינען געווען נאָמאדן. זייערע וואוינונגען זיינען באשטאנען פון בוידן אויף וועגענער און געצעלטן וועלכע זיי פלעגן אויפשטעלן איבערוואנדערענדיג פון איין אָרט אויף א צווייטן. פון די זומערדיגע סטאַנציעס אויף די ווינטער־דיגע און פון די ווינטערדיגע צו די זומערדיגע. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שטעט קיין שטענדיגע בית עולם׳ס, זיי האָבן ניט איבערגעלאָזן קיין שטיינער־נע מצבות. פון צייט צו צייט פלעגן זיי באגראָבן זייערע פירער, מיט זייערע פערד און אמאָל אויך מיט זייערע ווייבער און געווער, אָנשיטנדיג א הייכן בערגל אויף זיין קבר. דאָס זיינען די „קורגאנען״ וואָס מען טרעפט אין די סטעפּעס אין וועלכע מען געפינט זייער געווער, זאָטלען פון פערד. לויט די געפינסן דערוויסט מען זיך פון זייער ארט לעבן און קולטור.

צווישן די אַלע פעלקער זיינען געווען שטאַרקע פעלקער מעכטיגע קריגער, וועלכע האָבן איינגענומען ריזיקע שטרעקעס ווי די טיורקוטן, וועלכע האָבן פאַרנומען דער גאנצער שטרעקע פון עראַאָזיע און א סך שטרעקעס מיט א באזעצטער אַגריקולטורעלער באַפעלקערונג . אַזעלכע אימפעריעס האָבן זיך לאַנג ניט געהאַלטן. די גרויסע און שטאַרקע פעלקער האָבן געקענט איינעמען אָבער ניט איינהאַלטן. די איינגענומענע האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט די מאשינערי וואָס זאָל קענען אַיינהאלטן א בונד. אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי די אימפעריעס פלעגן געגרינדעט ווערן פלעגן זיי זיך פונאַנדערפאַלן ווי זאמד. און אויסנאַם איז געווען די כאזארישע אימפעריע, וואָס האָט זיך געהאלטן העכער פון 200 יאָר.

מיר גייען דאָ באשרייבן די גרויסע פעלקער וועלכע האָבן באהערשט טיילן פון די פליינען פון עראַאָזיע און וועלכע האָבן געפירט מלחמות — אמאָל מיט די כאַזאַרן אלס פאַרבינדעטע קעגן דער איראַנישער מאַכמעדאנישער אימפעריע און אמאָל קעגן דער ביזאנטישער קריסטלעכער אימפעריע.ביידע אימפעריעס די ביזאַנטישע און די מאַכמעדאנישע זיינען אין יענער צייט שיין געשטאנען אויף א הייכן שטאפל פון קולטור און זייערע היסטאָריקער האָבן באשריבן די אַלע נאָמאדישע פעלקער. אָ דאנק זייער באשרייבונג וויסן מיר פון זיי היינט. איידער מיר גייען באשרייבן די גרויסע פעלקער וועלן מיר דערמאָנען די קליינע פעלקער פון וועלכע עס זיינען געבליבן זייערע נעמען. אונגאַר, אאוגאַר, בורגאַר אוואר, דירמאָר, סיריגור, באַגאראסיק, קולאס, אוודעט, פון די אַלע פעלקער זיינען פאַרבליבן זייערע נעמען, זיי

ווערן דערמאָנט ביי די היסטאָריקער פון ביזאַנטיום און איראַן אײנאײנעם מיט די גרויסע פעלקער מיט וועלכע זיי זיינען געווען פאַרבונדן.

די הוהנען

די ערשטע באַריכטן פון די הוהנען קומען פון דעם גריך „דיאָניסיע פעריגעטע״ אין דעם יאָר 160 נאָך דער נייער צייט רעכענונג. לויט זיינע באַריכטן האָבן די הוהנען זיך געפונען אַרום דעם קאַספּישן ים. דאָס זעלבע דערציילט אויך אין די יאָרן 175—182 לויט דער נייער צייט רעכענונג, דער געאָגראַף און היסטאָריקער פּטאָמלעי. לויט פּטאָמלעי האָבן די הוהנען אין יענער צייט זיך געפונען אין ניט קיין גרויסער צאָל אין די פליינען פון מזרח אײראָפּע ביז דעם דניעפּער. די מערסטע פון זיי האָבן זיך געפונען אויף יענער זייט פון די אוראַלער בערג און זיינען נאָך ניט געווען באַקאַנט אין אײראָפּע, ערשט אין צווייטן האַלב פון פערטן יאָרהונדערט באַווייזן זיך די הוהנען אין גרויסע צאָלן אויף דעם מערב און פאַרשפּרייטן זיך איבער די פליינען פון מזרח אײראָפּע זיי זיינען פונאַנדערגעטיילט אויף אַ סך קליינע פעלקער.

„אַמיאַן מאַרצעלין״ אַ רוימישער היסטאָריקער אין זיין געשיכטע, וועלכע ער האָט געשריבן און פאַרענדיגט אין די ניינציקער יאָרן פון דעם פערטן יאָרהונדערט, באַשרייבט די הוהנען, אַז זיי צייכענען זיך אויס מיט א שטאַרקן קערפּער געבוי, זיי האָבן ניט קיין בערד, זיי זיינען ענלאַך אויף יענוואוכן. זייער שפּייז באַשטייט פון וואָרצלען וועלכע זיי גראָבן אויס פון דער ערד און פון רייען האַלב געקאָכטן פלייש. זיי קליידן זיך אין פעלן און לייווענטענע העמדער. אויף די קעפּ טראָגן זיי קרומע היטלען. אויף די פיס ווייכע שיך געמאַכט פון ציגענעם פעל. קיין איינער פון זיי באַשעפטיגט זיך ניט מיט ערד אַרבעט און רירט זיך ניט צו, צו דעם אַקער. זיי האָבן ניט קיין באַשטימטע וואוינונגס פּלעצער, קיין געזעצן, קיין סטאַבילן אַרט לעבן. זיי וואַנדערן אַרום אין קיביטקעס (וועגענער מיט אַרויפגעשטעלטע בוידן) אין פאַרשידענע פּלעצער. זייערע ווייבער וועבן און נייען, פאַר זיי זייערע קליידער, שלאָפן מיט זיי, געבוירן קינדער, שפּייזן זיי, ביז זיי ווערן גרויס, קיין איינער פון זיי קען ניט ענטפערן אויף דער פראַגע וואו עס געפינט זיך זיין געבוירן לאַנד. געבאָרן אין ערגעץ אַנדערש אויסגעוואָקסן אין ערגעץ אַנדערש. די קיביטקעס מיט אויסגעבויגענע דעכלאַך ווערן געמאַכט פון קאָרע (שאָלאַכץ) פון בוימער.

ווען זיי קומען מיט זייערע סטאַדעס אויף אַן אָרט וואו עס געפינט זיך א סך גראָז שטעלן זיי זיך אָפּ. זיי שטעלן אויס זייערע וועגענער אין אַ קרייז און לעבן ווי חיות, ווען די סטאַדעס, עסן אויף די גראָז אויף דעם אָרט.

לאָזן זיי זיך ווייטער אין וועג טרייבענדיג פאַר זיך זייערע סטאַדעס. דער הויפּט לייגן זיי גרויס אכט אויף זייערע פערד.

יעדער איינער אָדער איינע, וואָס טויג ניט פאַר מלחמה האלט זיך לעבן די קיביטקעס און באשעפטיגט זיך מיט פרידליכע באשעפטיגונגען. די יוגענט ווערט פון קינדווייז אָן ערצויגן רייטנדיג אויף פערד. זיי האַלטן פאַר א שאנדע צו גיין צופוס. זיי זיינען פעלקער פון רייטער, צוגעוואַקסן צו זייערע פערד. זיי האלטן מלחמה, נאָר רייטנדיג, זייער געווער באשטייט פון שווערדן, בויגנס און פיילן מיט שפיצן געמאכט פון שאַרפע שטיקלאַך ביינער אָדער שטיינער אויף זייער זאָטל הענגט אַן ארקאַן. (א שטריק מיט א שלייף מיט וועלכער מען כאפּט חיות און אמאָל מענטשן). זיי זיינען ניט אונטערגעוואָרפן קיין שטארקער מאכט פון א קיסר, נאָר באנוגענען זיך מיט א צייטווייליגער פירערשאפט פון אַן עלטסטן, זיי פאַרניכטן אַלץ וואָס זיי באַגעגענען אויף זייער וועג.

לויט די באַריכטן פון דעם זעלבן היסטאָריקער, איז אַרום דעם 370טן יאָר האָבן די הוהנען צובראָכן דעם ווידערשטאנד פון די אַלאַנען, וועלכע האָבן געוואנדערט מיט זייערע סטאַדעס אין די סטעפּעס ארום דעם קאספּישן ים, אַ גרויסער צאָל פון די אַלאנען האָבן זיי אומגעבראכט און באַרויבט. די איבעריגע האָבן זיי פאַראייניגט מיט זיך און געוואָרן א מאכט שטארקער פון פריער.

ווערנדיג שטארקער, האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין די לענדער, וואו עס האָבן זיך געפונען די גאָטן (גערמאנישע פעלקער וועלכע האָבן זיך געשפּרייט פון מערב אייראָפּא איבער די פליינען פון מזרח אייראָפּא) און זיי אַטאַקירט. די גאָטן זיינען אין יענער צייט באַשטאַנען פון ניט קיין שטארקן בונד פון פעלקער, וועלכע האָבן זיך געפונען ביי די ברעגעס פון שווארצן ים. פון דעם דאָן ביז דעם דונאי און דעם גאנצן באוואלדעטן טייל פון אוקראינע. פון די ערשטע קלעפּ פון די הוהנען איז דער צוזאמענבונד פון די קליינע גאָטישע פעלקער פונאנדערגעפאַלן, א צאָל פון די פעלקער זיינען אַריבער צו די הוהנען. דער קעניג פון די גאָטן הערמאנאַריך האָט זיך גענומען דעם לעבן. אַ גרויסער טייל פון די גאָטן איז אנטלאָפן צו דעם מערב, צו דער רוימישער אימפעריע.

די הוהנען האָבן פאַרוויסט די גאָטישע לענדער. האָבן פאַרניכטעט דער אַזוי גערופענע „טשערניאקאווער קולטור״ צייכנט פון וועכען זיינען פאַרבליבן ביז היינט, איבער אוקראאינע פון די קאַרפּאטן ביז דעם אייבערשטן טייל פון דעם דאָן. וואָס ווייטער זיינען די הוהנען, געוואָרן שטארקער, ווערנדיג שטארקער, האָבען זיי זיך אַלץ מער גערוקט צו דעם מערב, צו דער רוימישער

אימפעריע. אין יענער צייט האָבן זיי אַפילו געהאָלפן דער מערב רוימישער אימפעריע אין זייערע מלחמות מיט די גערמאנער.

אין דעם יאָר 434 האָבן די הוהנען באלאגערט קאָנסטאנטינאָפּל, לויט א ביזאנטישער לעגענדע האָט א נס געראַטעוועט דער שטאָט. עס איז געווען דער טויט פון דעם פירער פון די הוהנען רוגילי. נאָך זיין טויט איז זיין הערשאַפט אַריבער צו זיינע צוויי פלימעניקעס אטיללא און בלעדע. נאָכדעם ווי אטילא האָט געהרגעט זיין פלימעניק פון זיין ברודער איז ער געוואָרן דער איינציגער הערשער איבער די הוהנען. א טייל איז אַריין אין דער געשיכטע אַלס א מוסטער פון אַ באַרבארישן הערשער און באַזיגער. אין דעם יאָר 448 האָט אטיללא באשטימט זיין עלטסטן זון עללאַקא פאַר א הערשער איבער די הוהנען.

אין דעם יאָר 455 נאָך דעם טויט פון אַטיללא האָט זיך דער צוזאַמענבונד פון די גערמאנישע פעלקער מיט די הוהנען פונאַנדערגעפאלן. די גערמאנישע פעלקער האָבן רעוואָלטירט קעגן די הוהנען. אין קאמף מיט זיי איז דער עלטסטער זון פון אַטיללא עללאקא געפאַלן אין א שלאכט נעבן נעבאאָ. די אינגערע זין „דענגיזיך״ און „אירניק״ זיינען אָפּגעטראָטן מיט זייערע אָרדערס צו דעם צפון מערב זייט פון די סטעפּעס. זיי האָבן געפּרופט א צווייטן מאָל אויפצושטעלן זייער מאכט איבער די גאָטן נאָר האָבן געליטן א מפּלה און געמוזט אָפּטרעטן צו די סטעפּעס. אין דעם יאָר 468 האָבן די הוהנען געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט דער מזרח רוימישער אימפעריע, דערפאַר האָבן זיי געבעטן עפענען אַ וועג פאַר זייערע סוחרים דורך דעם דונאי. זייער ביטע איז ניט אָנגענומען געוואָרן. דעזינגיך האָט אָנגעהייבן א מלחמה מיט דער רוימישער אימפעריע. די הוהנען האָבן געליטן א מפּלה, דעזינגיך איז אין דער מלחמה געפאלן. זיין קאָפּ איז פון אַ רוימישן מיליטערישן פירער אנאגאסט געבראכט געוואָרן קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל.

ארום די יאָרן 675 נייע צייט רעכענונג איז פון ביזאַנטיע (מערב רוימישע אימפעריע) געשיקט געוואָרן אַ מיסיע צו דעם הערשער פון די הוהנען „אלף ליטטאוער״. אין דער שפּיץ פון דער מיסיע איז געשטאַנען דער עפּיסקאָפּ איסראַעל. די אויפגאַבע פון דער מיסיע איז געווען פאַרבינדן די ביזאנטיער מיט די הוהנען און שאַפן מיט זיי פריינטלעכע באַציאונגען און איב מעגלאך באקערן זיי צו דעם קריסטלעכן גלויבן. איסראַעל האָט באקערט דעם הערשער אַלף ליטטאוער צו דעם קריסטלעכן גלויבן און איז שיין דאָרטן פאַרבליבן, וואָס איז געוואָרן מיט אים איז ניט באקאַנט. איסראַעל האָט באשריבן דעם גלויבן, געזעצן און סאָציאלער אָרדנונג פון די הוהנען.

די הוהנען האָבן פאַרגעטערט דעם גאָט פון דונער „קוארא״, ווען עמעצער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ בליץ האָבן זיי דעם גאָט איבערגעבעטן מיט

קרבנות. זיי האָבן פאַרגעטערט דער זון, דער לבנה, פייער וואַסער, עס איז אויך געווען פאַרשפרייט צווישן זיי אַ פאַרגעטערונג פון בוימער, זיי האָבן געגלויבט אין א הייכן דעמב וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון זייער הויפט שטאָט „וואָראָנטשא”. צו די פאַרגעטערטע בוימער און צו די איבעריגע געטער פלעגט מען ברייננגען קרבנות פערד. מען פלעגט די פערד הרגענען, זייער בלוט אַרומגיסן ארום די ביימער, זייערע פעלן פלעגט מען אויפהיינגען אויף די ביימער. די הייליגע בוימער האָט מען ניט געטאָרט אָנרירן. זיי האָבן געגלויבט אַז ווען מען נעמט א צווייגל אָדער א שטיקל פון דעם בוים איז אויף דעם וואָס נעמט, קומט משוגעת און יסורים און אַפילו טויט. א חוץ הייליגע בוימער און הייליגע וועלדער זיינען בא די הוהנען געווען הילצערנע געטער און אָפגעטער.

אין זייערע יום טובים און צוזאמענקונפטן פלעגן זיי איינאָרדענען שפי־לערייען און געפעכטן מיט שווערדן. זיי פלעגן אַטאַקירן איינציגווייז אָדער אין גרופעס, האַלב נאקעט רייטענדיג אויף פערד. זייערע שפילערייען זיינען באַ־שטאנען פון טענץ און אָרגיעס באגלייט מיט אַ קלאפן אין טאצן און באַראַ־באנען. דער גרעסטער טייל פון זייער קולטור איז געווען פאַרבונדן מיט די באגראָבונגס צערעמאָניעס .זיי פלעגן זיך מאכן וואונדן און צייכנס פון איבער־געבנהייט צו דעם פאַרשטאָרבענעם. זיי האָבן געטראָגן אויף זיך אמולעטן, גאָלדענע און זילבערנע מיט אויסקריצונגען פון פאַנטאַסטישע חיות, דראקאָנס. זיי האָבן געגלויבט, אַז די אמולעטן באשיצן זיי פון שלעכטע גייסטער. זיי האָבן געהאט שאמאנען (פריסטער), כשוף מאכער, זנאכערס, ספעציעלע באַ־דינער פון זייערע קולט הייזער און הייליגע וועלדער. די זעלבע רעליגיע איז אויך געווען די רעליגיע פון די טיורקוטן און כאזארן.

זייער פאמיליע איז באַשטאַנען פון פיל ווייבעריי און די ווייבער אַ חוץ די מאמע פון דעם יורש פלעגן איבערגיין צו דעם יורש פון פאַרשטאָרבענעם. צוגלייך מיט פיל ווייבעריי האָט אויך עקזיסטירט פיל מענעריי. די אָרעמע לייט וועלכע האָבן ניט געקענט אויסהאלטן איין ווייב, פלעגן נעמען איין ווייב פאַר עטלעכע בשותפות. די הוהנען האָבן געהאט אָרעמע און רייכע פריצים און פויערן. אזא סאָרט פאָרם און סאָציאלע אָרדנונג איז געווען אָנגענומען ביי אַלע פעלקער און שבטים וועלכע האָבן געשטאמט פון די הוהנען.

ווערענדיג אָפגעשוואכט פון די מלחמות און ניט קענענדיג זיך מער אויס־שפרייטן האָבן א סך פון זיי זיך באזעצט אויף ערטער און צוזאַמען מיט פי צוכט האָבן זיי זיך אָנגעהייבן באשעפטיגן מיט ערד אַרבעט. די באציאונגען פון די הוהנען צו זייערע קנעכט וועלכע זיינען געווען מייסטנס געפאַנגענע איז געווען אַ ליבעראַלע. די קנעכט איז ערלויבט געווען צו דערציען פאַמיליעס. דער היסטאָריקער זאַכאַריע ריטאָר דערציילט, אַז קנעכט געקויפטע פון די

הוהנען האָבן געהאט ווייבער און קינדער און געלעבט ניט בעסער און ניט ערגער ווי די אַנדערע אָרעמע לייט וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר זייערע רייכע קרובים ארומגייענדיג ארום זייערע פיה און אָפּהיטנדיג זייערע סטאַדעס. דער פּרייז פאַר דער ארבעט איז געווען פיה. דער אונטערשייד פון די אָרעמע לייט און די קנעכט, איז באַשטאנען אין דעם וואָס די אָרעמע לייט האָבן געהאט אביסל מער פרייהייט. דער אונטערשייד איז געווען ניט קיין גרויסער.

די שקלאַפן אינסטיטוציע

די שקלאפן אינסטיטוציע האָט אין יענער צייט געשפּילט זייער אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן פון די מזרח פעלקער. עס איז אינטערעסאנט זיך צו באַקענען ווי עס האָט אויסגעזען די שקלאַפן סיסטעם ביי אידן און ביי אַנדערע פעלקער אין ערשטן יאָר־טויזנט פון דער נייער צייט רעכענונג. (זע קראאימער דר. רפאל מאלער, זייט 65־63).

ביי אידן זיינען זינט דער צייט פון די תנאים, אין אָנהייב פון ערשטן יאָר־טויזנט זיינען די שקלאַפן געווען ניט פון אידישער אָפּשטאמונג. אין דער צייט פון די גאונים ביים ענדע פון ערשטן יאָר־טויזנט פלעגן מייסטנס פון די שקלאפן קומען פון די סלאַווישע לענדער. עס פלעגן זיך אויך ביי אידן געפינען שקלאָפן פון אַנדערע לענדער ווי אינדיע, אַפריקע און אנדערע.

די שקלאפן פלעגן מערסטנס געקויפט ווערן פאַר מסחר. מען פלעגט זיי קויפן און פאַרקויפן פאַר פראָפיט. עס זיינען אויך געווען רייכע אידן, וואָס האָבן געהאַלטן שקלאפן פאַר אַרבעטער און דינסטן, אַ סך מענלעכע שקלאפן פלעגט מען נוצן ניט נאָר פאַר אַרבעט און באדינונג נאָר אויך פאַר אַרויסהעלפער אין געשעפט. אַ סך מאָל פלעגט מען זיי איבערגעבן דאָס פירן פון געשעפטן, אריינזעצן זיי אין די קראָמען, אַלס פאַרקויפער, אויפמאָנען חובות א. אַז: וו. שקלאַפינס פלעגט מען באנוצן נאָר פאַר הויז ארבעט, זעלטן פאַר קאָכן. די בעל־הביתטע פלעגט אין מייסטע פאַלן אַליין קאָכן מיט דער אַרויסהעלפונג פון דער שפחה. אין א שאלה פון דער שטאָט תלמסאן (טעלעמסען אין מאראקא) צו רב האי גאון באקלאָגט זיך די דאָרטיגע אידישע קהלה אַז „ווער עס האָט ניט קיין שפחה איז אים זייער שלעכט“ (ומי שאין לו שפחה הוא בצער גדול) ווייל זיין ווייב אָדער קינדער דאַרפן טראָגן וואסער פון קוואַל אויף דעם אקסל, וואשן און אַרויסגיין צום באק־אויוון, מיט „פארשייטע גויעשע דינסטן“ (עם שפחות גוית ופרוצות).

די רעליגיעזע אָנגעהעריגקייט פון די שקלאַפן ביי אידן, האָט זיך געווענדעט אָן דעם צי זיי זיינען איינגעקויפט געוואָרן פאַר האנדל אָדער צום ארבעטן פאַר דעם אייגענעם געברויך. לויט דעם תלמוד איז אויסגעטייטשט געוואָרן

דער דין פון דער תורה וועגן מל זיין אַן עבד אַז מען טאָר אים ניט האַלטן מער ווי צוועלף מאָנאטן אויב ער וויל זיך נישט לאָזן מל זיין. א שפחה פלעגט מען מגייר זיין דורך טובל זיין. בכלל פלעגט מען מגייר זיין די מענלעכע און ווייבליכע שקלאפן, וואָס מען האָט גענוצט צו שטוב ארבעט. צוליב כשרות,ביים קאָכן, איסור יין נסך א. אז. וו. די שקלאַפן וואָס מען האָט מגייר געווען זיינען געווען מחויב לויטן תלמוד אָפּצוהיטן אלע מצוות (מצוות שהזמן גרמא) און זיין אָפּגעהיט פון עבירות. שקלאפן וואָס מען האָט געקויפט ווי סחורה פלעגט מען בכיוון ניט מגייר זיין. ווייל לויטן דין פון תלמוד האָט מען א אידן און אַ גר ניט געטאָרט פאַרקויפן צו א גוי. עס פלעגט זיך אויך טרעפן וואו דער בעל הבית האָט ניט געוואָלט מגייר זיין דעם שקלאָף כדי ער זאָל טאָן פאַר אים געוויסע ארבעטן אום שבת: די שקלאפן פלעגט מען באהאנדלען ווי אייגנטום, מען פלעגט זיי איבערגעבן בירושה, מיטגעבן טעכטער אין נדן. און פאַרקויפן צו אידן. מען פלעגט זיי חתונה מאכן לויט א באזונדערן נוסח פון א חתונה ברכה פאַר שקלאפן.

עס פלעגט אָפּגעהיט ווערען, דער דין פון תלמוד, אז מען טאָר ניט פאַרקויפן א שקלאָף צו ניט אידן. מיט דער אנטוויקלונג פון שקלאפן האנדל און דעם גרויסן אנטייל וואָס אידן האָבן אין אים גענומען האָבן די גאונים אויסגעטייטשט דעם דין אין די אינטערעסן פון די שקלאפן הענדלער. לויט דעם תלמוד איז יעדער שקלאַף וואָס האָט זיך מגייר געווען, האָט מען ניט געטאָרט פאַרקויפן צו א גוי, עס האָט ניט געמאכט קיין חילוק צי ער פירט זיך לויט דעם אידישן דין אָדער ניט. לויט די גאונים האָט מען מתיר געווען צו פאַרקויפן צו גוים, אַ שקלאָף וואָס האָט זיך ניט אויפגעפירט לויט דעם אידישן דין געגעסן טריפות אָדער מחלל שבת געווען.

דאָס קינד וואָס א שקלאַפין האָט געבוירן פון איר האַר, איז פאַררעכנט געווען ווי א שקלאָף. די פריצים אין אייראָפּע אין מיטל-אלטער פלעגן זיך אַזוי באגיין מיט זייערע לייב-אייגענע ווען א קינד ביי אַ פויערטע א לייב-אייגענע פלעגט געבוירן פון פריץ, פלעגט דאָס קינד זיין א לייב-אייגענער לויט דעם כלל „דאָס קאַלב גייט נאָך דער קו".

ווען מען פלעגט כאפן אַן אנטלאָפענעם שקלאָף פלעגט מען אים איבער-געבן אין די הענט פון זיין בעל הבית ניט קוקנדיג וואָס אין דער תורה שטייט געשריבן „דו זאָלסט ניט אַרויסגעבן צו זיין האַר דעם שקלאַף", וועלכער וועט זיך צו דיר ראַטעווען פון זיין האר" (לא תסגיר עבד אל אדוניו, אשר ינצל אליך מעם אדוניו, דברים כ"ג). דער תלמוד האָט אויסגעטייטשט דעם פאַר-באָט פון דער תורה אַז דער פארבאָט האָט א שייכות מיט א שקלאָף וואָס איז אנטלאָפן פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל. אין ספּעציעלע פאַלן, ווי ביים אנטלויפן פון געפענגעניש האָבן די גאונים אין הסכם מיטן תלמוד געפסקנט

אַז דער שקלאַף ווערט באַפרייט. אין דער צייט פון די גאונים אַרום דעם 10טן יאָר־הונדערט האָבן אַ סך מאָל די גאונים אַרויסגעטראָטן קעגן מיטסברויכן מיט שקלאַפן און קעגן עובר זיין אין דער באַציונג צו זיי אויף די דינים פון תלמוד. מען האָט באַשטראָפט מיט מלקות און מיט נידוי אויף 10 טעג, אָפּשערן די האָר, פאַר טרייבן זנות מיט אַ שקלאַפין. די שקלאַפין פלעגט פאַרקויפט ווערן און דאָס געלט פאַרן פאַרקויף האָט מען צוטיילט אָרעמע לייט. די גאונים פלעגן אויך אין הסכם מיט דעם תלמוד באַפרייען די שקלאַפן וואָס דער האַר האָט זיי מונדלאַך באַפרייט אין דער אָנוועזנהייט פון עדות, אפילו ווען ער האָט ניט איבערגעלאָזן קיין באַפרייאונגס דאָקומענט (שטר שיחרור).

איבּ ביי אידן האָבן דער תלמוד און די גאונים נאָך ווי עס איז באַשיצט דעם אידעשן שקלאַף. איז ביי דער ניט אידעשער וועלט דאָס אויך ניט געווען. ניט אין די גריכישע געזעץ ביכער און ניט אין דעם „רוימישן קאָדעקס“ געזעצן לויט וועלכע מענטשן האָבן זיך געפירט אַ פּאָר טויזנט יאָר) ביז דעם נאַפּאָלאָנישן קאָדעקס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט עפּעס אַ געזעץ וואָס זאָל פאַרטיידיקן דעם שקלאַף. דער שקלאַף איז אין יענער צייט ביי די מזרח פעלקער געווען, ווי אַ שטוב־חיה, געזעצלאָז, דער בעל־הבית האָט אים געקענט פאַרקריפּלן אַפילו הרגענען, און דערביי ניט האָבן קיין שטראָף, קויפן און פאַרקויפן און דערביי אוועקנעמען קינדער פון זייערע עלטערן.

שפּעטער ווען עס איז געוואָרן די פעדאָאַלע סיסטעם ווען די ערד איז צוטיילט געוואָרן צווישן די פּריצים, און אַלע וואָס האָבן בעאַרבעט דער ערד זיינען געוואָרן דעם פּריצ׳ס לייב איי‌גנטום, איז פאַרבאָטן געוואָרן דער האַנדל מיט מענטשן, פאַר געוויינלאַכע מענטשן, און די באַזיצונג פון שקלאַפן איז געוואָרן אַ פּריווילעגיע פאַר דעם אַדעל און פּריץ. דער פּריץ וויפל ער האָט געדאַרפט שקלאַפן פאַר זיין הויז געברויך האָט ער גענוצט און די איבעריגע אָדער ער האָט פאַרקויפט אָדער באַזעצט אויף דער ערד צוזאַמען מיט די אַנדערע לייב־אייגענע, וועלכע פלעגן דאַרפן אַרבעטן העלפט פון זייער צייט פאַר זיך און העלפט און אַמאָל מער ווי העלפט פאַר דעם פּריץ. האַנדלען מיט לייב־אייגענע איז נאָך געווען פאַרשפּרייט אין צאַרישן רוסלאַנד אין 19טן יאָרהונדערט, ווי אַזוי אַזעלכע טראַנזאַקציעס מיט מענטשן פלעגן געפירט ווערן דערציילט „גאָגאָל“ (אַ רוסישער שרייבער ביי דער ענדע פון 18טן און אָנהייב 19טן יאָר־הונדערט) אין זיין בוך „מיאָרטוועיע דושעי“.

סאווירן

איינע פון די גרויסע פעלקער וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין די סטעפּעס צווישן דעם קאַספּישן און אַזאָוו ים זיינען געווען די „סאווירן“, דאָס איז

געוועזן אַ גרויסע פאַראייניגונג פון פעלקער קריגערישע נאָמאדן, וואָס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די ביזאנטיער און די איראנער וואָס האָבן געהאלטן צווישן זיך שטענדיג מלחמה. יעדע איינע פון די גרויסע אימ־פעריעס איז געווען פאַראינטערעסירט צו מאכן זיי פאַר פאַרבינדעטע. כאָטש די באשרייבונגען פון זייערע מיטצייטלער, זיינען איינזייטיגע און דערציילן נאָר וועגן זייער ראָלע, וואָס זיי האָבן געשפילט אין די מלחמות, קריכט דאָך דורך פון צייט צו צייט אינפאָרמאציע, וואָס באציען זיך צו דעם אינערלעכן לעבן און קולטור פון די סאַווירן. די סאַווירן זיינען געווען, אַרויסגעטריבענע פון מערב סיביר, פונאוונען, עס איז געקומען זייער נאָמען „סאַוויר”. זיי האָבן זיך באזעצט ביי דעם קאַספּישן ים און אויף די קאַווקאזער בערג.

אין דעם יאָר 513 באריכטעט וועגן זיי, דער היסטאָריקער זאכאריע ריטאָר, אין דעם דרייצענטן יאָר פון דער הערשאפט פון דעם ביזאנטישן אימפּע־ראטאָר „אנאסטאסיא”, האָבן זיך די סאַווירן דורכגעריסן דורך דעם טויער פון דער וואנט פון דער פעסטונג „דערעבענט” וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אַריינגאנג פאַר די נאָמאדישע פעלקער און געפאָדערט פון דער איראנישער רעגירונג, זי זאָל זיי צאָלן דעם זעלבן אָפּצאָל, וואָס עס גיבן צו זיי די ביזאנ־טיער, ווען ניט גייען זיי אַרויס אויף זיי אויף א מלחמה. דער שאך דער קעניג פון די איראַנער האָט זיי צוגעזאָגט געבן דעם אָפּצאָל, וואָס זיי האָבן פאַרלאנגט פון אים, נאָר אויף דעם אָרט פון געבן זיי וואָס ער האָט צוגעזאָגט איז ער אָנ־געפאַלן אויף זיי. לויט דער כראָניק פון זאַכאַריע ריטאָר זיינען די איראַנער צוקלאפּט געוואָרן.

צוקלאפּענדיג די איראנער האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן אויף די ביזאנטיער. לויט דער כראָניק פון דעם זעלבן זאַכאַריע ריטאָר, האָבן זיי אַריינגעדרונגען אין ביזאנטיע און געגרייכט אנטיאָכיע. אויף זייער וועג האָבן זיי געברענט און פאַרניכטעט דער איינגעזעסענער באַפעלקערונג. אויף זייער וועג צוריק, האָט זיי אָנגעיאָגט ביזאנטישע מיליטער און פאַרניכטעט, א סך פון זייערע רייטער און אָפּגענומען בא זיי דעם רויב.

פּראָקאָפּעי א מיטצייטלער פון די סאַווירן שרייבט, אַז די סאַווירן זיינען הוהנען וועלכע קומען פון די קאַווקאזער בערג. זיי זיינען אַ גרויסער און צאָלרייכער פאָלק וועלכער טיילט זיך פונאַנדער אויף א סך זעלבסשטענדיגע קליינע פעלקער. זייערע פירער האָבן נאָך פון אלטע צייטן געווען פאַרבינדעטע אמאָל מיט די רוימישע הערשער און אמאָל מיט די פּערסישע מלכים, וועלכע פלעגן זיי שיקן פאַר זיין פאַרבינדעטע סומעס גאָלד, ניט יערלאָך נאָר ווען זיי האָבן זיך גענויטיגט אין זיי. לויט פּראָקאָפּעי זיינען די סאַווירן פונאנדער־געטיילט אויף שבטים. יעדער שבט האָט זעלבסשטענדיג געקענט באַשטימען די פראַגן פון מלחמה און שלום, דאָס האָט זיי אַ סך מאָל געשטערט אַרויס

טרעטן פאַראייניגט. דאָס האָט זיי געבראַכט אַז זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט אַנדערע קליינע פעלקער און שבטים, וועלכע האָבן זיך געפונען אַרום זיי. צווישן די קליינע פעלקער, מיט וועלכע זיי זיינען געווען פאַרבונדן זיינען געווען די כאזארן.

דער ארט לעבן פון די סאַווירן האָט זיך ניט אונטערשיידט פון דעם אַרט לעבן פון די הוהנען און נאָך הונדערט יאָר פון זייער קומען אויף די פלעינען פון עראָאַזיע האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט די הוהנען.

טיורקוטן

צווישן די פעלקער וואָס האָבן אין ערשטן העלפט פון ערשטן יאָר־טויזנט נייע צייט רעכענונג אריינגעוואנדערט אין די פליינען פון אַעראָ־אזיע זיינען געווען די טיורקוטן. די טיורקוטן (טיו־קיו) האָבן באהערשט דער גאנצער נאָמאדישער וועלט פון אַערא־אַזיע און א צאָל באַזעצטע לענדער ארום די פליינען. און אויסגעבויט אַן אימפעריע וועלכע האָט לאַנג ניט געדויערט די אימפעריע איז געווען געבויט אויף די חורבות פון פריערדיגע אימפעריעס. אָבער קיין איינע פון די אלטע אימפעריעס האָט ניט דערגרייכט צו אַזאַ גרויס אין אַזאַ קורצער צייט ווי די אימפעריע פון דעם אלטאיער פאָלק די טו־קיו״.

דער קולטורעלער און סאָציאלער לעבן פון די טיורקוטן איז געווען די׳ער זעלבער ווי ביי אַלע נאָמאדישע פעלקער, וואָס האָבן געוואנדערט איבער די פליינען פון אַעראָאַזיע. די הוהנען, אַוואַרן, סאַווירן און אַנדערע.

פעלקער, וואָס האָבן גערעדט טיורקוטיש, האָבן עקזיסטירט פון אור־אַלטע צייטן, זיי האָבן געהייסן „הוננו״, „גאיוגו״, „טעלע״ און אַנדערע. זיי זיינען אָבער ניט געווען אָרגאַניזירט אין אַ אימפעריע. דער טיורקוטישער קאגאנאט האָבן אַרומגענומען אַלע פעלקער וואָס האָבן גערעדט טיורקוטיש און אַזעלכע וואָס האָבן ניט גערעדט. דער שבט וואָס האָט באהערשט און אויפגעבויט דער אימפעריע איז אין אָנהייב געווען אָ קליין פאָלק אין די אַלטאיער בערג און זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון א מאָנגאָליש פאָלק די „זשוזשאנעס״. די זשוזשאנעס האָבן זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס זיי האָבן געשאַפן און בעארבעט אייזן: די אייזן פלעגן זיי מאכן, פאַר דער זשוזשאנער אָרדע:

אין דעם יאָר 552 האָט דער פירער פון די טיורקוטן „טיומין״ צוקלאַפּט די זשוזשאנער אָרדע און געשאַפן א טיורקוטישע אָרדע. „טיומין״ האָט זיך א נאָמען געגעבן „איל קאהאן״. נאָך דעם זיג איבער די זשוזשאנער האָט די טיורקוטישע אימפעריע גענומען וואַקסן און זיך אויסשפרייטן.

די טיורקוטן האָבן געפירט מלחמות מיט די נאָמאַדישע פעלקער אין די פלעינען פון אַערא־אַזיע אוואַרן, סאַווירן, כאַזארן און געווען אין פאַרבינדונג אַמאָל מיט די קריסטלעכע ביזאנטיער און זייערע סאַטעליטן די ארמעניער, און אַמאָל מיט די מאכמעדאַנישע פערסיער. זיי האָבן גענומען אָפּצאָלן פון די סוחרים פון זייד וואָס האָבן געפירט זייד פון כינע קיין אַייראָפּע פאַר דורכלאָזן און באַשיצן זיי. אין אַ באַשרייבונג פון א דיפּלאָמאַטישע מיסיע פון ביזאנטיע צו דעם כאַן פון די טיורקוטן. אין דער באשרייבונג שפּיגלט זיך אָפּ דער לעבן פון די הערשער פון די נאָמאַדישע פעלקער אין די אַערא-אַזיאַטישע פליינען.

אין דעם יאָר 568 איז באַשלאָסן געוואָרן אין ביזאנטיע צו שיקן א בכבודיגע דיפּלאָמאַטישע מיסיע פון ביזאַנטיע צו די טיורקוטן. אין דער שפּיץ פון דער דיפּלאָמאַטישער מיסיע זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן די דיפּלאָמאַטן זעמארק און מאַניאַכאָס מיט א גרופּע מיטרייזנדע. נאָך א שווערער און לאַנגער רייזע איז די מיסיע געקומען צו דעם אָרט וואו עס האָט זיך געפונען דער הויפּט כאַן פון די מערבדיגע טיורקוטן, וועלכן איינער פון די פירער פון דער מיסיע רופט „דזיאַמבול". דער כאַן האָט פייערלעך אויפגענומען דער מיסיע. די אויפנאַמע איז פאָרגעקומען אין אַ געפּאַרבטן מיט פאַרשידענע קאָלירן זיידענעם געצעלט. דער כאַן איז געזעסן אויף א טראָן וואָס איז געשטאַנען אויף צוויי רעדער. אויף אַריבערפירן דעם טראָן האָט מען איינגעשפּאַנט א פערד. אויפן צווייטן טאָג איז די אויפנאַמע פאָרגעקומען אין א צווייטן געצעלט אויך אויסגעפּאַרבט און פון זייד, אין געצעלט האָבן זיך געפונען פאַרשידענע פיגורן פון געטער: דער כאַן איז געלעגן האַלב אָנגעשפּאַרט אויף א גאָלדענער קאַנאַפּע. אינמיטן פון געצעלט איז געשטאַנען אַ גאָלדענע פעסל מיט א גאָלדענער קוואָרט פאַר טרינקען. דעם דריטן טאָג האָט מען דער דיפּלאָמאַטישער מיסיע אויפגענומען אין אַ דריטן געצעלט וואו עס זיינען געווען הילצערנע סטאָלפּעס אַרומגעקלאַפּט מיט גאָלד און א גאָלדענע בעט מיט פּיסלאַך געפּאַרבט אין אַלערליי קאָלירן. ביים אַריינגאַנג פון געצעלט איז געשטאַנען א וועגעל אָנגעפילט מיט גאָלדענע כלים. דער גרויסער כאַן האָט אַזוי אַרום געוויזן פאַר די ביזאַנטישע שלוחים זיין רייכקייט.

אין דעם יאָר 580 האָבן די טיורקוטן געפירט א מלחמה מיט די ביזאנטיער און גענומען באָספּאָר. עס זיינען ניט אַריבער קיין 10 יאָר אין יאָר 590 האָבן די ביזאנטיער אָפּגענומען צוריק באָספּאָר. דער געשיכטע שרייבער דערמאָנט די כאַזארן, ער שרייבט אַז די טיורקוטן מיט די כאַזארן האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די ביזאנטיער און צוזאַמען מיט די גרוזינער אַטאַקירט די פּער־

סיער. און זיי פאַרטריבן. אין יענער צייט זיינען די כאַזאַרן געווען אונטער דער הערשאפט פון די טיורקוטן.

אין אָנהייב פון דעם 7טן יאָרהונדערט האָבן די טיורקוטן איינגענומען דער שטאָט טיביליס. פאַרכאפּענדיג אין טיביליס אַ סך רויב האָט „יאגבע כאן" דער קעניג פון די טיורקוטן אַוועק צוריק צו זיין לאַנד און זיין זון דעם שאד האָט ער געגעבן די גאַנצע מיליטער און אַ באַפעל איבּ די הערשער פון די איינגענומענע לענדער וועלן זיך ניט אונטערגעבן פּרייוויליג און וועלן ניט אַוועקגעבן זייערע שטעט און פעסטונגען זאָל מען איבערלאָזן לעבעדיגע נאָר די פרויען און קינדער אונטער 15 יאָר און די איבעריגע פאַרוואנדלען אין קנעכט.

ווען דער שאד איז אַריין אין אלבאניע האָט ער געשיקט שלוחים צו דעם פערסישן הערשער און צו דעם קאטאָליקאָס „ווירא", ער זאָל זיך אונ־טערגעבן. דער פערסישער הערשער איז אנטלאָפן און דער וויראָ האָט זיך אָפּגעהאלטן מיט אַן ענטפער. די מיליטער פון „שאד" האָבן דערווייל אריינ־געדרונגען אין לאַנד. לויט די אַלבאַניער היסטאָריקער איז דאָס געווען די גרעסטע קאטאסטראָפע פאַר דעם אלבאנישן פאָלק. די מענטשן האָבן זיך אין אָנהייב צולאָפן. נאָר ווערענדיג געטריבן פון הונגער האָבן זיי געקומען צוריק און זיך פרייוויליג אָנגעגעבן אין געפאנגענשאפט. דער קאטאָליקאָס האָט זיך פאַר א צייט געפונען אין אַ פעסטונג אין וועלכער ער איז אנטלאָפן נאָר זעענדיג אַז ער קען ניט ערווארטן קיין הילף האָט ער זיך אונטערגעגעבן. ווען דער קאטאָליקאָס איז אַדויס פון פעסטונג האָט ער ניט דערקענט, ,דער געגענט

דער קאטאָליקאָס באשרייבט ווי עס האָט אויסגעזען די אַרמיי פון די טיורקוטן. „מיר האָבן געזען שרייבט ער, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די ארמיי פון די טיורקוטן. די טיורקוטישע סאָלדאטן האָבן ווי קעמלען זיך אראָפּגעבויגן אויף זייערע הינטערשטע פיס. יעדער איינער פון זיי, האָט געהאלטן אין זיינע הענט, א שיסל מיט פלייש. די פלייש איז געווען פון אומריינע חיות. נעבן די שיסלען פלייש, האָבן זיך געפונען טעפּ מיט געזאלצענע וואַסער אין וועלכע זיי האָבן געטונקען זייער פלייש. דערביי זיינען געשטאַנען גרויסע קרוגן, שאָלאכץ פון קירבעס, און הילצערנע כלים. די כלים זיינען געווען אָנגעפילט מיט געטראנקען פון וויין, מילך פון קעמלען און פון פערד. יעדער איינער האָט געזופט פון די קרוגן ניט אָפּווישענדיג זייערע מיילער פון די פעטס פון די פלייש. ביי די עלטסטע זיינען ניט געווען קיין באַדינער, וואָס זאָלן שטיין הינטער זיי און זיי באַדינען ביים עסן. דעם שאדס געצעלט, איז געווען ארומ־גערינגלט מיט קריגער מיט שפּיזן ווי א צוים.

פון דער באשרייבונג זעט מען, ווי אַזוי די טיורקוטן און די נאָמאדישע פעלקער פון אַראָאזיע האָבן זיך אויפגעפירט אין דער צייט פון מלחמות

און מארשן. פון ווייטערע באשרייבונגען פון געשיכטע שרייבער פון יענער צייט זעט מען ווי די טיורקוטן האָבן זיך באצויגן, צו די איינגענומענע פעלקער. די געפאַנגענע האָבן זיי ניט פאַרוואנדלט אין קיין שטוביגע קנעכט וואָס זאָלן זיי באַדינען אין זייערע הייזער. נאָר זיי באזעצט אויף לאַנד און פאַרוואנדלט אין לייב אייגענטימליכע צו זייערע פריצים. איינער פון די אלבאנישע היסטאָריקער דערציילט, וואָס עס האָט געשען מיט דעם קאטאָליקאָס „ווירא", ווען ער איז געקומען אין דער מחנה וואו עס האָט זיך געפונען דער „שאד". מען האָט דעם קאטאָליקאָס מיט זיינע מענטשן, געפירט פון איין וואך צו דער צווייטער ביז צו דעם געצעלט וואו עס האָט זיך געפונען דער שאַד. פאַר דעם געצעלט פון שאד, האָט מען אים געהייסן זיך בוקן דריי מאָל. נאָכדעם האָט מען דעם קאטאָליקאָס אַליין אָן זיינע מענטשן אריינגעפירט אין געצעלט, וואו עס האָט זיך געפונען דער שאד, ווען דער קאטאָליקאָס איז געקומען פאַר דעם שאד האָט ער זיך געבוקט פאַר אים און געגעבן מתנות צו אים און צו זיינע בעאמטע. דערביי האָט ער אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים דינען געטריי, ווי ער האָט געדינט דעם פערסישן הערשער. דער שאד האָט אים אויסגעהערט און נאָכדעם ווי ער האָט צוגענומען די מתנות האָט ער אים פאָרגעוואָרפן, דערפאַר וואָס ער האָט אים באלד ניט געענטפערט. מיט זיין ענטפערן באלד וואָלט ער פאַרמיטן די אומגליקן, וואָס זיינען פאָרגעקומען. דערביי האָט ער פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך ווענדן צו די אלבאניער מיט אַ רוף אַז זיי זאָלן זיך אומקערן צו זייערע הייזער און זיך פאַרנעמען מיט פרידלעכער ארבעט. דערפאר האָט ער אים צוגעזאָגט וועט שיין מער ניט פאָרקומען קיינע פאַרוויסטונגען. דער אייגענער היסטאָריקער דערציילט ווייטער, אַז דער שאד האָט געהייסן דעם קאטאָליקאָס זיך אַוועקזעצן אויף זיינע הינטערשטע פיס און געהייסן אים געבן אַ שיסל מיט פלייש. דער קאטאַליקאָס, האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו עסן מיט דעם אויסרייד אַז עס איז בא אים פאָסט. האָט מען אים אנשטאָט פלייש, געגעבן געפּרעגעלטן ברויט און געקעכטס.

לויט ווייטערדיגע באשרייבונגען אין דער געשיכטע פון אלבאַניע, זעט מען אַז אין די יאָרן פון 623—630 האָבן די טיורקוטן זיך פאַרמאָסטן צו באזיגן ארמעניע. דער קניאז פון צפון האָט אַרויסגעשיקט אַן אָפּטיילונג מיליטער אונטער דער פירערשאפט פון קניאז טשאָר פאנדערכאַן. דער הערשער פון אַרמעניע שאכרוואראז איז אַרויס געגן אים מיט זיין גאַנץ מיליטער. טשאָר פאנדערכאן האָט צוטיילט זיין אָפּטיילונג אויף צוויי טיילן. ווען די פערסיער האָבן אטאקירט איין טייל האָבן זיי אָנגעהייבן אנטלויפן. ווען די ארמעניער האָבן זיי אָנגעהייבן נאָכיאָגן איז הינטער זיי אַרויס דער צווייטער טייל און אַטאקירט די ארמעניער פון הינטן. ווען די ארמעניער האָבן זיך אומגעדרייט

צו די אטאקירער האָבן די אנטלויפנדע זיך אומגעקערט און די אַרמעניער האָבן געהאט א מלחמה פוןביידע זייטן. די ארמענישע גרויסע ארמיי איז צוקלאפט געוואָרן ביי אַ טיורקוטישער אָפּטיילונג פון דריי טויזנט.

די טיורקוטישע אימפעריע האָט אָנגעהייבן וואַקסן און זיך פונאנדערשפּרייטן. ווען ניט דער בירגער קריג וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מערב־טיורקוטישער אימפעריע וואָלטן די טיורקוטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיגער אימפעריע.

וועגן דעם בירגער קריג דערציילט די כינעזישע כראָניק „טו-שעבו" דער קעניג פון די מערבדיגע טיורקוטן פאַרלאָזענדיג זיך אויף זיין מעכטיגקייט איז ניט געווען פריינטליך צו זיינע אונטערטאנען. דאָס פאָלק האָט זיך געבונטעוועט און עס איז אויסגעבראָכן איין אויפשטאנד, און זיין אָנקל מאָכאדו האָט אים געהרגעט. מאָכאדו איז אַרויף אויף דעם טראָן אונטער דעם נאָמען „קיויילי־סיבי כאַן". שפּעטער אין דעם יאָר 631 איז מאָכאדו דערהרגעט געוואָרן פון אַן אַנדער פּרעטענדענט אויף דעם טראָן.

אין אזעלכע באדינונגען האָבן די טיורקוטן ניט געקענט איינהאלטן אלבאניע און אין יאָר 652 איז אלבאניע ווידער געווען אונטער דער הערשאַפט פון די פּערסיער.

דער צוזאמענשטעל פון דעם טיורקוטישן מיליטער, וואָס האָט זיך געשלאָגן אין קאווקאז און אין די פליינען פון אַעראָאזיע, איז ווי די אימפּעריע פון די מערבדיגע טיורקוטן באשטאַנען פון אַ סך פעלקער, א סך פון די טיורקוטן זיינען געווען ענלאַך צו די מאָנגאָלן. זיי ווערן באשריבן אַלס א פאָלק מיט קיילעכדיגע פּנימער אָן ברעמען מיט צולאָזענע האָר. עס זעט אויס אַז די טיורקוטן אַליין זיינען קיין סך ניט געווען. זייערע הויפּט קרעפטן זיינען באשטאנען פון צוויי פעלקער. איין פאָלק האָט געטראָגן לאַנגע צעפּ און דער צווייטער האָט געגאָלט די קעפּ. לאַנגע האָר האָבן געטראָגן די טיורקוטן. געגאָלן זיך די קעפּ האָבן די באָלגארן. אין דער געשיכטע פון די באָלגארן ווערט דערציילט אַז זייערע כאנען וועלכע מען האָט גערופן קניאזן האָבן געהאט געגאָלטע קעפּ איבערלאָזנדיג אינמיטן א בינטל לאַנגע האָר. וואָס מען פלעגט אמאָל פאַרפלעכטן אין א צעפּל. אַזעלכע געגאָלטע קעפּ מיט צעפּלאַך אינמיטן האָבן געטראָגן א סך רוסישע קניאזן און שפּעטער די אוקראַינישע קאָזאַקן. די אונגאַרישע פעלקער, האָבן געטראָגן זייערע האָר געשאָרן פון פאָרנט און פאַרפלאָכטן פון הינטן מיט צעפּלאַך. די כאזארן וועלכע זיינען געשטאַנען עטניש נאָענט צו די באָלגארן האָבן ווי עס זעט אויס געטראָגן געגאָלטע קעפּ מיט א בינטל האָר אינמיטן.

אין די מלחמות צווישן די ביזאנטיער און די איראנער האָבן אויף דער זייט פון די ביזאנטיער זיך שיין געפונען די כאזאַרן. די מיטצייטלער, די גע־

שיכטע שרייבער רופן זיי אמאָל כאַזאַרן און אמאָל טיורקוטן. אין דער טיור־קוטישער אימפעריע האָבן זיך די כאַזאַרן קאָנסילידירט און פאַראייניגט מיט אַנדערע קרובישע פעלקער, בילדענדיג מיליטערישע און אדמיניסטראַטיווע איינהייטן. איבערבלייבאכצן פון אַ סאך פעלקער ווי סאַווירן, באַרסילן, און קליינע גרופן באָלגארן וואָס האָבן געוואנדערט אין די פליינען פון אַעראַאזיע האָבן אין דער צייט פון דער פונאנדערפאַלונג פון די טיורקוטן זיך פאַראיי־ניגט אונטער דעם נאָמען „כאזארן". מיט דער פונאנדערפאלונג פון דער מערב טיורקוטישער אימפעריע האָט די כאזארישע פאַראייניגונג פון די פעלקער געוואָרן פריי, אומאָפהענגיג און זעלבסשטענדיג און אַרויסגעשוואומען אויף דער אַרענע פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

די אלטע בולגארן

אין דער צייט ווען אין די דרום־מזרחדיגע סטעפעס פון אייראָפע האָבן געבאַלעבאטעוועט די אונגאַרישע פעלקער טרעטן אַרויס די בולגארן אין דעם מערבדיגן זייט פון די סטעפעס. די צייט ווען זיי האָבן זיך באַוויזן לויט דעם ארמענישן היסטאָריקער מאָיסעי כאָרענסקי, איז געווען דער אָנהייב פון 5טן יאָרהונדערט. ער ברענגט דאָס אין פאַרבינדונג מיט די לאָנגבארדישע מלכים. לויט דעם, וואָס עס דערציילט דער לאָנגבארדישער געשיכטע שרייבער „פאוועל דיאקאָן" האָבן די בולגארן, פלוצלונג אָנגעפאַלן אויף די לאָנגבארדן. זיי האָבן געטויט זייער מלך „אגעלמונד" און גענומען געפאַנגען זיין איין און איינציגע טאָכטער. דער נאָכפאָלגער פון זיין טראָן „אנגעלמוד לאָמסיקאָן" האָט געוואָלט נעמען נקמה, נאָר ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט די לאָנגבארדן, זיינען די לאָנגבארדן צוקלאפט געוואָרן און אנטלאָפן. צו דער צייט, וואָס עס באציט זיך די פריער דערציילטע געשיכטע, האָבן די הוהנען זיך אָנגעהייבן באַפעסטיגן. ווען די בולגאַרן האָבן באַזיגט די לאָנגבארדן האָבן זיי דאָס נאָר געקענט טאָן מיט דער הילף פון די הוהנען זייענדיג אין דער הוהנישער אָרדע.

אין סוף פון 5טן יאָרהונדערט זיינען די באַציאונגען פון די בולגאַרן מיט דער ביזאנטישער מלוכה צושטערט געוואָרן. אין יאָר 490 האָבן די בולגאַרן אַריינגעדרונגען קיין פראקיע. און אַיר פאַרוויסט. ביזאַנטיש מיליטער אונטער דער פירערשאפט פון אַריסטא איז פאַרניכטעט געוואָרן. אין יאָר 512 צו פאַר־זיכערן דער ביזאַנטישער הויפט שטאָט פון אָנפאַלן פון באַרבארן האָט אריסטא אויסגעבויט אַ לאַנגע וואנט וואָס האָט זיך געצויגן פון דעם מארמאָרנעם ביז דעם שווארצן ים.

אין דעם ערשטן האַלב פון דעם 6טן יאָר־הונדערט ווערן די בולגאַרן

דערמאָנט אַלס געפערלאכע שונאים פון דער ביזאַנטישער אימפעריע: אין יאָר 530 האָבן די בולגאַרן אונטער דער פירערשאַפט פון צוויי כאנען אַריבער דעם דונאי. די היסטאָריקער פון יענער צייט רופן די בולגאַרן הוהנען. א סך געשיכטע שרייבער פון יענער צייט רופן די בולגאַרן הוהנען. א סך וויסנשאפטלייט רעכענען, אַז די בולגאַרן וועלכע זיינען געווען אומרוהיגע שכנים פון דער מזרח רוימישער אימפעריע „ביזאַנטיע״ זיינען א טייל פון די הוהנען וועלכע זיינען פונאנדערגעפאַלן נאָך דעם טויט פון אַטילע ווען עס איז פונאנדערגעפאַלן זיין אימפעריע. אַרמענישע היסטאָריקער זאָגן, אַז די בולגאַרן קומען פון טיורקיט ריידענדיגע פעלקער וועלכע האָבן זיך גערופן „מאָגארן און וועלכע זיינען באַזיגט געוואָרן פון די הוהנען, א טייל פון זיי זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און אַ טייל זיינען פאַרבליבן ביי די הוהנען. לויט דער באַשרייבונג פון „זאכאריע ריטאָר״ זיינען די בולגאַרן געווען צושפרייט איבער די פליינען פון אַעראָ־אזיע. לויט זיין באַשרייבונג זיינען זיי באַשטאַנען פון 13 פעלקער צושפרייט אַרום דעם קאַספישן ים. אין דעם צעטל קומען שוין אַריין די בולגאַרן און כאזאַרן, וועגן זייער באַציאונג מיט דער ביזאנטישער אימפעריע שרייבט פראָקאָפי א היסטאָריקער פון יענער צייט, אַז געפינענדיג זיך אַרום דעם טייך דונאי, פלעגן זיי מאַכן פון צייט צו צייט אָנפאַלן, אויף די לענדער וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער ביזאנטישער אימפעריע. זייענדיג אמאָל פריינטלעך צו דער ביזאנטישער אימפעריע און אמאָל פיינטלעך.

אין דעם 7טן יאָר־הונדערט, געפינען מיר די בולגאַרן אַלס א טייל פון דער מערב טיורקוטישער אימפעריע.

גרויס בולגאריע

מיט דעם פונאנדערפאַל פון דער טיורקוטישער אימפעריע איז ענטשטאנען ניט נאָר די כאזארישע מלוכה נאָר צוגלייך מיט דער ענטשטייאונג פון דער כאזאַרישער מלוכה איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניגונג פון די בולגאַרישע פעלקער. די אוטיגורן און קוטיגורן. אין 7טן יאָר־הונדערט האָט זיך באוויזן אַ נייער פאָלק „גונגודור״ וועלכן די היסטאָריקער פעאָפאַן און קאָנסטאנטין באָגאָ נאראָדני רופן בולגאַרן.

נאָך אין די יאָרן 630—631 ווען די מערב טיורקוטישע אימפעריע האָט זיך אָנגעהייבן שאָקלען, האָבן אַ סך קליינע פעלקער וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער טיורקוטישע הערשאַפט זיך אָנגעהייבן באַפרייען. אין די יאָרן פון 630 ביז 657 ווען די מערב טיורקוטישע אימפעריע איז פונגאַדערגעפאלן האָט דער פירער פון די באָלגארן „קאָרבאט״, פאַרטריבן די אוואַרן און פאַראייניגט אונטער זיין הערשאפט די באָלגארן פון אַרום דעם אזאָוו ים און דעם שווארצן

ים, און געגרינדעט א מלוכה וועלכע ער האָט גערופן גרויס־בולגאַריע. נאָך דער גרינדונג פון דער מלוכה האָט ער אַוועקגעשיקט שלוחים קיין ביזאַנטיע און געמאכט מיט איר איין אָפּמאך. די ביזאַנטיער, זיינען געווען זייער צופרידן פון דעם נייעם הערשער פון די בולגאַרן. דער הערשער פון ביזאַנטיע איראַקלעי האָט אים געשיקט פּרעזענטן און פאַררעכנט קורבאַטן צו דעם אַדעל פון ביזאַנטיע.

יאָהאַן ניקיאָווסקי אַ כראָניקער פון 7טן יאָר־הונדערט אין ביזאַנטיע דערציילענדיג וואָס עס האָט פּאַסירט נאָך דעם טויט פון איראַקלעי, ער דערציילט אַז אַ קניאַז פון די הוהנען „קורבאַט“ וואָס איז ערצויגן געוואָרן אין קעניגליכן הויף, וועלכער איז געוואָרן אַ קריסט האָט נאָך דעם טויט פון דעם ביזאַנטישן קעניג איראַקלעי אַרויסגעוויזן א סך פריינטשאַפט, צו זיין ווייב און צו זיינע קינדער. פון דער באַשרייבונג זעט מען אַז דער ערצויגענער אין ביזאַנטיע „קורבאַט“ איז געווען פאַרבונדן מיט דעם ביזאַנטישן־קעניגליכן הויף און נאָגעפּאָלגט אַ ביזאַנטישע פּאָליטיק. קורבאַט איז געוואָרן אַ פירער פון די בולגאַרן ארום דעם יאָר 632 און געשטאָרבן אין דער צייט ווען עס האָט געהערשט דער אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין דער צווייטער 641־668 יאָרן.

דורך דער צייט פון דער הערשאַפט פון קורבאַט האָט ער פאַראייניגט אַלע בולגאַרישע פעלקער פון די וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די כאַזאַרן. דאָס האָט געמאכט זיין נאָמען זאָל זיין פאַרבונדן מיט דער לעגענדע פון דער אָפּשטאַמונג פון אים פון די באָלגאַרן. לויט דעם היסטאָריקער פעאָפאַן האָט קאָרבאַט געהאַט צוויי זין איינער :באָטביי„ און דער צווייטער „אַספּאַרוק“, איז דער ערשטער באָטביי פאַרבליבן אויף דעם אַלטן אָרט אונטער דער הערשאַפט פון די כאַזאַרן ווען ער האָט נאָך ביי דער ענדע פון 7טן יאָר־הונדערט געצאָלט צינזן. דער צווייטער איז אַריבער דעם דונאַי און זיך באַזעצט ארום די ברעגעס פון דונאַי.

אין דער אַרמענישער געאָגראַפיע וואָס באַציט זיך צו דער ענדע פון 7טן יאָר־הונדערט ווערט דערציילט אַז אין סאַרמאַטיע אַ פּראָווינץ אין אַרמעניע געפינען זיך בערג, דער קעראַאונסקער און דער היפּפּענסקער, פון די בערג קומען אַרויס וואָס פאַלן אַריין אין מעטעאישן ים. פון קאַווקאַז שטראָמען אַרויס אויך צוויי טייכן איינער פון באַרג קארקאס. דער טייך ציט זיך אַוועק צו דעם דרום מערב. דער צווייטער טייך ציט זיך פון קאַווקאַז ביז דעם באָספּאָר. צום צפון פוןביידע טייכן געפינען זיך די טיורקוטן און די באָלגאַרן. די באָלגאַרן זיינען פונאנדערגעטיילט אין פאַרשידענע פעלקער וואָס רופן זיך לויט די נעמען פון די טייכן ,ארום וועלכע זיי וואוינען. די נעמען זיינען קופּי באָלגאַרן, דוטשי באָלגאַרן, אָנכאָנדאָר בולגאַרן געקומענע טשדאר בולגאַרן. מאיסעי כאָרענסקי שרייבט אַז צוליב די גרויסע אומרוען אין דעם

לאַנד פון די באָלגארן וואָס געפינט זיך ביים פאַס פון די קאווקאזער בערג זיינען קיין אַרמעניע געקומען באָלגארן און זיך באזעצט אין אַ פרוכטבאַרן געגענט וואָס די באָלגארן האָבן גערופן „וואנאדי״. און די גריכן — פאַסיאָן און די אַרמעניער — באַסין. היינט הייסט יענער געגענט „אפיסאָן״ און געפינט זיך אונטער דער טערקישער הערשאפט נעבן דעם טייך ארקאס. די באָלגאַרן האָבן זיך אָפגעטיילט פון זייערע פעלקער און זיך באזעצט אין אַרמעניע. בכלל מישן די געשיכטע שרייבער אויס די נעמען פון די פעלקער אמאָל רופן זיי די אייגענע פעלקער בולגאַרן און אמאָל כאַזארן. דאָס באווייזט אַז דער סאָציאַ־לער און קולטורעלער לעבן אין אָנהייב פון ערשטן יאָר־טויזנט בא די נאָמאַ־דישע פעלקער איז געווען בא אַלע פעלקער אין אַראַאזיע דער אייגענער און מעגלאַך אויך די שפּראכן זיינען געווען ענלאַך. דאָס האָט געמאכט אַז פאַר די געשיכטע שרייבער זאָל זיין שווער אונטערצושיידן פון איין פאָלק ביז דעם צווייטן.

לויט באשרייבונגען פון היסטאָריקער פון יענער צייט האָט זיך גרויס בולגאַריע געפונען אויף דעם מערב זייט פון דעם אזאוו ים אַרום די טייכן דניעפּר אָדער בוג און אין דער מזרח זייט פון דעם אזאָוו ים פון דעם דאָן ביז קאווקאז.

די ביזאנטישע אימפּעריע און דער געבורט פון פעדאָאליזם

די ביזאנטישע אימפּעריע איז געגרינדעט געוואָרן ארום די יאָרן 330 נייע צייט רעכענונג. פון דעם אימפּעראטאָר קאָנסטאַנטין, וועלכער איז שיין געווען אַ קריסט און רוים איז נאָך געווען געצנדינעריש. ווערענדיג אַ קריסט איז ער אַוועק קיין גריכענלאַנד, וואָס איז שיין געווען מער קריסטלאַך און גע־מאכט דער שטאָט ביזאנטיום פאַר זיין הויפּט שטאָט.

ביזאנטיום איז געווען אַן אלטע גריכישע שטאָט בא די ברעגעס פון דעם טייך „באָספאָר״ און דעם מארמאָר ים און זיך געפונען צום מזרח זייט פון די 7 בערגלאך אויף וועלכער די שטאָט קאָנסטאנטינאָפאָל איז געבויט, ביזאנטיום איז געגרינדעט געוואָרן 667 יאָר פאַר דער נייער צייט רעכענונג, פאַר די טויזנט יאָר איידער זי איז געוואָרן די הויפּט שטאָט פון קאָנסטאנטין איז די שטאָט דורכגעגאַנגען אַ סך איבערפאַלן און פאַרניכטונגען. אין דעם יאָר 330 נייע צייט רעכענונג איז זי צוריק אויפגעבויט געוואָרן דורך קאָנסטאנטין.

די אַלטע גריכישע געשיכטע שרייבער, וועגן די איינוואוינער פון ביזאנטיזם פאַר קאָנסטאנטין, אַז זיי זיינען פוילענצער וואָס פאַרשווענדן

זייער צייט אין אַרומדרייען זיך אַרום דעם פּאָרט פון שטאָט און טרינקענדיג דעם פיינעם וויין פון מאראנעא, ווען זיי דערהערן דעם טרומפּעיט, וואָס רופט צו מלחמה,, ווערן זיי פּאַרציטערט. אין צייט פון שלום בויגן זיי און בוקן זיך פּאַר זייערע עלצטע וועלכע זיינען דעמאגאָגן״.



קאָנסטאַנטין דער צעזאַר וואָס האָט אָנגענומען קריסטענטום
און פּאַרוואַנדלט דער רוימישער רעפּובליק אין אַ מאָנארכיע

קאָנסטאנטין איז געווען אַ רעפּאָרמער און איינגעפירט אָרדענונג, שאַ-
פענדיג אַ שטארקע ארמיי און אַוועקשטעלענדיג די מאכט פון מאָנארך, איבער

די געזעצגעבענדיגע אינסטיטוציעס, ניט ווי עס איז געווען אין אַלטן, רוים אידער זי האָט אָנגענומען קריסטנטום. די אַלטע געצנדינערישע רוים איז געווען אַ רעפּובליק אָנגעפירט ביי אַ סענאט וואָס איז באשטאַנען פון די פאטריצער (אדל) און רייכע בירגער. דער סענאט פלעגט מאכן די געזעצן און באַשטימען אַ צעזאַר און דער צעזאַר האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן די געזעצן פון סענאַט.

קאָנסטאַנטין האָט איינגעטיילט די לאַנד אין באַצירקן און באַשטימט שטייער־מאָנער אַזוי אַז אין דער קאַסע פון דער מלוכה האָבן זיך געפונען גרויסע סומע געלט: אין דער אויסערליכער פּאָליטיק, האָט קאָנסטאַנטין גע־פירט די אַלטע פּאָליטיק פון די רוימער „צוטייל און הערש״ אויסנוצנדיג דערביי דער קריסטליכער רעליגיע.

קאָנסטאַנטין איז געווען דער ערשטער ביזאנטישער מאָנארך, וואָס האָט אָפּגעטיילט די מאָנארכיע פון פאָלק. ער האָט געשאפן אַ ספּעציעלן עטיקעט פאַר דעם מאָנארך מיט זיין פאמיליע. שפּעטער איז דער עטיקעט אויסגע־ברייטערט געוואָרן, ניט נאָר פאַר ביזאנטיע נאָר פאַר גאַנץ אייראָפּע. דער עטיקעט אין די אייראָפּעאישע קייזערליכע הייפן איז געבראַכט געוואָרן פון מזרח.

אין יענער צייט, לויט דעם עטיקעט, האָט יעדער באַפעל, וואָס איז געקומען פון ביזאַנטישן מאָנארך זיך גערעכנט, פאַר הייליג ווי ער וואָלט געקומען פון גאָט. ווען מען האָט זיך געווענדעט צום מאָנארך, האָט מען אים געדאַרפט טיטולירן מיט דעם טיטול „אייער אויביגקייט״, מען האָט זיך געדאַרפט פאַר אים בוקן, ווי פאַר גאָט פאַלנדיג אויף דעם פנים. דאָס איז געווען חל אויך אויף שלוחים פון פרעמדע לענדער. עפּיסקאָפּ קרימאָנסקי האָט באשריבן ווי ער האָט געזען דעם מאָנארך. אין זיין באשרייבונג איז דאָ אַ סך פאַנטאַזיע, נאָר מען קען קריגן אַ באַגריף פון דעם שרעק פון געוויינלעכן מענטש, פאַר דעם מאָנארך און פאַר זיין גרויסקייט.

ער שרייבט: אַז דער מאָנארך איז געזעסן אויף אַ גאָלדענעם טראָן אין דעם שאָטן פון אַ גאָלדענעם בוים, מיט גאָלדענע צווייגן און גאָלדענע בלעטער, אויף די צווייגן זיינען געזעסן קינסטלעכע פויגל. צוויי לייבן געמאכט פון ריינעם גאָלד איינער רעכטס און איינער לינקס פון טראָן, האָבן ווי לעבעדיגע געקוקט אויף די באַזוכער וואָס האָבן זיך דערנענטערט. ווען די באַזוכער שליחים פון אַן אנדער לאַנד האָבן זיך גענומען דערנענטערן צום טראָן, האָבן די פויגלען אויף די ביימער גענומען זינגען און די לייבן ברומען. ווען דער עפּיסקאָפּ, וואָס איז געווען אַ שליח פון אַן אנדער לאַנד, האָט דאָס דערזען, איז ער געפאַלן בוקענדיג זיך אויף זיין פנים. ווען ער האָט אויפגעהייבן זיינע אויגן איז שיין דער מאָנאַרך און זיין טראָן פאַרשוואונדן און פון דער

הייך האָבן דעם אימפּעראַטאָרס אויגן געבליצט מיט פייערדיגע בליקן, אויף די איבערגעשראָקענע שלוחים פון די פרעמדע לענדער. עס איז דאָ אַ סך פאַנטאַזיע אין דער באַשרייבונג, נאָר פון דער באַשרייבונג זעט מען ווי די ביזאַנטיער מאָנארכן שיין נאָך קאָנסטאַנטין האָבן אָנגעווענדעט פאַרשידענע מיטלען צו מאכן זיך פאַר איבער־מענטשן, צו האַלטן אין שרעק זייערע אונטערטאַנען און שליחים פון אַנדערע לענדער, מיט אַרויסווייזן זייער אַלמעכטיגקייט.

ווען דער מאָנארך איז געפאָרן, איבער דעם שטאָט, האָט יעדער פוסגייער זיך געדאַרפט פאַר אים בוקן, שטייענדיג אויף די קני. אפילו גרויסע לייט, וואָס זיינען געפאָרן אין קאַרעטעס זיינען ניט געווען פריי פון דעם בוקן זיך. זיי האָבן געדאַרפט אָפּשטעלן דער קאַרעטע און אַראָפּגיין פון דער קאַרעטע און זיך בוקן צום מאָנארך, מענער זיך שטעלן אויף איין קני דאמען זיך אַראָפּזעצן. אין ביזאַנטיע האָט נאָר דער מאָנארך, געהאַט אַ רעכט צו טראָגן רויטע טופליעס (האלבע שיך) די רויטע טופליעס, מיט דער קרוין, זיינען געווען אַ סימבאָל פון קעניגלאַכער הערשאַפט. מיט דעם פאַלן פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע, זיינען די רויטע שיך אַריבער קיין פאַריז, דורך דער צייט, האָבן זיי פאַרלאָרן זייער פּראַנט און צו דעם פראַנצויזישן קעניגלעבן הויף, זיינען אָנגעקומען דער רויטער הינטערשטער טייל און די אָפּצאַסן, און דאָס איז געוואָרן אַ טייל פון דער פראַנצויזישער קעניגלאַכער גאַרדעראָבע.

קאָנסטאַנטין האָט דורכגעפירט די גרעסטע רעפאָרמען, וואָס די וועלט האָט ביז יענער צייט געזען, געזעצן, וואָס זיינען געקומען פון די רעפאָרמען זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אָנגעהאלטן די גאַנצע צייט וואָס די ביזאַנטישע אימפּעריע האָט עקזיסטירט און זיינען אויסגעברייטערט און פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַנדערע מלוכות.

ער האָט צענטראַליזירט און פאַרשטאַרקט די מאכט פון מאָנארך און אים געמאכט, פאַר דעם באַשעפער פון די געזעצן. ער האָט געשאַפן אַ ציווילע דעמאָקראַטיע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אַדמיניסטראַטיווע געשעפטן פון דער ציווילער באַפעלקערונג. אריינרעכענעדניג די אויספירונג פון גערעכטיגקייט. די מיליטערישע מאכט, וואָס איז אין רוים געווען אַן אויטאָנאָמע און האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער באפעלקערונג, האָט ער אונטערגעוואָרפן דער ציווילער מאכט און דערמיט אָפּגעשוואכט, דער מאכט פון דער מיליטערישער מאשין, ער האָט אדאָפּטירט קריסטנטום פאַר אַ נייע רעליגיע און געשאַפן אַ נייע הויפּט שטאָט חוץ רוים. די מאָנארכיע, וואָס ער האָט אוועקגעשטעלט, האָט ניט באלאַנגט צו דעם פאָלק וואו עס האָט זיך געפונען די הויפּט שטאָט נאָר געווען אינטערנאַציאָנאל און קאָסמאָפּאָליטיש, קיין פאָלק

האָט ניט געקענט זאָגן אַז דער מאָנארך סאַלאַנגט צו זיין פאָלק, ער האָט דעם מאָנארך און זיין הויף ארומגערינגלט מיט גרויסקייט, שיינקייט און עטיקעטן. צו פאַרמיידן, אַז אמביציעזע פערזאָנען זאָלן ניט דורכפירן אויפשטאנדן צו אראָפוואַרפן דעם מאָנארך און צו פאַרכאַפּן דעם טראָן, האָט ער געשאַפן אויסצייכענונגען, טיטולן און פאַרטיילונגען פון לאנד מיט קנעכט, דאָס איז געמאכט געוואָרן, אַז די אמביציעזע פערזאָנען זאָלן זען, אַז זייערע אַמביציעס קענען פאַרווירקלעכט ווערן, אָן אַן אויפשטאנד און בירגער קריג.

אלע רעפאָרמען דורכצופירן, האָט זיך געפאָדערט געלט און דער איינציגער וועג צו קריגן געלט איז געווען דורך צינזן. אין יענער צייט איז קיין אינדוסטריע און הויך ענטוויקעלטער האַנדל פון וואנען מען זאָל קריגן צינזן, ניט געווען. דער איינציגער אָרט פון וואנען מען האָט געקענט קריגן צינזן איז געווען די לאַנדווירטשאפט וואו יעדער ערד־אַרבעטער האָט געצאָלט אַ צענטל און אמאָל אַ גרעסערן טייל פון זיין גערעטעניש. כדי צו מאָנען די צינזן פון די ערד אַרבעטער איז די לאַנד איינגעטיילט געוואָרן אין דיסטריקטן וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן, ביי לאָקאַלע סענאטן, וואָס האָבן געהייסן „קוריעס” וועלכע פלעגן ערוויילט ווערן פון לאַנד אייגענטימער. די „קוריעס” פלעגן באשטימען צינז-מאָנערס וואָס פלעגן איינמאָנען צינזן. א סך האָבן ניט געקענט צאָלן צינזן האָט מען קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגען, האָבן זיי פאַרלאָזן זייער לאַנד כדי ניט דאַרפן צאָלן קיין צינזן. דאָס האָט געמאכט, אַז די קוריעס זאָלן באפעסטיגן די מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאט קיין לאַנד צו דער לאנד און זיי צווינגען צו זיין ערד אַרבעטער, זיי זאָלן קענען צאָלן די צינזן און די מיטגלידער פון די קוריעס און די צינז מאָנער זיינען געוואָרן זייערע בעלי־בתים: דאָס איז געווען דער אָנהייב פון לייב־אייגענטום און דער געבורט פון דער פעדאַאַלער סיסטעם. קאָנטאַנטין האָט אָפגעשאפט די „קוריעס” און איבערגעגעבן די דיסטריקטן אין הענט פון איינצעלנע פערזאָנען און זיי געמאכט פאַר בעלי בתים איבער די דיסטריקטן און די מענטשן. דאָס איז שיין געווען די אמתע פעדאָאלע סיסטעם. וויסנדיג אַז אַזאַ סיסטעם וועט אַרויסרופן אונצופרידנהייט ביי דער באַפעלקערונג, איז די באַפעלקערונג פאָרזיכטיג, ענטוואפענט געוואָרן און די מיליטערישע מאכט, איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דערויף וואָס זייערע פירערס זיינען באשאָנקען געוואָרן מיט דיסטריקטן און מיט מענטשן. מורא האָבנדיג פאַר די מיליטער פון דעם אייגענעם לאַנד, זיינען געבראכט געוואָרן מיליטער פון אַנדערע באַרבארישע לענדער, דאָס האָט געשאַפן א פאַראָרעמונג פון דער באַפעלקערונג און צו אויפשטאנדן, וואָס האָט אָפגעשוואכט, די שטאַרקייט פון דער אימפעריע און ווען ניט די פרעמדע באַרבאַרישע לענדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער אימפעריע און געצאָלט צינזן וואָלט קאָנסטאַנטין ניט געקענט אויפהאלטן די

אימפּעריע מיט דעם מאָנאַרכישן הויף, די ארמיי, און די קירכע און די נייע גע־גרינדעטע אימפּעריע פון קאָנסטאנטין אין די ערשטע יאָרן פון איר גרינדונג וואָלט פונאנדערגעפאלן.

מאכענדיג ביזאַנטיע פאַר איר הויפּט שטאָט, איז דאָס געווען א קלוגער אויפטו פון קאָנסטאנטין ביזאַנטיע האָט זיך געפונען אין אַן אָרט וואו עס האָבן זיך צונויפגעקומען צוויי גרויסע ימען פון ביידע וועלט טיילן אייראָפּא און אַזיע און איז געבויט אויף זיבן בערגלאַך, וואָס אין דער צייט פון אַ געפאַר, העלפט דאָס צו דער באשיצונג פון דער שטאָט. מיט דעם איבערנעמען און באַזעצונג פון דער שטאָט, פון די רוימער, איז די שפּראַך, וואָס איז ביז דער באַזעצונג געווען גריכיש געוואָרן לאטייניש. און די באַפעלקערונג האָט זיך שנעל אָנגעהייבן אַסימילירן און זיך אָנגעהייבן רופן רוימער. צו שאַפן אַ פריינטשאפט צווישן די גריכן און דעם רוימיש מאָנארכיסטישן הויף, זיינען אַלע איינוואוינער פון ביזאנטיע באפרייט געוואָרן פון צינזן און צווישן די אָרעמע איז פאַרטיילט געוואָרן ברויט אומזיסט. איז קאָנסטאַנטין געווען ווירק־לעך אַ פרומער קריסט אָדער ער האָט אויסגענוצט דער קריסטלעכער רעליגע, אין די אינטערעסן פון זיין פּאָליטיק קען מען נית וויסן. גיכער פון אַלץ איז דאָס בא אים געווען א קאָמבינאַציע פון ביידע. דורך דער גאַנצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע און שפּעטער פון די מלוכות וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסטלאַך ביזאַנטישן גלויבן, איז דער מאָנארך געשטאנען העכער פון דער קירכע.

די שפּעטערדיגע הערשער פון ביזאַנטיע, זיינען שוין ניט געווען ווי קאָנסטאַנטין. יוסטיניאן צוויי הונדערט יאָהר שפּעטער, האָט פאַרטאכלעוועט די געלט וואָס ער האָט געפונען אין דער מלוכה קאַסע, ער האָט פאַרלייכטערט די שטייערן, געבויט שיינע געביידעס. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז ווען דער קעניג זאָבערגאַן פון די קוטיגורן הוהנען האָט אַטאַקירט דער אימפּעריע, איז די ביזאַנטיער ארמיי פאַר אים אנטלאָפן און די קוטיגורן זיינען צוגעקומען 17 מייל נאָענט פון קאָנסטאנטינאָפּאָל און די ביזאנטיער זיינען געווען געצוואונגען צו מאַכן מיט זיי שלום באצאָלענדיג דערפאַר אַ גרויסן שטייער.

די 400 יאָר צווישן קאָנסאַנטטין און לעאָ דעם דריטן, זיינען געווען יאָרן פון אָנפאַלן פון די באַרבארן. די גאָטן זיינען באַפאַלן און איינגענומען גריכנלאנד. שפּעטער זיינען זיי באַזיגט געוואָרן פון די גריכן און אָנגענומען דעם קריסטלאכן גלויבן. שפּעטער האָבן די הוהנען באַפאלן די גאָטן זיי באזיגט און אין די יאָרן פון 395 איינגענומען גריכנלאַנד, געמאכט אַן אָנפאל אויף איטאליע און צוגעקומען, צו די טויערן פון רוים. אין אָנהייב פון 6טן יאָר־הונדערט, איז די ביזאנטישע אימפּעריע אטאקירט געוואָרן פון די בול־

גאַרן און אַנדערע סלאַווישע שבטים. די בולגאַרן זיינען שפּעטער איינגעשלונגען געוואָרן פון די אַוואַרן. אַזוי אז אין אַלע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע האָט זי ניט אויפגעהערט, אַטאַקירט צו ווערן פון די באַרבאַרישע פעלקער, וואָס זיינען געקומען פון אַזיע און איראָפּע.

אין דער אייגענער צייט, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די מלחמות, צווישן די באַרבאַרישע פעלקער און די ביזאַנטיער זיינען אויך פאָרגעקומען מלחמות צווישן די פּערסיער וואָס האָבן אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן.

אין דעם יאָר 571 איז פאָרגעקומען, דער געבורט פון מאכמעד און ווען מאכמעד האָט פּראָקלאַמירט זיין נייעם גלויבן, האָבן אים אָנגענומען די פּערסיער און אַנדערע אַפריקאנער און אַזיאַטישע לענדער. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַן אויפהערליכע מלחמה צווישן דער ביזאַנטישער קריסטלעכער אימפּעריע מיט די מאכמעדאנישע פּערסיער, אַראַבער, מזרח־טיורקוטן, און אַנדערע מאכמעדאנישע לענדער.

אין דעם 7טן יאָר־הונדערט נייע צייט רעכענונג אין דער גרויסער מלחמה צווישן די ביזאַנטיער און די אַראַבער, נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן פאַרנומען דער גאנצער ביזאנטישער אימפּעריע און צוגעטראָטן צו דער באלאַגערונג פון דער הויפּט שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּל, האָבן די כאזארן געקעמפט געגן די אַראַבער העלפענדיג די ביזאַנטיער. דער מאנגל אין שפּייז, די קעלט און די מלחמות, וואָס זיי האָבן געפירט מיט די כאַזאַרן האָבן געצוואונגען די אַראַבער אראָפּנעמען די באַלאַגערונג פון קאָנסטאנטינאָפּאָל און אַוועקגיין אינגאנצן פון קליין אַזיע. מיט א צייט שפּעטער האָבן די אַראַבער זיך אומגעקערט צוריק און אָנגעפאַלן אויף די כאזארן. נאָך לאַנגע און בלוטיגע מלחמות מיט די אַראַבער זיינען די באזאַרן, געווען געצוואונגען אַוועקצוגיין פון דרום קיין צפון צו דער וואָלגא און דאָרטן געבויט זייער הויפּט שטאָט איטיל.

אין דער ביזאנטישער געשיכטע ווערט דערציילט, אַז אין די יאָרן 626 זיינען די כאַזאַרן געווען די פאַרבינדעטע פון דעם קיסר איראקלוס אין זיין מלחמה געגן חוסראי דעם קעניג פון פּערסיע, 40 טויזנט כאַזאַרישע רייטער אונטער דער פירערשאפט אין אָנהייב פון סילציבול און שפּעטער שאַד, האָבן איינגענומען דערעבענט, טיפליס און אין קאַווקאז געגרייכט צו דער הויפּט שטאָט פון איראק.

אין דעם 8טן יאָר־הונדערט האָט זיך געדוכט, אַז דער עקזיסטענץ פון דער ביזאנטישער אימפּעריע אין פארמשפּט צום אונטערגאַנג. די סאַראַצענער, האָבן איינגענומען זייערע אַזיאַטישע לענדער און אַטאַקירט דער הויפּט שטאָט. סיריע, עגיפּט, אַפריקע און שפּאניע זיינען אָנגעפאַלן אויף דער ביזאנטישער אימפּעריע. די לאַנד האָט דורכגעמאכט אַן עפּידעמיע, עס זיינען געווען אומרוען, עס האָט זיך געדאכט, אַז די אימפּעריע ווערט צופאלן. דאָ

האָט זיי געהאָלפן זייער פּאָליטיק אין וועלכער זיי האָבן גענוצט דער קריסט־לעכער רעליגיע.

פון דעם אָנהייב פון דער גרינדונג פון דער ביזאנטישער אימפּעריע, האָט קאָנסטאַנטין אין דער אויסערליכער פּאָליטיק, גענוצט דער קריסט־לעכער רעליגיע פון דענסטמאָל ביז דעם אונטערגאַנג פון דער אימפּעריע, האָבן די פירער פון דער אימפּעריע גענוצט דער קריסטלעכער רעליגיע, מערסטנס האָבן זיי גענוצט צו באַקערן די פירער פון די באַרבאַרישע פעלקער. די וועלכע זיי פלעגן באַקערן, האָבן זיי אָפּגעשאָטן מיט פּרעזענטן, טיטולן. זיי האָבן אָנגעפילט די געצענדינערישע באַרבאַרישע לענדער, מיט מיסיאָנערן עפּיסקאָפּן, געבויט קלויסטערס א. אז. וו.

אין מיטן פון דעם 9טן יאָר־הונדערט, האָבן זיי צו די סלאַווישער פעלקער אַרויסגעשיקט מיסיאָנערן, צווישן זיי זיינען געווען צוויי ברידער „קיריל“ און „מעפאָדיע“. די צוויי ברידער האָבן באַקערט א סך סלאַוון צו דעם גריכיש קאַטוילישן גלויבן. זיי האָבן אויך געשאַפן א שריפט אַן אַלעף בית. דער אַלעף בית ווערט גערופן די קיריליצע. דער אַלעף בית איז אדאַפּטירט געוואָרן בא דעם גרעסטן טייל פון די סלאַווישע פעלקער. אגב גייען אַריין אין דעם אַלעף בית העברעאישע אותיות ווי דער ש שאַ, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ שין און צע ווי דער וואָס זעט אויס ווי אַ צדיק, און אַנדערע. אַ סך פעלקער קנעכט וואָס זיינען באַקערט געוואָרן צום גריכיש ביזאנטישן גלויבן, זיינען באַפרייט געוואָרן און אָפּגעשיקט געוואָרן אהיים, זיי זאָלן פאַרשפּרייטן דעם קריסטלעכן גלויבן. און ווירקלעך אין הונדערט יאָר שפּעטער, האָבן די סלאַוון וואָס האָבן אָנגענומען דעם וואַריאַגישן נאָמען „רוס“, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרן פון זייערע נאָרמאַנישע באַצווינגער די „וואַריאַגן“ און וועלכע האָבן געמאכט זייער הויפּט שטאָט סאמבאדאס (קיעוו), האָט דער קניאז פון קיעוו וולאַדימיר אָדער „וולאדימיר מאָנאָמאך“ אָפיציעל אָנגענומען, דעם קריסטלעך ביזאנטישן גלויבן. מיט דעם אָננעמען פון דעם קריסטלעכן גלויבן ביי די רוסן, האָט די ביזאנטישע אימפּעריע פטור געוואָרן פון איינעם פון אירע גרעסטע געגנער.

ארום דער אייגענער צייט, האָבן די בולגאַרן, וואָס האָבן געפירט מלחמות מיט די ביזאנטיער אָנגענומען דעם קריסטלאך ביזאַנטישן גלויבן, אַ דאנק דער ווירקונג פון די שוועסטער פון זייערן אַ קעניג „באָגאַריס“ וועלכע איז ערצויגן געוואָרן, אַלס א געפאַנגענע אין קאָנסטאַנטינאָפּל און שפּעטער אַלס א קריסטין אומגעקערט געוואָרן צו איר לאַנד. בולגאריע איז געווען שיין דעמאָלט פארפלייצט פון מיסיאָנערן און באַפרייטע קנעכט בולגאַרן, וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און זיך אומגעקערט צו זייער לאַנד און פאַרשפּרייט דעם קריסטלעך ביזאנטישן גלויבן.

אין דער אייגענער צייט, איז די פערסישע מאָנארכיע אַרונטער געפאלן, אונטער דער הערשאַפט פון די סאַראַצענער און פאַר פיר הונדערט יאָר ניט אויפגעהערט צו פירן, מלחמות מיט דער ביזאנטישער אימפעריע, ביז זי איז פון זיי באַזיגט און פאַרניכטעט געוואָרן אין דעם יאָר 1204. אין די יאָרן האָבן צווישן, די צוויי אימפעריעס געשפילט אַ ראָלע די צוויי נאָמאדישע פעלקער, די בולגאַרן און די כאזארן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אמאָל אויף דער זייט פון די ביזאנטיער און אמאָל אויף דער זייט פון די פערסיער.

אין איינע פון די מלחמות, צווישן די בולגאַרן און די ביזאנטיער אין דעם יאָר 922, האָבן די ביזאַנטיער גערופן די רוסן וועלכע זיינען נאָר וואָס אַרויף אויף דער וועלט סצענע זיי צו העלפן. די רוסן האָבן צוקלאפט די בול-גאַרן און זיי האָבן שיין מער ניט אַטאַקירט די ביזאנטיער. אין דעם יאָהר 1018 איז בולגאַריע געוואָרן א טייל פון דער ביזאנטישער אימפעריע. מיטן אָננעמען פון דעם קריסטלעך ביזאַנטישן גלויבן ביי, די נאָמאדן און די רוסן, איז די פריינטשאַפט צווישן די סקאנדינאַוויער, די וואַריאגן און די ביזאנטישע הער-שער געוואָרן אַזוי שטארק, אַז אין דער צייט פון דער הערשאפט פון „קאמיעני״, מורא האָבענדיג פאַר איין אויפשטאַנד פון די ביזאנטיער, זיינען גערופן געוואָרן די וואַריאַנען איינצושטילן דעם אויפשטאַנד און צו באַשיצן דעם מאָנארך.

אין דעם יאָהר 747 אין דער צייט פון דער הערשאפט פון קאָנסטאנטין קאפראניוס, האָט א שרעקלאַכע עפידעמיע געבושעוועט אין דער ביזאנטישער אימפעריע. די עפידעמיע האָט אומגעבראכט, כמעט דער גאנצער גריכישער באַפעלקערונג. די וואָס זיינען געבליבן לעבן זיינען צולאָפן פון זייערע היימען. ווען די עפידעמיע האָט זיך איינגעשטילט, זיינען באַזעצטע געגענטן געוואָרן וויסט. די וויסטע געגענטן, זיינען באַזעצט געוואָרן מיט סלאַוון, אלבאניער און אַנדערע פעלקער. דאָס האָט געבראכט אַז די אלטע גריכישע שפראך און די נעמען פון די אלטע שטעט זאָלן פאַרשווינדן און א נייע שפראך און א נייע נאַציאָן זאָל אַרויסוואַקסן, ווערענדיג אַ געמיש פון פעלקער האָט די בי-זאנטישע אימפעריע אָנגעהייבן פאַמעלאך אָפגעשוואכט ווערן. אין דער איי-גענער צייט האָבן די סעלדזשוקן די מזרח טיורקוטישע אימפעריע אָדער ווי מען רופט זיי טערקן, אָנגעהייבן ווערן שטארקער און וואקסן, פאַרנעמענדיג גרויסע טיילן פון קליין אַזיע, זיי האָבן געמאכט פאַר זייער הויפט שטאָט „ניקאָסיא״ ניט ווייט פון קאָנסטאנטינאָפל.

אין דעם יאָר 1095 איז פאָרגעקומען דער ערשטער קרייץ־צוג פון איראָפע קיין אַזיע אין אָנהייב האָט דער קרייץ־צוג געטראָגן, אַ רעליגיעזן כאַראקטער. די קרייץ-ציגלער אַלס קריסטן האָבן זיך געלאָזן קיין ירושלים צו באַפרייען דעם קבר פון יעזוס קריסטוס וואָס איז געווען ביי די טערקישע מאכמעדאנער. די פירער די גלחים, האָבן זיי צוגעזאָגט אַז יעדער, וואָס וועט גרייכן ירושלים



א פּאָגראָם פון די קרייץ-ציגלער

און דאָרטן זיין, וועט אים גאָט מוחל זיין זיינע זינד. די מאסע קרייץ-ציגלער איז באַשטאַנען פון אַ הונגעריגער נאָך אוואנטורעס און רייכקייט באנדע. דער ביזאַנטישער אימפעראטאָר האָט גערעכנט אַז מיט זייער הילף, וועט ער פּטור ווערן פון זיינע שונאים די טערקן און ער האָט זיי ערלויבט דורכגיין זיין לאַנד, אויף זייער וועג קיין ירושלים. אָבער אַזוי שנעל ווי די אונדיסציפּלי־נערטע באַנדע איז אַריין אין זיין לאַנד, האָבן די קרייץ־ציגלער אָנגעהייבן רויבן, פאַרגוואלדיגן און טויטן. מורא האָבענדיג פאַר אַן אויפשטאנד אין זיין לאַנד, האָט זיך דער אימפעראַטאָר (קעניא) זיך געלאָזן מיט די קרייץ־ציגלער. דאָס האָט געמאכט, אַז ער זאָל פאַרלירן דעם אינזל ציפּרוס צו ריטשאַרד פון ענגלאַנד. די באַפעלקערונג פון דער ביזאנטישער אימפעריע, איז געוואָרן אָפּעשוואכט און ניט געהאט קיין כח, זיך צו שטעלן געגן די טערקן. אין דעם יאָר 1204 האָבן די טערקן פאַרנומען דער גאנצער ביזאנטישער אימפעריע, מיט זייער הויפּט שטאָט קאָנסטאנטינאָפּל.

עס איז אונטערגעגאנגען די ביזאנטישע אימפעריע וואָס האָט געהערשט אַרום טויזנט יאָר, אויסנוצנדיג דערביי אַלע מיטלען פון צוטיילן און אָנרייצן די קליינע שוואכע פעלקער, ניט אָפּשטעלענדיג זיך דערביי פאַר קיינע מיטלען מאָרד, אונטערקויף געלט, מתנות, טיטולן, פאַרשקלאפענדיג לענדער און פעלקער צו זייערע הערשער, מאכענדיג דערביי דער קריסטלעכער רעליגיע פאַר א שותף אין די אינטערעסן פון א מאָנארך און זיין הויף און אַ באַנדע אדעל לייט מיט טיטולן וואָס האָבן איינגעפירט לייב־אייגענטום און פאַרשקלאַפט דער מענטשהייט אויף הונדערטער יאָרן.

סלאוון

די כאַזאַרן לייגן אַוועק דעם פונדאַמענט פון דער קולטורעלער און אדמיניסטראַטיווער אייניגקייט פון די סלאַווישע פעקער.

אין די וועלדער וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם גרויסן לאַנד־פלאַך פון עראַאַזיע און אין די בערג האָבן זיך פון אוראַלטע צייטן געפונען פעלקער און שבטים. זיי האָבן זיך דאָרטן געפונען נאָך אין דער צייט פון די רוימער און די גריכן סקיטן און סאַרמאטן וועלכע ווערן דערמאָנט פון די גריכישע היסטאָריקער און אויך פון די רוימישע. עס זיינען דאָ פאָרשער וואָס זאָגן, אַז די סלאַווישע פעלקער זיינען געקומען מיט די גאָטן פון דעם דרום׳דיגן זייט פון דעם באַלטישן ים און זיך צושפּרייט איבער די וועלדער און בערג וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם גרויסן לאַנד־פלאַך. אַנדערע רעכענען אַז צו דער צייט פון דער וואַנדערונג פון די גאָטן, צו די פליינען פון עראָאַזיע,

האָבן זיך די סלאַווישע פעלקער געפּוּנען ביי דעם מזרח׳דיגן ברעג פון דעם טייך ווייסל און פון דאָרטן, האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט איבער די וועלדער אַרום די פליינען.

די סלאַווישע פעלקער וואָס האָבן זיך געפונען אין די עראַאַזישע סטעפּעס האָבן זיך לויט דער רוסישער כראָניקע פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי פעלקער. די אולוטשן און די אוליטשין. די צוויי פעלקער, האָבן זיך געפונען, אין מערב זייט פון דעם טייך דניעפּר. נעבן די צוויי פעלקער, האָט זיך געפונען אַ דריטער סלאַווישער פאָלק, די טיורעצן, וואָס האָבן געוואוינט ביים דניעפּר און ווייטער ביז דעם טייך דונאי. די אַלע פעלקער זיינען פאַרשוואונדן ערשט אין צענטן יאָר-הונדערט באַגעגענען מיר זיי אונזער דעם נאָמען „בראָדניקי״ וואָס מיינט אין רוסיש, וואַנדערער, נאָמאדן. דער סאָציאַלער און קולטורעלער לעבן פון די נאָמאדישע בראָדניקי איז געווען מער ענלאַך צו דעם לעבן פון די נאָמאַדישע פעלקער אין די פליינען ווי צו דעם לעבן פון די סלאַווישע פעלקער אין די וועלדער.

אין די בעוואַלדעטע געגענטן, אין די קאַרפּאַטישע בערג, און אַרום די טייכן און אָזערעס פון דער צפון׳דיגער זייט פון די פליינען האָבן זיך געפונען קרובישע סלאַווישע פעלקער. די פעלקער האָבן זיך באַשעפטיגט מיט יאגד, פיש פאַנג און ערד אַרבעט און געלעבט אונטער אַנדערע קולטורן און סאָציאַלע אָרדענונגען, ווי די נאָמאַדישע פעלקער, אין די פליינען פון עראַאַזיע. די פעלקער זייען געווען, די „ווייסע כאָרוואַטן״ אין די קאַרפּאַטן בערג. די דולעבן בוזאַנען, וואָהלינער, אין צפון׳דיגן זייט פון דעם בוג, וואָס פאַלט אַריין אין דעם ווייסל. פאָליאַנער אין דעם באַרגיגן געגענט אַרום דעם דניעפּר וואו די כאַזאַרן האָבן אויסגעבויט דער שטאָט „סאמבאַדאס״ וואָס די סלאַוון האָבן שפּעטער גערופן „קיעוו. די דערערוואָליאַנער, אין די וועלדער, אין דעם דרום־מערב זייט פון דעם לאַנד פון די פאַליאַנער, די דרוגיוויטשי, ביי דעם טייך פּריפּיעט, די ראַדימיטשי ביי דעם טייך אָקאָ, וואָס גיסט זיך אַריין אין דער וואָלגאַ און אַ פאָלק וואָס האָט זיך גערופן צפון׳דיגע סלאַוון און געוואוינט ביי דער לאַדאָגאַ אָזערע און פינישן ים אויסגוס. דער פאָלק האָט אויסגעבויט דער שטאָט „נאָוואָגראָד״.

די אַלע פעלקער אויסער די כאָרוואַטן, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ שטיקל פאָרם פון א מלוכה מיט א קעניג אין קראקאָוו, האָבן ניט פאַרמאָגט קיין שום צענטראַליזירטע אדמיניסטראַטיווע איינהייט און קיין מלוכה אָרדנונג, מיט געזעצן. יעדער דאָרף און אמאָל יעדער גרויסע פאַמיליע, זיינען געווען באַזונדערע איינהייטן, מיט פּרימיטיווע געזעצן, אין צייטן פון געפאַר, אָדער ווען עס איז געווען זייער נייטיג, פלעגן זיך די עלצטע פון די דערפער, אָדער שבטים זיך צוזאַמענקומען, אויף אַ פאַרזאמלונג וואָס האָט געהייסן „וועטשע״

און אָנגעמען באשלוסן, אין די אינטערעסן פון די איינוואוינער פון אַלע אַרומיגע שבטים.

לויט די באשרייבונגען פון די מאכמעדאנישע היסטאָריקער אין דער צייט פון די כאַזאַרן זיינען די אלע שבטים און פעלקער געווען טיפּישע איינוואוינער פון וועלדער, יעגער, פישער, און ערד־אַרבעטער. די אַראַבישע היסטאָריקער רופן זיי צקלב. די ביזאַנטישע היסטאָריקער רופן זיי „סלאַוון״., די סלאַוון האָבן זיך געפונען אויף דעם באַלקאַנישן האלב אינזל און פלעגן קעמפן אין דעם ביזאנטישן מיליטער געגן די אַראַבער. די מזרח׳דיגע סלאַוון האָבן זיי גערופן „אנטן״. שפּעטער ווען זיי זיינען געקומען מיט זיי אין פאַרבינדונג האָבן זיי אויך זיי אָנגעהייבן רופן „סלאַוון״, וואָס איז געקומען פון דעם אַראַבישן וואָרט צקלב, וואָס מיינט אין אַראַביש וואַלד איינוואוינער. חוץ די סלאַוון האָבן אין די צפון וועלדער געוואוינט פינישע פעלקער, די סלאַוון האָבן זיי גערופן „מאָרדווא״. די פינישע פעלקער האָבן זיך ביסלעכוויז, אויס־געמישט מיט די סלאַווישע פעלקער.

אין דער רוסישער כראָניקע ווערט דערציילט אַז אין דער צייט ווען אויף די בערגלאַך ארום דניעפּר אין קיעוו האָט זיך געפונען כאזאריש מיליטער, האָבן זיך צו זיי געווענדעט די פּאָליאַנער וואָס האָבן געוואוינט אין יענעם געגענט און זיי געבעטן זיי צו באשיצן, פון זייערע שכנים די דרעווליאַנער און פון אַנדערע שכנים, דערפאַר האָבן די פּאָליאַנער זיי צוגעזאָגט צו צאָלן ספּעציעלע צינזן פאַר באשיצן זיי.

פונוואַנען קומט דער נאָמען רוס

לויט ווערנאַדסקי, אַ רוסישער היסטאָריקער

אין אָנהייב פון פערטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט רעכענונג, האָט אַן איראנישער פאָלק די „סאַרמאטן״ אָנגעהייבן צו דריקן די סקיפן די איינוואוינער פון די וועלדער. ביי די ענדע פון 2טן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט־רעכענונג, האָבן זיי אָנגעהייבן צו אָקופּירן, די ברעגעס פון שווארצן ים. צווישן די סאַרמאטן איז דער שטארקסטער שבט געווען די אַלאַנען. אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן זיינען זיי געווען באַרימט אַלס גוטע רייטער, געניטע בעלי מלאכות צו מאכן געווער און צירונג. זייער געווער, איז באשטאַנען פון לאַנגע שפּיזן און לאַנגע שווערדן, איבערבלייבאכצן פון זייערע שווערדן און שפּיזן זיינען אנטדעקט געוואָרן אין צפון קאַווקאז און דרום רוסלאַנד. אין דעם יאָר 1864 איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין נאָוואָ־טשער־קאַס אַן אוצר וואָס האָט באַלאַנגט צו אַן אַלאַנישן קעניג, וואָס האָט געלעבט אין צווייטן יאָרהונדערט, נייע צייט רעכענונג.

כאָטש די אלאנער זיינען געווען נאָמאדן, פלעגן פון צייט צו צייט אַ סך פון זייערע שבטים זיך באַזעצן און זיך באשעפטיגן מיט ערד־ארבעט, אויסמישענדיג זיך מיט דער היימישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך באשעפטיגט מיט ערד אַרבעט. דערביי פלעגן זיי אונטערדריקן, דער היימישער באַפעלקרונג. א סך פון די אַלטע סלאווישע פרינצן טראָגן אַלאַנישע נעמען, און איינער פון די שטארקסטע סלאָווישע שבטים די „אַנטן" זיינען געווען פון אלאנישער אָפשטאמונג.

די קאווקאזער אַלאַנער, האָט מען גערופן „אַס" אָדער אָס. עס זיינען נאָך היינט דאָ שבטים אין קאווקאז וואָס טראָגן נאָך דעם נאָמען אסעטן. איין שבט צווישן די אַלאַנער איז געווען באוואוסט מיט דעם נאָמען רוקס-אָס די ליכטיגע אָדער בריליאנטענע אַלאנער פון דעם נאָמען „רוקס" אָדער ראס שטאמט דאָס דער נאָמען „רוס".

„רוס" ווערט דערמאָנט אין דער סירישער כראָניק אין דעם מיטן פון 6טן יאָרהונדערט. אין דער אייגענער צייט האָט דער גאָטישער געשיכטע שרייבער וואָס האָט געשריבן אין לאטיין „יאָרדאַנעס" געשריבן וועגן די אנטן, וואָס האָבן שיין אין פערטן יאָר-הונדערט, אַנטוויקלט אַן אָרגאַניזירטער מלוכה. די סלאַוון אָדער אנטן מיט דעם נאָמען רוס האָבן געפירט מיט די ביזאַנטיער אַן אונענדליכע מלחמה. און אין דעם 7טן יאָר־הונדערט אָקופירט דעם באלקאנישן האַלב אינזל ביז צו דעם עגעאישן און אַדריאַטישן ים.

אין דער אייגענער צייט האָבן די אַלאַנען און סלאַוון פון דער נידעריגער זייט פון דאָן און אזאָוו ים, די וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען אָס אָדער רוס געוואָרן כאזארישע אונטערטאנען. אין אַ געוויסן זין זיינען זיי ניט געווען קיין אונטערטאַנען נאָר פאַרבינדעטע. זיי האָבן פאַרמאָגט אַן אויטאָנאָמיע, און אין צייט פון געפאַר, זיינען זיי געווען פאַרפליכטעט צו שיקן מיליטער, אַרויסצוהעלפן די כאזארן. די מיליטער האָט געהאט איר אויטאָנאָמיע און געקעמפט אונטער זייערע אייגענע קאָמאנדירן. די גאַנצע אַלאַנאַ-סלאַווישע בריגאַדע, איז געפירט געוואָרן אונטער דער קאָמאנדאָ פון אַ קאָמאנדיר, וואָס האָט געהייסן אסטראכאן, פון דעם קומט דער נאָמען פון דער שטאָט אַסטראכאן.

אין דעם מיטן פון זיבעטן יאָר־הונדערט, האָבן די כאַזאַרן און זייערע פאַרבינדעטע די אַלאַן־סלאווא־רוסן דורכגעפירט א צאָל מלחמות מיט די אַראַבער אין דרום. זיי האָבן געהאט גענוג כוחות צו פאַרטרייבן, די אַראַבער אין טראנסקאווקאז. אין 737 האָבן די כאזארן און די סלאַוואָ־דוסן, געליטן אַ שרעקלאַכע נידערלאַגע פון די אַראַבער און אַרויסגעטריבן געוואָרן פון קאווקאז, אַזוי ווייט ווי ביז דעם צפון זייט פון דאָן. אין דער שלאכט זיינען אריבער צוואנציג טויזנט סלאַוון גענומען געוואָרן געפאנגען און טראנספאָרטירט גע-

וואָרן קיין סיריע. די פּאָליטישע רעזולטאַטן פון דער שלאַכט זיינען געווען, אַז די סלאַוון און רוס וועלכע זיינען געווען פאַרבינדעטע צו די כאַזאַרן, האָבן פאַרלאָרן זייער גלויבן אין די כאַזאַרן, אַז זיי קענען זיין זייערע באַשיצער און זיי האָבן אָנגעהייבן זוכן אַנדערע פאַרבינדעטע. דאָס האָבן אויסגענוצט די אַגרעסיווע נאָרמאַנען און געוואָרן זייערע פאַרבינדעטע.

אין אָנהייב האָבן די נאָרמאַנישע פאַרבינדעטע פון די סלאַוון, אויסגעפּילט זייער פאַרפּליכטונגען צו די כאזארן ווי די אַלאַנער, זיי האָבן נאָר געענדערט דעם טיטול פון קאָמאַנדיר פון אַסטראַכאַן, צו רוסטאַרכאַן (הערשער פון רוס). מיט דער צייט אויסנוצענדיג, דאָס, וואָס די כאַזאַרן, זיינען געוואָרן אָפּגעשוואַכט פון א צווייטער אַראַבישער מלחמה, האָט אין דעם יאָר 825 דער נאָרמאַניש רוסישער קאָמאַנדיר זיך אָפּגעריסן פון די כאַזאַרן און זיך פּראָקלאַמירט אַלס זעלבסשטענדיג, נעמענדיג פאַר זיך דעם טיטול רוסישער קאַגאַן און מאַכנדיג פאַר זיין הויפּט שטאָט טמוטאַרקאַן אויף דעם טאַמאַן האַלב אינזל.

אין דעם 6טן און 7טן יאָר־הונדערט, איידער די טעווטאָנען און נאָרמאַנען זיינען געוואָרן די הערשער פון די סלאַוון און פון וועלכען עס איז שפּעטער אַרויסגעקומען דער אַדעל, וואָס האָט געהערשט איבער די סלאַוון, זיינען שיין די וועלדער, בערג און די געגענטן ארום די טייכן און אָזערעס, ווי עס האָבן געוואוינט די סלאַוון געווען איינגעטיילט אין באַזונדערע אדמיניסטראַטיווע צענטערן. מיט גרעניצן, האנדלס־שטעט. אין דער שפּיץ פון די צענטערן אָדער קניאזשעסטוועס, זיינען געשטאַנען קניאזן פון דער אייגנער היימישער באַפעלקערונג, אָדער פון כאַזאַרישע בעאַמטע. אין יענער צייט איז קיינער אין יענע ערטער ניט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכע שטופע פון ענטוויקלונג און קולטור ווי די כאַזאַרן און קיינער חוץ זיי האָט ניט געקענט שאַפן אזא אָרגאניזירטע, צענטראַליזירטע, אדמיניסטראַטיווע מאַכט ווי עס האָבן געהאט אין דעם 6טן און 7טן יאָרהונדערט די סלאַוון.

, אין דעם 9טן יאָר־הונדערט ווען די טעווטאָנען און נאָרמאַנען האָבן געגרינדעט די דינאַסטיע פון די ריוראָקיוויטשעס און געוואָרן די הערשער פון די צפונדיגע סלאַוון האָבן זיי שיין געטראָפן די סלאַווישע פעלקער אָרגאניזירט אין קניאזשעסטוועס, מיט פרייע וועטשעס וועלכע די טעווטאָנער און נאָרמאַנער האָבן אונטערדריקט און איינגעפירט לייב־אייגנטום. מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די פונדאַמענטן פון די סלאַווישע מלוכות פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעוואקסן דער סאָוועטן פאַרבאנד, פוילן, און אַלע אַנדערע סלאַווישע מלוכות איז געלייגט געוואָרן ביי די כאַזאַרן.

די מיליטער פון די איינוואוינער פון די וועלדער די סלאַוון איז באַשטאַנען פון פוס־גייער אינפאַנטעריע). זיי זיינען געווען פעאיג צו באַשיצן זייערע היימען, זייערע שטעט אָבער ניט אונטערנעמען קיין ווייטע אַטאַקירנדע

רייזעס, דעריבער ווערן זיי ניט דערמאָנט קיין סך ביי די געשיכטע שרייבער פון די אַראַבער און ביזאַנטיער. די כאַזאַרן און די נאָמאַדישע פעלקער פון וועלכע עס איז באַשטאַנען זייער אימפעריע, איז באַשטאַנען פון רייטער אויף פערד אויף וועלכע זיי האָבן זיך געקענט שנעל באַוועגן אויף ווייטע שטרעקעס און קעמפן אַמאָל אויף דעם זייט פון די אַראַבער און אַמאָל אויף דעם זייט פון ביזאַנטיע. דעריבער ווערן זיי דערמאָנט, מער ביי די היסטאָריקער פון יענער צייט.

די שרייבער פון דער רוסישער געשיכטע האָבן ווייניג געשריבן וועגן די כאַזאַרן ניט קוקנדיג וואָס דער אָנפאַנג פון דער רוסישער געשיכטע איז פאַרבונדן מיט די כאַזאַרן. דאָס איז דערפאַר ערשטנס ווייל די טעווטאָנישע און נאָרמאַנישע הערשער וואָס האָבן געהערשט איבער די סלאַוון זיינען געוואָרן דער אַדעל פון די סלאַוון און שפּעטער אָנגענומען דעם ביזאַנטישן קריסטלעכן גלויבן. אַלס הערשער פון די סלאַוון זיינען זיי געווען פאַראינטערעסירט אויסצומעקן די קולטורעלע און אַדמיניסטראַטיווע אויפטואונגען פון די כאַזאַרן און צורעכענען זיי צו זייער קרעדיט. די צווייטע זאַך איז ווען מען האָט אָנגעהייבן שרייבן דער רוסישער געשיכטע זיינען שיין די כאַזאַרן אראָפּ פון דער וועלט סצענע און פון די כאַזאַרן איז פאַרבליבן נאָר מונדלאַכע איבערגעבונגען און דאָס אויך ניט קיין סך און ניט קיין גענויע. די „בילינעס" אַלטע מונדלאַכע ערציילונגען ווערט אין איינער פון די בילינעס דערציילט וועגן דער צייט פון קעניג „קאָרסאר". אין דער בילינע ווערט דערציילט וועגן אַן אַלטער פאַרגעסענער צייט ווען עס האָט געהערשט דער קעניג קאָרסאר.

די איינוואוינער פון די וועלדער, האָבן געצאָלט צינזן צו די כאַזאַרן, זייער צינז איז באַשטאַנען פון אַ פעלכל פון א ווייסע וועווערקע, פאַר יעדן איינעם פון דער פאַמיליע. מיט דעם פאַרוואַנדלן פון די וועלדער אין אַקערלאַנד און מיט דער פאַרשווינדונג פון די וועלדער איז זייער צינז באַשטאַנען פון האָניג, וואַקס, און מטבעות, וועלכע די כאַזאַרן האָבן גערופן „שלאגס". עס מוז זיין „שילינגס" א שלאג צו אַ פאַמיליע.

דער גלויבן פון די סלאַוון איז געווען א געצענדינערשער. זיי האָבן געגלויבט צו דעם גאָט פון דונער פערון. אין זייער גלויבן איז געווען אַ סך פון דעם הוהנישן קולט, זיי פלעגן טויטן און באַגראָבן צוזאמען מיט דעם קניאז זיינע דינער, ווייב, און פערד.

אין 10טן יאָר־הונדערט ווען דער קניאז וולאַדימיר אַן אָפּשטאַמיגער פון דער ריוריק דינאַסטיע, וועלכע איז געווען א נאָרמאַנישע האָט אָנגענומען דעם ביזאַנטיש, גריכיש קאַטוילישן גלויבן, איז דער גריכיש קאַטוילישער גלויבן אין אָנהייב געווען, דער גלויבן פון די באָיארן (פּריצים). צום פאָלק האָט זיך

קיינמאָל ניט צוגעקלעפּט שטאַרק דער קריסטלעך ביזאַנטיש קאַטוילישער גלויבן. ביז דער רעוואָלוציע איז דער קריסטלעך ביזאנטישער גלויבן געווען דער גלויבן פון דער מלוכה און זיינע באַדינער. די גלחים, בעאמטע פון דער מלוכה פון וועלכער זיי האָבן געקראָגן באַצאָלט. צייטנווייז זיינען זיי אַפילו געווען שפּיאָנען. די סלאַווישע פעלקער און ספּעציעל דער רוסישער פאָלק זיינען שטענדיג געווען פריי און אונגלויביג, אין די בילינעס ווערן אָפּגע-לאַכט די גלחים, זיי ווערן גערופן „פּאָפּעס״. די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור איז פול מיט שפּאָטישע ערציילונגען פון די פּאָפּעס, מאנאָסטירן, מאָנאַכן און נאָנעס. די צאַרישע רעגירונג האָט געמוזט אָנווענדן שטרייגגע שטראָפן געגן די גאָטס לעסטערער, ווי מען האָט זיי גערופן (בעזבאָזשניקי), ווען 90 פּראָצענט פון דעם רוסישן פאָלק זיינען געווען שקלאַפן ביי דעם אַדל, וואָס איז מייסטנס ניט געווען קיין רוסישער און די שקלאַפעריי, האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט ניט אָפּשטעלנדיג זיך אַפילו פאַר לייב עקזעקוציעס, שמייסן, שלאָגן א. אז. וו. איז קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן קיין וואָרט פון די דינער פון דעם ביזאנטיש-קריסטלעכער רעליגיע קעגן די אונטערדריקער פון פאָלק. עס איז ניט געווען אין דעם צאַרישן רוסלאַנד קיין איין הומאניטארע אינסטיטוציע ווי האָספּיטעלער, קינדער-היימען, היימען פאַר עלטערע מענטשן געבויט און אויפגעהאלטן בא די באַדינער פון דעם בי-זאנטיש קריסטלעכן גלויבן אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן אויף רוסיש „פּראַוואָסלאַווּנע״.

אידישע אינפאָרמאַציע
וועגן די כאַזאַרן

די קאָרעספּאָנדענץ צווישן רבי חסדאי אבן שפּרוט און דעם כאזאַרישן קעניג יוסף

רבי חסדאי אבן שפּרוט בן יצחק האָט באַלאַנגט צו אַ רייכער אידישער משפּחה אין קאָרדאָווא, געבוירן אַרום 915 געשטאָרבן אַרום 970. זיין פאָטער יצחק איז געווען שטאַרק חשוב אין דער אידישער קהילה און געהאַט דעם שם פון אַ מעצענאַט, באַשיצער פון געלערנטע און פּאָעטן. רבי חסדאי האָט געקראָגן אַ ברייטע וועלטלאַכע בילדונג, אויסער העברעאיש און אַראַביש האָט ער אויך געקענט די ראָמאַנישע דיאַלעקטן פון שפּאַניע, די ליטעראַרישע שפּראַך פון דער דעמאָלטיגער קריסטלעכער וועלט „לאַטין“. ער האָט שטודירט מעדיצין. צוליב זיין פּראַקטישן שכל און זיין ענערגיע, האָט ער געפונען חן אין די אויגן פון דעם כאַליף אבדור־ראַכמאַן. צום ערשט איז ער געוואָרן זיין הויפּט דאָקטאָר שפּעטער האָט דער כאַליף אים אָנגעטרויט די פירונג פון זיינע מלוכה פינאַנצן, און צום סוף אים געמאַכט פאַר זיין הויפּט פאַרמיטלער אין זיינע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט אַנדערע מלוכות.

אין זיינע דיפּלאָמאַטישע טעטיגקייטן האָט ער געדאַרפט שטיין אין פאַרבינדונג מיט פאָרשטייער פון אַנדערע מלוכות און מיט געסט פון ווייטע לענדער און דורך זיי, האָט ער געזוכט מיטלען זיך צו פאַרבינדן מיט אידן פון ווייטע לענדער. שלוחים פון כאַראַסאַן (פּערסיע) האָבן אים דערציילט, אַז ביי דער אונטערשטער וואָלגאַ, וועלכע פאַלט אַריין אין קאַספּישן ים אין דער לאַנד פון די כוזרים הערשן מלכים וואָס האַלטן פון דער אידישער אמונה. חסדאי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי די שלוחים פון ביזאַנטיע, אייב דאָס איז אמת. די ביזאַנטיער שליחים האָבן דאָס באַשטעטיגט און אים דערציילט אַז דער מלך פון די כוזרים הייסט יוסף און פון זייער לאַנד פירן די גריכן אַרויס פיש, פעל, האָניג, און אַנדערע פּראָדוקטן. רבי חסדאי האָט באַשלאָסן זיך צו פאַרבינדן מיט דער מלוכה פון די כוזרים.

ער האָט אַוועקגעשיקט דורך קאָנסטאַנטינאָפּל אַ שליח מיט דעם נאָמען יצחק בן נתן, ער האָט אים מיטגעגעבן אַ בריוו צו דעם ביזאַנטישן קייסער ער זאָל העלפן דעם שליח דורכצופאָרן ביז דעם לאַנד פון די כוזרים. דער ביזאַנטישער קעניג האָט ניט געוואָלט אַז צווישן דעם מאַכמעדאַנישן לאַנד און איר אידעשן הייכן בעאַמטן זאָלן אייגעשטעלט ווערן דירעקטע פאַרבינדונגען מיט דעם כוזרישן קעניג. האָט מען דעם שליח פון קאָרדאָווע אונטער פאַרשידענע תירוצים פאַרהאַלטן אין קאָנסטאַנטינאָפּל און אין אַ האַלב יאָר

ארום אים אָפּגעשיקט צוריק קיין קאָרדאָווע, מיט דעם קיסרס ענטפער אַז פאָרן אין די כוזרים לאַנד, איבער די ברעגעס פון שווארצן ים איז זייער שווער און פול מיט סכנות, ווייל מען דאַרף דורכפאָרן לענדער וואו פאַרשידענע שבטים פירן צווישן זיך מלחמות.

רבי חסדאי האָט געזען אַז מיט די ביזאנטיער קען ער גאָרניט מאכן האָט ער אָנגעהייבן פירן אונטערהאנדלונגען מיט דעם קעניג פון די גבלים (סלאוון אָדער בולגאַרן) וואָס צווישן זיי זיינען געווען צוויי אידן מר שמואל און מר יוסף און זיי האָבן זיך אונטערגענומען איבערצושיקן דעם בריוו פון רבי חסדאי צו דעם קעניג פון די כוזרים, דורך בולגאריע און רוס. אין זיין בריוו געשריבן אין העברעאיש דערציילט רבי חסדאי דעם קעניג פון די כוזרים וועגן דעם מצב פון די אידן אין קאָרדאָווער כאַליפאַט.

דער נאָמען פון דעם לאַנד, וואו מיר וואוינען שרייבט רבי חסדאי הייסט אין העברעאיש ספרד און אויף דער שפּראך פון די איינוואוינער די ישמעאלים אנדאלוזוס, אַנדלוזיע) דער נאָמען פון דער הויפּט שטאָט פון דער מלוכה איז קורטובה (קורדובה — קאָרדאָווע). דער נאָמען פון אונזער קעניג איז עבד אל רחמן. זיין נאָמען, איז אומעטום באוואוסט און עס איז ניט געווען קיין גלייכן צו אים, צווישן די פריערדיגע מלכים. אונזער לאַנד איז רייך מיט קוואלן און ברונימער, אַ לאנד פון תבואה, וויין און בוימל, רייך מיט פירות און זיסקייטן, גרינס גערטנער און פרוכט גערטנער, אלע מינים בוימער, וואָס טראָגן פירות און זייד. בא אונז איז פאַראַן א סך זיידנס, סוחרים און הענדלער קומען זיך צו אונז צונויף פון אַלע לענדער, ווייטע אינזלען, פון מצרים, און אַנדערע לענדער, זיי ברייגנען צופירן בשמים און דימענטן.

אונזער קעניג, פארמאָגט אוצרות מיט גאָלד, זילבער און אלערליי טייערע זאכן, זיין יעריגע הכנסה, וואָס קומט אריין צו מיר באטרעפט הונדערט גאָל־דענע רענדלאך. דאָס איז די הכנסה נאָר פון די פרעמדע סוחרים, וואָס זייערע געשעפטן גייען דורך מיר און דורך מיינע באפעלן. די מלכים פון גאָר דער וועלט שיקן צו אים מתנות. דאָס זייבען די מלכים פון אשכנז, (דייטשלאנד) פון די גבלים, (סלאוון) קונשטנטינה (קאָנסטאנטינאָפּל) און אַנדערע, אַלע זייערע מתנות גייען דורך מיינע הענט.

ווייטער דערציילט רבי חסדאי, ווי אַזוי ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי די פרעמד לענדישע שלוחים, וואָס קומען קיין קאָרדאָווא, וועגן דעם אומ־אָפּהענגיגן קעניגרייך פון דעם שארית ישראל און ווי אַזוי ער איז סוף כל סוף געוואָרע געוואָרן, וועגן דעם לאַנד „אַל כאזאר" און ווי אַזוי ער האָט געזוכט מענטשן איבערצושיקן זיין בריוו. ער שטעלט דעם קעניג פון די כוזרים אַ סך פראַגעס ,וועגן דער געאָגראפישער לאַגע פון זיין לאַנד, איר באפעלקערונג, וועגן דער מלוכה אָרדענונג, באזונדערס, וועגן דער דינאַסטיע וואָס קעניגט

איצטער. מיר ווילט זיך וויסן דעם אמת שרייבט ער, צי איז טאַקע דאָ אויף דער ערד אַן אָרט וואו דאָס צעשפּרייטע פאָלק ישראל, האָט טאקע אן אייגענע ממשלה, ווען דאָס איז אמת, וואָלט איך זיך אָפּגעזאָגט פון אלע מיינע כבודים, וואָלט אַוועקגעוואָרפן מיין הויכן פּאָסטן, פאַרלאָזן מיין פאַמיליע און וואָלט געגאַנגען איבער בערג און טאָלן, איבער דער יבשה און איבער דעם ים, ביז איך וואָלט געקומען אין יענעם אָרט וואו עס וואוינט מיין האַר דער קעניג, איך וואָלט געזען זיין גדולה און זיין כבוד. די סוויטע וואָס רינגלט אים אַרום. איך וואָלט געזען, ווי עס לעבט רואיג די שארית ישראל. נאָך א בקשה האָב איך מיר צו לאָזן וויסן, האָט איר ידיעות וועגן קץ הימים? (ווען משיח וועט קומען) וואָס מיר וואַרטן אויף אים אַזוי לאַנג, וואָגלענדיג פון לאַנד צו לאנד. באַרויבט פון כבוד, דערנידעריגט אין גלות. האָבן מיר גאָר־ניט צו ענטפערן, די וואָס זאָגן אונז, יעדער פאָלק האָט א מלוכה איר אָבער האָט אויף דער ערד קיין סימן ניט פון א מלוכה.

ליידער איז דער ווילן פון רבי חסדאי צו באזוכן כאזאריע ניט פאַרווירק־ליכט געוואָרן. רבי חסדאי האָט אָפּגעשיקט זיין בריוו אין דעם לאַנד פון די כוזרים אַן ערך אין דעם יאָר 955 און אין עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער געקראָגן אַן ענטפער פון דעם דאָרטיגן קעניג אָדער כאגאן יוסף.

ארום דעם יאָר 970 אָדער 976 איז געשטאָרבן רבי חסדאי אבן שפרוט, ארום דעם יאָר 968—969 איז צושטערט געוואָרן די הויפּט שטאָט פון די כוזרים דורך דעם קניאז פון קיעוו סוויאטאָסלאוו.

דער בריוו פון רבי חסדאי אבן שפרוט איז פאַרעפענטליכט געוואָרן ארום דעם יאָר 1577 און איז באַוואוסט געוואָרן איבער דער וועלט אין יאָר 1660, ווען בוקסדאָרף האָט אים פאַרעפענטליכט. אין דעם יאָר 1912 האָט דער וויסנשאפט מאן שלמה שעכטער פון ניו יאָרק געפונען אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט אַן ענטפער אויף דעם בריוו פון רבי חסדאי אבן שפרוט, דאָס זיינען געווען פראַגמענטן פון אַ בריוו וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פריער פון דעם בריוו פון קעניג יוסף. די פראַגמענטן פון בריוו, זיינען ניט געשריבן פון אַן אָפיציעלן בעאמטן פון קעניג יוסף, נאָר ביי אַ כאַזאַרישן אידן, וואָס האָט געוואוינט אין קאָנסטאנטינאָפּל.

די בריוו האָבן אַרויסגערופן אַ צווייפל ביי אַ סך געלערנטע אין זייער אוי־טענטישקייט. עס זיינען דאָ אַ סך געלערנטע, וואָס האַלטן אַז די בריוו זיינען פאַלסיפיצירטע, אָבער ווי עס ווייזט אויס איז די מיינונג ניט קיין ריכטיגע. די מיינונג קומט מערסטנס פון דער אידן פיינטלאכער באַציאונג פון אַ סך היסטאָריקער. טיילן פון אינהאלט פון ענטפער פון בריוו פון קעניג יוסף, ווערן געבראַכט אין א חבור פון יהודה ברזילאי וועלכער באציט זיך אויף

דער צייט פון די יאָרן 1090—1105. אין יענעם חבור, ווערט דערמאָנט וועגן דעם בריוו פון דעם כאַזאַרישן אידן אין קאָנסטאַנטינאָפּל.

אינפאָרמאציע פון בריוו פון קעניג יוסף ווערט אויך געבראַכט אין אַ חבור פון 12טן יאָרהונדערט פון אברהם בן דוד. דעם חבור האָט יצחק אַקרישו פאַרעפנטליכט אין דעם יאָר 1577. עס איז אוממעגלאַך, אַז בריוו וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן פון אַלטע און זיכערע קוואַלן זאָלן זיין פאַלסיפיצירט. עס איז מעגלאַך אַז די בריוו, ספּעציעל דער בריוו פון קעניג יוסף זאָלן האָבן דורכגעמאַכט ענדערונגען אין דעם פּראָצעס פון די שפּעטערדיגע איבערשרייבונגען. אָבער דער פאַקט בלייבט אַז די אינהאַלטן פון דעם בריוו זיינען אויטענטישע דאָקומענטן.

דער סטיל פון בריוו פון קעניג יוסף ווייזט, אַז דער שרייבער פון בריוו איז געווען באַהאַוונט אין דער תלמודישער און אין דער מדרש ליטעראַטור. די פראַגמענטן פון צווייטן בריוו פון דעם קעמברידזש אַנאָנים, איז ניט אַזוי סטיליסטיש נאָר אויך צונויפגעשטעלט פון אַ מענטשן וואָס איז געווען באַהאַוונט אין דער תלמוד און מדרש ליטעראַטור. אינטערעסאַנט איז, וואָס אין דער צייט, וואָס אין בריוו פון קעניג יוסף רופט ער אָן אַ סך ערטער מיט תנכ׳ישע נעמען ווי (אדום, ישמעאל) איז אין דעם אַנאָנימן בריוו. ווערן זיי גערופן מיט זייערע עטנישע נעמען ווי (מאַקעדאָניער, אַראַבער).

די אויפדעקונג אין 20טן יאָרהונדערט פון דער גניזה (געניזע). גניזה מיינט אין העברעאיש „פאַרבעהאַלטונג״, לויט דעם אידעשן דין טאָר מען ניט פאַרניכטן קיינע שריפטן וואָס זיינען געשריבן אָדער געדרוקט אין דער העברעאישער שפּראַך, נאָר מען דאַרף זיי פאַרבעהאַלטן אין ספּעציעלע ערטער. אַזעלכע פאַרבעהאַלטונגס ערטער „גניזות״ געפינען זיך אַרום אַלטע שולן, בית עלמינס. אין קאַיראָ אין אַן אַלטער שול האָט זיך געפונען אַ גניזה. אין פאַרלויף פון יאָרהונדעטער האָבן זיך דאָרטן אָנגעקליבן אַ סך אַלטע שריפטן. אין איינעם פון די אַלטע שריפטן, האָט מען געפונען פראַגמענטן פון דעם בריוו וואָס רבי חסדאי האָט געשיקט צו דעם ביזאַנטישן קייסער. די בריוו האָבן באַלאַנגט צו מנחם בן סרוק, אַ סעקרעטאַר ביי רבי חסדאי אבן שפּרוט. רבי מנחם בן סרוק איז געווען דער, וואָס האָט אָנגעשריבן דעם בריוו צו דעם קעניג פון די כאַזאַרן. דער נאָמען מנחם בן סרוק ווערט אונטערגעשטראָכן אונטער דעם נאָמען פון זיין בעל הבית חסדאי אבן שפּרוט, איינער פון די פראַגמענטן פון דעם בריוו, וואָס מען האָט געפונען אין דער גניזה איז אַדרעסירט צום ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין באַגריאַנאַראָדני און צו זיין טאָכטער אַגאַפּינא. אין בריוו האַנדלט זיך וועגן יצחק בן נתן מיט וועלכן מען האָט געשיקט אַ בריוו צום כאַזאַרישן קעניג. חסדאי בעט דעם ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר, געבן אים און זיינע מענטשן אַ שיף זיי זאָלן קענען גרייכן די

כאַזאַרן. די פּיינטליכע און פאַרעטערישע באַציאונגען פון דער ביזאנטישער אימפּעריע צו די כאַזאַרן אין צענטן יאָרהונדערט, האָבן ניט ערלויבט נאָכ־צוקומען די ביטע פון רבי חסדאי. כדי ניט צו פאַרלירן די פריינטשאפט פון דעם הייכן בעאמטן פון דער אַראַבישער מלוכה, איז געגעבן געוואָרן אַ מעג־ליכקייט, אַ כאַזאַרישן אידן וואָס האָט געוואוינט אין קאָנסטאנטינאָפּל, ענטפערן אויף רבי חסדאי אבן שפרוטס בריוו. און ווייל דער ערשטער פרוף פון רבי קסדאי אבן שפרוט צו דעם ביזאנטישן הויף האָט זיך נישט איינגעגעבן, האָט רבי חסדאי זיך געמוזט צופרידענשטעלן מיט דעם בריוו פון דעם כאַזאַרישן אידן וואָס האָט זיך דענסטמאָל געפונען אין קאָנסטאנטינאָפּל. ווי עס ווייזט אויס איז דער ציל פון דעם ביזאַנטישן קייסער געווען, אַז ווען רבי חסדאי וועט קריגן דעם בריוו, וועט ער זיך צופרידענשטעלן און דערמיט וועט זיך דאָס ענדיגן. אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג פאַר רבי חסדאי, קריגנדיג אַן ענטפער פון ביזאנטישן אימפּעראטאָר קאָנסטאַנטין, וועגן דער אונמעגליכקייט פון פאַרבינדן אים מיט די כאַזאַרן דורך ביזאנטיע, האָט ער געשיקט א בריוו צו דעם כאַזאַרישן קעניג, ניט דורך שיפן נאָר דורך דער יבשה, איבער גאַנץ איראָפּע און דורך דעם וועג געקראָגן זיין ענטפער ווי מיר האָבן פריער דערציילט.

דער בריוו פון יוסף דעם קעניג פון די כאזארן צו צו רבי חסדאי אבן שפרוט

א טייל פון דעם בריוו פון קעניג יוסף צו רבי חסדאי

צו דעם האַר חסדאי דעם עלצטן פון די גלות אידן. דער זון פון יצחק, דער זון פון עזרה, פון שפאַניע, באַשיינט און באַכבוד'ט ביי אונז. מיר לאָזן דיר וויסן, אַז דיין בכבודיגער בריוו איז אָנגעקומען צו אונז, אין די הענט דורך ר' יעקב דער זון פון אליעזר פון אשכנז און מיר זיינען דערפרייט און צופרידן פון דיין חכמה און געלערנקייט

אין דיין באַשרייבונג דערציילסטו אונז פון דער לענג און גרויס פון אייער לאַנד. די אָפשטאַמונג פון איר פירער „אבד אל רחמן" זיין עקסעלענץ און ווי גאָט האָט אים געהאָלפן צו באַזיגן די לענדער פון מזרח, אַזוי אַז דער רום פון זיין גרויסער פירערשאַפט, האָט זיך צושפרייט, איבער דער גאַנצער ערד און אַלע מלכים האָבן מורא פאַר אים, ווען ניט די שלוחים פון קאָנסטאַנ־טינאָפל, וואָס קומען צו אונז מיט סחורה און וועלכע זיינען געקומען צו דיר און דיר דערציילט דעם אמת, וועגן אונזער מלוכה און רעליגיע, וואָלסטו

געדענקט אַז די געשיכטע פון אונזער לאַנד איז אַן אויסגעקלערטע און דו וואָלסט אין דער גאנצער געשיכטע ניט געגלויבט.

דיין פאַרלאַנג צו ווערן אינפאָרמירט גענוי, וועגן אונזער מלוכה און אונזער אָפּשטאַמונג און ווי אַזוי אונזערע עלטערן האָבן אָנגענומען דעם גלויבן פון ישראל, גאָט האָט געמאכט ליכטיג אונזערע אויגן און צושמעטערט אונ־זערע שונאים, דיין וואונטש צו וויסן גענוי די באַדינגונגען פון אונזער לאַנד, איר לענג און ברייט, די פעלקער, וואָס געפינען זיך אַרום אונז, די וואָס זיינען מיט אונז אין שלום און די וואָס זיינען מיט אונז אין מלחמה. איז דאָ אַ מעגליכקייט אַז אונזערע שלוחים זאָלן קומען צו אייך, צו ווארטן אויף אייער באַליבטן קעניג, וואָס ציט צו מענטשלאכע הערצער, אים צו ליבן פאַר זיין גוט־האַרציגקייט און יושרדיגע אויפפירונג.

ווייל די געצעגדינער זאָגן, אַז ישראל האָט ניט מער אויף דער ערד ניט קיין לאַנד און ניט קיין מלוכה און זיי וואָלטן געהאט נוצן ווען אַזעלכעס וואָלט געווען. זייערע הערצער וואָלטן זיך געפרייט און זיי וואָלטן געהאט א גוטן ענטפער, צו די וואָס זאָגן אַז ישראל, האָט ניט קיין איבערבלייבאכץ און קיין לאַנד. מיר ענטפערן אויף יעדן פונקט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דיין בריוו, מיט צופרידענהייט און אַכטונג צו דיין חכמה, נעמענדיג אין באטראכט דער פראַגע, וואָס דו פרעגסט וועגן אונזער לאַנד און דער הער־שענדיגער ראַסע.

אונזערע אור־עלטערן האָבן זיך שיין איבערגעביטן מיט פריינטלעכע בריוו, ווי עס איז רעקאָרדירט אין אונזערע ביכער און באקאַנט צו די עלצטע פון אונזער לאַנד. איך וויל זאָגן נאָכאמאָל אַז דאָס איז געבליבן א ירושה צווישן אונזערע אורעלטערן און אַ ירושה צו אונזערע קינדער.

דו פרעגסט אין דיין בריוו צו וועלכער פאַמיליע, ראַסע אָדער שבט מיר באַלאַנגען. מיר זיינען די קינדער פון יפּות און תוגרמא זיין זון. אין אונזערע גענעאַלאָגישע רעקאָרדן געפינען מיר אַז תוגרמא האָט געהאַט צען זין דאָס זיינען זייערע נעמען. איגאָר, טיראָס, אַוואר, אוגין, ביזאָל, טארנא. כאַזאַר, זאַנאַר, בולגאַר, און סאַריר. מיר זיינען די אָפּשטאַמיגע פון כאַזאַר דעם זיבעטן זון. אין די רעקאָרדס ווערן געזאָגט אַז זיי זיינען געווען עטליכע און צאָל, נאָר גאָט האָט זיי געגעבן שטארקייט און זיי האָבן געפירט מלחמות מיט גרעסערע און שטארקערע פעלקער פון זיי און מיט דער הילף פון גאָט, האָבן זיי די פעלקער פאַרטריבן און פאַרנומען זייערע לענדער. זיי האָבן זיי געיאָגט אַריבער דעם גרויסן טייך דאָן (אָדער דונאי) וואו זיי געפינען זיך ביז היינטיגן טאָג נאָענט פון קאָנסטאנטינאָפּל. זייער לאַנד איז פאַרנומען גע־וואָרן פון די כאַזאַרן. דורות זיינען אַריבער ביז עס איז אויפגעשטאַנען אַ קעניג מיט דעם נאָמען „בולאַן״ ער איז געווען א חכם און גאָטס־פאָרכטיגער

און אַ גלויביגער מיט זיין גאנצן האַרצן. ער האָט פאַרטריבן די מכשפים און געצנדינער און זיך פאַרלאָזן אויף גאָט אַליין. איז געקומען צו אים א מלאך אין חלום און געזאָגט „בולאן" גאָט האָט מיר געשיקט דיר צו זאָגן. איך האָב געהערט דיינע תפלות, איך וויל דיר בענטשן און פאַרטאָפּלען און אויך אַוועקשטעלן דיין מלוכה ביז צו דער ענדע פון די דורות. איך וועל איבערגעבן אַלע דיינע שונאים אין דיינע הענט. ערוואַך אין דער פרי און זאָג תפלה און אַזוי האָט ער געטאָן.

נאָכדעם איז ער געקומען צו אים א צווייטן מאָל און געזאָגט: איך האָב געזען דיינע וועגן און איך פריי זיך מיט דיין טואכץ. איך ווייס אַז דו גייסט נאָך מיר מיט דיין גאנצן האַרץ. איך וויל דיר געבן מיינע מצוות, דינים און משפטים, אייב דו וועסט האלטן מיינע מצוות, וועל איך דיר בענטשן, דיר מערן און ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו דעם מלאך. דו ווייסט מיין האר. די געדאַנקען פון מיין הארץ און די געפילן פון מיינע נירן און אַז איך פאַרלאָז זיך נאָר אויף דיר. אָבער מיין פאָלק וועלכע איך פיר זיינען ניט קיין גלויביגע און איך ווייס ניט אייב זיי וועלן מיר גלויבן. אויב איך האָב געפונען לייט־זעליגקייט אין דיינע אויגן, ווענדע זיך צו זייער גרויסן האַר ער זאָל מיר מיטהעלפן. גאָט האָט געטאָן ווי ער האָט געבעטן און געקומען צו דעם גרויסן האַר אין חלום. אויף דעם צווייטן טאָג האָט דער האַר דערציילט דעם קעניג, וואָס אים האָט זיך געחלומט. דער קעניג האָט צונויפגעזאמעלט אַלע זיינע פרינצן, אַלע זיינע באַדינער און זיין גאַנץ פאָלק און דערציילט פאַר זיי אַלץ, וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן, די זאַך איז געווען צופרידענשטעלענד אין זייערע אויגן און זיי האָבן אָנגענומען דער תורה. און געפונען באַשיצונג אונטער די פליגלען פון דער שכינה. דענסטמאָל איז דער מלאך געקומען נאָכאמאָל און געזאָגט „אין נאָמען פון די הימלען און די הימלען איבער די הימלען. זאָג מיר ניט אָפּ און בוי אַ הויז צו מיין נאָמען. דער קעניג האָט געענטפערט; מיין האר איך שעם זיך פאר דיר צו זאָגן אַז איך האָב ניט קיין זילווער, קיין גאָלד, וואָס איך באַדאַרף פאַר דיין בויען. האָט דער מלאך אים געענטפערט: זיי שטאַרק און מוטיג, נעם אַלע דיינע מענטשן און גיי צו די לענדער פון רודלאַן און אַרדיל, איך האָב אָנגעוואָרפן אַ שרעק אין זייערע הערצער און וועל זיי איבערגעבן אין דיינע הענט. איך האָב באהאָלטן פאַר דיר צוויי אוצרות איינע פון זילבער און איינע פון גאָלד. איך וועל זיין מיט דיר און דיר היטן וואוהין דו וועסט גיין. נעם די אוצרות און קום צוריק אין פרידן און בוי אַ הויז אין מיין נאָמען. ער האָט געגלויבט און געטאָן ווי מען האָט אים געהייסן. ער האָט מלחמה געהאלטן איינגענומען די לענדער און זיך אומגעקערט אין פרידן. ער האָט צונויפגעזאמלט די אוצרות, געבויט א בית המקדש, אן ארון קודש, מנורות, א טיש, מזבחות און הייליגע כלים וועלכע

זיינען פרעזערווירט און געפינען זיך אין מיינע הענט. זיין גרויסקייט האָט זיך צושפרייט איבער דער גאנצער ערד. דער קעניג פון ביזאנטיום און די הערשער פון די אַראבער, האָבן געשיקט זייערע שלוחים מיט גרויסע רייכטימער און מתנות, מיט זייערע חכמים צו באַצווינגען אים מיט זייערע רעליגיעס. דער קעניג איז געווען קלוג און געהייסן ברייגגען א אידעשן חכם און נאָכדעם ווי ער האָט געגוי אונטערזוכט און אויסגעפאָרשט האָט ער זיי צוזאמענבראכט צוזאַמען זיי זאָלן אַרויסברייגגען די דינים פון זייערע גלויבנס. יעדער איינער פון זיי האָט אָפגעוואָרפן די אַרגומענטן פון אַנדערן, ניט צושטימענדיג צו איין פונקט. ווען דער קעניג האָט דאָס געזען האָט ער געזאָגט צו די קריסטלעכע און מאַכמעדאנישע חכמים גייט צו אייערע געצעלטן, איך וויל שיקן נאָך אייך אין דריי טעג שפעטער. אויף מאָרגן האָט ער געשיקט נאָך דעם קריסטלעכן גייסטליכן און האָט אים געזאָגט; איך ווייס אַז דער קעניג פון ביזאנטיום איז גרעסער פון אַלע קעניגן און זיין רעליגיע איז מער ווערט. איך האָב ליב דיין גלויבן אָבער איך בעט דיר דו זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת. וועלכע פון די צוויי רעליגיעס די מאַכמעדאנישע אָדער די אידישע איז אָ בעסערע. דער קריסטלעכער גייסטליכער האָט געענטפערט: זאָל דער הער קעניג אייביג לעבן און וויסן דעם אמת, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ קיין בעסערער גלויבן ווי דער אידישער. גאָט האָט אויסגעוויילט די אידן פון אַלע פעלקער. ער האָט זיי גערופן מיין ערשט-געבאָרענער זון. ער האָט געמאכט גרויסע וואונדער און נסים פאַר זיי. ער האָט זיי אַרויסגעבראכט פון דער געפענגעניש פון פרעה. ער האָט פאַר זיי צעשפאָלטן דעם ים, ער האָט דערטרונקען זייערע שונאים אין ים, ער האָט זיי געשפייזט מיט מן, און וואַסער פון שטיין, ער האָט זיי געגעבן דער תורה, ער האָט זיי געמאכט איינצונעמען די לאַנד כנען און געבויט פאַר זיי א בית המקדש צו געפינען זיך. זיי פאַרמאָגן די דינים פון גאָט יושר און רחמים. זינט זיי האָבן געזינדיגט און אויפגעשטאַנען קעגן אים איז ער געוואָרן אין כעס אויף זיי און האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון זייערע שונאים. וואָס איז די רעליגיע פון די קריסטן? זיי עסן אַלע אומריינע זאכן, און גלויבן אין די אַרבעט פון זייערע אייגענע הענט. האָט דער קעניג געזאָגט, דו האָסט געזאָגט דעם אמת און איך וועל דיר באַפרידיגן מיט כבוד.

דעם אַנדערן טאָג האָט ער זיי אַלעמען איינגעלאַדן און געזאָגט צו זיי אין דער אָנוועזענהייט פון אַלע זיינע בעאַמטע און פאָלק. איך האָב אייך געבעטן צו אויסקלייבן מיר די בעסטע און אמת׳דיגע רעליגיע, האָבן זיי גענומען אַלע צו האלטן א וכוח אָבער צו קיין סוף האָבן זיי ניט געקענט קומען. דענסטמאָל האָט דער קעניג געזאָגט צום קריסטלעכן גייסטלעכן, וועלכע איז די בעסטע רעליגיע, די איזראַעליטישע אָדער די מאַכמעדאנישע און דער גייסט־

ליכער האָט אים געענטפערט די אידעשע רעליגיע איז די בעסערע. ער האָט זיך געווענדעט צום קאַדי און געפרעגט וועלכע פון די רעליגיעס איז די בעסערע די אידישע אָדער די רוימישע און דער קאַדי האָט געענטפערט, אַז די אידישע, איז די בעסערע. דער קעניג האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט איר ביידע האָט פאַר מיר מודה געווען מיט אייערע אייגענע מיילער, אַז די אידישע רעליגיע איז די בעסטע און די אמתדיגע. איך האָב איר אויסגעקליבן ווייל זי איז די רעליגיע פון אברהם, זאָל דער אַלמעכטיגער זיין מיין הילף. די זילבער און גאָלד וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט, וועט ער מיר געבן אָן שוועריגקייטן, גייט מיט שלום צו אייערע לענדער.

דער אלמעכטיגער גאָט האָט אים געשטאַרקט, ער און אַלע זיינע באַדינער האָבן זיך באשניטן: ער האָט געשיקט פאַר א אידישן חכם, וואָס האָט אים פאַרטייטש די גאנצע תורה מיט אירע מצוות און ביז היינטיגן טאָג האלטן מיר פון דער אמת׳ער רעליגיע. געבענשט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט אויף אייביג. ווען אונזערע עלטערן זיינען אַרונטער אונטער דער באשיצונג פון די פליגלען פון דער שכינה. זיינען מיר געוואָרן געבענטשט און פאַרטריבן אַלע אונזערע שונאים און באַזיגט אלע פעלקער, וועלכע האָבן אונז ארומ־גערינגלט, קיינער האָט זיך ניט געקענט שטעלן קעגן אונז ביז היינטיגס טאָג אלע צאָלן אונז ציינזן, די מלכים פון רוים און די מאַכמעדאנישע. נאָך אים איז געקומען אַ קעניג מיט דעם נאָמען עובדיה, ער איז געווען אמת׳דיג און יושר׳דיג. ער האָט פאַרגרעסערט דער מלוכה און פעסטגעשטעלט דער רע־ליגיע. ער האָט געבויט שוהלן און בתי מדרשים. ער האָט צונויפגעזאמלט, א סך תלמידי חכמים און זיי געגעבן אַ סך זילבער און גאָלד, זיי האָבן אים געלערנט און פאַרטייטשט דעם תנ״ך, משנה, תלמוד און סדורים. ער האָט מורא געהאַט פאַר גאָט און ליב געהאט דער תורה און אירע מצוות. נאָך אים איז געקומען זיין זון חזקיה נאָכדעם מנשה, נאָכדעם חנוכה, דער ברודער פון עובדיה, זיין זון יצחק, זיין זון זבולון, זיין זון מנשה, זיין זון ניסים. זיין זון מנחם, זיין זון בנימין, זיין זון אהרן. איך יוסף בין דער זון פון אהרן. מיר אַלע זיינען פון קעניגלעכער אָפשטאמונג און קיין פרעמדער קען ניט זיצן אויף דעם שטול פון אונזערע עלטערן. זאָל זיין דער ווילן פון דעם וואָס באַשטימט מלכים, אַז אונזער דינאסטיע זאָל בלייבן שטארק אין זיין תורה און מצוות.

,וועגן דיין פראַגע וועגן דער לענג און ברייט פון אונזער מלוכה, זי געפינט זיך, נעבן דעם ים פון גרוזיע צו דער מזרחדיגער זייט, א שטח פון פיר חדשים רייזע צופאָרן, ביי דעם טייך, וואוינען א סך פעלקער, אָן א צאָל דערפער, שטעט און פעסטונגען אין אַ צאָל פון ניין הונדערט. אַלע צאָלן צו מיר ציינזן. פון דאָרטן ציט זיך דער גרעניץ ביז גרוזיע אַלע איינוואוינער פון דעם

ברעג פון ים א חודש רייזע, צאָלן צו מיר ציגזן. צו דער דרומדיגער זייט געפינען זיך 15 באַפּעלקערטע שטארקע פעלקער, וואָס גרייכן אַזוי ווייט ביז „באב אל אבוואב“. זיי וואוינען אין די בערג, אויך די איינוואוינער פון באסאט און טאנאט. ביז דעם ים פון קאָנסטאנטינאָפּל. זיינען אונטערגעוואָרפן צו מיר. פון דאָרטן ציט זיך דער גרעניץ צו צפון צו דעם גרויסן טייך, וועלכער ווערט גערופן דזשוצאג. די פעלקער וואוינען אין וואוינונגען אָן ווענט וואַנדערענדיג אין די ווילדערנישן אַזוי ווייט ביז צו די גרעניצן פון אויגוריאנס. זיי זיינען אַזוי פיל ווי די זאַמד אויף דעם ברעג פו ים. די גרויס פון דעם לאַנד, איז אַ רייזע פון פיר חדשים. מיר באזעצן דעם מויל פון טייך און לאָזן ניט די רוסן וואָס קומען מיט שיפן אריינקומען אין זייער טעריטאָריע, אויך לאָזן מיר ניט זייערע שונאים, וואָס קומען ביי דער יבשה אריינצוקומען אין זייער לאַנד. מיר פירן מיט זיי שרעקלאַכע מלחמות, ווען מיר וואָלטן זיי געלאָזן וואָלטן זיי חרוב געמאכט גאַנץ אַראַביע, ביז באַגדאַד. נאָכמער זאָג איך, דאָס איך וואוין ביי דעם טייך. מיט דער הילף פון אלמעכטיגן און איך פאַרמאָג דריי פראָווינצן. איין פראָווינץ איז פאַרנומען פון דער קעניגן מיט אירע הויף דאַמען און בעאמטע. די לענג און די ברייט פון דער פראָווינץ איז 50 סקווער פרסאות און באשטייט פון פאשע פעלדער און דערפער. די איינוואוינער באשטייען פון אידן, מאכמעדאנער און קריסטן און אַנדערע. אַלע ריידן זיי אויף פאַרשידענע שפּראַכן. די לענג און ברייט פון דער צווייטער פראָווינץ מיט אירע פאשע פעלדער איז אכט פרסאות. אין דער דריטער פראָווינץ וואוין איך אַליין מיט מיינע האַרן, דינער און בעאמטע, די פראָווינץ איז אַ קליינע זי באשטייט פון דריי סקווער פרסאות. דער טייך פלייצט צווישן זיינע ווענט. מיר געפינען זיך אין דער געגנט דורך דעם ווינטער אין חודש ניסן נעמען מיר זיך צו ערד-אַרבעט. יעדער איינער גייט צו זיין פעלד און גאָרטן צו בעארבעטן זיי, יעדער פאמיליע האָט זיין ירושה פאַרמעגן. זיי פאַרנעמען זייערע פעלדער און רוען אין זייערע גרעניצן מיט פרייליכקייטן און געזאנג. קיינער פון זיי הערט ניט די שטימע פון אַן אונטערדריקער, שטן און כשוף מאכער. מיט מיינע האַרן און באדינער רייז איך אויף א ווייטקייט פון 20 פרסאות, ביז מיר קומען צו דעם גרויסן טייך וואַרסאַן, וואָס איז די גרעניץ פון דער פראָווינץ. דאָס איז די גרויס פון אונזער לאַנד און אונזער רוהונגס פלאַץ: רעגן פאַלט בא אונז אַראָפּ ווינציג נאָר מיר האָבן די גרויסע טייכן אין וועלכע עס געפינען זיך אַ סך פיש און אויך אַ סאך קוואלן. די ערד איז גוט און פעט, מיט פעלדער, וויין-גערטנער און פרוכט גערנטער. זיי ווערן אַלע באַוואַסערט פון די טייכן. מיר האָבן אַלע סאָרטן פרוכט צום עסן. איך מוז אויך צורעכענען דעם מזרחדיגן זייט פון מיין לאַנד וואָס ציט זיך 20 פרסאות צו דעם ים פון גרוזיע און צו דעם דרום דרייסיג, און אין מערב 40 פרסאות. איך וואוין

אין דער מיטן פון איין אינזל אין וועלכן עס געפינען זיך מיינע פעלדער, וויינגערטנער, און גערטנער צו צפון אַ ווייטקייט פון 30 פרסאות.

וועגן דיין פראַגע וועגן קץ (די ענדע פון די טעג) מיינע אויגן זיינען געווענדעט צום רבונו של עולם און צו די חכמים פון ישראל און צו די ישיבות פון ירושלים און בבל. מיר געפינען זיך ווייט פון ציון. אָבער איך האָב געהערט אַז צוליב אונזערע זינד און נארעשקייטן. און מיר ווייסן פון גאָרניט. זאָל דער אייבערשטער טאָן פאַר די גרויסקייט פון זיין נאָמען. זאָל דער חורבן פון זיין הויז און די אָפּשטעל פון זיין באַדינונג און אַלע צרות וואָס אונז האָט געטראָפן קומען פאַר אים און ער זאָל אינגיכן אויפבויען זיין בית המקדש. מיר ווייסן נאָר פון דער נבואה פון דניאלן, זאָל דער גאָט פון ישראל צואיילן זיין אויסלייזונג צונויפזאמלען אונזערע פאַרטריבענע דורך דער צייט פון אונזער לעבן און דעם לעבן פון דעם גאנצן פאָלק ישראל. די אַלע וועלכע האָבן ליב זיין נאָמען.

דו ברייגנסט ארויס אין דיין בריוו דעם ווילן צו זען מיין פנים. איך וואָלט אויך וועלן זען דיין הערלאכן פנים און די גרויסקייט פון דיין חכמה. אייב גאָט וועט וועלן, וועל איך זיין זייער צופרידן צו באַגעגענען דיר און צו זען דיין הערלאַכן און קלוגן פנים. דו וואָלסט געווען ביי מיר ווי אַ פאָטער און איך וואָלט געווען ביי דיר ווי אַ זון און מיין גאַנץ פאָלק וואָלט זיך אונטערגעוואָרפן צו דיינע באַפעלן און דיין וואָרט, דיינע עצות וועלן אויסגעפאָלגט ווערן. מיט אַ סך גרוסן.

א טייל פון דעם קעמברידזשער דאָקומענט געשריבן ביי אַן אנאָנים

דער קעמברידשזער דאָקומענט איז אַ בריוו וואָס באשטייט פון 100 העברעאישע שורות, די צייט וואָס ער איז געשריבן געוואָרן איז אַרום דעם 10טן יאָרהונדערט (לויט שלמה שעכטער). דער בריוו האָט זיך געפונען אין דער גניזה פון קאַאירא און פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דעם יאָר 1912 ביי דעם געלערנטן שלמה שעכטער. ער הייסט דער קעמברידזשער דאָקומענט ווייל ער געפינט זיך היינט אין דעם אוניווערזיטעט פון קעמברידזש. דער דאָקומענט איז אַ בריוו פון א פערזאָן אָן א נאָמען. דער אַנאָנים דער מחבר פון דעם בריף רעדט וועגן רבי חסדאי ווי וועגן אַן אנאָנימער פערזאָן וועמען ער רופט מיין האַר און וועמענס שלוחים זיינען געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּל ביים ים. דער פאקט, וואָס ער רעדט וועגן כאזאריע אַלס אונזער לאַנד און וועגן קעניג יוסף אַלס מיין האַר, ווייזט אַז דער שרייבער פון דעם בריוו איז געווען אַ כאַזאַרישער איד.

אין דעם בריוו ווערט דערציילט, אַז נאָך אין אלטע צייטן זיינען אידן געקומען קיין כאזאריע, מייסטנס פון ארמעניע. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער היימישער באַפעלקערונג, זיי האָבן פאַרגעסן זייערע אידעשע דינים און מנהגים. זיי האָבן נאָך געהאלטן פון מילה און שבת, די כאַזאַרן אין יענע צייט האָבן ניט געהאַט קיין מלכים. אין צייט פון מלחמה פלעגט די ארמיי געפירט ווערן ביי אַן ערוויילטן גענעראל.

איינע אַזאַ גענעראַל, אַ האַלבער איד און אַ האלבער כאַזאַר, איז באַרימט געוואָרן פאַר זיין העלדישקייט אין די מלחמות און איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַן עלצטן. אונטער דער ווירקונג פון זיין ווייב, מיט דעם נאָמען סעראַה און זיין שווער, איז ער געוואָרן אַ פרומער איד. ווען די גריכן און די אַראַבער האָבן זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי געשיקט שלוחים מיט פּראָטעסטן צו די כאַזאַרישע פירסטן, זיי האָבן פּראָטעסירט געגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער אידעשער רעליגיע, צווישן דער כאַזאַרישער באַפעלקערונג און זיי געצוואונגען אַריבערצוגיין צו דעם אידישען גלויבן. דאָס האָט געהאט אַ ווירקונג אויף די אַנדערע כאַזאַרישע פירסטן און עס איז באשלאָסן געוואָרן דורכצופירן, אַ רעליגיעזן דיאלאָג, צווישן געלערנטע פון אַלע דריי גלויבנס.

אין דעם דיאלאָג צווישן די געלערנטע, האָבן די געלערנטע ניט געקענט קומען צו קיין טאָלק. דענסטמאָל האָט דער פירער פון די כאַזאַרן פאָרגעשלאָגן אז מען זאָל ברייגגען צו זיי ספרי תורות, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ הייל אין דעם טאָל פון „טיזול", וועלכע זיינען פאַרטייטשט געוואָרן פון אַ אידישן תלמיד חכם. אונטער דעם איינדרוק פון דאָס, וואָס עס איז געשריבן אין דער תורה, האָבן אַלע אידן פון כאזאריע תשובה געטאָן און אויך איבערגעצייגט די איבעריגע איינוואוינער פון כאַזאַריע צום אָננעמען דעם אידעשן גלויבן. דער עלצטער פון כאזאריע האָט געקריגן דעם נאָמען „סבריאל". נאָכדעם האָט דאָס פאָלק אויסגעקליבן א תלמיד חכם פאַר א ריכטער איבער זיי. דעם ריכטער האָבן זיי גערופן אויף דער שפּראך פון כאַזאַריע „קאגאן". דעריבער רופט מען די ריכטער פון כאזאריע ביז היינטיגס טאָג „קאַגאנס".

דער דאָקומענט זעט אויס איז אַן ענטפער צו רבי חסדאי אבן שפרוט און געשריבן געוואָרן פריער איידער דער בריוו פון דעם קעניג יוסף. דער בריוו איז געשריבן ניט ביי אַ כאַזאַרישן בעאמטן, נאָר ביי א געוויינלאכן כאזארישן אידן, וואָס האָט געוואוינט אין קאָנסטאנטינאָפּל. ווי עס זעט אויס האָט זיך דער ספּעציעלער שליח פון חסדאי אבן שפרוט דערקליבן ביז קאָנסטאנטינאָפּל און ווייטער האָט מען אים ניט געלאָזט פאָרן, האָט ער זיך געמוזט צופרידן שטעלן מיט דעם בריוו פון דעם אנאָנים.

רבי יהודה הלוי און זיין בוך „ספר הכוזרי״

רבי יהודה הלוי

רבי יהודה בן שמואל הלוי איז געווען אַ באַרימטער פּאָעט און פילאָזאָף, געבאָרן אין דעם יאָר 1080 אין טאָלידא און געשיקט האָט מען אים לערנען קיין לוצינאָ. אַ בארימטער תורה צענטער, אין יענער צייט. ער האָט שטודירט תלמוד אין דער ישיבה פון יצחק אלפסי, שפּעטער איז ער אַוועק קיין קורדובו, וואו ער האָט פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר. ער איז געווען אַ גרויסער פּאָעט, זיינע פּאָעמעס ספּעציעל די ליטורגישע זיינען פול מיט שיינקייט, בענקשאַפט, און געלערנטקייט אין העברעאיש. איינע פון זיין לעבנס ווערק איז דער ספר הכוזרי.

דער ספר הכוזרי

איז אַ ספר וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אראביש אין דעם יאָר 1140 נייע צייט רעכענונג, און שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש ביי „איבן טיבאָן אונטער דעם טיטול „ספר הכוזרי״. דער ספר איז אַ פאַרטיידיגונג פון דער רבניש תלמודישער לערע. אין דער פאָרם פון אַ דיאלאָג, וואָס איז פאָרגעקומען 400 יאָר פריער איידער דער מחבר פון בוך האָט געלעבט.

אין דעם דיאלאָג נעמען אנטייל דער כאַזארישער קעניג און א חבר. דער בוך איז טעאָלאָגיש און ניט היסטאָריש. ער ברענגט אַרויס דעם איבערגאַנג פון געצענדינסט צו דעם אידעשן גלויבן, ביי די כאַזאַרן, אַלס א פאקט און ער גיט אויך אָן די דאטע, ווען די כאזאַרן האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן. דער בוך „ספר הכוזרי״ איז באַטראכט געוואָרן פאַר א וויכטיגן בוך ניט נאָר ביי אידן. ער איז רעדאַגירט געוואָרן אויף לאַטיין אין 17טן יאָרהונדערט און אַרויסגעגעבען געוואָרן ביי אקסדאָרף א דייטשער געלערענטער אין „הערדער״.

וואָס שרייבט יהודה הלוי וועגן די כאַזאַרן, ער שרייבט ווערענדיג געפרעגט וואָס פר אַ אַרגומענטן און ענטפערס קען איך געבן צו די פילאָזאָפן, וואָס גייען זיך פונאנדער מיט אונז, צו מענטשן פון אַנדערע רעליגיעס און צו די פאַרשידענע סעקטעס צווישן אונז, וואָס זיינען אַוועקגעגאנגן פון דער אידעשער רעליגיע. איז געקומען צו מיר אויף דעם געדאַנק, דאָס וואָס איך האָב געהערט, וועגן ארגומענטן און ענטפערס פון אַ געלערנטן, וואָס איז געווען צוזאמען מיט דעם כאזארישן קעניג. איך מיין דעם קעניג פון די כאַזאַרן, וואָס האָטנ אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן 400 יאָר צוריק, ווי עס איז רעקאָרדירט געוואָרן אין דער געשיכטע ,אַז א חלום איז עטליכע מאָל געקומען צו דעם קעניג, אין וועלכן א מלאך האָט גערעדט מיט אים און אים געזאָגט„ אַז זיינע



א קאָפּיע פון אַ מאנוסקריפּט פון ספר הכוזרי

פאַרלאנגען זיינען צופרידענשטלנדע פאַר דעם באשעפער. אָבער ניט זיינע מעשים.

דער כאַזארישער קעניג איז געווען זייער פרום אין דער כאַזרישער רעליגיע. נעמענדיג אַליין אַן אנטייל אין דער באַדינונג פון טעמפל און אין ברייגגען קרבנות, מיט אַן איבערגעגעבענער האַרץ. זייענדיג באשעפטיגט מיט דער ארבעט איז געקומען צו אים א מלאך באנאכט אין חלום און געזאָגט: דיין אָרענטלאך האַרץ און דיינע געדאנקען זיינען אָנגענומען באַ גאָט, נאָר ניט דיינע מעשים. דאָס האָט אים געמאכט אַז ער זאָל מאכן אַן אונטערזוכונג אין פאַרשידענע רעליגיעס און צום לעצטן האָט ער און זיין פאָלק אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן.

געפינענדיג אין די ענטפערס פון דעם חבר אַ סך ענטפערס, וואָס האָבן אַפּעלירט צו מיר און וועלכע זיינען איינשטימיג מיט מיינע אייגענע געדאַנקען. האָב איך באשלאָסן זיי צו שרייבן ריכטיג, ווי זיי זיינען געזאָגט געוואָרן און די חכמים וועלן דאָס פאַרשטיין.

א קורצער דיאלאָג קומט נאָכדעם פאַר צווישן דעם קעניג און דעם פילאָ־זאָף און יהודה הלוי שרייבט ווייטער: און דער קעניג פון די כאַזאַרן זאָגט צו זיך אַליין איך וועל גיין פרעגן קריסטלעכע און מאַכמעדאנישע געלערנטע

און ער שיקט פאַר א קריסטלעכן געלערנטן. דאָ קומט פאָר אַ דיאלאָג צווישן דעם קעניג פון די כאזארן און דעם קריסטלעכן געלערנטן. שפּעטער שיקט ער פאַר א מאכמעדאנישן געלערנטן, צום סוף שיקט ער פאַר אידישן געלערנטן און נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע מיט דעם אידעשן געלערנטן ענדיגט זיך דער ערשטער טייל פון ספר הכוזרי.

דער דיאלאָג צווישן קעניג און די געלערנטע קומט פאָר מיט יעדן איינעם באזונדער. עס קומט ניט פאָר קיין דעבאַטע פון אַלע צוזאַמען פאַר איין מאָל וואו אַלע געלערנטע נעמען אַן אנטייל.

דער צווייטער טייל הייבט זיך אָן דערמיט. ווי עס דערציילן די ביכער פון דער געשיכטע פון די כאַזאַרן, האָט דער קעניג איבערגעגעבן די סודות פון זיין חלום און זיין איבערחזרן זיך, צו די עלצטע פון זיין מיליטער אין די בערג פון וואסראן .דער קעניג און זיין וויזיר, ווי יהודה הלוי רופט אים, האָבן אַוועקגערייזט צו די פאַרוואָרפענע בערג ביי דעם ברעג פון ים און זיינען געקומען באנאכט, צו אַ הייל, וואו אידן פלעגן דאָרטן פייערן זייער שבת. זיי האָבן זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט און דערציילט וואָס זיי פאַרלאַנגען. זיי האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן זיך באשניטן אין הייל און צוריקגעקערט צוריק צו זייער לאַנד מיט דעם ווילן צו שטודירן די אידעשע דינים. זיי האָבן געהאלטן, דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט זיי, בסוד ביז זיי האָבן געקראָגן א געלעגנהייט דאָס איבערצוגעבן ביסלעכווייז צו נאָך מענטשן פון זייער פאָלק. מיט דער צייט איז פאַרשפּרייט געוואָרן, די תורה צו די איבעריגע פון זייער פאָלק און זיי אָנגערעגט צו ווערן אידן. זיי האָבן געשיקט פאַר תלמידי חכמים און ספרים אין אַנדערע לענדער און גענומען לערנען די דינים און מצות. עס ווערט אויך דערציילט אין די ביכער פון די כאַזאַרן ווי אַזוי זיי זיינען געוואָרן רייך און באזיגט זייערע שונאים, איינגענומען אַ סך לענדער, וואו זיי האָבן געפונען אוצרות און זיי פאַרטאָפּלט אויף הונדערטער טויזנטער מאָל. זיי האָבן ליב געקראָגן דער תורה און געוואָלט בויען א בית המקדש אן אוהל, ווי משה האָט געבויט, פאַר די אידן אין דער מדבר. זיי האָבן אָפּגעגעבן פיל כבוד צו די אידן וואָס האָבן געוואוינט אין זייער לאַנד. ווען דער קעניג האָט געוואָלט לערנען דער תורה און די נביאים, האָט ער גענומען א תלמיד חכם, וואָס זאָל לערנען מיט אים. פרעגענדיג אים פראַגן וועגן די אידן.

פון דעם אָרט און ווייטער ווערט דער ספר הכוזרי א דיאלאָג. דער קעניג פרעגט און דער תלמיד חכם ענטפערט.

וואו האָט יהודה הלוי גענומען דער געשיכטע ? ער זאָגט . אַז די געשיכטע האָט ער גענומען פון די ביכער פון די כאַזאַרן. ער זאָגט אויך אַז עס איז געקומען צו מיין געדאַנק דאָס קען מיינען עמעצער האָט אים דערציילט. פרעגט זיך אין וואָסער שפּראַך האָט עס געקענט זיין, אויף העברעאיש אָדער

גריכיש. ווייל די שפּראַך פון די ביזאַנטיער וואָס זיינען געווען די נאָענטסטע איז געווען גריכיש און געקומען איז זי פון די רוסן.

„טאַריקי פאַקר אַל צין מובאַרוק שאַ" א פּערסישער געשיכטע שרייבער, האָט געשריבן אין יאָר 1206 אַז די כאַזאַרן האָבן א שפּראַך, וואָס איז נאָענט צו דער שפּראַך פון די רוסן. געמישט גריכיש מיט רוסיש און ווערט גערופן „גריכיש־רוסיש". זיי שרייבן פון לינקס צו רעכטס און יעדער אות אין באַזונדער און דער צאַל פון דעם אַלעף בית איז איין און צוואַנציג.

אברהם בן דוד א מיטצייטלער פון רבי יהודה הלוי דערציילט אַז אין זיין צייט זיינען אין טאָלעדאָ געווען אידן פון כאַזאַריע. מעגליך אַז זיי האָבן געהאַט ביכער פון די כאַזאַרן אָדער געגעבן נוצליכע אינפאָרמאַציע צו רבי יהודה הלוי וועגן די כאַזאַרן און רבי יהודה הלוי האָט דאָס אריינגעשטעלט אין זיין דיאַלאָג.

ר׳ פתחיה

ר׳ פתחיה איז געווען אַ רייזענדער. אין דעם יאָר 1175 האָט ער ארומגערייזט אַ סך לענדער, אָנהייבנדיג פון פּראַג באָהעמיע קיין פּוילן, פון פּוילן, קיין קיעוו, רוסיא. פון רוסיא האָט ער גערייזט זעקס טעג אויף דעם דניעפּר, נאָכדעם האָט ער גערייזט אין די לענדער פון קדר (טאַטאַר) ר׳ פתחיה האָט דורכגערייזט די גאַנצע לאַנד פון קדר אין 16 טעג און ער שרייבט: „און די איינוואוינער פון קדר וואוינען אין געצעלטן און די לאַנד אין וועלכער זיי וואוינען האָט ניט קיין בערג נאָר פלאַכלאַנד און דורך דעם לאַנד פון קדר גייט דורך אַ וואַסער דער וואַסער טיילט אָפּ דעם לאַנד פון קדר פון כוזריה. (כאַזאַריע).

ער האָט דורכגערייזט דאָס לאַנד פון כאַזאַריע אין 8 טעג און די לאַנד איז אַרומגערינגעלט מיט 17 טייכן און אַהין קומען די אַלע וואָס ווילן רייזן מיט שיפן און עס געפינט זיך דאָרטן א ים וואָס שטינקט פון איין טייל און פון דער צווייטער זייט שטינקט ער ניט און די גרויס פון ים איז צוויי טעג גאַנג, און ווען עמעצער רייזט אויף דעם פאַרשטונקענעם ים שטאַרבט ער, און ווען עס בלאָזט א ווינט פון דער זייט ים, וואָס שטינקט צו דער זייט פון ים וואָס שטינקט ניט שטאַרבט מען אויך און די רייזנדע פאָרן אין דער צייט וואָס דער ווינט בלאָזט פון אַן אנדער זייט. פון דאָרטן האָט פתחיה געפאָרן צו דעם לאַנד פון תוגרמא און ער שרייבט אַז אַלע אין תוגרמא זיינען מאַכמעדאַנער, און תוגרמא גייט אַריין אין דער לאַנד פון אררט (קאַווקאַז) פון דאָרטן איז ער געפאָרן 8 טעג און געקומען אין דעם לאַנד פון נציבין (באַגדאַד), און ווען איך בין געווען אין באַגדאַד זיינען געקומען שלוחים פון דער קעניגרייך „משך", און די לאַנד ציט זיך ביז די הרי חושך, און אויף דעם אַנדערן זייט

פון די הרי חושך געפינען זין די קינדער פון יונדב בן רכב. און צו די זיבן קעניגן פון דער לאַנד פון משך איז געקומען צו חלום א מלאך און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן אַוועקוואַרפן זייערע גלויבנס מיט זייערע מנהגים און ווען ניט וועט ער חרוב מאכן זייער לאַנד און זיי זאָלן אָננעמען די תורה פון משה בן עמרם. זיי האָבן זיך ניט געאײלט אין אָננעמען דעם נייעם גלויבן, האָט דער מלאך אָנגעהייבן פאַרניכטן זייער לאַנד. האָבן זיך די קעניגן פון משך און זייער גאַנצע לאַנד זיך מגיר געווען. האָבן זיי געשיקט צו די ראשי ישיבות, אַז מען זאָל זיי שיקן תלמידי חכמים און וועלכער תלמיד חכם עס איז אַן אָרעמאַן פאָרט אַהין צו לערנען זיי און זייערע קינדער תורה און תלמוד בבלי. און פון דער לאַנד פון מצרים פאָרן תלמידי חכמים, זיי צו לערנען און ער האָט געזען די שלוחים (פּאָלאַק כוזריה זע זייט 300)׳:

יצחק בן אברהם עקריש

האָט געזאָגט יצחק בן אברהם עקריש: נאָך זייענדיג אין מיין לאַנד (שפּאַניע פונוואַנען ער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד) האָב איך געהערט, ווי אַ סך מענטשן ריידן וועגן די 10 שבטים און זיי זאָגן: אַז עס זיינען דאָ ערטער וואו עס הערשן אידעשע מלכים און מיט זייער שטאַרקייט און מעכטיגקייט מאכן זיי, אַז זייערע אונטערטאַנן זאָל גאָרניט פעלן, חוץ די עבודה אין בית המקדש און די נבואה. דאָרטן וואו זיי געפינען זיך, זיצט יעדער מענטש אונטער זיין ווייַנשטאָק און זיין פייגנבוים. אין פרידן, און זיכערקייט און זיי הערשן איבער פעלקער און מלכים פון די אומות העולם און זיי פירן מלחמות, מיט די פעלקער וואָס ווידערשפעניגן געגן זיי און דער אָרט וואו זיי געפינען זיך. זאָגן אַנדערע, אַז ער געפינט זיך נעבן דעם טייך סמבטיון, און אַנדערע זאָגן, ווייט פון טייך סמביון און אַנדערע זאָגן, אַז זיי געפינען זיך הינטער דער מלוכה פון תימן, און נאָך אַנדערע זאָגן נאָך דעם טייך גוזן. ווי ר׳ בנימין דערציילט וועגן זיינע רייזעס. אַנדערע זאָגן, אַז זיי געפינען זיך אונטער דער מלוכה פון חבש, ניט ווייט פון בריטשיגאַן. די אַלע מעשיות וועלכע מען דערציילט קומען אויס אין מיינע אויגן און אין די אויגן פון פערזאָנען גרעסער פון מיר אונגלויבלאַך צוליב פאָלגענדע אורזאַכן. ווער קען דאָס גלויבן אין אַזעלכע שמועות: ווען מיר זיינען אַזוי אונטערדריקט און דערנידעריגט, אַז ביי אונז זאָלן זיך געפינען קעניגן און האַרן, אין דער צייט, ווען מיר געפינען זיך אין אַזאַ ביטערן גלות.

נאָכדעם ווי איך האָב געהערט די אַלע רייד און געזען דעם בריוו, וואָס עס האָט געשיקט דער קעניג פון כוזאַר און זיין ענטפער האָב איך באשלאָסן דאָס אָפּצודרוקן מיט אַן אייזערנעם פעדער און מיט בליי, צו פאַרשטאַרקן דעם גלויבן, אַז די אידן האָבן א מלוכה און אַ קעניגרייך און די אַלע דונערן און

בליצן זאָלן ברייננגען רעגענס פון ברכה ווען עס וועט קומען די צייט צו צונויפזאמלען אונזערע פאַרשפרייטע צווישן אַלע פעלקער פון אַלע זייטן פון דער וועלט, ווען עס וועט קומען משיח אונזער גערעכטיגער במהרה בימינו אמן.

ווי עס ווייזט אויס האָט עקריש נאָך ניט געוואוסט, וועגן דער אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה און האָט געמיינט אַז די אידישע מלוכה עקזיסטירט נאָך, ווי עס איז געווען געשריבן אין דעם בריוו פון יוסף צו רבי חסדאי אבן שפרוט, וועלכן ער שרייבט ער האָט געזען און געלייענט.

(גענומען פון „קול מבשר" זייט 3־7).

ר׳ אברהם בן דוד

פון דעם שרייבער איז פאַרבליבן נאָר עטלעכע פאַראַגראַפן נאָר זיי זיינען וויכטיג דערמיט וואָס אין זיי דערציילט ער אַז די אידן פון כאַזאַריע האלטן פון רבנישן גלויבן: דאָס הייסט פון תלמוד און אַז ער האָט געטראָפן אין טולידה אייניקלאַך פון די כאזארישע קעניגן און זיי זיינען געווען תלמידי חכמים.

ער שרייבט אַז די קאַראַאימער ווערן בטל אין דער מערהייט פון די תלמודישע אידן און אַז אידעשע קהלות געפינען זיך פון דער מדינה פון סלא ביי דער ענדע פון מערב ביז תאהרת אין אָנהייב פון מערב. ביים עק פון אַפריקע. און די גאַנצע לאַנד פון אפריקע מצרים, די לאַנד פון ערב, ארץ ישראל, די לאַנד פון שנער, די לאַנד פון פערסיע, די לאַנד דדן, די לאַנד פון גרגשי וואָס ווערט גערופן גורגאַן, און טאַבאריסטאַן און דיילאַם ביז דעם טייך איטיל, וואָס דאָרטן האָבן זיך געפונען פעלקער כוזריים (כאַזאַרן) וועלכע האָבן זיך מגיר געווען און זייער קעניג יוסף האָט געשיקט א בריוו צו דעם נשיא רבי חסדאי אבן שפרוט און האָט דערציילט, אַז ער און זיין פאָלק זיינען געוואָרן אידן פון דעם רבנישן גלויבן און מיר האָבן, שרייבט ער, געזען אין טולידא זייערע אוראיניקלאַך אידן תלמידי חכמים וועלכע האָבן אונז דערציילט אַז די איבעריגע זייערע האַלטן פון רבנישן גלויבן. און אַזוי איז אויף אַלע אינזלען וועלכע געפינען זיך אויף דעם גריכישן ים פון דער לאַנד נבקרי ביז דעם לאַנד קושטנטינה און דער גרויסער רוים. ער רעכנט אויס אַלע לענדער וואו עס געפינען זיך אידעשע קהלות און וועלכע זיינען רבנישע. די גאַנצע לאַנד פון תוגרמא, אשכנז, צרפת, און די לאַנד פוליא, מגניסיא, סקייאה, לומבארדיא ביז דעם טייך ווארנין ביז דער לאַנד ספרד, אלע קהלות זאָל דער אייבערשטער צונויפזאַמלען זיי פון זייער גלות, האַלטן פון דער משנה און תלמוד חוץ פון איין מדינה אין מערב אין דעם מדבר פון ווראגלאַן און אַביסעל אין מצרים און אין ארץ ישראל. (גענומען פון א קבלה ספר און איבערגעדרוקט אין וואָסכאָד אין יאָר 1882 זייט 250).

אראבישע אינפאָרמאַציע
וועגן די כאזאַרן

אַראַבישע שרייבער וואָס האָבען געלעבט אין דער צייט פון די כאַזאַרן און וועגן זיי געשריבן.

וועגן די כאַזארן געפינט זיך אַ סך מאַטעריאַל ביי די אַראַבער און אין דער אַלטער פּערסישער ליטעראַטור. אַראַבער האָבן זיך באַגעגענט מיט די כאַזאַרן ווי מיט שטאַרקע געגנער פאַר דער באַהערשונג פון דעם מזרחדיגן זייט פון קאַווקאַז. חוץ מלחמות האָבן זיי אויך געפירט מיט זיי האַנדל נאָך איידער די אַראַבער האָבן אָנגענומען דעם מוסולמאַנישן גלויבן. אין זייער געצנדינערישער ליטעראַטור געפינען זיך שיין געשיכטליכע און געאָגראַפישע באַשרייבונגען פון די כאַזאַרן. די צייט ווען די כאַזאַרן זיינען געשטאַנען אויף זייער העכסטער שטופע איז אויסגעפאַלן די ענטשטייאונג פון איסלאַם און זיין פאַרשפּרייטונג איבער דער וועלט. ווען ניט די כאַזאַרן וואָס האָבען געשטערט דער פאַרשפּרייטונג פון די אַראַבער, דעם איסלאַמישן גלויבן, איבער אייראָפּע וואָלט די קריסטלעכע וועלט געהאַט אַן אנדער אויסזען ווי זי האָט היינט.

מיר גיבן דאָ אַ צעטל פון אַראַבישע שרייבער און זייערע ווערק וועלכע האָבן געשריבן וועגן די כאַזאַרן. איינער פון די עלצטע און בעסטע אַראַבישע היסטאָריקער וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט איז געווען אבו אַל קאסימא איבן דאַללאכו. ער איז געווען הויפּט פּאָטשט בעאַמטער פון דער פּראָווינץ דזשיראַל אין צפון מערבדיגן איראַן. זיין בוך „דער בוך פון וועגן אין דער מלוכה”, שטעלט מיט זיך פאָר א קורצע געאָגראַפישע פאַרצייכענונג מיט וויכטיגע טאָפּאָגראַפישע און געשיכטלעכע אינפאָרמאַציע. דער בוך איז געשריבן געוואָרן ארום די יאָרן 76—88 (מאַכמעדאנישע צייט רעכענונג) און אָנגעקומען צו אונז אין אַ פאַרקירצטע רעדאַקציע.

א צווייטער קוואַל פון אינפאָרמאַציע קומט פון אַראַבישן היסטאָריקער און פּאָעט אבבו אַל אבדאַס איבן יאַכיא איבן דזשאביר אל באַלאזורי. דער נאָמען פון זיין בוך איז „דער בוך פון איינגענומענע לענדער”. דער בוך איז געשריבן געוואָרן אַרום די יאָרן 892—893. אַ דריטער אַראַבישער שרייבער פון דעם נייטן יאָרהונדערט איז געווען אכמעד איבן אבו־יאַקוב. ער האָט געוואוינט אין אַ סך לענדער, אַרמעניע, כאַראַסאַן, אינדיע און מצרים, געשטאָרבן אין יאָר 897. די געשיכטע פון יאַקובי גיט אַ סך וויכטיגע אינפאָרמאַציע און צווישן זיי וועגן די כאַזאַרן ביז דעם יאָר 873. אין אָנהייב פון 10טן יאָרהונדערט האָט געשריבן אבו בעקר אכמעד איבן מוכאַמעד איבן יצחק באַקאַנט אונטער דעם נאָמען איבן אל פאַקיך זיין בוך „דער בוך פון לענדער”, איז ביז דעם יאָר 1923 געווען באַקאַנט נאָר פון א צאָל פאַרקירצונגען פון דעם ווערק. אין יענעם יאָר האָט מען אין דער ביבליאָטעק פון דעם מעשעכעדער מעטשעט געפונען מאַנוסקריפּטן, צווישן אַנדערע ווערק איז

געפונען געוואָרן די צווייטע טייל פון „בוך פון לענדער״ פון איבן אל פאקיך. באריכטן וועגן די כאזארן זיינען אין דעם בוך ניטאָ קיין סך. מער וועגן זיי באריכטעט אַן אנדער אַראַבישער שרייבער אין אָנהייב פון 10טן יאָרהונדערט. אבו לי אכמעד איבן אָמאר איבן רוסטע. זיין בוך „ווערטפולע האַלזבאנדן״ אין אַן ענציקלאָפעדיע איבער פאַרשידענע פראַגן, צו אונז איז דערגאנגען נאָר אטייל פון איר דעם זיבעטער. אין דעם טייל געפינען זיך באריכטן פון מזרח אייראָפע.



א מאפע געמאכט ביי אבו קאסים איבן האוקאל אין יאָר 951, אויף א ים, אין וועלכן עס פאלט אַריין א טייך, שטייט געשריבן **דער ים פון קאַזאַר**

אין דעם יאָר 920 האָט איבן זאָנד אל באלכי אָנגעשריבן א בוך „די בילדער פון די קלימאטן״, וועלכע איז צו אונז ניט דערגאַנגען נאָר האָט געדינט פאַר אַ פונדאמענט פאַר אן אנדער שרייבער איבן יצחק איבראהים איבן מוכאמעד אַל איסטארכי. דער בוך הייסט „דער בוך פון די וועגן און לענדער״. דער בוך איז אַרויסגעגאנגען אין יאָר 951. אין דעם בוך ווערט יעדע לאַנד געגעבן א באַזאונדער אָפּטייל און א מאַפּע אין קאָלירן. איסטאַרכי באריכטעט פאַקטן, וואָס ער האָט אַליין צוזאמענגעקליבן אין דער צייט פון זיינע רייזעס איבער איראַן, אראביע, סוריה און מצרים. דער בוך איז שפּעטער בעארבעט געוואָרן פון איבן אל קאסים ,איבן כאאוקאַל אל קאסים האָט אויך א סך געררייזט און לויט דער ביטע פון איסטארכי האָט ער אויסגעבעסערט און צוגעגעבן אַ סך צו זיין ארבעט. צוגלייך מיט איסטארכי און איבן כאאוקאל האָט אין 10טן יאָרהונדערט אין דעם פּעריאָד פון דער פונאנדערבלי פון דער אַראַבישער קולטור און געגראַפישער וויסנשאַפט האָט אבו אבדאלאַן איבן מאכאמעד אָדער אַלא מוקאַדאסי אַרויסגעגעבן אַ ווערק מיט דעם נאָמען „די בעסטע ווערק זיך צו באַקענען מיט אַלע לענדער״. די ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך זיינע אַ רייזע איבער די לענדער וואו עס האָט געהערשט דער איסלאַמישער גלויבן. די אינפאָרמאציע פון מוקדאסי צייכענען זיך אויס מיט זייער ריכטיגקייט און פינקטליכקייט.

איינע פון די וויכטיגסטע געשיכטלעכע אינפאָרמאציע פון יענער צייט באַציט זיך צו די ווערק פון אכמעד איבן פאַדלאַן. דאָס איז אַ באריכט וועגן זיין שליחות צו די בולגאַרן אין יאָר 922. דער באַריכט איז געשריבן פאַר דעם כאַליף מוקטאדיר. אין דעם באריכט ווערט פינקטלאַך באשריבן וועגן זיין מארשרוט אין זיינע פאַרווילונגען אין דעם לאַנד פון די בולגאַרן און די אויפ־נאמע וואָס ער איז געגעבן געוואָרן צו די שליחים. ביי דער ענדע גיט ער איבער אינפאָרמאציע וועגן די כאַזאַרן. ביז דעם יאָר 1923 האָט מען נאָר געהערט פון דער אינפאָרמאַציע אָבער קיינער האָט דאָס ניט געזען. אין דעם יאָר 1923 איז ענטדעקט געוואָרן דער גאַנצער טעקסט פון דעם באַריכט. דער באַריכט איז זייער וויכטיג פאַר דער געשיכטע פון די בולגאַרן און כאַזאַרן און אַנדערע פעלקער פון מזרח אייראָפּע.

אין 10טן יאָרהונדערט באווייזן זיך חוץ געאָגראַפישע באשרייבונגען אויך געשיכטלעכע. איינער פון די גרעסטע אַראַבישע געשיכטע שרייבער איז געווען אבו דזשאפר את טאבאָרי וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין אמולע אין יאָר 839. ער האָט א סך געררייזט זיך באזעצט אין באַגדאד און זיך אָפּגע־געבן מיט לערנען און ערציאונג. געשטאָרבן אין יאָר 923. צווישן די ווערק וואָס פון אים איז געבליבן צייכנט זיך אויס דער בוך „די געשיכטע פון נביאים און מלכים״. דאָס איז אַן אלוועלטלאכע געשיכטע וואָס הייבט זיך אָן

מיט דער באַשאַפונג פון דער וועלט און נעמט ארום דער געשיכטע און קולטור פון אַ סך מאכמעדאנישע פעלקער. א מיטצייטלער פון טאַבאָרי איז אסאם אַל קופי. א טעקסט פון דעם אַראַבישן געשיכטע שרייבער איז ניט לאַנג צוריק אנטדעקט געוואָרן אין איינער פון די קאָנסטאנטינאָפּאָלער ביבילאָטעקן. אין זיי רעדט זיך וועגן דער אַראביש כאזארישער מלחמה. דאָרטן געפינען זיך שטעלן וועלכע זיינען ניטאָ בא קיין אַנדערע שרייבער. די באשרייבונגען טראָגן א כאַראקטער ווי זיי וואָלטן געשריבן געוואָרן ביי עמעצן וואָס איז דערביי געוועזן.

איינער וואָס האָט א סך געשריבן וועגן די כאַזאַרן איז דער היסטאָריקער אבו אל כאסאן איבן אַל כוסעין אל מאסודי, ווי א סך אַראַבישע שרייבער האָט ער אין דער יוגנט אַ סך גערייזט, ער איז געוועזן אין אינדיע אויף דעם צעילאָנער אינזל און אין כינע. אַ סך פון די אָרגינאלן פון זיינע שריפטן האָבן זיך ניט אויפגעהיט. אין זיינע געאָגראַפישע באַשרייבונגען שפּארט ער זיך אָן אויף זיינע פאָרגייער. אויף איינעם איבן כארדאדבעק. דערביי האָט ער אַליין א סך צוגעגעבן. אין זיינע געשיכטע באשרייבונגען, וואָס ער האָט אַליין געזען און וואָס ער האָט צוזאמענגעקליבן פון אַנדערע. ער פאַרמאָגט א סך אינפאָרמאציע וועגן די כאַזאַרן. אבן מאנסורא אבד אל מאליק איבן איזמאילי אַל סאליבי האָט אין די יאָרן צווישן 1017—1022 אָנגעשריבן א בוך „די געשיכטע פון די פּערסישע מלכים“ וואָס ענטהאלט זייער וויכטיגע געשיכטליכע מאַטעריאלן.

איינער פון די גרעסטע ענציקלאָפּעדיסטן פון זיין צייט איז געוועזן אכמעד אל בירוני, ער איז געבאָרן געוואָרן אין דער מדינה „כאָרעזם“, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט כאַזאַריע. ער האָט אָנגעשריבן א בוך „די געשיכטע פון כאָרעזם“ וואָס האָט לײדער צו אונז ניט דערגאנגען, חוץ דעם בוך האָט ער אָנגעשריבן נאָך ווערק וועגן פאַרשידענע וויסנשאפטן.

פון אַראַבישע געאָגראפן פן דער שפּעטערדיגער צייט, אבו איבן באַלא אש שעריף אל אידריס וואָס האָט געלעבט אין עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט, און ווי אַנדערע אַראַבישע געאָגראפן פון זיין צייט האָט ער אַ סך גערייזט, פאַר א צייט האָט ער זיך געפונען אין דעם הויף פון נאָרמאנישן קעניג ראדזשערס דער צווייטער אין סיציליע, וואו ער האָט פאַר דעם קעניג אויסגעאַרבעט אַ טאַץ פון זילבער אויף וועלכער עס איז געוועזן אויסגעקריצט א מאפּע פון אַלע לענדער פון וועלכע מען האָט געוואוסט.

אין יענער צייט איז ערשינען אַ דיקשאָנערי פון יאקוט איבן אבדאלא לויט זיין אָפּשטאם א גריך, ווען ער איז געוועזן יונג איז ער אַריינגעפאַלן אין געפאנגענשאפט און פאַרקויפט געוואָרן פאַר א שקלאַף, צו אַ סירישן סוחר, וואָס האָט אים געמאכט פאַר זיינעם אַן ארויסהעלפער אין דעם האנדל מיט ביכער. נאָך דעם טויט פון זיין בעל הבית האָט זיך יאקוט פאַרנומען אַליין מיט דעם האנדל פון ביכער. ער האָט באַרייזט א סך לענדער און אין יאָר

1224 האָט ער צוזאמענגעשטעלט א דיקשאָנערי מיט א סך וויכטיגע מאַטעריאלן. לײדער זײנען א סך פון זײ צו אונז ניט דערגאנגען און דאָס וואָס עס איז דערגאנגען זײנען פון זיכערע קוואַלן.

אבן אל אסיר איז געווען אַ פּאָרזעצער פון טאבארי, ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1160. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראכט אין מאָסול און זיך אָפּגעגעבן מיט געשיכטע. איבן אַלס קאסיר האָט פאַרקירצט און איבערגעאַרבט די געשיכטע פון טאַבאָרי. ער האָט צו איר צוגעגעבן וואָס ער האָט געקריגן פון אַנדערע קוואַלן און דערפירט דער געשיכטע צו דעם יאָר 1231. די ווערק פון איבן אל אסיר ענטהאלטן זייער וויכטיגע ארבעט וועגן די כאַזארן. וויכטיג איז אויך די ווערק פון איבן סאאיד אַל מוגריבי א שפּאַנישער אַראבער וועלכער האָט פאַרבראכט זיין גאַנץ לעבן אין רייזעס.

עס זײנען דאָ נאָך אַראַבישע ביאָגראפן און היסטאָריקער פון שפּעטער־דיגע צייטן. זיי האָבן ניט געלעבט אין דער צייט פון דער כאַזאַרישער מלוכה און אַלץ וואָס זיי ברײנגען איז גענומען פון פריערדיגע קוואלן.

אינפאָרמאַציע וועגן די כאַזאַרן ביי פערסישע געאָגראַפן און היסטאָריקער

אין דעם יאָהר 963 איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער טערקישער שפּראַך, די שריפטן פון טאבאָרי. די איבערזעצונג איז געמאכט געוואָרן דורך אַ פערסישן וויזיר אבו אלי מוכאַמעד באלאמי, אין דער איבערזעצונג געפינט מען אינפאָרמאציע, וואָס עס פעלן אין אָרגינאל. אין דער טערקישער ליטע־ראַטור געפינען זיך איבעראַרבעטונגען פון אַראַבישער געאָגראפישער און היסטאָרישער ליטעראטור וועלכע זײנען צו אונז ניט דערגאנגען, ספּעציעל א ווערק „דערעבענט נאמע" (די געשיכטע פון דערעבענט) אין וועלכער חוץ געשיכטע ווערן אויך דאָרטן באַשריבן לעגענדעס און פאָלקס דערציילונגען. חוץ די אידישע אַראבישע, פערסישע, טערקישע, און ביזאנטישע אינפאָרמא־ציעס זײנען אויך דאָ אינפאָרמאציע פון כינעזישע קוואַלן אין וועלכע עס ווערן דערמאָנט די כאַזאַרן.

די אַלע אַראַבישע שרייבער זײנען געווען מיטצייטלער פון די כאַזאַרן און געשריבן וועגן זיי. (געזאמלט פון רוסישע און אַנדערע קוואלן).

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון די כאַזאַרן אין דעם 9טן און 10טן יאָרהונדערט.

דער 9טער און 10טער יאָרהונדערט זײנען געווען די יאָרן ווען די כאזארישע מלכים און אַ טייל פון כאַזאַרישן פאָלק האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן. דאָס איז געווען די צייט ווען די כאַזאַרישע אימפּעריע האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע און אויך די צייט פון דעם אָנהייב פון איר אונטערגאנג.

דורך דער צייט פון דער הערשאפט פון די כאַזאַריש אידישע מלכים, איז די פראַקטיצירונג פון אַנדערע רעליגיעס געווען פריי אין דער גאַנצער כאַזאַרישער אימפעריע און פעלקער פון אַנדערע רעליגיעס האָבן גענומען אַן אנטייל אין דער כאַזאַרישער אימפעריע, ספּעציעל די מוסולמענער, וואָס האָבן פאַרמירט אַ וויכטיגן טייל פון דער אימפעריע. לויט אַראַבישע געשיכטע שרייבער האָבן אין דער צייט פון די אידעשע מלכים, אַלע פעלקער געהאַט פרייהייט פון גלויבן.

די כאַזארישע אימפעריע איז באַשטאַנען פון נאָמאדן, שטאָט מענטשן פון דער הויפּט שטאָט און אַנדערע שטעט. די מערבדיגע פראָווינצן זיינען באשטאנען פון טערקן, אידן, אַראַבער, פינישע און סלאַווישע ראַסעס. די גרויסע מאסע מענטשן נאָמאדן, און ערד־אַרבעטער איז געווען באהערשט פון אַן אַריסטאָקראַטיע פון ווייסע כאַזאַרן, וואָס א טייל פון זיי האָט אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן: זיי זיינען געווען די וואָס האָבן צוזאַמענגעהאלטן די פאַרשידענע לענדער און פראָווינצן וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון זייערע נאַציאָנאלע פירער.

לויט די באשרייבונג פון דעם אראבישען געשיכטע שרייבער (מוקאדאסי) זיינען די סטעפּעס ארום דער וואָלגא, דאָס מיינט ארום דער הויפּט שטאָט פון דער כאַזאַרישער אימפעריע געווען נאַקעט און טרוקן אָן פּיה, אָדער פרוכט־גערטנער. עס איז קיין פראַגע ניט אַז דאָס איז פאַרגרעסערט. מיר ווייסן אַז די כאַזאַרן האָבן פאַרמאָגט קעמלען, וואָס זיינען געווען פון אַ קלענערן סאָרט. אין אַן אנדער פלאַץ דערציילט מוקאדאסי, אַז די כאזאַרן האָבן פאַרמאָגט א ריזיגע צאָל שעפּסן. זיי האָבן געקענט באוואָפענען טויזנטער רייטער קריגער. צו אויפהאלטן, אזא מחנה האָבן זיי געמוזט האָבן א ריזיגע צאָל פערד, דורך דער צייט פון דער אינוואזיע פון מאַרווין אין יאָר 737 האָט ער פאַרניכטעט א סך רייטער אָפּטיילונגען אין זיין מארש ביי דער וואָלגא. לויט איבן סאאוד זיינען די רייט חיות פון די כאַזאַרן געווען אונגעהויער גרויס, ספּעציעל ווען ער רעדט וועגן פערד.

דער סטעפּ איז געווען אין אַנדערע ערטער קולטיווירט, סיי אין דער אידעשער קאָרעספּאָנדענץ און סיי לויט איסטארכי קומט אויס אַז פעלדער, וואָס האָבן זיך געשפּרייט אַרום דער הויפּט שטאָט, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף א שטח פון 60—70 מייל זיינען געווען בעארבעט. קאַרדיזי דערציילט פון פעלדער פון כאזארן וואָס אויף זיי האָט געוואָקסן רייז און אַנדערע גרינסן. מוקאַדאסי שרייבט אַז די כאַזאַרן האָבן גענוצט א ספּעציעלן ברויט וואָס האָט געהייסן טאהיר. פיש האָט אויך פאַרנומען אַן אָרט אין זייער דיעטע. צו צו וועלכע קאַרדיזי רעכנט אויך צו זייער גוטן וואוקס. איסטארכי זאָגט אַז די האָניג און וואַקס וואָס איז געקומען פון כאזאריע איז געבראכט געוואָרן פון

ערגעץ אנדערש. מיר הערן אויך פון פוקסן פעל. לויט איסטאַרכי זיינען די פאַרשידענע סאָרטן פעלן און אויך די האָניג און די וואקס געבראכט געוואָרן ביי די כאַזאַרן פון רוסישע און בולגאַרישע לענדער. לויט איבן רוסטא און קאַרדיזי איז אויך די סייבל פוטערס פון בולגאַריע און אַ ספּעציעלער פוטער פון פוקסן פון בורטאַס. אַ גרויסער צאָל פוטער איז אויך געקומען פון רוסן לאַנד וועלכע האָט ניט געהערט צו דער כאַזאַרישער אימפּעריע. איבן קאַרדאָזי און איבן פאַקיר דערציילן פון ביווער און שוואַרצע פוקס פעלן וואָס פלעגן געבראכט ווערן פון רוסישע סוחרים קיין קאָנסטאַנטינאָפּל און נאָכדעם מיט דעם שווארצן ים קיין קערטש. פון קערטש מיט דעם דאָן טייך צו דער וואָלגאַ. צו דער הויפּט שטאָט פון די כאַזאַרן. אין דער הויפּט שטאָט פאָדערט דער קאַגאַן אָדער זיינער אַ בעאַמטער פון די רוסישע סוחרים זיי זאָלן אים באַצאָלן א צענט חלק פון דער ווערדע פון זייער סחורה. די סוחרים פלעגן נאָכדעם פאָרזעצן זייער רייזע אַראָפּ מיט דער וואָלגא ביז צו דעם קאַספּישן ים וואָס האָט געהייסן דער ים פון די כאַזאַרן פאַרקויפענדיג זייער סחורה. חוץ פוטערוואַרג פלעגן זיי אויך פאַרקויפן שווערדן קיין איראַן אויף דעם צווייטן זייט פון קאַספּישן ים. איסטאַרכי דערמאָנט אַנדערע געברויכס אַרטיקלען וואָס פלעגן אַריינקומען קיין כאזאריע ווי צין, וואָס פלעגט קומען פון רוסן לאַנד. די אַרטיקלען פלעגן געבראכט ווערן פון כאַזאַרישע סוחרים פון קיעוו.

איסטאַרכי דערציילט אויך פון אַ גרויסן האנדל פון שקלאַפן. דאָס ווערט אויך באשטעטיגט פון איבן פאַדלאַן. די שקלאַפן פלעגן געבראכט ווערן פון רוסישע שקלאַפן הענדלער, פון צפון, אין דער הויפּט שטאָט פון כאַזאַריע, וואו עס איז געווען אַ שקלאַפן מארק. פון דאָרטן פלעגן זיי טראנספּאָרטירט ווערן אין די מאכמעדאנישע לענדער, לויט איסטאַרכי זיינען די שקלאַפן, וואָס האָבן זיך געפונען אין כאַזאַריע, געווען געצנדינער, וואָס פלעגן פאַרקויפן זייערע קינדער. אידן, קריסטן און מאכמעדאנער האָבן אַזעלכעס ניט פראַקטיצירט.

שקלאפן האנדל איז אין יענער צייט געווען אַ האנדל ווי אַנדערע האנדלען און דער שקלאַף איז געווען א סחורה, ווי אַנדערע סחורות און פאַרקויפט געוואָרן אָפן אויף דעם מארק.

די כאַזאַרן האָבן אויך קאָנטראָלירט זילבער און גאָלד גרובן און מעגלאך אויך קופער גרובן אין קאַווקאז מיט וואָס זיי פלעגן אויסצאָלן זייער מיליטער. דער פראָווינץ פון סעמענדער וואָס געפינט זיך אויף דער צפונדיגער זייט פון די בערג איז געווען רייך און פרוכטבאַר. איסטארכי און איבן חייקאַל דערציילן פון פרוכט גערטנער און וויין גערטנער וואָס האָבן זיך דאָרטן געציילט אין טויזנטער. דער הויפּט פאַרמעגן פון די כאַזאַרן איז באשטאַנען אין פיה־צוכט און אַגריקולטור וואָס זיי האָבן גענוצט פאַר זייער אייגענעם

געברויך. לויט איסטארכי איז דער איינציגער אַרטיקל וואָס פלעגט עקספּאָרטירט ווערן פון כאַזאַריע געווען פיש קליי.

קיין סוחרים קלאַס האָבן די כאזארן לויט מאסודי ניט פאַרמאָגט און דער קעניג פון די כאַזאַרן האָט ניט פאַרמאָגט קיין שיפן און זייערע מענטשן האָבן ניט געוואוסט ווי זיך צו באנוצן מיט שיפן. אין א צווייטן אָרט ווידערשפּרעכט זיך מאסודי ווען ער דערציילט אַז די כאַזאַרן האָטן יאָ געהאט שיפן וועלכע פלעגן פאָרן קעגן דעם שטראָם פון דער הויפּט שטאָט און פלעגן גיין הין און צוריק צווישן די בולגאַרן און כאַזאַרן. דאָס ווערט באשטעטיגט ביי מוקדאסי און איבן פאדלאן גיט צו אַז ווען אַ שיף פון כאַזארן־לאנד פלעגט קומען קיין בולגאַריע, פלעגט דער בולגאַרישער הערשער זיך אַריינזעצן אין דער שיף און פלעגט אראָפּנעמען א צענטל פון דער סחורה פאַר זיך. דערביי דערציילט ער ניט צי די בולגאַרן האָבן געהאט שיפן אָדער ניט. ווי עס זעט אויס האָבן די כאַזאַרישע שיפן ניט נאָר געריזט איבער דער וואָלגא נאָר אויך געריזט איבער דעם „ים פון די כאַזאַרן” (דער קאספּישער).

לויט דעם בריוו פון רבי חסדאי אבן שפרוט, פלעגן שיפן פון כאזאריע קומען קיין קאָנסטאנטינאָפּל נוצענדיג דעם דורכגאַנג ביי „סאראגסין” פון דער וואָלגא ביז דעם דאָן, אָדער פון דעם פּאָרט ביי דעם שווארצן ים „פּאנאַגאָריע”. דער פּאָרט וואו אַ ביזאנטישער קעניג האָט געקראָגן א שיף וואָס האָט אים געבראכט צוריק צו זיין היימלאנד.

דער האנדל פון די כאַזאַרן איז אויך אָנגעגאנגען אויף דער יבשה ארום דעם קאַספּישן ים, מאסודי זאָגט: אַז ער האָט געטראָפן מאכמעדאנישע סוחרים פון כאזאריע ביי די צפונדיגע גרענעצן פון ביזאנטיע. דער רייזנדער בנימין פון טאָלידא אין 12טן יאָרהונדערט דערציילט אַז ער האָט געטראָפן סוחרים פון כאזאריע אין קאָנסטאנטינאָפּל און אין אַלעקסאנדריע, יאקובי באמערקט אַז צווישן די סחורה וואָס פלעגט גרייכן באַגדאד איז געווען סחורה פון כאַזאַריע. לויט די אַראַבישע געשיכטע שרייבער זיינען אין דער כאַזאַרישער הויפּט שטאָט געווען א סך מאכמעדאנישע בעלי מלאכות, דאָך זיינען לויט איסטארכי קיין קליידער אין כאַזאַריע ניט פּראָדוצירט געוואָרן. די לאַנגע קליידער און טוניקס וואָס זיי פלעגן טראָגן האָט מען געבראכט פון ביזאנטיע אָדער פון מאַכמעדאנישע לענדער. דאָס פעלן פון אַזאַ וויכטיגער אינדוסטריע ביי די כאַזאַרן ווייזט אַז די אינדוסטרי איז ביי זיי געשטאַנען אויף אַ נידעריגער מדרגה.

אַרכעאָלאָגן זאָגן אַז אויסגראָבונגען ווייזן אַז די כאַזאַרישע ציוויליזאַציע איז געווען באווירקט פון פּערסישע מאָדעלן און פּערסישע קונסט און האָבן אימיטירט דער פּערסישער קונסט פון דער צייט פון די סאסאנידן. זיי ווייזן אָן דארויף אַז דעקלאַך פון פאַסן וועלכע זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן

אין מערב סאָוועטן פאַרבאנד און אין שוועדן טראָגן אויף זיך צייכנס פון פערסישע מאָדעלן און זיי האָבן געמוזט פאַבריצירט ווערן אין דער צייט פון דער כאַזאַרישער הערשאַפט אונטער דער כאַזאַרישער קולטורעלער ווירקונג.

עס איז אומפאַרשטענדלאך פאַרוואָס עס געפינען זיך ניט קיין כאַזאַרישע מטבעות, עס איז אוממעגלאך אַז זייער האנדל זאָל געפירט ווערען ביי בייטן סחורות אויף סחורות.

לויט די באשרייבונגען פון די אַראַבישע געשיכטע שרייבער זעט מען אַז ניט קוקנדיג, וואָס כאַזאַריע איז געווען אַ גרויסע אימפעריע האָט זי ניט פאַרמאָגט קיין אינדוסטריע, א קליינעם האנדל, אַ באַגרענעצטע ערד ארבעט. די עקאָנאָמיע פון דער כאַזאַרישער אימפעריע איז באַשטאַנען פון פיה־צוכט פון די נאָמאַדישע פעלקער. אָפּצאָלונגען פאַר די סחורה וואָס סוחרים פון פרעמדע לענדער האָבן צו זיי געבראַכט אָדער דורכגעפירט דורך זייער לאַנד, און פון שטייערן.

דער בריוו פון אבן פאַדלאַן

אבן פאַדלאַן אַן אראבישער מלוכה מאן און היסטאָריקער האָט באזוכט די וואָלגא בולגאַרן אַלס שליח פון כאליף מקתדר פון באגדאד אין די יאָרן 921—922. אבן פאדלאַן האָט געזען איטיל און געשריבן א בריוו צו דעם כאליף מקתדר. מיר גיבן דאָ דעם בריוו ווי ער איז איבערגעזעצט אין דייטש ביי קאָראָסי אין זיין בוך „בעריכטע איבער די כאַזאַרן 1921“. אין דעם בריוו דערציילט ער וואָס ער האָט געזען אין יענער לאַנד וואָס הייסט אַל כאזאר און איר הויפט שטאָט הייסט „איטיל“ לויט דעם נאָמען פון דעם טייך אויף וועלכן זי געפינט זיך און וועלכער שטראָמט קיין כאזאריע פון רוס און בולגאר.

דער בריוו איז ענלאַך צו די אינפאָרמאציע, וואָס אַ סך אראבישע געשיכטע שרייבער ווי אַל איצטארכי, איבן כאאוקאַל, מאסודי און אַנדערע דערציילן און וועלכע מיר האָבן געבראַכט פריער. מעגלאך אַז די אַראַבישע געשיכטע שרייבער האָבן דאָס גענומען פון איבן פאדלאַן און מעגלאַך פון אַנדערע קוואלן.

איטיל די הויפט שטאָט פון אַלט כאזאר שרייבט ער איז פונאנדערגעטיילט אויף צוויי טיילן, איין טייל געפינט זיך אין דער מערבדיגער זייט פון דער שטאָט און איז גרעסער פון צווייטן טייל און ווערט גערופן איטיל. דער צווייטער טייל געפינט זיך אין דער מזרחדיקער זייט פון טייך. זייער קעניג ווערט גערופן אויף זייער שפראך „יעלעק“ און „בעק“. די לענג פון דעם מערבדיגן טייל פון שטאָט אין אַ פרסה. און איז אַרומגערינגלט מיט

ניט קיין הייכן מויער. זייערע וואוינונגען זיינען געמאכט פון לייווענט און עס זיינען אויך דאָ הייזער געבויט פון ליים, זיי האָבן מערק און בעדער. עס געפינען זיך דאָרטן אַ סך מוסולמאנער, מען זאָגט אַז זייער צאָל גרייכט צו צען טויזנט, עס געפינען זיך דאָרטן 30 מעטשעטן, דער פּאַלאַץ פון קעניג, איז ווייט פון ברעג טייך און געבויט פון ציגל און קיין אַנדער מענטשן איז ניט ערלויבט צו בויען א וואוינונג פון ציגל, אַפילו דעם קעניג אַליין איז ניט ערלויבט צו בויען א צווייטער געביידע פון ציגל. אין דער מויער וואָס רינגלט ארום דער שטאָט געפינען זיך פיר טויערן איינער איז נאָענט פון טייך און די אַנדערע גייען אַרויס צו די פעלדער.

זייער קעניג איז אַ איד, די צאָל פון זיינע הויף מענטשן גרייכט צו פיר טויזנט. דאָס פאָלק די כאַזאַרן זיינען מאכמעדאנער. קריסטן און געצן־דינער. די קלענסטע געמיינדע איז די אידעשע. די גרעסטע צאָל באשטייט פון מאכ־מעדאנער און קריסטן. זייערע מנהגים און צערעמאָניעס זיינען מייסטנס געצנדינערישע, זיי בוקן זיך איינער צום צווייטןביים באַגעגענען. די געזעצן אין זייער שטאָט שטימען ניט מיט די געזעצן פון די אידן, קריסטן און מאַכ־מעדנער. אין דעם קעניגס מיליטער געפינען זיך צוועלף טוזנט מאן און ווען איינער שטארבט ווערט ער פאַרביטן מיט א צווייטן. די מיליטער לייט קריגן ניט קיין שטענדיגן געהאַלט נאָר ווען זיי ווערן מאָביליזירט צו אַ מלחמה. געוויינלאַך קריגן זיי אַ קליינעם געהאלט, זיי קריגן דאָס פון די צינזן וואָס זיי מאָנען אויף פון די סחורות וואָס זיי טרעפן אויף די וועגן. זיי קריגן אויך אַריין מתּנות פון וואַנדערענדע רייזענדער און פון דערפער. די צינזן באשטייען פון שפּייז און געטראַנקען. דער קעניג האָט ניין ריכטער אידן, קריסטן, מאכמעדאנער און געצן-דינער. די ריכטער אַליין פסקענען אַלע דינים פון מענטש צו מענטש, צו דעם קעניג גרייכן ניט אַלע משפטים. אין דעם געריכטס טאָג איז דאָ אַ בעאמטער, וואָס איז אַ פאַרמיטלער צווישן קעניג און די ריכטער און ער באַריכטעט צו דעם קעניג און לאָזט אים וויסן וועגן די פאַרהאנד־לונגען. דער קעניג גיט אַרויס דעם לעצטן פסק, וועלכע די ריכטער פירן דורך.

אַלס א ביישפּיל דערציילט איבן פאדלאן פאָלגענדע געשיכטע. א סוחר פון די איינוואוינער פון כאזראַן האָט געהאט א זון, וועלכער האָט זיך אויך באשעפטיגט מיט האנדל. דער פאָטער האָט אים געשיקט קיין בולגאריע. ער האָט זיך דאָרטן באַזעצט און פלעגט שיקן דעם פאָטער פון דאָרטן סחורה וועלכע דער פאָטער פלעגט פאַרקויפן. נאָך דעם אוועקפאָרן פון דעם זון האָט דער פאָטער אויף דעם אָרט פון דעם זון אַוועקגעשטעלט א קנעכט. דער קנעכט האָט זיך זייער גוט אויסגעצייכנט אין האנדל. דער סוחר האָט אים ליב געקריגן און גערופן מיין זון. עס איז אַוועק א צייט און דער פאָטער איז געשטאָרבן. דער זון האָט ניט געוואוסט פון פאָטערס טויט און געשיקט סחורה

ווי געווײנטלאך. דער קנעכט פלעגט צונעמען די סחורה און גאָרניט ענטפערן. דער זון האָט זיך דערוואוסט פון פאָטערס טויט און געשריבן א בריוו צו דעם קנעכט און אים געפרעגט צי זאָל ער אים שיקן סחורה ווי שטענדיג און אויך אים געבעטן אָפּשיקן די געלט, וואָס אים קומט פאַר די סחורה. דער קנעכט אנשטאָט צו ענטפערן אים ער זאָל שיקן סחורה האָט אים געענטפערט, אַז ניט נאָר ער וועט אים ניט שיקן קיין געלט פאַר די סחורה נאָר ער פאַר־לאנגט פון אים אַ דין וחשבון פון אלע סחורות, וואָס עס געפינען זיך ביי אים און ער זאָל זיי גלייך אָפּשיקן.

דער בריוו האָט געמאכט דעם זון ער זאָל זיך אײלן קיין כאזאַראן און פאַרקלאָגן דעם קנעכט אין געריכט און דאָ האָבן זיך אָנגעהייבן די טענות פון בײדע צדדים, האָט איינער אַרויסגעבראכט א טענה האָט דער צווייטער אויף דער טענה געענטפערט. דער משפט האָט זיך פאַרצויגן פאַר א גאַנץ יאָר און אָנגעקומען צו דעם קעניג. דער קעניג האָט אײנגעאָרדענט א זיצונג פון געריכט אויף וועלכן עס זיינען געוועזן אָנוועזענד אַלע ריכטער און די איינ־וואוינער פון שטאָט. די צוויי קריגענדע צדדים האָבן פאָרגעלייגט זייערע טענות פון דעם מאָמענט ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן דער סכסוך. דער קעניג האָט אויסגעהערט זייערע טענות און ניט געוואוסט וואָס צו פסקענען ווייל זייערע טענות זיינען געווען גלייכע. פרעגט דער קעניג דעם זון ווייסטו וואו עס געפינט זיך דיין פאָטערס קבר. זאָגט דער זון מען האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז ער איז געשטאָרבן אָבער איך בין ניט געווען אויף זיין לויה, אַזוי אז מיט זיכערקייט, קען איך ניט זאָגן וואו ער ליגט. פרעגט דער קעניג דעם קנעכט דעם מאָנער ווייסטו וואו עס געפינט זיך דיין פאָטערס קבר זאָגט דער קנעכט איך ווייס, ווייל איך בין געווען דער וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זיין קבורה, זאָגט דער קעניג צום קנעכט ברייגגט מיר עפּעס פון זיין איבערבליי־באכץ. דער קנעכט איז אַוועק צום קבר און געבראכט עטלעכע פאַרפוילטע ביינער פון פאַרשטאָרבענעם. זאָגט דער קעניג צום קנעכט נעם אביסל בלוט פון דיין קערפער און באַגיס די ביינער. ווען דער קנעכט האָט באגאָסן די ביינער מיט זיין בלוט איז די בלוט אַראָפּגערונען פון די ביינער און ניט איבערגעלאָזן קיין צייכן. דער קעניג האָט געהייסן דעם זון באַגיסן מיט זיין בלוט די ביינער, האָט זיך די בלוט צוגעקלעפּט צו די ביינער, ווען דער קעניג האָט דאָס דערזען, האָט ער געהייסן באשטראָפן דעם קנעכט און אים מיט זיין פאַרמעגן אַוועקגעבן צו דעם זון.

די שטאָט איז ניט ארומגערינגלט מיט קיין דערפער נאָר מיט פאַרזיי פעלדער. זיי גייען אין פרילינג אַרויס אויף א שטח פון אַן ערך 20 פרסאות. זיי פאַרזייען זייערע פעלדער און זאַמלען איין די תבואה, זיי ברייגגען די תבואה פון איין זייט צו דעם טייך און פון צווייטן זייט פון סטעפ ברענגט מען

מיט וועגענער צו דעם טייך און מען פירט אַריבער מיט שיפן אין שטאָט.

זייער הויפּט שפּייז איז רייז און פיש און די איבעריגע זאכן, וואָס מען טרעפט בא זיי, ווערט געבראַכט פון רוסיה, בולגאַר און כויאכע, מען טרעפט אויך בא זיי פעל פון ביבער, וועלכער געפינט זיך נאָר אין די טייכן פון די לענדער פון די בולגאַרן, רוסן און כויאכע און ווי ווייט איך ווייס געפינט זיך ניט דער ביבער אין אַנדערע לענדער.

מיר האָבן שיין דערציילט אַז דער קעניג וואוינט אין דעם מערבדיגן טייל פון שטאָט און זיינע הויף מענטשן און זיין מיליטער זיינען אמתע כאַזאַרן. דער צווייטער זייט דער מזרחדיגער איז באַוואוינט פון סוחרים, וועלכע זיינען מוסולמאנער. דאָרטן געפינען זיך אויך די סקלאַדן פון די סחורות. און די שפּראַך פון די כאַזאַרן איז אַנדערש פון דער טיורקוטישער און פּערסישער און איז ניט גלייך צו קיין שפּראַך פון אַן אנדער פאָלק.

די כאַזאַרן זיינען ניט גלייך צו די טערקן, זיי זיינען שוואַרץ האָריגע און זיי באשטייען פון צוויי טיילן איין טייל ווערט גערופן כאַזאַר און זיי זיינען טונקל הויטיגע, ווי די אינדיער און דער צווייטער טייל באשטייט פון ווייסע בלאָנדע און שיינע. די קנעכט פון די כאַזאַרן, וואָס מען באַגעגנט אין די איס־לאַמישע לענדער, זיינען פון כאַזאַרן געצנדיגער וואָס ערלויבן צו פאַרקויפן זייערע קינדער און איינער דינט ביים צווייטן. די אידן און די קריסטן איז ניט ערלויבט צו דינען איינער ביים צווייטן. מען פירט גאָרניט אַרויס פון דער שטאָט פון די כאַזאַרן אין אַנדערע לענדער און וואָס מען פירט אַרויס פון דאָרטן, ווי מעל, האָניג, וואקס, ביבער פעל, ווערט צו זיי צוריק אריינגע־בראכט. און די קליידער פון די כאַזאַרן און פון זייערע שכנים זיינען געמאכט פון פעל און זיי אַליין מאכן ניט קיין קליידער, נאָר מען פירט צו זיין אַריין פון די לענדער גאַרגאַן, טאַבאַראַסטאַן, אדערביידזשאַן און ביזאַנטיע.

דער נאָמען פון דעם קעניג פון די כאַזאַרן איז כאַגאַן און ער באַווייזט זיך ניט פאַר מענטשן נאָר איינמאָל אין 4 מאָנאַטן, בעת ער פאָרט אויף אַ שפּאַציר און מען רופט אים דער גרויסער כאַגאַן און זיין פאַרטרעטער רופט מען כאגאַן בעק, ער איז דער מיליטערישער פירער, ער גיט זיך אָפּ מיט פירן דער מלוכה, איז איר פירער, ער באַווייזט זיך פאַר מענטשן, פירט מלחמות און פירט דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט די נאָענטע קעניגרייכן. ער גייט אַריין אַלע טאָג צו דעם גרויסן כאַגאַן און ער גייט צו אים ניט אַריין אָנגעטאָן אין שיך נאָר באָרוועס און אין זיין האַנט האַלט ער א שטיק האָלץ און נאָכדעם ווי ער בוקט זיך פאַר אים צינדט ער אָן דער שטיק האָלץ. נאָכדעם ווי דער האָלץ הייבט אָן ברענען, זעצט ער זיך ביי דער זייט פון קעניג אויף אַ שטול צו דער רעכטער זייט. זיין פאַרטרעטער איז איינער וועלכן מען רופט כונדער כאַגאַן" און ער האָט אויך אַ פאַרטרעטער, וועלכן מען רופט נוישנער.

דער גרויסער קעניג מישט זיך ניט אין די מענטשלאכע געשעפטן און ער רעדט ניט מיט זיי און קיינער גייט ניט אַריין צו אים אין פּאַלאַץ חוץ דער כאַגאַן בעק. עס פירט זיך אַז נאָך דעם גרויסן קעניגס טויט בויט מען פאַר אים א ספּעציעלן פּאַלאַץ מיט 20 צימערן און אין יעדן צימער גראָבט מען פאַר אים א קבר, מען צושטייסט שטיינער ביז זיי ווערן דין ווי שטויב מיט דעם שטויב דעקט מען אים צו. נאָכדעם ווי מען לאָזט אראָפּ דעם קעניג אין אַ קבר האקט מען אָפּ די קעפּ פון די באַגרעבער כדי קיינער זאָל ניט וויסן אין וועלכן צימער ער איז באגראָבן. דער אָרט וואו ער איז באגראָבן ווערט גערופן גן עדן. און מען זאָגט אַז ער איז אַריין אין גן עדן און מען באַדעקט דעם פּאַלאַץ מיט ליילאכער פון זיידנס געוועבט מיט גאָלד.

עס פירט זיך ביי די כאַזאַרישע קעניגן אַז זיי האָבן 25 ווייבער. יעדע איינע פון די ווייבער איז אַ טאָכטער פון איינעם פון זיינע שכנישע קעניגן און ער האָט מיט איר חתונה צי זי וויל, צי זי וויל ניט. ער האָט 60 קעבס ווייבער פון די דינסטן, אַלע זיינען שיינהייטן, אַלע ווייבער די פרייע און די דינסטן געפינען זיך אַלע אין איין פּאַלאַץ און יעדע איינע האָט א יענוואוך וועלכער גיט אכטונג אויף איר, אַז דער קעניג וויל איינער פון זיי, שיקט ער צו דעם יענוואוך, וואָס נעמט אכטונג אויף איר און יענער ברייגנגט איר צו אים אין אַ סעקונדע און לייגט איר אַריין אין זיין בעט. דער יענוואוך שטייט אין דרויסן אין דער טיר פון קעניגס פּאַלאַץ און ווען דער קעניג ווערט פאַרטיג נעמט ער איר צו ניט איבערלאָזנדיג איר ביים קעניג אויף אַ סעקונדע. ווען דער גרויסער קעניג פאָרט אַרויס רייטענדיג, רייט זיין גאנצער מיליטער פאר אים אַ דיסטאנט פון א מייל ציט זיך צווישן אים און זיין מיליטער. און קיין איינער פון די עלצטע פון זיין מיליטער קען אים ניט זען, און ווען ער דערזעט אים פאַלט ער אויף זיין פּנים און הייבט ניט אויף זיין קאָפּ ביזוואנען דער קעניג פאָרט ניט דורך. העכער פון דעם קעניג איז דאָ נאָך א פערזאָן וועלכן מען רופט כאגאן כאזאר, ער ערציט דעם קעניג און קרוינט אים אַלס א קעניג. ווען עס שטארבט אַ קעניג און מען דאַרף קרוינען א נייעם קעניג, ברייגנגט אים דער כאגאן כאזאר און ער דערמאָנט אים גאָטס נאָמען, ער שטראָפט אים און לאָזט אים וויסן וועגן די פּריווילעגיעס, וואָס דער קעניג האָט און וועגן זיינע פליכטן און פאַראנטוואָרטליכקייטן און וואָס פאַר א שטראָף ער וועט באקומען, ווען ער וועט זיך ניט פירן ווי עס באַדאַרף צו זיין און וועט משפטן ניט מיט גערעכטיגקייט און יושר.

א סך מאָל דערשרעקט זיך דער וואָס דאַרף ווערן א קעניג, ווען ער דערהערט די שטראָף און די פאַראנטוואָרטליכקייט וואָס מען לייגט אויף אים אַרויף און ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם גרויסן כבוד. דענסטמאָל ווערט ער פאַרביטן אויף אַן אנדערן מיט אַ שטארקערן ווילן און גייסט. ווען מען ברייגנגט

אים זיך צו זעצן אויף דער מלוכה שטול נעמט דער כאגאן כאזאר און וויקלט אַרום זיין האלדז א זיידענעם פּאָדעם. דער כאַגאַן כאזאר שטיקט אים און פרעגט אים ווי לאַנג ווילסטו קעניגן , באשטימט דער קעניג א צייט און אייב ער שטאַרבט פאַר דער צייט, וואָס ער האָט באשטימט איז דאָס גאָטס ווילן. אייב אָבער ער לעבט לענגער פון דער צייט וועלכע ער האָט באשטימט, איז ווען עס קומט צו דער צייט וואָס ער האָט באשטימט און ער שטאַרבט ניט הרגעט מען אים.

זייער געהאָרכזאמקייט צו דעם קעניג איז אַזוי גרויס, אַז ווען איינעם פון זייערע עלצטע קומט טויט שטראָף און דער קעניג וויל אים ניט טויטן, אַז אלע זאָלן וויסן הייסט ער אים גיין א היים און זיך נעמען דאָס לעבן און יענער גייט א היים און נעמט זיך דאָס לעבן.

די שטעלעס פון אַ כאגאן באלאנגט צו א באשטימטער און באַרימטער פאמיליע אין וועלכער עס געפינען זיך רייכע און אָרעמע און ווען עס דאַרף אויסגעקליבן ווערן אַ כאַגאַן קוקט מען ניט צי ער איז רייך אָדער אָרעם. מיר האָט דערציילט א באגלויבטער מענטש, אַז אויף איינע פון די מערק האָט ער געזען אַ יונגן מאן וואָס האָט פאַרקויפט ברויט האָבן די מענטשן אים געזאָגט אז אויב עס וועט שטאַרבן איינער פון די כאגאנס, איז ער בארעכטיגט מער ווי עמעצער אַנדערש אויסגעקליבן צו ווערן אַלס א כאגאן. נאָר אַזוי ווי ער איז א מוסולמאנער קען ען ניט אויסגעקליבן ווערען, ווייל אויסגעקליבן צו ווערן פאַר א כאַגאַן קען נאָר אַ איד.

די מלכים ווערן ערוויילט מערסטנס אויף 40 יאָר און ווען ער לעבט איבער זיין דינסט איין טאָג טויטן אים זיינע עלצטע און זייערע נאָענטע. זאָגענדיג אַז ער איז משוגע געוואָרן און פאַרלאָרן זיין געדאַנק.

ווען אַן אָפּטיילונג מיליטער אנטלויפט פון שונא צוליב וועלכער עס איז סבה. דארפן אלע וואָס האָבן גענומען אַן אנטייל אין דער אָפּטיילונג אויס-געהארגעט ווערן. צו דעם קאָמאנדיר ברייגגט מען זייערע ווייבער און זייערע קינדער מען גיט זיי אַוועק פאַר קנעכט פאַר זייערע אויגן, און אַזוי טוט מען מיט זייערע פיה, זייער געווער און זייערע געצעלטן, זיי אַליין אמאָל, צושנייט מען אויף שטיקער און אמאָל הענגט מען זיי אויף. עס איז שיין גוט ווען מען מאכט זיי פאַר יענוואוכן.

זייער הויפט שטאָט „איטיל" איז צוטיילט אויף צוויי טיילן, אין איינעם וואוינט דער קעניג און זיינע מענטשן און אין דער צווייטער, מוסולמענער. איבער די מוסולמענער איז דאָ איינער וואָס איז באשטימט פון דעם קעניגס קנעכט, וועלכן מען רופט „כאַז". ער איז אַ מוסולמענער און אַלע געזעצן פון די מוסולמענער, וואָס וואוינען אין יענער שטאָט און די וואָס באזוכן איר אַלס סוחרים באלאנגען צו אים און קיינער א חוץ אים קען זיך ניט מישן אין

זייערע געשעפטן און זיי משפטען, די מוסולמענער האָבן אין יענער שטאָט אַ גרויסן מעטשעט אין וועלכן זיי בעטן צו אַללא און וועלכן זיי באזוכן פרייטאָג. (דער טאָג פון מוסולמאנישן שבת) דער מעטשעט האָט אַ גרויסן טורעם פון וועלכן מען רופט אויס די צייט פון די תפלות ווען דער קעניג פון די כאַזאַרן האָט זיך אין יאָר 311, מאכמעדאנישער צייט רעכענונג, דערוואוסט אַז די מוסולמענער אין באַגדאד האָבן צושטערט א אידישע שול, האָט ער געהייסן צושטערן דעם טורעם און אויסהרגענען די אויסרופער. דערביי האָט ער געזאָגט, ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט אַז מען זאָל צושטערן אַלע שולן אין די לענדער פון איסלאַם, וואָלט איך צושטערט דעם מעטשעט.

אַלע כאַזאַרן און זייער קעניג זיינען אידן און זייערע שכנים די סלאַווען זיינען אונטערטעניג צו זיי און ער באציט זיך צו זיי ווי צו קנעכט. די שפראך פון די בולגאַרן איז ווי די שפראך פון די כאַזאַרן, די בורטאַסן האָבן אַן אנדער שפראך. און די שפראך פון די רוסן איז אנדערש, ווי די שפראך פון די כאַזאַרן און בורטאסן.

דער אַרויסגאַנג פֿון די כאַזאַרן
אויף דער וועלט אַרענאַ

צווייטער טייל

אָנצואווייזן אויף זיכער און ריידן וועגן דער אָפּשטאַמונג פון אַן אלטן קליינעם פאָלק און ספּעציעל פון אַ פאָלק וואָס איז פאַרשוואונדן אין זייער שווער און כמעט אונמעגלאך. די אַלטע געשיכטע שרייבער וואָס ריידן וועגן זיי מישן אויס די נעמען פון אלטן פאָלק מיט געשעעענישן, וואָס זיינען פאָרגע־קומען און אין וועלכע עס האָבן אנטייל גענומען אַנדערע פעלקער. לאָמיר זאָגן „בארסילן" א פאָלק, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער כאַזאַרישער אימפּעריע רופן זיי כאַזאַרן און דאָס אייגענע פאַרקערט. ווען אין זייערע שריפטן רופן זיי אָן דעם נאָמען פון דעם פאָלק וואָס מען פאָרשט, איז מען נאָך ניט זיכער איז דאָס ווירקלעך דער פאָלק. דאָס אייגענע איז מיט דעם אָרט וואו דאָס פאָלק האָט זיך געפונען .זיי רופן אָן א סך מאָל ערטער וואו דאָס פאָלק האָט זיך געפונען און אין דער אמת׳ן איז ער דאָרט קיינמאָל ניט געווען און אין ערטער, וואו דאָס פאָלק איז געזעסן, רופן זיי אָן פעלקער. וואָס האָבן דאָרטן קיינמאָל ניט געוועו. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס מיט טויזנטער יאָרן צוריק זיינען די מענטשן געווען צושפּרייט און ווען עמעצער האָט געוואָלט שרייבן געשיכטע, האָט ער זיך געמוזט פארלאָזען אויף קלאַנגען און קלאנגען, זיינען א סך מאָל ניט געווען קיין ריכטיגע. אַ סך פאָרשער זוכן די אָפּשטאַמונג פון די פאַרלאָרענע פעלקער אין זייערע נעמען. זיי פאַרגלייכן דעם נאָמען כאזאר צו דעם נאָמען „הוזאר", „קאָזאַ", „קעצער", און בויען אויף דעם נאָמען גאַנצע טעאָריעס. דער אמת איז אַן נאָמען קען אמאָל טאקע עפּעס מיינען און אמאָל א סך. אָבער ביי די מערסטנס פון די פעלקער האָט זיך אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער, דער נאָמען געענדערט ווי ביי אידן גאָר אמאָל האָבן זיי געהייסן עברים, שפּעטער יהודים און נאָך שפּעטער אידן, די לעצטע יאָרן ישראלים, און יעדער פאָלק רופט די אידן אנדערש. די רוסן יעווריעאי, די פּאָליאקן זשידזשי, די ענגלעדער דזשו א. א. וו. אַזוי אַז א נאָמען מיינט זייער ווייניג און עס בלייבט איבער פאַרן פאָרשער צו זוכן די אָפּשטאמונג פון פארלאָרענעם פאָלק אין די שריפטן פון די היסטאָריקער פון די שכנישע פעלקער עלכע זיינען געקומען מיט אים אין פאַרבינדונג ,און איבערבלייבאכצן פון מצבות, לעגענדעס וואָס ווערט דערציילט וועגן פאָלק. לעצטנס זיינען צוגעקומען ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען וואָס ברייגגען אַרויס פונדאמענטן פון הייזער, פעסטונגען, א. אז. וו.

אין אונזערע פאָרשונגען אין דער געשיכטע און אָפּשטאמונג פון די כא־זארן נעמען מיר פון אידישע קוואַלן, וואָס זיינען דאָ ניט קיין סך, אַראַבישע קוואלן וועלכע זיינען דאָ מער.. ביזאנטישע, סלאַווישע, פּערסישע און אַנדערע.

מיר נעמען אויך פון די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון גומילעוו, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן אין דעם מיטן פון אונזער יאָרהונדערט.

די ערשטע פראַגע, וואָס עס שטייט פאַר דעם פאָרשער פון אַ פארלאָרענעם פאָלק, איז ווען האָט זיך דער פאָלק באוויזן? ווען האָבן געשיכטע שרייבער, שכנים פון דעם פאָלק, וואָס האָבן געלעבט אין דער אייגענער צייט, אָנגעהייבן דערמאָנען דעם פאָלק זיין נאָמען, דעם אָרט וואו ער האָט זיך געפונען, זיין ראָלע, וואָס ער האָט געשפילט אויף דער וועלט־בינע, די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין וועלכע ער האָט געלעבט, זיינע מלחמות, אָפּמאכן מיט די שכנישע מלוכות, א. אז. וו.

די ביזאנטישע געשיכטע שרייבער, פון אָנהייב פון ערשטען יאָרטויזנט נייע צייט רעכענונג, שרייבן צו דער אָפּשטאמונג פון די כאַזאַרן צו די טיורקוטן, דאָס אייגענע איז מיט די אַראַבישע געשיכטע שרייבער. די כאַזאַרן אַליין רעכענען זיך, צו צו דער פאַמיליע פון די אוגרען, אוואַרן, גוזן, בולגאַר, און סאַווירן. אין דעם בריוו וואָס דער כאַזאַרישער קעניג יוסף האָט געשריבן צו רבי חסדאי אבן שפּרוט, איז אין דעם צעטל פון די צען זין וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון ביבלישן „תוגרמא" שטעלט ער די כאַזאַרן אוועק אויף דעם זיבעטן אָרט. די נעמען וואָס ער רעכנט אויס אין דעם בריוו באַלאַנגען צו דער פאַמיליע פון טערקיש ריידענדע. די כינעזער רופן די כאַזאַרן „קאָסא", וואָס איז ענלאַך אויף קעסא, אַ נאָמען פון איינע פון די נייַן פעלקער. אַ סך וויסנשאפטלער רעכענען צו די כאַזאַרן צו די אוגרען און אַז זיי זיינען געקומען קיין אַייראָפּאַ צוזאמען מיט די הוהנען אָדער נאָך זיין אין זעקסטן יאָרהונדערט.

מיט זייער שפּראַך זיינען די כאַזאַרן, געווען נאָענט צו די באָלגארן. דאָס באשטעטיגן אַלע אַראַבישע געשיכטע שרייבער, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט. איסטאַרכי און באאוקאַל שרייבן, אַז די שפּראַך פון די באָלגאַרן, איז ענלאַך אויף דער שפּראַך פון די כאַזאַרן. אויפשריפטן וועלכע זיינען געפונען געוואָרן אין דונאיער בולגאַריע און אויף דער וואָלגא און וועלכע זיינען געשריבן אין אַלט־בולגאַריש, ווייזן אַז די אַלטע בולגאַרישע שפּראַך איז נאָענט צו דער שפּראַך אויף וועלכע עס ריידן די טשוואַשן היינט. און וועלכע באַלאַנגט צו די מערבדיגע טיורקוטן און ניט צו די מזרחדיגע טיורקוטישע פעלקער, צו וועלכער עס באַלאַנגט די אונגאַרישע שפּראַך. אין דער אַרמענישער געשיכטע ווערן די כאַזאַרן דערמאָנט צום ערשטן מאָל ביי מאיסעי כאָרענסקי אין די יאָרן 193—213. אין דער געשיכטע פון אַרמעניע ווערט דערציילט, אַז אין דער צייט פון דעם אַרמענישן קעניג וואכאַראשקא, האָבן באנדעס כאזאַרן און באַרסילן זיך פאַראייניגט און אונטער דער אָנפירונג פון זייער קעניג, וויאזפאַן סורכאַן דורכגעגאנגען דורך דעם טויער פון טשאָר (דאָרעבענט) און זיין אַריבער דעם טייך קור און זיך צושטאָן

אַרום די זייטן פון טייך. דער קעניג וואכאַרטשעק, האָט צונויפגעקליבן א סך מיליטער און האָט זיי צוקלאפט און זיי געיאָגט דורך דעם דורכגאַנג פון טשאָר אין זייער לאַנד, וואו ער איז געפאַלן פון די פיילן פון די מעכטיגע שיסער. טאבארי דערציילט, אַז אין דער אַרמיי פון אימפעראטאָר יוליאַן וועלכער האָט געפירט א מלחמה מיט שאַפור דעם ערשטן, אין די יאָרן 240—274 האָבן זיך געפונען כאַזאַרן אַלס מיליטער לייט. ווי עס ווייזט אויס האָבן די כאַזאַרן געפירט לאַנגע מלחמות מיט די איראנער און פערסיער. לויט יאקובי, האָבן די כאַזאַרן פאַרנומען גאַנץ ארמעניע. שפּעטער האָבן בא זיי די פערסיער צוריקגענומען 360 שטעט. יאקובי שרייבט, אַז דער פערסישער קעניג, האָט איינגענומען דער שטאָט באַב־אל־אבאב, טאראסאן און בעלענדזשער. ער האָט באזעצט די שטעט מיט פערסן, שפּעטער האָבן די כאַזאַרן די שטעט בא זיי צוריקגענומען און געהאלטן אין זייערע הענט ביז די רוימער האָבן זיי צוריק פאַרטריבן. אַראַבישע שרייבער שרייבן א סך, וועגן די כאַזאַרן נאָך איידער זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט זיי.

פאַר א לאנגע צייט איז דער וועג פון אזיע קיין אַייראָפּע געווען איבערגעצוימט מיט אַ וואנט, די באַרימטע „דערעבענט וואנט" וואָס באשטייט פון א צאָל פעסטונגען, וועלכע ציען זיך פון קאספּישן ים איבער די בערג פון קאַווקאז. איבערבלייבאכצן פון די פעסטונגען זיינען פאַרבליבן ביז היינט. די פעסטונגען זיינען געבויט געוואָרן דורך די הערשער פון איראַן (בבל) און באזעצט געוואָרן, מיט געטרייע בירגער צו די בבלשע הערשער, וואָס האָבן זיי אַוועקגעגעבן די גאַנצע ערד ארום די פעסטונגען און זייערע פירער באשענקט מיט מתנות און טיטולן. די פעדאָאַלן מיט די פעסטונגען, האָבן פאַר א צייט אָפּגעהאלטן דעם דראנג פון די כוואליעס מענטשן, וואָס האָבן זיך געריסן פון אַזיע קיין אייראָפּע. ארום דעם פערטן יאָרהונדערט האָט דער הערשער פון איראַן 'כאָסראָי אנושירוואַן" געפירט א מלחמה מיט די ביזאַנטיער. די מלחמה איז געווען א שווערע און אַ פאַרצויגענע. דער הערשער פון איראַן האָט געמוזט אָפּציען א סך פון זיינע קרעפטן פון צפון איראַן, וואו עס האָבן זיך געפונען די פעסטונגען. דאָס האָבן אויסגענוצט די סאַווירן און כאַזאַרן און פאַרכאפּט די פעסטונגען און אריינגעדרונגען קיין אייראָפּע. וועגן יענער געשעעניש שרייבט דער אַלבאנישער היסטאָריקער מאָאיסעי קאָלאַנטייסקי, אונזער לאנד איז ארונטערגעפאלן אונטער דעם יאָך פון די כאַזאַרן. די קלויסטערס און די הייליגע שריפטן האָבן זיי פאַרברענט. דער פאטריארך, האָט געמוזט אנטלויפן פון טשאָר צו דער הויפּט שטאָט פארטאוו, צוליבן די רויבערישע אָנפאלן פון די שונאים פון גאָטס קרייץ.

דער היסטאָריקער טהעאפאנוס וואָס איז געשטאָרבן ארום דעם יאָר 818 דערציילט, אַז אין יאָר 627 האָבן די מערב טיורקוטן זיך פאַרבונדן מיט דעם

גריכישן קעניג היראַקוס צו האלטן מלחמה מיט די פּערסיער און האָבן אים געהאָלפן אין דער באַלאַגערונג פון טיפליס. דער כראָניקער טהעאָפאנוס ווען ער שרייבט וועגן יענע געשעענישן זאָגט: אַז צווישן די וואָס האָבן געהאָלפן איראַקליוס זיינען געווען די טיורקוטן פון דעם מזרח, וועמען ער רופט פאזאין. די סירישע היסטאָריקער מיכאל סירוס און באר העבראוס דערמאָנען די כאזארן פריער פון 627, זיי דערציילן אַז אין דער צייט פון דער הערשאפט פון דעם גריכישן אימפעראַטאָר מאַוריצע 582—662 האָבן דריי ברידער פון סקיטיע מיט אַן אַרמיי פון 50 טויזנט קריגער געגרייכט דעם גרעניץ פון גריכנלאַנד. איינער פון זיי בולגאַראָס איז אַריבער דעם דאָן און זיך באזעצט אין דער גריכישער אימפּעריע. די אַנדערע האָבן פאַרנומען די לאַנד פון די אַלאַנס, וועלכע ווערט גערופן באַרסיליא. זיי און די פעלקער, וואָס האָבן זיך מיט זיי געפונען האָבן זיך אָנגעהייבן רופן כאזאַרס. לויט דעם נאָמען פון דעם עלצטן ברודער פון די דריי „קאזיריק". זעקי וואַלידי דערציילט: אַז ער האָט געפונען שפּורן פון דער אָפּשטאַמונג פון די כאַזאַרן אין כינעזישע קוואַלן, זיי געהערן צו די יאָרן 553—366 אין דער צייט פון דער „ווײַ דינאַסטיע". אין דער געשיכטע ווערט דערציילט, אַז אַ פירער פון די קירגיזן האָט געטויט אַ רוימישן עלצטן און מורא האָבנדיג פאַר א שטראָף איז ער אנטלאָפן צו דעם פּאַלאַץ פון כאַזאַרישן קאַגאַן.

וועגן דער ראַסע פון די כאַזאַרן שרייבט סאַאוד אַלס מוגראַבי: וואָס איז שייך צו די כאַזאַרן, געפינען זיי זיך צו דער לינקער (צפון) זייט פון די איינוואוינער פון דער ערד. אין דעם זיבעטן קלימאַט. איבער זייערע קעפּ שיינט די קאָנסטילאַציע פון אַקער, זייער לאַנד איז קאַלט און פייכט, זייער קאָמפּלעקציע איז ווייס, זייערע אויגן זיינען בלאָ, זייער האָר לאַנג און רויטלאך, זייערע קערפּערס גרויס, אין דער נאַטור זיינען זיי קאַלטע. זייער אויסזען ווילד. לויט דער באַשרייבונג פון סאַאיד אַל מוגראַבי זעען די כאַזאַרן אויס ווי א צפונדיגער פאָלק און ניט ווי קיין מאָנגאָלישער. אין דער אייגענער צייט שרייבן קהאַליף איבן מאחמעד און יאַקוט, אַז די כאַזאַרן האָבן מאנדל אויגן, ווי די מאָנגאָלן. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס כאַזאַריע איז געווען אַן אימפּעריע און אין דער אימפּעריע האָבן זיך געפונען אַ סך פעלקער ניט קיין כאזאַרן פון פאַרשידענע ראַסעס און נאַציאָנאַליטעטן און די אַראַבישע שרייבער מיטצייטלער פון די כאַזאַרן האָבן זיי אָנגענומען פאַר כאַאַזרן. היראַה און כושראַ אנושאריאן, פּערסישע געשיכטע שרייבער, ווען זיי ריידן וועגן די גריכן, אינדיער, כינעזער זאָגן זיי אַז די פעלקער שטייען העכער פון די אַראַבער, טערקן און כאַזאַרן ווייל זיי פאַרמאָגן אַ מלוכה פאָרם און קעניגן. זיי דערציילן אַז דער פּערסישער קעניג, האָט אין זיין פּאַלאַץ געהאלטן דריי טראָנען פון גאָלד וועלכע זיינען קיינמאָל ניט אָפּגערוקט געוואָרן פון זייערע

ערטער. די טראָגנען זיינען געווען, פאַר די קעניגן פון ביזאנטיע, כינע און די כאַזאַרן. יאקובי אין זיין געשיכטע „פון דער וועלט“ שרייבט: נאָכדעם, ווי גאָט האָט אויסגעמישט די שפּראַכן אין בבל זיינען די אָפּשטאַמיגע פון נח געקומען צו פלג דעם זון פון עובד און אים געבעטן ער זאָל צוטיילן די ערד. צווישן זיי האָט ער אָפּגעטיילט פאַר די אָפּשטאַמיגע פון יפת כינא, הינד, סינד, די לענדער פון די טערקן און די כאַזאַרן, טיבעט, די לאַנד פון די וואָלגא בולגאַרן און די לענדער אין שכנות מיט כוראַסאַן. אין אַן אנדער אָרט שרייבט ער נאָכדעם ווי פלג האָט צוטיילט דער ערד האָט אַן אָפּשטאמיגער פון א זון פון יפת, אמור איבן תובל אוועק צו צפון מזרח א גרופּע אָפּשטאמיגע פון תוגרמא, לאָזנדיג זיך ווייטער צו צפון האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער און געוואָרן א סך מלוכות צווישן זיי בורהאַן (בולגאריע), אלאנער, כאזארס און ארמעניער.

לויט טאַבאָרי זיינען צו יפתן געבאָרן געוואָרן הומר, (דער תנכישער גומד) מאה (מגוג) מאאודאי (מדי) יאוואן (יון) מהובאל (תובל) מאשי (משך) און טירש (תירת). די אָפּשטאמיגע פון די לעצטע זיינען די טערקן און כאַזאַרן. די איראַנישע פּערסישע לעגענדעס דערציילן אַן ענלאַכע געשיכטע, לויט זייער לעגענדע האָט דער העלד אַפרידון צוטיילט דער ערד צווישן זיינע זין, טואַי, סאַלמי און אראי, אין דער לעגענדע ווערן די כאַזאַרן צוגערעכנט צו די טערקן און די כינעזער צו טואי, דעם עלצטן זון. אַ לעגענדע פון טאַבאָרי פאַרבינדט די כאַזאַרן מיט אברהמען אַלס די קינדער פון זיין צווייטער ווייב קטורה. לויט דער לעגענדע האָבן זיך באַגעגענט אין כוראסאַן די זין פון קטורה מיט די כאזארן. אַל די מאשי זאָגט; אַז עס איז דאָ אַ טראַדיציע, אַז די טערקן זיינען אברהמס קינדער דורך קטורה.

עס זיינען דאָ לעגענדעס פון די כאַזאַרן. אין דעם מארש פון אלעקסאנדער מוקדן איינצונעמען דער וועלט. אין אַ לעגענדע פון איבן פאַדלאַן: דערציילט זיך אַזוי נאָכדעם ווי אַלעקסאנדער מיט זיינע חילות האָבן זיך געצויגן פון עגיפּטן צו צפון אַפריקע, איז ער אַוועק צו דער לאנד פון דער פינצטערניש פון וועלכער ער האָט זיך אַומגעקערט צוריק קיין גריכנלאַנד, אויף דעם גרעניץ פון גריכנלאנד, האָט ער געטראָפן צוויי שטעט, ער האָט פאָרגעשלאָגן צו גיין צוריק צו דעם מזרח. זיינע וויזירן האָבן אים איבערגעגעבן וועגן דער שוועריגקייט פון אַריבערגיין דעם גרינעם ים, וועמענס וואַסער איז שטינקענדיג. ניט פאָלגענדיג די עצה פון זיינע וויזירן, גייט ער דורך דער גריכישער טעריטאָריע און קומט אין דעם לאַנד פון סאקאליביא, וועלכע גיט זיך צו אים אונטער, ער זעצט פאָר זיין מארש דורך דעם לאַנד פון די טערקן אין דעם מדבר צווישן די טערקן און די כינעזער.

לויט די לעגענדעס און באַשרייבונגען פון די אַראבישע שרייבער איידער זיי האָבן אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. זעט מען אַז די כאַזאַרן האָבן זיך געפונען אין צפון מזרח אַזיע און איראָפּאַ פון אוראַלטע צייטן און זייער הערשאַפט האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט איבער די סטעפּעס פון ערע־אַזיע און די וועלדער פון מזרח איראָפּאַ און זייער כאַגאַן איז געהאַלטן געוואָרן פון די הערשער פון די אַרומיגע לענדער, אַזוי גרויס ווי דער אימפּעראַטאָר פון ביזאַנטיע און דער כינעזישער קעניג, יאקובי שרייבט: די כאַזאַרן זיינען געווען די וואָס האָבן איינגענומען אַלע לענדער פון אַרמעניע. זיי האָבן א קעניג וועלכן מען רופט כאַגאַן, זיי באַהערשן די לענדער לאש, זשוזשאַן, בוספור, אזשאַן און סיסאַזשאַן. די פּראָווינצן ווערן גערופן די צווייטע אַרמעניע ווייל זיי זיינען איינגענומען געוואָרן ביי קיובאַד דעם קעניג פון פּערסיע און אַוועקגעגעבן צו אַנושאַרוויאַן (זיין זון) ביז באב־אַל־לאַן. אין זיי געפינען זיך דריי הונדערט און זעכציג שטעט. חוץ די שטעט, האָט דער פּערסישער קעניג אויך איינגענומען די שטעט באל אל אבאווב, טאבארסאַראַן און בעלענדזשער. ער האָט אויך אויסגעבויט דער שטאָט קואליקאלא און נאָך אַנדערע. ער האָט די אלע שטעט קאָלאָניזירט מיט פּערסיער. די כאַזאַרן האָבן באַזיגט די פּערסיער און צגענומען ביי זיי די שטעט. א צייט האָבן זיי די שטעט געהאלטן אין זייערע הענט ביז די רוימער האָבן זיי באַזיגט און באשטימט א קעניג איבער דער פּערסישער אַרמעניע. דאָס איז פאָרגעקומען איידער די אַראבער זיינען געקומען.

טאַבאָרי דערציילט: אַז אנושאַרוויאן דער פּערסישער קעניג האָט צוטיילט זיין אימפּעריע אין 4 גרויסע פּראָווינצן אָדער סאַטראפּיעס. איינע איז געווען אדהארביידזשאַן און איר שכנישע לאַנד די לאַנד פון די כאַזאַרן .ער איז געווען אין מלחמה מיט אַ פאָלק וואָס האָט געהייסן „סול“. זיי זיינען געווען איינוואוינער פון דער מזרחדיגער ענדע פון קאַווקאז און דער שכיינישער „דערעבענד“. יאקובי שרייבט אַז ער האָט באזוכט די ב־נ־דזשעי־ר, בעלענדזשער און א פאָלק וואָס האָט אַטאַקירט אַרמעניע, ער האָט באזעצט 10 טויזנט פון איינגענומענע שטעט אין אדהערבייזזשאן, ער האָט געבויט באַב־ אל־ אבואב:

קודאמא, און יאָקוט דערציילן: „אנושערוואַן“ האָט זיך געשראָקן פאַר דער פיינטשאַפט צו די כאַזאַרן, און האָט געשריבן צו זייער קעניג פאַר פריינטשאַפט און פאַרבינדונג, אום צו פאַרשטארקן דער פריינטשאַפט, האָט ער געבעטן אַ כאזארישער פרינצעסין פאַר א ווייב און פאָרגעשלאָגן שיקן זיין טאָכטער פאַר אן אויסבייטונג. דער כאַזאַרישער קעניג האָט איינגעשטימט. אנושערוויאן האָט ערהאלטן זיין כלה, אָבער די מיידל וואָס ער האָט געשיקט צוריק איז ניט געווען פון קעניגלאַכער בלוט.ביידע קעניגן האָבן זיך באגעגנט אין א פלאַץ וואָס האָט זיך גערופן „בארשאַליא“. פאַר עטלאכע טעג זיינען דאָרט פאָרגעקומען

פּייערונגען. אין אַ פריינטלאכער אטמאָספערע. אין די נעקסטע טעג האָט אנושערוואַן פאַראורזאַכט א פייער אין אַ טייל פון דעם כאזאַרישן קעמפּ און ווען דער כאַזאַרישער קעניג האָט געהאַט אַ טענה האָט אנושערוואַן אָפּגעלייקנט און געזאָגט אַז ער ווייס פון גאָרניט. שפּעטער האָט ער געהייסן מאכן אַ פייער אין זיין אייגענעם קעמפּ און געגאַנגען מיט א טענה צו די כאַזאַרן זאָגענדיג אַז ער האָט ערוואַרטעט זייער פריינטשאַפט, און ווי עס ווייזט אויס קען נאָר זיין פריינטשאפט צווישן אייגענע ברידער און ניט צווישן פרעמדע אַרמייען. און עס וואָלט געווען דאָס בעסטע ווען אַ וואנט ווערט צווישן זיי אויסגעבויט. דער כאַזאַרישער קעניג האָט איינגעשטימט און געלאָזט די פּערסיער באַפעסטיגן דערעבענט. שפּעטער האָט ער געזאָגט אַז אַנושערוואַן האָט אים צוגערעדט צודער חתונה און געבויט קעגן אים דער וואַנט און ניט קוקנדיג, וואָס ער איז דערפון ניט צופרידן קען ער איצט גאָרניט טאָן.

די געשיכטע פון יאַקובי און קודאמא, זעט אויס צו זיין ניט קיין אמת'ע ווייל ענלאַך אויף אַזאַ געשיכטע ווערט דערציילט פון פּריסקוס און די געשיכטע האָט געטראָפן אין דער צייט ווען עס האָט געקעניגט „פירוז". עס איז קיין ספק ניט אַז אַנושאַרוויאַן האָט געבויט דער וואנט פון דערעבענד צו באשיצן קאווקאַז און די געשיכטע ווי אַזוי ער האָט איר אָנגעהייבן האָט געקענט זיין אַן אויסגעקלערטע.

טאַבאָרי דערציילט: סינדזשיבן כאגאן איז געווען דער שטאַרקסטער און נעוואגסטער פון די טערקן און האָט פאַרמאָגט דער בעסטער באוואָפנטער ארמיי. ער איז געווען דער וואָס האָט געטויט דעם קעניג פון די העסאטליטן. ניט קוקענדיג אויף זייער צאָל און מאכט, האָט ער געהרגעט זייער קעניג און געוואָרן די הערשער פון דעם גרעסטן טייל פון זייערע אַרמייען. ער האָט איינגענומען זייערע לענדער. ער האָט אויף זיין זייט אַריבערגעוואונען בעלענדזשער און די כאַזאַרן. די כאַזאַרן האָבן אים דערציילט אַז דער פּערסישער קעניג צאָלט זיי געלט. זיי זאָלן ניט באַפאַלן דאָס פּערסיש לאַנד. סנדזשבין האָט אַוואַנסירט מיט אַ גרויסע ארמיי און געקומען ניט ווייט פון דערעבענט. ער האָט געשיקט צו כוסראָי אנושערוויאַן שלוחים און געפאָדערט פון אים די געלט, וואָס ער האָט געצאָלט צו די דריי אויבנדערמאָנטע פעלקער. שרעקענדיג אנושערוויאנען דערמיט, וואָס אייב ער וועט אים באלד ניט שיקן קיין געלט וועט ער אָנפאַלן אויף פּערסיע. אנושערוויאן וועלכער האָט שיין צו יענער צייט געווען באַפעסטיגט דעם דורכגאַנג פון סול, האָט אים ניט געענטפערט. ווען לינדזשיבאַן, האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער אָפּגעצויגן, מיט זיינע אַרמייען צוריק אין זיין לאַנד.

איבן אַל פאַקיר דערציילט. נאָכדעם, ווי אנושערוויאן האָט אויפגעבויט דער וואנט האָט ער זיך נאָכגעפרעגט וועלכע שטעט און וועלכע לענדער געפינען

זיך אַרום דעם קאַספּישן ים. פאַרשענדיג האָט ער אויסגעפונען אַז פיר מאָנאַטן רייזע ביי די ברעגעס פון קאַספישן ים געפינט זיך די כאַזאַרישע הויפט שטאָט אל בעידא און ער האָט באשלאָסן צו זען דער הויפט שטאָט, ניט צוהערענדיג זיך צו די וואָס האָבן אים געזאָגט, אַז צום צפון פון קאַספישן ים געפינט זיך אַ געפערליכער אָרט, וואו דער וואַסער דרייט זיך מיט אַ גוואלדיגער שנעלקייט און קיין שיף האָט נאָך דעם אָרט ניט פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט זיך ניט צוגעהערט וואָס מען האָט אים געזאָגט. און אַוועקגעלאָזן זיך מיט א שיף צו יענעם אָרט. ער איז שיער ניט אומגעקומען און געגרייכט דעם אָרט, וואו ער האָט געזאָלט קומען און זיך אומגעקערט א היים בשלום.

נאָך אנושערוויאנס טויט איז זיין מלוכה איבערגענומען געוואָרן ביי זיין זון „הארמוז" ער האָט געשלאָסן א בונד מיט די טערקן, ביזאַנטיער און כאַזאַרן. ער האָט געשריבן צו דעם ביזנאַטישן הערשער אַז ער וויל שלום און פאַר דעם פּרייז פון שלום, וועלן זיי צוריק קריגן, די שטעט וואָס זיין פאָטער האָט פון זיי צוגענומען. דער פאָרשלאַג איז פון די גריכן אָנגענומען געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיינע גענעראַלן באַפוילן צו מאַרשירן אויף די כאַזאַרן. די כאַזאַרן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דער פּערסישער טעריטאָריע. הארמוז האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף די טערקן און זיי אַטאַקירט. דאָס איז פאָרגעקומען אין 11טן יאָר פון דער הערשאַפט פון קעניג הארמוז.

אין די יאָרן ארום דעם יאָר 589 הייבן אָן די כאַזאַרן אַרויסצוקומען אויף דער וועלט סצענע. לויט דער ביזאַנטישער כראָניק האָט אין יאָר 627 העראַקליוס דער ביזאַנטישער אימפעראַטאָר באזוכט טיפליס אין איינע פון זיינע עקספּעדיציעס געגן פערסיע וועלכע ער האָט אונטערגענומען צוליב דער אינוואַזיע וואָס פערסיע האָט געמאכט אויף זיין לאַנד. ער האָט זיך דאָרטן געטראָפן מיט די כאַזאַרן וועלכע האָבן אונטער דער פירערשאַפט פון כאגאן „זיבל" דעם צווייטן אַריבער דעם קאַספישן ים, גיבאָן א ביזאַנטישער היסטאָריקער באשרייבט דעם צוזאַמענקום פון די ביזאנטיער מיט די כאַזאַרן. זיבל איז אַוועק צוריק צו זיין לאַנד און אָפּגעשטעלט זיין זון מיט 40 טויזענט קריגער צו העלפן העראקליוס. די קריגער פון די כאַזאַרן און די קריגער פון די ביזאַנטיער אָבן ניט געקענט אויסקומען צווישן זיך. מיט דעם אָנקום פון ווינטער ווען די פאַרבינדעטע זיינען שטארק אַטאַקירט געוואָרן פון די פערסיער, איז דער בונד צווישן די פאַרבינדעטע געוואָרן שוואכער. העראקלוס האָט אוואַנסירט מיט זיינע קריגער און געגרייכט צו אַן אָרט דריי טעג וויט פון „סטעפיספאן" די הויפט שטאָט פון פערסיע. אין דער אייגענער צייט איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אין דער פערסישער הויפט שטאָט צוליב דעם טויט פון כוסראָי. זיין זון האָט זיך געאיילט צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט העראקליוס און אין יאָר

628 האָט העראקליוס מיט זיין אַרמיי אָנגעהייבן צוריקטרעטן צוריק צו זייער לאַנד.

אַן ארמענישער שרייבער מאָזעס קאָלאנקייטוק דערציילט וועגן דער אייגענער געשיכטע אנדערש. לויט דעם היסטאָריקער האָבן אין דעם יאָר 627 די כאַזאַרן זיך אַריינגעריסן קיין אַרמעניע אָנגעראַבעוועט אַ סך רויב און אויף דעם וועג פון דערעבענט זיך אומגעקערט צו זייער לאַנד. אויף דעם צווייטן יאָר האָט דער כאַזאַרישער כאַגאַן באַשלאָסען אַליין צו נעמען די איניציאַטיוו. עס זיינען געגעבן געוואָרן באַפעלן, צו אַלע וואָס האָבען זיך געפונען אונטער זיין הערשאַפט, שבטים, פעלקער, בערג איינוואוינער, פלאַכלאַנד איינוואוינער, צו די וואָס וואוינען אונטער דעכער, צו די וואָס וואוינען אונטער דעם פרייען הימל, צו די וואָס זייערע קערפּערס זיינען געגאָלט, און צו די וואָס טראָגן לאַנגע האָר, זיי אַלע זאָלן זיין גרייט צו מאַרשירן אַזוי ווי עס וועט זיי געגעבן ווערן אַ צייכן. ווען די צייט איז געקומען האָבן זיי זיך אַלע געלאָזט מאַרשירן, זיי האָבן איינגענומען און פאַרניכטעט דער פעסטונג פון טשאָד (דערעבענט). די פעסטונג וועלכע האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביי די פּערסישע מלכים זי אויפצובויען. און מאַרשירענדיג צו דרום האָבן זיי אויף דעם וועג אויסגעהרגעט די איינוואוינער און צורויבט זייערע פאַרמעגנס, אַזוי מאַרשירענדיג האָבן זיי גערויבט טיפליס. דאָ האָבן זיי באַגעגענט העראקליוסן, מיט זיין אַרמיי, דיביידע אַרמייען האָבן זיך פאַראייניגט און באַלאַגערט טיפליס. זיי האָבן שיין געהאַלטן ביים נעמען טיפליס ווען אַ שטאַרקע הילף איז צוגעקומען און אַריין אין שטאָט. די פאַרבינדעטע האָבן באַשלאָסן אָפּצוטרעטן מיט דער פאַרשטענדיגונג אַז זיי זאָלן זיך אומקערן אין דעם נעקסטן יאָר. נאָך אין דעם אייגענעם יאָר האָט דער אימפּעראַטאָר געשיקט איינעם פון זיינע בעאַמטע ער זאָל פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די כאַזאַרן: צו ווייזן זייער שטאַרקייט האָבן די כאַזאַרן אריינגעשיקט טויזנט רייטער קיין קאָנסטאַנטינאָפּל אין דעם יאָר 627 האָט דער קעניג פון צפון אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין ברודערס זון זיך געלאָזן קיין טיפליס. אויף דעם וועג האָבן זיי צעראַבירט אַרראַן און אַדהערביידזשאַן.

לויט די זעלבע היסטאָריקער האָבן אין יאָר 628 די כאַזאַרן אריין קיין אַרראַן און איינגענעמענדיג באַרדאה האָבן זיי אַוועק קיין מערב צו טיפליס אונטער דער קאָמאַנדע פון דזשין כאַן און זיין זון. זיי האָבן ארומגערינגלט דער שטאָט און איר באַלאַגערט. שפּעטער איז צו זיי צוגעקומען איראַקלוס מיט זיין גריכישן מיליטער, וואָס איז געקומען פון זייער זיג אין פּערסיע. די איינוואוינער פון דער שטאָט האָבן געגעבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און ביידע אַרמייען האָבן זיך צוריקגעצויגן. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך דשעבוס כאַן מיט זיין זון שאַט איינגעגעבן צו נעמען טיפליס.

ווען די שטאָט איז געפאַלן האָט מען צוויי פירער פון דער שטאָט געבראַכט פאַר דזשעביס כאַן. דער כאַן האָט זיי געהייסן מאכן בלינד און נאָכדעם ווי ער האָט איבער זיי דורכגעפירט אַנדערע מאטערנישן האָט ער געהייסן זיי אויפהענגען אויף די ווענט פון דער שטאָט.

דער קעניג פון צפון (ביזאַנטיע) האָט גענומען צינזן פון די גאָלד און זילבער שמעלצער, אייזן מיינטערס, פישער פון דעם טייך קור, אין דעם יאָר 629—630 האָט דער כאַזאַרישער קעניג צוגעגרייט אַ גרויסע אינוואַזיע אַרויס־שיקענדיג דריי טויזנט רייטערס אָנגעפירט פון דעם גענעראַל טשאָרפאַן טארכאַן. אַן ארמיי פון צען טויזנט פערסיערס זיינען באַזיגט געוואָרן. די אַריינדרינגער האָבן זיך צושפרייט איבער אַרמעניע, גרוזיע און איראַן.

דערעבענט

א וואנט וואָס טיילט אָפּ אַזיע פון אייראָפּע

דערעבענט איז דער באַרימטסטער מאָנומענט וואָס איז איבערגעבליבן פון דער פערסישער הערשאפט אין קאַווקאַז, נאָך ביז היינט רופט די וואנט אַרויס באוואונדערונג פון איר געבוי, מעכטיגקייט און ריזיגקייט. די בערג אין יענער געגענט ציען זיך נאָענט צו די ברעגעס פון ים. די שמאָלע דורכ־געגנג צווישן די בערג זיינען איבערגעצוימט מיט ווענט. די עקן פון דער גרויסער דערעבענטער וואנט הייבט זיך אָן פון אַ פעסטונג 45 קילאָמעטער טיף אין די בערג. און ציט זיך אַריין טיף אין דעם קאַספישן ים. נעבן דער וואנט געפינען זיך טורעמס פון פאַרשידענער גרויס און פאַרשידענער פאָרמע. עס איז אַ מעכטיגע וואנט וועלכע האָט געדינט פאַר א באשיצונג פון אָנפאַלן פון כאַזאַרן, אלאנען, טערקן, סאַווירן, און אַנדערע נאָמאדישע פעלקער.

אויף דער צפונדיגער זייט פון דער וואנט האָבן זיך אויפגעהיט עטלעכע אויפשריפטן פון וועלכע מען קען זען אַז די בויאונג פון דער וואנט איז דורכ־געפירט געוואָרן דורך דעם זאַמלער פון צינזן און דעם הויפט פון די מלוכה בויאונגען „באזניש" און פאַרענדיגט געוואָרן אין דעם יאָר 567 נייע צייט רעכענונג.

די אויפבויאונג פון דער דערבענטער וואנט שטימען אַלע היסטאָריקער איך איז פאָרגעקומען אין דער צייט ווען עס האָט געהערשט אין איראַן דער קעניג „כאָסראָי אנושאַריאַן". זי איז אויסגעבויט געוואָרן אויף דער צפונדיגער זייט פון איראַנער גרעניץ וואו עס האָט נאָך פון אמאָל זיך געפונען דער גרעניץ פון די פערסיער און הוהנען. איידער כאָסראָי האָט אויסגעבויט דער וואַנט האָט זיך אויף דעם אָרט געפונען אַ וואנט פון ניט קיין געברענטע ציגל. איבער־

בלייבאכצן פון דער אַלטער וואנט געפינט זיך נאָך היינט נעבן דער צפונדיגער וואנט.

אין אויגוסט 1961 האָט דער ארכעאָלאָג גומילעוו מיט 4 אנדערע ארכעאָלאָגן געפאָרן צו דער דערעבענטער וואנט צו זוכן שפּורן וואָס זאָלן באשטעטיגן אַז אין דער צייט פון די כאַזאַרן איז דער קאַספּישער ים געווען טריקענער און נידעריגער ווי ער איז היינט און די וואנט וואָס איר עק גייט היינט אַריין טיף אין וואַסער איז געבויט געוואָרן אויף דער טריקענישט וועלכע איז פאַרטרונקען געוואָרן שפּעטער. פאָרשענדיג די וואנט אין וואַסער און אויף דער טריקעניש און אויסמעסטענדיג די צייכנס וואָס עס האָט איבערגעלאָזן דער ים אויף די שטיינער. זיינען די אַרכעאָלאָגן געקומען צום באַשלוס אַז אין דער צייט פון דעם 6טן ביז דעם 13טן יאָרהונדערט האָט זיך דער קלימאַט אַרום דעם קאַספּישן ים צוליב דעם וואָס די ציקלאָנען פון דעם אַטלאנטישן אָקעאַן האָבן געענדערט זייער ריכטונג זיך געענדערט צוויי מאָל, איינמאָל אין 10טן יאָרהונדערט ווען די וואַסער האָט זיך אויפגעהייבן אויף 3 מעטער און דעם צווייטן מאָל אין 13טן יאָרהונדערט אויף 10 מעטער. דאָס האָט געשטימט מיט דער צייט ווען די וואַסערן פון דער וואָלגאַ האָבן זיך אויפגעהייבן און פאַרטרונקען אירע ברעגעס און דער קאַספּישער ים האָט פאַרטרונקען דער דיעלטאַ און עס זיינען פאָרגעקומען די אויסטריקענונגען פון די סטעפּעס. די ענדערונגען פון דעם קלימאַט האָבן (לויט גומילעוו) געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער כאַזאַרישער אימפּעריע.

די כאַזארן אַלס אַן אימפּעריע

די גרינדונג און פאָרמירונג פון דער כאַזאַרישער אימפּעריע האָט זיך אָנגעהייבן מיט דער פונאנדערפאַלונג פון דער מערב טיורקוטישער אימפּעריע אָדער קאַגאַנאַט.

אין די יאָרן 630־651 איז פאָרגעקומען אַ בירגער קריג צווישן די קאָנפעדעראַציעס פון „דולו" און „נושיבי". די איבערמאַכט האָבן געהאַט די נושיבי ווייל זיי האָבן זיך אָנגעשפּארט אויף די רייכע שטעט פון מיטל אַזיע און אויף דעם בונד מיט כינע. אין דער צייט ווען די בולגאַרן האָבן זיך אָנגעשפּארט אויף דולו, האָבן די כאַזאַרן זיך אָנגעשפּארט אויף די נושיבי און ביז דעם 651טן יאָר ניט געהאַט קיינע אורזאַכן צו איבעררייסן מיט דעם קאַגאַנאַט. אין דער אייגענער צייט, האָט די כינעזישע אימפּעריע אונטער דעם אימפּעראַטאָר „שאַן" זיך אַזוי פאַרשטאַרקט אַז זי האָט פאַרנומען די מזרחדיגע פּראָווינצן פון טיורקוטישן קאַגאַנאַט. דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרדרוס צווישן די אָנהייגער פון נושישיבי. דער כאָן איבן שעגוי פון די טיורקוטן, וועלכער האָט געפירט אַ פּראָ כינעזישע פּאָליטיק איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן און די

מאכט האָט פאַרכאַפּט דער פירער פון דעם דולו „טשעבאַלא כאַן״. וואָס איז געוואָרן מיט איבן שעגוי כאַן און מיט זיינע אָנהענגער, איז ניט באוואוסט. מעגלאַך אַז זיי זיינען אנטלאָפן צו די כאַזאַרן, וואו זיי האָבן אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון דער שפּעטערדיגער אימפּעריע פון די כאַזאַרן מיט מלכים אָפּשטאַמיגע פון דער אַשין דינאַסטיע. דאָס וואָס די פירער פון כאַזאַריע האָבן זיך גערופן קאַגאַנס באַשטעטיגט דעם פאַקט אַז די גרינדער פון דער דינאַסטיע זיינען געווען אָפּשטאַמיגע פון אַ קאַגאַן און אַ קאַגאַן האָט געקענט נאָר זיין דער אַראָפּגעוואָרפענער פון טיורקוטישן טראָן, איבן שעגי כאַן, וועלכער האָט פאַר זיך געפונען אַ פּלאַץ ביי די כאַזאַרן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די נושיבי פעלקער.

ווערנדיג דער יורש פון דער טיורקוטישער אימפּעריע, האָט דער קליינער פאָלק פון די כאַזאַרן, גענומען פאַראייניגן ארום זיך די אָפּגעפּאַלענע שטיקער פון דער טיורקוטישער אימפּעריע צום אַלעם ערשטן די שבטים און די פעל־קער וועלכע זיינען געווען מיט זיי אין אַ נאָענטער פאַרוואַנדשאַפט. אין דעם בריוו, וואָס עס שרייבט דער כאַזאַרישער קעניג יוסף, וועגן דער ענטשטייאונג פון דער כאַזאַרישער אימפּעריע, שרייבט ער „בא מיר איז פאַרשריבן אַז ווען די מדינה פון מיינע אורעלטערן איז נאָך געווען אַ קליינע און אַ שוואכע האָט השם יתברך זיי געגעבן כח און קראַפט צו באַזיגן זייערע שונאים. זיי האָבן געפירט מלחמות מיט אַ סך פעלקער וועלכע זיינען געווען גרעסער און מעכ־טיגער פון זיי און זיי באַזיגט און פאַרנומען זייערע לענדער און אַנדערע פון זיי האָבן מיר געצוואונגען צו צאָלן צינזן ביז היינטיגן טאָג.

אין דעם לאַנד וואו איך וואוין האָבן פריער געוואוינט די וו־נ־ט־רן. אונזערע אור־עלטערן די כאַזאַרן האָבן געפירט מלחמות מיט די וו־נ־ט־רן זיי זיינען געווען מערער אין צאָל ווי מיר, זיי זיינען געווען אַזוי פיל ווי די זאמד אויף דעם ברעג פון דעם ים. זיי האָבן ניט געקענט זיך געגענשטעלן געגן אונז. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער לאַנד און אנטלאָפן. מיר האָבן זיי געיאָגט ביז מיר האָבן זיי צוגעטריבן צו אַ טייך וואָס האָט געהייסן „דונאַ״ פון קאָנסטאַנצי וואו זיי זיינען פאַרבליבן ביז היינטיגן טאָג.

דאָס וואָס עס ווערט אָנגעגעבן אין דעם העברעאיש־כאַזאַרישן דאָקומענט ווערט באַשטעטיגט דורך דער ביזאַנטישער כראָניק און אַרמענישער געאָ־גראַפיע. דער נאָמען וו־נ־ט־רן האָט געמוזט באַלאַנגען צו די באָלגאַרן וועלכע די אַראַבער האָבן גערופן ווענדערן אָדער נענדערן. איינעמענדיג די באָל־גאַרן האָבן די כאַזאַרן אויך איינגענומען אַ סך קלענערע פעלקער וועלכע זיינען געווען אונטער דער באָלגארישע הערשאַפט. די סאַווערן, סוואַרן, טשאַוואַשן. די אַלע קליינע פעלקער האָבן זיך שפּעטער צוזאַמענגעגאָסן מיט די כאַזאַרן.

אין די זיבעציגער יאָרן פון 7טן יאָרהונדערט האָט זיך די הערשאפט פון די כאַזאַרן אויסגעשפרייט איבער די סטעפּעס. צווישן דעם אזאָווישן און קאַספּישן ים, דער גאַנצער צפונדיקער זייט פון שווארצן ים, אריינגערעכנט אַ טייל פון דעם קרימעאישן האלב אינזל. אין דעם בריוו פון קעניג יוסף זאָגט זיך אַז די כאַזאַרן האָבן נאָכגעיאָגט די בולגאַרן ביז דעם טייך דאנאו. עס זעט אויס אַז אין זיבעטן יאָרהונדערט אין דער צייט פון דער גרינדונג פון דער כאַזאַרישער אימפּעריע, איז איר הערשאַפט געווען אויסגעשפרייט אויף א סך אויב ניט אויף אַלע סטעפּעס און וועלדער פון מזרח אייראָפּא.

צוויי ארכעאָלאָגישע געפינסטן, וועלכע ווערן כראָנאָלאָגירט צו דער צייט, ווען די כאַזאַרן האָבן זיך באפעסטיגט אויף דעם מערב און וועלכער איינער איז געפונען געוואָרן נעבן פּאָלטאווע און באשטייט פון זילבערנע געפעס, קליידער און מטבעות (מאטבייעס). די דאַטעס פון די מטבעות געהערן צו דער ענדע פון זיבעטן יאָרהונדערט. די געפינסן שטעלן מיט זיך פּאָר א צונויפזאמלונג פון אַן אוצר וואָס איז געזאמלעט געוואָרן פון איינעם פון די באָלגארישע הערשער און פאַרבעהאלטן געוואָרן, ווען דער הערשער האָט דערזען, פאַר זיך אַ געפאַר, ווי עס זעט אויס, איז דער הערשער געיאָגט געוואָרן פון זיינע שונאים, וועלכע האָבן געקענט זיין כאַזאַרן ווייל קיין אַנדערע זיינען אין יענער צייט ניט געווען. דער אייגנטימער פון דעם אַרכעאָלאָגישן געפינס, האָט געמוזט אומקומען, ווייל ער איז ניט צוריקגעקומען אָפּצונעמען דעם אוצר.

א וויטערער אַרכעאָלאָגישער געפינס, איז געפונען געוואָרן ביי אַ ברעג פון טייך דניעפּר. נעבן די פּאָראָגן, דער געפינס באשטייט פון איבערבלייבאכצן פון פאַרברענטע געווער, פערדישע באפוצונגען, איבערבלייבאכצן פון קליידער. ביידע אוצרות באַלאַנגען צו דער אייגענער צייט. לויט די ארכעאָלאָגישע געפינסן זעט מען אַז די אוצרות האָבן באלאנגט צו אַ הערשער וועלכער איז געפאַלן אין שלאכט און וועלכער איז לויט די מנהגים פון די טיורקן פאַרברענט געוואָרן אינאיינעם מיט זיין פערד, זיינע באַפוצונגען, און עטלאַכע מענטשן, מעגלאַך געפאַנגענע. לויט די אַרכעאָלאָגישע געפינסן, קען מען מיט זיכערקייט זאָגן אַז דער בריוו פון יוסף איז אַ ווירקלעכער היסטאָרישער דאָקומענט און אַז די כאַזאַרן האָבן אָנגעהייבן זייער געשיכטע פון דעם זיבעטן יאָרהונדערט. די צייט אין וועלכער עס איז ענטשטאַנען, די כאַזאַרישע אומאָפּהענגיגע מלוכה, וועלכע האָט אויסגעברייטערט איר הערשאַפט אויף דעם מערב אויף דער רעכענונג פון די באָלגארן. אויסשפרייטענדיג זיך אויף דעם מערב האָבן די כאַזאַרן גוט געוואוסט פון די רייכע לענדער וואָס ליגן צו דרום פון קאווקאז, ספּעציעל אַלבאַניע. קעמפענדיג צוזאַמען מיט

דעם ביזאנטישן קעניג איראקלוס, האָבן זיי באזוכט די לענדער, נאָר זייענדיג שוואַך און פירענדיג מלחמות מיט די בולגאַרן, האָבן זיי ניט געוואגט צו אַטאקירן די דרום קאווקאזישע לענדער. נאָר נאָכדעם ווי עס האָבן זיך דאָרטן באוויזן די אַראַבער און מיט זייערע פרופן אַריינצודרינגען אין די כאַזאַרישע לענדער, זיינען די כאַזאַרן געצוואונגען געוואָרן אָנצואווענדן זייער אופמערקזאמקייט, אויף זייער דרומדיגן גרעניץ און אַרויסצוטרעטן קעגן די כוחות (קייכעס), וועלכע האָבן אונטער דעם פאָן פון איסלאַם, אנטוויקלט אַן אגרעסיע אין אַלע זייטן.

אין דעם יאָר 654 האָט אבד־אר־ראכמאן אַן אַראבישער מיליטערישער פירער, נאָכדעם ווי ער האָט איינגענומען אלבאניע און אַרמעניע, האָט פון דערבענט זיך אַ רוק געטאָן מיט זיינע אַרמייען צו בעלענדזשער, וועלכע איז געווען אַן אלטע הויפט שטאָט פון די כאַזאַרן און איז לויט איין ווערסיע פאַרנומען געוואָרן פון די אַראַבער אָן א שלאַכט. די אראבישע רייטער האָבן זיך גערוקט טיפער קיין כאַזאַריע ביז זיי זיינען צוגעקומען צו „אַל בעידא", וואָס האָט זיך געפונען 200 מייל פון בעלענדזשער און וואָס שפעטער איז אויף דעם אָרט אויסגעבויט געוואָרן די שטאָט איטיל אויף דער וואָלגא.

די אַראַבער האָבן דורך דער צייט פון זייער מארש פאַרוואנדלט א סך איינוואוינער פון די שטעט דורך וועלכע זיי האָבן דורכגעמארשירט פאַר מאכמעדאַנער און זיך אומגעקערט צוריק קיין דערבענט.

לויט אַ צווייטער ווערסיע, האָט בעלענדזשער אַרויסגעוויזן א שטאַרקן ווידערשטאנד און דער קאָמאנדיר אבד־אַר־ראכמאן איז געהרגעט געוואָרן. די אַראַבער זייענען אנטלאָפן קיין דערבענט, פאַרלירענדיג 4000 מענטשן. דער קערפער פון אבד־אר־ראַכמאן האָבן די אַראבער אַריינגעטאָן אין אַ גרויסער כלי. זיי האָבן געדענקט אז מיט זיין הילף קען מען אַרויסרופן רעגענס און זיך פאַרזיכערן מיט א זיג איבער דעם שונא.

וועלכע פון די ווערסיעס זיינען אמתע קען מען ניט וויסן. דער פאַקט בלייבט אַז די אַראבער האָבן געפרובירט אריינדרינגען אין די ערטער, וואו די כאַזאַרן האָבן פאַרנומען און געווען געצוואונגען אָפצוטרעטן פאַרלירענדיג איינעם פון זייערע פירער. לויט ווי היסטאָריקער פון יענער צייט גיבן איבער, זיינען די כאַזאַרן ניט געווען אַליין אין זייער קאמף מיט די אַראַבער, זיי זיינען געווען פאַראייניגט מיט די טיורקוטן און אלאנער.

די צואמענשטויסן פון די אַראַבער און כאזארן אין מיטן פון זיבעטן יאָרהונדערט, האָבן געלערנט די אַראַבער, אַז איינעמען די לענדער, וואָס ליגן אויף דעם צפון פון קאווקאז איז אַ שווערע אויפגאבע און די כאַזאַרן האָבן דערפילט אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ געפערליכן און אַגרעסיוון פיינט פון דער דרומדיגער זייט פון זייער מלוכה.

די סאציאלע און עקאנאמישע באַדינגונגען פון די כאַזאַרן

ריכטיגע און זיכערע באווייזן פון די עקאָנאָמישע און סאָציאלע באדינגונגען אין וועלכע די אַלטע כאַזאַרן האָבן געלעבט זיינען ניטאָ. נאָר פון דעם ווי אַזוי עס האָבן געלעבט, די פאַרשידענע פעלקער און שבטים פון וועלכע עס איז באַשטאַנען די כאַזאַרישע אימפעריע, קריגט מען אַ באַגריף פון די באַדינגונגען אין וועלכע זיי האָבן געלעבט.

די כאַזאַרישע אימפעריע איז באַשטאַנען פון א פעדעראַציע פון אַ סך קליינע פעלקער, וועלכע האָבן אויפגעהאלטן זייער זעלבסשטענדיגקייט, אין דער פאָרם פון פאטריאַרכאַלע און פעדאָאלע סיסטעמען. אין די ראַמען פון דער כאַזאַרישער מלוכה. די פאַטריארכאַלע, פעדאָאלע באַציאונגען ביי די קליינע פעלקער זיינען געווען ווי ביי די הוהנען, ניט אומעטום גלייך. דאָס איז געווען צוליב די פאַרשידענע ווירטשאַפטן, וואָס יעדער קליינער פאָלק, האָט געהאט. עס זיינען צווישן זיי געווען אַזעלכע וואָס זיינען געווען נאָמאדן און זיך באַשעפטיגט מיט פיה־צוכט, אַנדערע מיט לאַנדווירטשאפט, און אַנדערע מיטביידע ,ערד־אַרבעט און פיה־צוכט. די כאַזאַרן אליין זיינען געווען נאָמאדן און ערד־אַרבעטער. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ביי זיי האָט ניט עקזיסטירט קיין פאַטריארכאַלע־פעדאָאלע סיסטעם, האָט ביי זיי עקזיסטירט אַ קלאַסן פונאנדערטיילונג פון רייכע, וואָס האָבן פאַרמאָגט גרויסע סטאַדעס מיט א סך שאָף און פערד און אַזעלכע וואָס האָבן פאַרמאָגט ווייניג. אַזוי האָט אויסגעזען די עקאָנאָמישע און סאָציאלע לאַגע פון די כאַזאַרן אין 8טן יאָרהונדערט, ווען זיי זיינען געווען די מעכטיגסטע פאָליטישע מאכט אין מזרח איירָאפּאַ, בא די ענדע פון 7טן יאָרהונדערט נאָכדעם ווי די כאַזאַרן האָבן באַזיגט די באָלגאַרן, אויסנוצענדיג די אָפּשוואכונג פון אראבישן קאַליפאט, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן צום דרום זייט פון זייער מלוכה, וואו עס האָבן זיך געפונען, די רייכע לענדער פון אַרום קאַווקאז, זיי האָבן פאַרוויסט עטלעכע לענדער פאַרנומען אַ סך רויב און געפאַנגענע. אין דער מלחמה מיט זיי זיינען געפאַלן די הערשער פון אַרמעניע, גרוזיע, אַלבאַנישע פעדאָאלן און גרויסע לייט.

אין דער געשיכטע פון אלבאניע דערציילט זיך, אַז דער אַלבאנישער הערשער „אלף איליטוויס" איז געווען באַליבט ביי דעם כאַזארישן כאן און האָט אים געגעבן זיין טאָכטער פאַר א ווייב. האָט ער אים געגעבן זיין טאָכטער פאַר ליבשאפט אָדער פאַר מורא קען מען ניט וויסן, נאָר דער פאקט איז, אַז אַ סך הונישע פירשטן האָבן געגעבען זייערע טעכטער פאַר ווייבער צו דעם כאַזאַרישן כאן, כדי צו זיין מיט אים באַפריינדעט. אין דעם 10טן יאָרהונדערט האָט זיך אין הארעם פון כאַזאַר״שן קאגאן געפונען 25 ווייבער, לויט דעם צאָל פון די אונטערטעניגע פעלקער, אין יענער צייט, האָט זיך צווישן אַ סך

פעלקער פון די הוהנען אָנגעהייבן צו פאַרשפרייטן די קריסטלעכע רעליגיע, און צוגלייך מיט דער קריסטלעכער רעליגיע האָט זיך אויך פאַרשפרייט די אידעשע רעליגיע.

אין 7טן יאָרהונדערט האָט נאָך דער בונד פון די ביזאַנטיער, מיט דער כאַזאַרישער אימפעריע ניט עקזיסטירט, אַ שטאַרקע פאַרבינדונג איז צווישן זיי איינגעשטעלט געוואָרן שפעטער אין 8טן יאָרהונדערט. די יונגע כאַזאַרישע מלוכה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געפערליכן שונאַ פאַר דער ביזאַנטישער אימפעריע. זי האָט איינגענומען אַ סך פעלקער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דעם צוזאמענשטעל פון דער ביזאַנטישער אימפעריע. צווישן די לענדער, וועלכע זיינען אַריין אין דעם צוזאמענשטעל פון דער ביזאַנטישער אימפעריע איז געווען דער האַלבער טאמאנישער אינזל קרים, וועלכער האָט אויסגעמיטן, פאַר א צייט די אָנפאַלן פון די הוהנען. דער צענטער פון דעם האַלב אינזל, וועלכער האָט זיך פונאנדערגעבליט פאָליטיש און עקאָנאָמיש איז געווען די שטאָט כערסאָן וועלכע האָט אָנגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט דער קרימעשער בערג באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך באשעפטיגט מיט ערד ארבעט און האָט פאַרנומען א וויכטיגן פלאַץ מיט איר האַנדל מיט די נאָמאדן. „ביזאַנטיע" האָט אָנגעווענדעט, אַלע מיטלען צו האַלטן קרים אונטער איר מאכט. „יוסטינאַן דער ערשטער", האָט פאַרוואנדלט קרים אין א שטארקער פעסטונג, אויף דעם דרום־דיגן ברעג פון קרים האָבן זיי אויפגעבויט צוויי נייע פעסטונגען אַלוסטא, און גורצוויטי און נאָך א צענדליג פעסטונגען.

דעם הויפט געוויכט, האָבן די ביזאַנטיער אָוועקגעלייגט, צו פאַרשפרייטן קריסטענטום צווישן דער היימישער באַפעלקערונג. זיי האָבן אַריינגעלייגט א סך געלט און מיה צו בויען קלויסטערס. ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ווייזן אַז אין צערסאָן, האָט יעדער גאַס געהאט איר קלויסטער.

די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון די אַלטע איינוואוינער, וועלכע זיינען ניט פאַרניכטעט געוואָרן פון די הוהנען. זיי זיינען געווען „גאָטן און אלאָנען". פאַר דער גאנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ איזיי ניט אויסגעקומען זיך צו געפינען אין אַ געפאַר, וואָס זאָל שטערן זייער עקזיסטענץ. דער געפאַר האָט זיך אָנגעהייבן, אין 7טן יאָרהונדערט .

אין יאָר 655 איז קיין כערסאָן פאַרשיקט געוואָרן. דער פאפא מארטין דער ערשטער אין זיינע בריוו צו זיינע פריינט באקלאָגט ער זיך אויף די ווילדע מנהגים פון דער באַפעלקערונג און אויף דעם יקרות פון שפייז. לויט דעם ווי ער שדייבט: פאַרמאָגט ניט די שטאָט, (כערסאָן) קיין אַייגענע ברויט נאָר מען ברייגגט די ברויט צו פירן פון אויף יענער זייט פון שוואַרצן ים. דער הונגער און נויט, איז דאָ אַזוי גרויס, אַז די גרעסטע צאָל פון דער באַפעל־קערונג, וויס פון ברויט לויט דעם נאָמען, ווען ניט די עטליכע ניט קיין

גרויסע שיפן וואָס קומען פון די רוימישע געגענטן ,וואָלט ניט געווען פונוואנען ברייגנען ברויט און שיפן קומען זייער זעלטן. די שיפן קומען צו נעמען זאַלץ. דערפון זעט מען, ווי וויכטיק כערסאָן איז געווען אָפּהענגיג פון די ערד אַרבעטנדע ראַיאָנען פון דעם בערגיגן קרים.

ווען די כאַזאַרן האָבן אין זיבעטן יאָרהונדערט אריינגעדרונגען קיין קרים, האָבן זיי פאַרנומען די ערד אַרבעטנדע ראַיאָנען, וועלכע האָבן געשפּייזט כערסאָן. ביזאַנטיע האָט ניט געקענט העלפן, דער באַפעלקערונג פון דעם קרימישן האַלב אינזל, זייענדיג פאַרנומען מיט א מלחמה מיט די אַראַבער. ניט קענענדיג העלפן דער באַפעלקערונג, האָט ביזאַנטיע ווילענדיג און ניט ווילענדיג, געמוזט שלום מאכן מיט די כאַזאַרן.

די כאַזאַרן זיינען אַ גרויסער פאָלק, זיי האָבן פאַרנומען א סך לאַנד ביז די ברעגעס פון פאָנטישן ים שרייבט דער ביזאַנטישער היסטאָריקער „פעאָפאַן“.

אין דעם יאָר 694 איז קיין כערסאָן פאַרשיקט געוואָרן דער קייסער יוסטינאַן דער צווייטער. חוץ דעם טראָן וואָס ער האָט פאַרלאָרן האָט ער אויך פאַרלאָרן זיין נאָז, וואָס איז ביי אים אָפּגעשניטן געוואָרן לויט דעם באַפעל פון זיין געגנער לעאָנטיע. ניט קוקענדיג דערויף האָט ער נאָך אַלץ געהאָפט אַז ער וועט קריגן צוריק זיין טראָן. די איינוואוינער פון כערסאָן, זעענדיג זיין טעטיגקייט, וואָס ער אנטוויקלט האָבן מורא געקריגן אַז מען וועט זיך דערפון דערוויסן איז ביזאַנטיע. האָבן זיי באשלאָסן אים אַרויסצוגעבן צו דעם ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר „אפּסימארא טיבעריוס“ וועלכער איז געוואָרן אַן אימפּעראַטאָר, אויף דעם אָרט פון דעם אראָפּגעוואָרפענעם אימפּעראַטאָר לעאָנטיע. יוסטינאַן דערוויסענדיג זיך פון דער געפאַר איז אנטלאָפן אין דער בערגיגער פעסטונג ׳דאָרן״ אין דער קרימישער „גאָטיע“ וואָס האָט זיך דאָמאָלסט געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די כאַזאַרן. ער האָט זיך געווענדעט צו דעם כאַזאַרישן קאַגאַן און געבעטן אַן ערלויבעניש צו קומען צו אים, ער האָט געקריגן די ערלויבעניש. דער נאָמען פון קאַגאַן האָט לויט דער גריכישער באַשרייבונג געווען „איבזואיר גלאַוויאַן“: ער האָט פריינטליך אויפגענומען יוסטיניאַנען אים געגעבן הילף און אויך אים געגעבן זיין שוועסטער פאַר א ווייב. וועלכע ווערענדיג אַ קריסטן, האָט געקריגן דעם נאָמען „פעאָדאָרא״. מיט דער ערלויבעניש פון קאַגאַן, האָט זיך יוסטינאַן באַזעצט אין דער שטאָט, וואָס האָט באַלאַנגט צו די קובאנער באָלגארן „פאנאגאָריע״ אויף דעם קרימער האלב אינזל און וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די כאַזאַרן. די שטאָט איז געווען וויכטיג פאַר דעם אראָפּגעזעצטן אימפּעראַטאָר כדי ער זאָל קענען פון איר אבזערוירן, וואָס עס קומט פאָר אין ביזאַנטיע און אויך צו אויפהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דער גרויסער צאָל פאַרבינדעטע אין קאָנסטאַנטינאָפּל.

ווען אין ביזאַנטיע האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דעם פריינדשאַפט צווישן יוסטינאַן, מיט דעם כאַזאַרישן כאַגאַן האָט אַפּסימאַר געשיקט שלוחים מיט אַ ביטע מען זאָל אים אַרויסגעבן זיין געגנער אַ לעבעדיגן אָדער אַ טויטן. דערביי האָט ער צוגעזאָגט אַ גרויסע מתנה. צי ווייל דער כאַן האָט זיך געקוואַפּעט אויף דער מתנה אָדער ער האָט ניט געגלויבט אַז יוסטינאַן, ווען אַרויס דער זיגער, האָט ער באַשלאָסן פאָלגן דעם ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר און אונטער דער אויסרייד, פון באַשיצן יוסטינאַנען האָט ער אים אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך. אין דער אייגענער צייט איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו איינעם פון דער וואַך אַז ער זאָל טויטן יוסטינאַנען, ביי דעם ערשטן צייכן וואָס מען וועט אים געבן. וועגן דאָס האָט זיך דערוואוסט „פעאָדאָראַ" די ווייב פון יוסטיניאַן. קעניג יוסטינאַן האָט געהייסן דערשטעכן זיינע צוויי וועכטער און אָפּגעשיקט זיין ווייב צו איר ברודער און אַליין מיט עטלעכע פון זיינע מיטהעלפער, אַנטלאָפן אין אַ פישער שיפל פון כאַזאַריע אין דער דונאַיער בולגאַריע.

מיט דער הילף פון בולגארישן כאַן „טערוועלא" האָט זיך אים איינגעגעבן פאַרכאַפּן קאָנסטאַנטינאָפּל און נאָך צען יאָר אָפּוועזנהייט האָט ער זיך אומגעקערט אויף דעם ביזאַנטישן טראָן אין יאָר 705: אָפּפאַרטעגענדיג זיך מיט זיינע שונאים און באַצאָלענדיג פיין טערוועלן האָט יוסטינאַן אָנגעהייבן זוכן מיטלען אַרויסצוקריגן זיין ווייב פון כאַזאַריע. ער האָט אַרויסגעשיקט, אַ גרויסן פלאָט מיט שיפן צו נעמען זיין ווייב. דער פלאָט האָט שטאַרק געליטן פון אַ שטורעם, אויף וואָס דער כאַזאַרישער כאַגאַן האָט געזאָגט: צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט שיקן אַ פלאָט, אין דער צייט ווען אַ צוויי דריי שיפן וואָלטן געווען גענוג און ער האָט אים אָפּגעשיקט זיין ווייב מיט אַ זון, וואָס איז שיין געווען געבאָרן.

„פעדאָרא" מיט איר זון, זיינען אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּל, מען האָט איר געזאַלבט פאַר אַ מלכה. און דער זון האָט געקריגן דעם טיטל פרינץ. אַ סטאַטוע פון דער כאַזאַרישער קעניגן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער הויפּט שטאָט צוזאַמען מיט דער סטאַטוע פון איר מאַן.

פינף יאָר נאָכדעם ווי יוסטינאַן איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דעם טראָן, האָט ער צונויפגעשטעלט אַ גרויסן פלאָט, קעגן דער שטאָט וואו ער איז געווען פאַרשיקט. דער ביזאַנטישער כראָניקער דערציילט אַז די עקספּעדיציע מיט דעם וויסן פון יוסטינאַן איז געפאָרן זיך אָפּרעכענען, מיט די איינוואוינער פון כערסאָן, פאַר דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן צו אים. די עקספּעדיציע איז אויך געשיקט געוואָרן צוליב דערויף, וואָס די כערסאָנער, זיך שרעקענדיג פאַר דער נקמה פון יוסטינאַן, האָבן באַשלאָסן זיך אָפּצורייסן פון ביזאַנטיע און אָרגאַניזירן אַ זעלבסט פאַרוואַלטונג אין דער שפּיץ פון אַ

פראָטאָפּאָליט וועלכער, וועט זיין אונטערגעוואָרפן דער כאַזאַרישער אימפעריע. די כאַזאַרן האָבן אריינגעזעצט אין כערסאָן א טודון (נאמעסטניק), וועמנס אויפגאַבע עס איז געווען אכטונג געבן אַז אלע באשלוסן פון דער פאַרוואַלטונג זאָלן דורכגעפירט ווערן און אויך איינמאָנען צינזן.

די אַרמיי וואָס יוסטינאן האָט געשיקט, האָט פלוצלונג באפאַלן כערסאָן, און איר איינגענומען אָן א ווידערשטאַנד. דער טודון און דער פּראָטאָפּאָליט און א סך פון די איינוואוינער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. דער פּראָטאָפּאָליט זאאילו און דעם כאַזאַרישן טודון האָט מען אַוועקגעפירט געשמידט אין קייטן קיין קאָנסטאַנטינאָפּל און 60 פון די איינוואוינער אָט מען לעבעדיק פאַרברענט. די איבעריגע איינוואוינער האָט מען אַ סך געטויט און אַ סך פאַרקויפט פאַר שקלאפן. די כראָניקער דערציילן אַז יוסטינאן איז ניט געווען צופרידן מיט דער טעטיגקייט פון פלאָט און געהייסן דעם פלאָט, זיך באַלד אומקערן א היים. פאָרענדיג צוריק אהיים האָט דער פלאָט באגאגענט א שרעקלאכן שטורם, אַ סך שיפן האָבן געזונקען און עס זיינען דערטרונקען געוואָרן 75 טויזנט מענטשן. יוסטינאן האָט זיך געקליבן שיקן א צווייטן פלאָט.

די איינוואוינער פון די פעסטונגען וועלכע זיינען געווען איינוואוינער פון קליינע שטעטלאך, זיינען געווען אונטערגעוואָרפן כערסאָן, אָדער די כאַזאַרן, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט פון דעם שטראָף וואָס יוסטינאן האָט דורכגעפירט איבער כערסאָן און מורא האָבענדיג אַז זיי קענען באשטראָפט ווערן פון ביזאַנטיע, ווי כערסאָן האָבן געשיקט צו די כאַזאַרן זיי זאָלן זיי העלפן. די כאַזאַרן האָבן אויף זייער ביטע ניט געענטפערט און זיך פון זייער ביטע ניט וויסנדיג געמאכט, לויט ווי עס שרייבט דער כראָניקער פעאָפאַן האָט אין כערסאָן אויסגעבראָכן, אַן אויפשטאַנד געגן יוסטינאן. אין דער שפּיץ פון אויפשטאַנד האָט זיך געשטעלט דער אַרמעניער וואַרדאַן", וועלכער איז געווען פאַרשיקט קיין כערסאָן. און וועלכן אַפּסימאַר, האָט נאָך פאַרדעכטיגט אין וועלן פאַרכאַפּן דעם טראָן פון דער ביזאַנטישער אימפעריע און האָט אים אַרויסגעשיקט אויף דעם אינזל קעפּאַלאָניע פונוואַנען יוסטינאן האָט אים אַרויסגעשיקט קיין כערסאָן. צו דעם אויפשטאַנד איז אויך צוגעשטאַנען איליאַ פּפאַריע וועמען יוסטינאַן, האָט באַשטימט פאַר דעם הערשער אין כערסאָן. וואָס ווייטער האָט זיך דער אויפשטאַנד אויסגעברייטערט אויך אויף די פעסטונגען אַרום כערסאָן. זיי אַלע האָבן ערקלערט פאַר א קעניג דעם אַרמעניער וואַרדאַן. דער אויסגעשפּרייטער אויפשטאַנד, האָט געשטעלט אין געפאַר, ניט נאָר כערסאָן נאָר דעם גאַנצן טראָן פון יוסטינאַן. די כראָניקער דערציילן ניט וואָס פאַר א ראָלע עס האָבן געשפּילט אין דער גאַנצער געשעעניש די כאַזאַרן. זיי דערציילן נאָר אַז די כאַזאַרן האָבן אָן שוועריגקייטן איינגענומען כערסאָן און אַז דאָס איז פאָרגעקומען מיט דעם ווילן פון די איינוואוינער פון כערסאָן, וועלכע

האָבן זיך געשראָקן פאַר נקמה פון יוסטינאַן. לאַנג האָבן זיך די כערסאָנער ניט געהאלטן אונטער דער כאַזאַרישער הערשאַפט. ווייל עקאָנאָמיש און קולטורעל איז כערסאָן געווען צו שטאַרק פאַרבונדן מיט ביזאַנטיע און ניט בעקענט זיך גרינג אָפרייסן פון דער ביזאַנטישער אימפעריע. ווען עס איז קיין שטאַרקע נייטווענדיגקייט ניט געווען דערין. די כאַזאַרן ווידער האָבן ניט אויסגענוצט דער שווערער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען כערסאָן און מיט קראפט זיי אונטערגעוואָרפן צו זייער מאכט, נאָר פאַרקערט זיי האָבן געהאָלפן די כערסאָנער אין דעם קאמף מיט דער צענטראַלער מאכט. זיי האָבן געלערנט פון פריער, ווען זיי האָבן פאַרכאפּט כערסאָן, אַז די פאַרכאַפּונג האָט שיער ניט געפירט צו א מלחמה מיט ביזאַנטיע. זיי האָבן געהאָלפן וואַרדאַנען, און צוליב פריינטשאַפט מיט ביזאַנטיע האָבן זיי ניט פּרעטענדירט אויף כערסאָן און זייענען געווען נייטראַל.

יוסטינאַן האָט אַרויסגעשיקט קעגן כערסאָן א פלאָט מיט מיליטער אונטער דער פירערשאַפט פון פאַטריקא מאַווריקא מיט דער אויפגאַבע צו פאַרניכטן כערסאָן, מיט אירע איינוואוינער. דער פלאָט האָט באלאגערט דער שטאָט, אַרויסצוהעלפן דער שטאָט איז געקומען כאַזאַריש מיליטער און געצוואונגען די ביזאנטיער אָפּצושטעלן דער באַלאַגערונג. עס זעט אויס אַז נאָך פאַר דער באַלאגערונג איז צו דעם כאַזאַרישן קאַגאַן געקומען וואַרדאַן, אַן אים געבעטן הילף. דער כאַזאַרישער קאַגאַן האָט אים אנערקענט פאַר דעם ביזאַנטישן אימפעראַטאָר.

די מיליטער וואָס האָט אָפּגעשטעלט די באַלאַגערונג פון כערסאָן, האָט זיך געשראָקן צו אומקערן קיין קאָנסטאַנטינאָפּל, פאַר דעם כעס פון יוסטינאַן. זיי האָבן זיך געווענדעט צו דעם נייעם אימפעראַטאָר און אים געשוואָרן טרייהייט און געקרוינט פאַר אַן אימפעראַטאָר. וואַרדאַן האָט מיט דעם פלאָט זיך געלאָזן קיין קאָנסטאַנטינאָפּל, פאַרכאַפּט די מאכט און אָפּגעהאַקט די קאָפּ פון יוסטינאַן און זיין זון וועלכער איז געווען געבאָרן פון דער כאַזאַרישער מלכה, מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון אַ קלויסטער וואו עס האָבן אים באַהאַלטן זיין באָבע, די מאמע פון יוסטינאַן און אים געטויט.

וואָס האָבן די כאַזאַרן געוואונען פון זייער נעמען אַן אנטייל אין דער אַרונטערוואַרפונג פון יוסטינאַן. זיי האָבן פאַרזיכערט פאַר זיך א שטאַרקן בונד אויף אַ לאַנגע צייט מיט ביזאַנטיע. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט וועגן אַ פאַראייניגטן קאמף קעגן זייערביידנס שונאים די אַראַבער און וועגן דער פונאנדערטיילונג צווישן זיך אַ ווירקונגס ספערע פון אַרום די קאווקאַזער לענדער.

די אַראַבער אין יענער צייט האָבן אָנגעהייבן פונאנדערוויקלען א ברייטע אויסשפּרייטונג אויף דעם מזרח און מערב. זיי האָבן געשטופּט די ביזאַנטיער

אָפּנעמענדיג בא זיי אין פּראָווינץ נאָך דער צווייטער. אין דער אייגענער צייט האָבן זיי געהאַלטן אין פאַרנעמען די לענדער אַרום קאַווקאז אַרויסרייסענדיג פון די כאַזאַרן. אלבאניע און אַנדערע. דאָס האָט געמאכט אַז עס זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן דער טראַדיציאָנעלער בונד, צווישן ביזאַנטיע און דעם טיורקוטן קאַגאַנאט וועלכער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט כאַזאַריע. דער בונד איז געווען וויכטיג פאַרביידע און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סטאטוס קוואָ. כערסאָן איז פאַרבליבן ביי דער ביזאנטישער אימפעריע, די געגנט ארום כערסאָן און דער איבעריגער טייל פון האלב אינזל ארייננעמענדיג נאָטיע ביי די כאזארן.

פון די געשעענישן איז כאזאריע אַרויס א יורשטע פון דער גרויסער טיורקוטישער אימפעריע און אַרויף אויף דער וועלט סצענע אַלס א גרויסע און מעכטיגע אימפעריע.

די כאַזאַרן נעמען אָן

דעם אידעשן גלויבן

די כאַזאַרן נעמען אָן דעם אידישן גלויבן

אין דעם 8טן יאָרהונדערט אין די אונאויפהערליכע מלחמות וואָס עס האָבן געפירט צווישן זיך דער אַראַבישער כאַליפאַט און די קריסטלעכע ביזאַנטישע אימפּעריע איז פאַר יעדן איינעם פון זיי געווען וויכטיג איבערצוגעווינען אויף זיין זייט די הערשער פון דער כאַזאַרישער אימפּעריע און צו מאַכן זיי פאַר זייערע פריינט. דיביידע מלוכות האָבן ניט איינמאָל געפּרופּט, צו מאַכן פאַרבינדונגען, מיט די כאַזאַרן דורך פאַמיליע פאַרבינדונגען, מיט דעם כאַגאַן. חוץ דעם האָט יעדע איינע פון די צוויי מלוכות געזוכט אַלע מיטלען אָנצובינדן די כאַזאַרן זייער רעליגיע און אַזוי אַרום פאַרבינדן, די כאַזאַרן מיט זייערע פּאָליטישע אינטערעסן. נאָך אין דעם 737טן יאָר, ווען דער אַראַבישער גענעראַל מעריוואַן האָט אָנגעגריפן דער כאַזאַרישער מלוכה האָט זיך אים איינגעגעבן צו צווינגען דעם כאַזאַרישן כאַגאַן ער זאָל אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן אָבער די אַרויפצווינגונג׳ איז ניט געווען קיין שטאַרקע. דער כאַגאַן האָט זיך שנעל אָפּגעוואָרפן פון דער מאַכמעדאַנישער רעליגיע, די רעליגיע פון זיינע שונאים. דאָס האָט אָבער ניישט געשטערט די פאַרשפּרייטונג פון דער מאַכמעדאַנישער רעליגיע, צווישן א טייל פון דער כאַזאַרישער באַפעלקערונג.

די קריסטלעך ביזאַנטישע רעליגיע, האָט נאָך פון אַלטע צייטן, געהאַט אירע אָנהענגער אין קאַווקאַז און אין קרים, וולכע איז געווען באַהערשט פון די כאַזאַרן. ביי די נאָמאַדישע פעלקער פון וועלכע עס איז באַשטאַנען די כאַזאַרישע אימפּעריע האָט נאָך געהערשט דער פּאַטריאַרכאַלער אָרדנונג וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף געצענדינעריי׳ אַזוי אַז דער כאַגאַנאַט וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די געצענדינערישע פעלקער איז געווען געצענדינעריש. לויט איבן רוסטע, ענלאַך אויף דער רעליגיע פון די טיורקוטן. אָבער לויט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען אין דער וועלט האָט דאָס לאַנג ניט געקענט האַלטן. די געצענדינערישע רעליגיעס פול מיט אָבערגלויבן, קרבנות, און אַנדערע נאַרעשקייטן האָט געמוזט אָפּטרעטן פאַר די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס.

די כאַזאַרן ניט וועלענדיג זיין אונטערגעוואָרפן אונטער די אַראַבער מיט זייער מוסולמאַנישן און די ביזאַנטיער מיט זייער קריסטלעכן גלויבן, האָבן זיי אויסגעקליבן דעם אידעשן, וועלכער האָט זיי געמאַכט פריי פון די אַראַבער און די ביזאַנטיער און זיי געגעבן אַ מעגליכקייט זיך ניט צו לאָזן באַצווינגען פון די ביידע מלוכות. מיט דעם היסטאָרישן אקט פון אָננעמען דעם אידעשן גלויבן׳ האָבן די כאַזאַרן אַרויסגעפירט דער אידישער רעליגיע אויף דער וועלט סצענע אַלס די דריטע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע נאָך איסלאַם און קריסטענטום. זיי האָט זיך איינגעגעבן ארויספירן דער אידעשער רעליגיע

אויף דער וועלט סצענע, נאָר ניט זי אויפצוהאַלטן, ווייל די אידעשע רעליגיע מיט די נביאים, דעם תלמוד און די גאַנצע רבנישע ליטעראטור מיט די דינים און מצוות, האָט זיך ניט צוגעפּאַסט צו די פעדאַאַלע און מלוכה׳שע סיסטעמן פון יענער צייט, וואו עס האָט געהערשט רשעות, ווילקיר, אונטערדריקונג צו פרעמדע גלויבנס געגאָסן און צו אייגענע גלויבנס געגאָסן. אין דער צייט ווען לויט דער אידעשער רעליגיע איז אונטערדריקונג צו אידן און ספּעציעל צו אידעשע קנעכט געווען שטרענג פאַרבאָטן. די אינגערע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס, די קריסטלעכע און די מאַכמעדאנישע, אין געיעג נאָך מאכט האָבן ניט נאָר געשטערט די ווילקיר און רשעות, סיי צו פרעמדע און סיי צו אייגענע נאָר אָפּטמאָל זיי געהאָלפן, דערצו זיינען זיי געווען פריי פון די דינים׳ מצות און פאַרבאָטן וואָס די גלויביגע פון אידישן גלויבן, האָבן געדארפט האלטן. דאָס האָט געבראכט אַז זיי איז געווען לייכטער אַריבערצוגעווינען די פעדאָאלן, די הערשער פון די געצענדינערישע פעלקער.

די אידעשע רעליגע איז אויך אַ נאַציאָנאלע, זי איז די רעליגיע וואָס גאָט האָט געגעבן צו די אורעלטערן פון די אידן אברהם יצחק און יעקב, ווען פעלקער געצענדינערישע נעמען אָן דעם אידעשן גלויבן מוזן זיי זיך אויס־מישן מיט אידן און פאַרלירן זייער נאַציאָנאלע אידענטיטעט, זיי הערן אויף צו זיין לאָמיר זאָגן דייטשן אָדער רוסן, נאָר ווערן אידן וואָס ריידן דייטש אָדער רוסיש. דאָס זעט מען פון די קאַווקאַזער אידן די טאַטן, וואָס אָננעמענ־דיג דעם אידעשן גלויבן זיינען זיי געוואָרן אידן וואָס ריידן טאַטיש. אַזאַ סאָרט רעליגיע, איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו די וואַנדערענדע נאָמאדישע פעלקער וואָס זיינען געווען באַזירט אויף פאַטריארכאַלע און נאַציאָנאלע סיס־טעמען, וואָס האָט זיך געהאַלטן, אויף יאגד און רויב. אַזאַ רעליגיע׳ קען מיט שוועריגקייטן, זיך צופּאַסן צו אַ קליינעם פאָלק, וואָס באשעפטיגט זיך מיט ערד־אַרבעט׳ האנדל און מלאכה אָבער ניט צו אַן אימפּעריע וואָס באשטייט פון אַ סך פעלקער מיט פאַרשידענע פּאָליטישע און סאָציאלע סיסטעמן. דאָס ברייגגט צו דער ענטשטייאונג פון אַ אַריסטאָקראטישן קלאַס וואָס שיידט זיך אָפּ פון די אַנדערע פעלקער מיט זיין רעליגיע פירונגען און מנהגים און אין אַ אימפּעריע פון אַ סך פעלקער איז דאָס שעדלאך: ענלאך אויף אַזאַ פּראָ־צעס, האָט פּאַסירט מיט טויזנט יאָר שפּעטער, מיט דער עסטרייכישער אימ־פּעריע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דייטש קאַטוילישע מלכים און אַ קליינעם פּאָלק, דייטשע קאטאָליקן, וואָס זיינען געווען די אַריסטאָקראטן. די עסטרייכישע אימפּעריע איז באַשטאַנען פון אַ סך פעלקער פון פאַרשידענע נאַציאָנאליטעטן רעליגיעס, שפּראָכן און פאַרשידענע סאָציאלע סיסטעמען, וועלכע האָבן זיך ניט גערמאניזירט און זיך געהאלטן אין אַ אימפּעריע, אַזוי לאַנג ווי די פּאָליטישע אינטערעסן האָבן דאָס געפאָדערט, ווען די פּאָליטישע

אינטערעסן האָבן זיך געביטן און עס איז ניט געווען קיין פּאָליטישע נויטווענדיגקייט אין איר עקזיסטענץ, איז זי צעפאַלן געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קלײנער מלוכה׳לע מיט דער הויפּט שטאָט ווין.

גאַנץ אנדערש האָט פּאַסירט מיט דער רוסישער אימפּעריע. ניט קוקענדיג וואָס די רוסישע אימפעריע האָט דורכגעמאכט אַ שווערע סאָציאלע רעוואָלוציע און אַ בירגער קריג, האָט זיך איר אימפעריע אויפגעהאַלטן, ווייל דער גרעסטער טייל פון דער רוסישער אימפעריע ווי די אוקראַאינער, ווייסרוסן, גרויסרוסן און אַנדערע באשטייען פון פעלקער וואָס האָבען א שפראַך וואָס שטאַמט פון איין אורקוואַל סלאַוויש און איין רעליגיע גריכיש קאַטוליש און וועלכע האָבן זיך מער אָדער ווייניגער רוסיפיצירט. דער רוסישער אַדעל איז באשטאַנען מערסטנס פון ניט קיין רוסן נאָר דייטשן, פראַנצויזן און אַנדערע אַזוי אַז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן. דער אַדל איז פאַרשוואונדן און די אימפעריע איז פאַרבליבן.

לויט האַרקאַווי און בערלין, האָבן אידן נאָך פון אוראַלטע צייטען געוואוינט אין די געגענטן וועלכע זיינען פאַרנומען געוואָרן פון דעם כאַזאַרישן קאַגאַנאט. אַלטע מצבות נאָך פון די ערשטע יאָר־הונדערטער פון דער נייער צייט רעכענונג, געפינען זיך אין פאַנאַגאָריע, טשופוט און אין אַנדערע ערטער אין קרים, וואו אידן האָבן געוואוינט פון אוראַלטע צייטן. די פאַרפאָלגונגען פון די אידן אין דער צייט פון הערעקליוס אין די צוואנציגער יאָרן פון 7טן יאָר־הונדערט און שפּעטער די פאַרשטאַרקטע פאַרפאָלגונגען פון לעאָ דעם צווייטן אין 8טן יאָר־הונדערט׳ האָבן געבראַכט אַ סך אידן קיין כאַזאַריע. אידן האָבן אויך געוואוינט אין קאווקאַז און אין דאַגעסטאַן נאָך אַ סך פריער אידער עס האָבען זיך אָנגעהייבן די כאַזאַריש אַראַבישע מלחמות.

האַרקאַווי אין זיינעם א בוך אין רוסיש דערציילט: אַז אלדד הדני וואָס האָט באזוכט שפּאַניע אין דעם יאָר 880 דערציילט וועגן די כאַזאַרן, אַז דער שבט יששכר וואַנדערט איבער די בערג ביי די ברעג פון ים אויף דעם גרעניץ פון פרס און מדי ,זיי לערנען תורה און האַלטן פון דעם פסוק „והגית בו יומם ולילה. דו זאָלסט לערנען תורה טאָג און נאכט, זיי האַלטן ניט מיט קיינעם קיין מלחמה, זיי לעבן אין רוהיגקייט. עס קומען ניט פאָר צווישן זיי .קיין רייבונגען און קיין קריגערייען, זיי פאַרנעמען א שטרעקע פון 10 טעג רייזע אין דער לענג און אין דער ברייט זיי האָבן אַ סך פיה און קיינער פון זיי באגייט ניט קיין פאַרברעכן, זייערע שכנים זיינען געצענדיגנער, וואָס דינען צום פייער, זיי האָבן חתונה מיט זייערע מאַמעס, טעכטער און שוועסטער, זיי האָבן ניט קיין ערד אַרבעטער און אַלץ וואָס זיי דאַרפן קויפן זיי פאַר געלט. דער שבט יששכר האָט זיינע עלצטע און אַ ריכטער וועלכע מען רופט נחשון, זיי ריידן לשון קודש׳ פערסיש און קודריש, (טיורקוטיש) איז דאָס ווירקלאַך אָדער

פאַנטאַזיע, קען מען ניט וויסן. דער פאַקט איז ,אַז אין קאַווקאַז האָבן געוואוינט אידן נאָך פון אוראַלטע צייטן, אַ סך פון זיי זיינען געקומען, ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן די אונטערדריקונגען אין דער צייט פון די סאַסאַנידישע הערשער אין איראַן(בבל) ספּעציעל, ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן די אונטערדריקונגען פון די מאַזדאַקיטן אין די יאָרן פון 530. דאָס באַווייזט אַז אידן האָבן נאָך אין אַלטע צייטן אָנגעהייבן אַריינדרינגען קיין כאַזאַריע און אַלס פּעהיגע און געלערנטע מענטשן האָבן זיי אָנגעהייבן צו פאַרנעמען הייכע פּאָסטנס אין דעם הויף פון קאַגאַן און אין הויפן פון די בעקן. זיי האָבן אויך געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין האַנדל און באַוואוינט די גרויסע שטעט און ווייל די האַנדלס אינטערעסן פון די אידישע סוחרים' זיינען ניט געווען געגן די אינטערעסן פון דער כאַזאַרישער מלוכה, האָבן די כאַזאַרן זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל.

וועגן דערויף אַז די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דער אידעשער רעליגיע איז שיין היינט קיין ספק ניטאָ. עס איז א היסטאָרישער פאַקט. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אין תלמוד ווערט געבראַכט אַז גרים (גיירים) זיינען אַן אַנשי־קעניש אויף אידן און אידן האָבן קיינמאָל ניט געשיקט מיסיאָנערן צו באַקערן ניט אידעשע פעלקער צו דעם אידעשן גלויבן. איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די כאַזאַרן א פאָלק אַן אָפּשטאַמיגער פון די טיורקטן, האָט אָנגענומען דער אידעשער רעליגיע. אייניגע 'שרייבער' וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט ווי דער קעמברידזשער אַנאָנים גיט אָן, אַז די כאַזאַרן שטאַמען פון שבט שמעון, וואָס האָט פאַרגעסן דעם אידעשן גלויבן. אלדד הדני רעכנט צו די כאַזאַרן צו דעם שבט שמעון און דעם האַלבן שבט מנשה, וועלכע וואוינען אין דעם לאַנד פון די כאַזאַרן 6 מאָנאַטן רייזע פון ירושלים. לויט אלדד הדני זיינען זיי זייער אַ גרויסער פאָלק און נעמען צינזן פון 25 מלוכות, צווישן זיי זיינען דאָ פעלקער' אָפּשטאַמיגע פון ישמעאל. די אורזאַכע וואָס אַזוי פיל פעלקער צאָלן זיי צינזן, איז ווייל זיי זיינען שטאַרק און וואַרפן אָן א שרעק אויף אַלע אַרומיגע פעלקער.

(אין געגענטייל צו די פריערדיגע באַריכטן, זיינען די באַריכטן, וואָס עס גיט אָן דער קעניג יוסף און די אַראַבישע שרייבער, זיינען די כאַזאַרן ניט קיין אָפּשטאַמיגע פון אידן. זיי האָבן נאָר אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן' ווי עס זעט אויס, איז די אידעשע רעליגיע געוואָרן די אָפיציעלע רעליגיע פון דער כאַזאַרישער מלוכה, פון דעם כאַזאַרישן אַדעל, און טיילן פון כאַזאַרישן פאָלק, נאָר זי איז קיינמאָל ניט געוואָרן די רעליגיע פון די פעלקער פון וועלכע עס איז באַשטאַנען די כאַזאַרישע אימפּעריע. די אידישע רעליגיע האָט ניט אַרויסגעשטופּט' ניט דער אַלטער געצענדינערישער רעליגיע, ניט דער קריסטלעכער רעליגיע, און ניט דער מאַכמעדאַנישער.

די באַציאונג פון די כאַזאַרן צו פעלקער מיט אַנדערע גלויבנס, איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע פון די וואָס עס האָבן פּראַקטיצירט, די קריסטלעכע און מאַכמעדאנישע רעליגיעס אין אָנהייב פון מיטל אלטער. די אורזאַכן זיינען געווען די, וואָס אין דער צייט ווען די אידישע רעליגיע איז געוואָרן די מלוכה רעליגיע פון די כאַזאַרן, האָבן אין טיילן פון דער כאַזאַרישער מלוכה, זיך שיין איינגעפעסטיגט אָנהענגער פון דער קריסטלעכער און דער מאכמעדאנישער רעליגיע, וועלכע האָבן זיך לויט זייערע רעליגיעזע פאָרמען בעסער צוגעפּאסט צו דעם פּאַטריארכאַלן, פּעדאָאלן נאָמאדיש לעבן פון די פעלקער אין דער כאזארישער אימפּעריע.

אין וועלכער צייט האָבן די כאַזאַרן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן? לויט מאַסודי איז דער אידעשער גלויבן געוואָרן דער מלוכה גלויבן פון כאַזאַריע אין דער צייט פון דער הערשאפט פון כארון־אר־ראשיד 786—809טן יאָר. לויט דעם בריוו פון כאַזאַרישן קעניג יוסף צו רבי חסדאי אבן שפּרוט שרייבט ער אַז די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן 340 יאָר פאַר זיין צייט, דאָס הייסט אין יאָר 620. די דאַטע איז ניט קיין ריכטיגע עס האָט געמוזט זיין 240 יאָר צוריק. לויט דעם בוך ספר הכוזרי פון רבי יהודה הלוי, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויף אַראַביש אין דער ערשטער העלפט פון 12טן יאָר־הונדערט. שרייבט ער אין ספר הכוזרי אַז די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן מיט 400 יאָר צוריק. פון דאָס אַלעס קומט אויס אַז די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן' אין דעם ערשטן העלפט פון דעם 8טן יאָר־הונדערט. אין אַ סך היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין יענער צייט, ווערט ניט דערמאָנט די אידישע רעליגיע, וואָס עס זאָלן האָבן אָנגענומען די כאַזאַרישע מלכים. אַזוי ווערט ניט דערציילט אַז קאָנסטאנטין קאָפּראָניס אין צענטן יאָרהונדערט וועלכער האָט חתונה געהאט מיט א טאָכטער פון דעם כאַזאַרישן קעניג זאָל דער קעניג געווען זיין אַ איד. עס ווערט אויך ניט דערמאָנט אין אַנדערע וויכטיגע היסטאָרישע קוואַלן פון יענער צייט, אַז די כאַזאַרישע קעניגן זאָלן געווען זיין אידן' אַזוי, אַז גענוי אין וועלכער צייט די כאַזאַרן זיינען געוואָרן אידן, איז ניט באַקאַנט. לויט דעם בריוו פון קעניג יוסף, איז דער ערשטער כאַגאַן, וואָס האָט אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן געווען בולאַן. אין זיין בריוו שרייבט ער, אַז ער האָט פאַרטריבן פון זיין לאַנד אַלע זנאכערס געצן־דינער פּריסטער און איבערצייגט די אַנדערע הערשער פון דער כאַזאַרישער מלוכה און דעם הויפּט כאגאַן אָנצונעמען דעם אידעשן גלויבן, נאָכדעם האָט בולאן לויט אַ באַפעל פון הימל באשלאָסן אויסצובויען א בית המקדש. צו קריגן מיטלען פאַר דער אונטערנעמונג האָט ער געמאכט אַן אָנפאַל אויף די קאַווקאזער שטעט. ער האָט זיי איינגענומען' זיי פאַרוויסט און געבראכט פון דאָרטן א סך רויב. מיט וועלכע ער האָט

אויפגעבויט אַן אוהל, מנורה׳ אַ טיש, א מזבח און הייליגע כלים. די אַלע הייליגע זאכן זיינען לויט יוספס בריוו נאָך געווען גאַנץ און זיך אויפגעהאלטן אונטער זיין שוץ.

דער בריוו פון אנאָנים וואָס געפינט זיך אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט איז אינגאַנצן אנדערש פון דעם בריוו פון קעניג יוסף. מען קען זען אַז ער איז געשריבן געוואָרן ניט האָבענדיג קיין פאַרבינדונג מיט דעם בריוו פון יוסף און געשריבן געוואָרן ניט אין דער אייגענער צייט, אין אונטערשייד פון יוסף׳ס בריוו, דערציילט ער, אַז דער ערשטער הערשער פון די כאַזאַרן וועלכער האָט אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן, איז געווען אַ האלבער איד. ער דערציילט גאָרניט וועגן דער אויפבויאונג פון א בית המקדש און די מלחמות, וואָס בולאַן האָט געפירט, דערפאַר ברייננגט ער אין זיין בריוו, דעם ערשטן מאָל אַרויס, אַ הייל מיט ספרים פון וועלכע יוסף דערמאָנט ניט, וואָס איז דאָס פאַר א הייל און פונוואנען האָבן זיך דאָרטן גענומען ספרים דערציילט ער ניט. מעגלאַך, אַז אין די אַנדערע בלעטלאך פון בריוו, וועלכע זיינען צו אונז ניט דערגאַנגען געפינט זיך מער, וועגן דער הייל און די הייליגע שריפטן, עס זיינען דאָ באַריכטן פון א שפּאַנישן איד וואָס האָט געמאכט רייזעס אין 9טן יאָרהונדערט פון מערב און צוריק פון כאמלידזש (איינע פון די נעמען וואָס מען האָט גערופן דער כאַזאַרישער הויבט שטאָט איטיל). מעגלאַך אַז פון דעם רייזענדן האָט זיך דאָס חסדאי דערוואוסט פון די כאַזאַרן און דאָס האָט אים געמאכט שרייבן, דעם בריוו צו דעם קעניג יוסף, די הייל וואָס ווערט דערמאָנט פון אנאָנים, ווערט אויך דערמאָנט, ביי רבי יהודה הלוי אין זיין בוך „ספר הכוזרי״ :

פון דעם קען מען זען אַז די געשיכטע פון דעם אָננעמען פון די כאַזאַרן דעם אידעשן גלויבן, ווערט דערציילט פאַרשידן, נאָר אַלע שרייבן דאָס אייגענע, אַז נאָכדעם ווי די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן האָבן זיי זיך געווענדעט צו אַנדערע אידעשע קהלות, מען זאָל זיי שיקן ספרים און תלמידי חכמים צו לערנען זיי אידעשקייט. וועגן דעם אָרט וואו זיי האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן איז לויט אַלע דערציילונגען דאָס געווען, אַרום אַ באַרג אין אַ הייל און אין א טאָל. דער באַרג, האָט לויט רבי חסדאי אבן שפרוט געהייסן שעיר. אין דעם בארג אין אַ הייל, האָבן די אידן פאַרבעהאלטן די הייליגע ספרים, לויט דעם קעמברידזשער אַנאָנים. איז דאָס געווען אין אַ טאָל מיט דעם נאָמען קיזול וואו עס האָט זיך געפונען די הייל מיט די הייליגע שריפטן: לויט רבי יהודה הלוי איז דער נאָמען פון באַרג געווען „וואַרסאַן״, וואו אין אַ הייל פלעגן די אידן פייערן שבת און וואו דער כאַזאַרישער קעניג האָט אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן.

אַלע נעמען פון דעם באַרג, הייל און טאָל ציען זיך צו איין מקור צו

דעם אָרט וואו עס האָט זיך געפונען אַלט כאזאריע „דאגעסטאן", וואו עס האָט זיך געפונען דער אַלטער צענטער פון כאַזאַריע און וואו פון אַלע צייטן האָבן זיך געפונען אידן. מעגלאַך, אַז דער איבערגאַנג פון געצענדינעריי צו אידעשקייט איז ניט פאָרגעקומען אין אַ קורצער צייט, ווי עס דערציילט די לעגענדע מיט איר רעליגיעזן דיספוט. עס האָט געקענט דויערן אַ לאַנגע צייט. די הויפט אורזאַך האָט געקענט זיין ניט אַזוי דער רעליגיעזער דיספוט, ווי די אויסמישונג פון דער היימישער באַפעלקערונג, מיט די וועמענס קינדער זיינען שיין געווען אידן, סיי לויט דער רעליגיע און סיי לויט דער אָפּשטאַמונג.

לויט דעם בריוו פון יוסף און לויט דעם קעמברידזשער דאָקומענט, איז דער ערשטער, וואָס האָט אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן, ניט געווען דער קעניג אַליין נאָר איינער פון זיינע הייכע בעאמטע, לויט דעם קעמברידזשער דאָקומענט, איז נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַ איד איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ קעניג. איבן אַלס אסיר דערציילט ; אַז אין דער צייט פון דער הערשאפט פון כאַרון־אַר־ראסיד אין פערסיע, האָט דער רוימישער (ביזאַנטישער) אימפּעראַטאָר אַרויסגעטריבן אַלע אידן פון זיין מלוכה, זיי זיינען אַלע געלאָפן קיין כאַזאַריע, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ סך קלוגע מענטשן, נאָר פאַרזונקען אין נאַרעשע און פאַרפירערשע אבערגלויבנס. די אידן האָבן זיי געלערנט אידעשקייט און זיי האָבן אַלע אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן. דער היסטאָריקער באַקרי, ווען ער דערציילט וועגן דעם אָננעמען פון אידעשן גלויבן ביי די כאַזאַרן, און וועגן דעם דיספוט פון די פאָרשטייער פון אַלע דריי גלויבנס דערציילט, אַז פריער, האָט דער קעניג פון די כאַזאַרן אָנגענומען דעם קריסטליכן גלויבן און שפּעטער זעענדיג זיין טעות, וואָס ער האָט געמאכט, האָט ער לויט דער עצה פון איינעם פון זיינע בעאמטע, איינגעאָרדענט דעם וויכוח און אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן.

לויט אַלע היסטאָריקער האָט דער ערשטער וואָס האָט אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן געווען בולאַן, נאָר קיינער דערמאָנט ניט די נעמען פון די קעניגן, וואָס זיינען געקומען נאָך אים. קעניג יוסף דערמאָנט זיי אויך ניט, ביז עובדיה, דערפון זעט מען אַז דער גרינדער פון דער דינאַסטיע פון די אידעשע מלכים, איז געווען עובדיה. אין זיין בריוו זאָגט יוסף, אַז עובדיה איז געווען אַ פרומער גאָטס פאָרכטיגער און אָרענטליכער קעניג. אין זיין צייט האָט ער באנייט זיין מלוכה, פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין די דינים און אין די מצוות, ער האָט אויסגעבויט בתי כנסת (שוהלן) און ישיבות. ער האָט צונויפגעזאַמלט, אַ סך חכמים ער האָט זיי געגעבן אַ סך זילבער און גאָלד. זיי האָבן אים פאַרטייטשט די 24 ביכער פון דער הייליגער שריפט, זיי האָבן אים געלערנט משנה און תלמוד ,און דעם סדור אָרדענונג פון די תפלות.

אין די צייטן, ווען די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן האָט

זיך געפונען, אַ טייל אידן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון תלמודישן אידענ-
טום די „קראים" (קאַראימער). היינט זיינען זיי פאַרשוואונדען. אָבער אין
יענער צייט האָבן זיי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אידענטום, נאָך אין 19טן
יאָרהונדערט האָט זייערער א כאכאם פיערקאָוויטש מעגלאך דער לעצטער כאַ-
כאַם פון זייער עדה געטענהט, אַז די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דעם גלויבן פון די
קראים. ער האָט געבראַכט באַוויזן פון אויפשריפטן אויף מצבות אין „טשופוט
קאלע" אַ קאַראַאימישע שטאָט אין קרים אויף איינער אַזאַ מצבה שטייט, אַז
זי באַלאַנגט צו „יצחק סנגורי" און דאָס זאָל זיין דער חבר, וועגן וועלכן
עס רעדט רבי יהודה הלוי אין זיין ספר הכוזרי און דער סנגרי האָט פערקאָ-
וויטש געטענהט איז געווען אַ קאראים. פאָרשונגען, האָבן געוויזן אַז זיינע
טענות זיינען ניט געווען קיין גערעכטע, ווייל אַ סך פראַגן וואָס דער קעניג
פרעגט און דער חבר ענטפערט זיינען פראַגן, וואָס מען פלעגט פרעגן צו די
תלמודישע אידן און דער ענטפער פון חבר איז ווי פון אַ תלמודישן אידן.

ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט האָט ר' אברהם אבן דוד א שפּאַנישער
איד, וואָס האָט געלעבט אין 12טן יאָרהונדערט געזאָגט אין זיינעם אַ ספר אַז די
כוזרים (כאַזאַרן) זיינען אידן אָנהענגער פון תלמוד, וואָס אים איז אויסגעקומען
זיך צו טרעפן אין טאָלידא מיט כוזרים תלמידי חכמים. ר' פתחיה א שפּאַנישער
איד אויך פון 12טן יאָרהונדערט, דערציילט אַז אָרימע תלמידי חכמים פון בבל
און מצרים פאָרן אין דעם לאַנד פון משך צו זיין דאָרטן מלמדים פון דער
תורה און פון תלמוד בבלי. דער רמב"ן, וואָס האָט געלעבט אין 13טן יאָרהונ-
דערט, דערמאָנט צום ערשטן מאָל דעם נאָמען פון א אידן א תלמיד חכם, וואָס
האָט גענומען אַן אנטייל אין דעם אָנגעמען פון דעם אידעשן גלויבן ביי די
כאַזאַרן און ער רופט אים יצחק סנגרי און דער רמב"ן זאָגט: אַז ער איז
געווען אַ תלמודישער איד.

קיין גרויסע לומדים ווי עס זעט אויס זיינען די כאַזאַרן ניט געווען. מעג-
לאַך אַז די וואָרצלען פון חסידיזם, וואָס שטעלט אָוועק העכער דעם פּראָסטן
אָרענטליכן אידן פון דעם למדן, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין אוקראַאינע און
פּאָדאָליע, וואָס זיינען געווען די גרעניצן פון כאַזאַריע. דער חסידיזם וואָס
איז דאָרטן געבאָרן געוואָרן האָט מעגלאך געצויגן זיינע וואָרצלען פון כאַזאַריע
וואו עס איז אויך געווען פאַרשפּרייט קבלה.

פאַרוואָס זיינען ניטאָ קיין שאלות תשובות פון כאַזאַריע? מעגלאך צוליב
דערויף ווייל כאַזאַריע איז געווען ווייט פון די צענטערס פון תורה.

לויט דעם בריוו פון יוסף איז דער קעניג עובדיה געווען אַ רעפאָרמאַטאָר.
זיין רעפאָרמיזם איז באַשטאַנען אין דערויף וואָס זייענדיג א בעק איז ער
געוואָרן דער ערשטער קעניג פון כאַזאַריע און ווערענדיג א קעניג האָט ער

געמאכט דער אידעשער רעליגיע פאַר דער מלוכה רעליגיע. דעריבער דאַטירט מאַסודי דער צייט ווען די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דער אידישער רעליגיע צו דער צייט פון כאַרון־אַר־ראשיד צו דער ענדע פון 8טן און אָנהייב 9טן יאָרהונדערט די צייט ווען עובדיה האָט געקיניגט. יוסף רופט אָן אין זיין בריוו צוועלף נעמען פון כאַזאַרישע מלכים, וואָס זיינען געקומען נאָך עובדיה ביז אים. רעכענענדיג אין דורכשניט פון 10 ביז 15 יאָר אויף יעדן קעניג האָט די צייט פון דער הערשאפט פון די אידעשע מלכים אין כאַזאַריע געדויערט פון 170 ביז 200 יאָר. מיר גיבן דאָ אַ צאָל פון אַראַבישע שרייבער היסטאָריקער וואָס שרייבן וועגן די רעליגיעס וואָס האָבן זיך געפונען אין כאַזאַריע. יאקוט שרייבט. אין איין אָרט אַז די כאַזאַרן באשטייען פון קריסטן, מאכמעדאנער, און אידן. אין א צווייטן אָרט שרייבעט ער : אַז אַלע כאַזאַרן און זייערע מלכים זיינען אידן. „שאמס־אַד־דין" שרייבט, אַז די כאַזאַרן באַשטייען פון צוויי קלאַסן פון קריגער וואָס זיינען מאַכמעדאנער און פון אידן שטאָטישע איינוואוינער. אַל פאַקיר שרייבט : אַז די כאַזאַרן זיינען אלע אידן, זיי האָבן ניט לאנג אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן.

מיט דעם אָננעמען און מיט דער פאַרשפרייטונג פון אידעשן גלויבן צווישן די כאַזאַרן האָבן זייערע שכנים די ביזאַנטיער קריסטן און דער מאַכמעדאנישער כאַליפאט געזען אַז עס איז אומזיסט זייער אַרבעט צו פאַרוואנדלען די כאַזאַרן אין זייערע גלויבנס גענאָסן. האָבן זיי אָנגעהייבן זוכן אַנדערע מיטלען ווי צו געווינען זייער פריינטשאפט אָדער זיי צו פאַרניכטן.

דער אָננעמען פון די כאַזאַרן דעם אידעשן גלויבן און פאַרוואנדלען אים אין א מלוכה גלויבן, האָט געהאַט א באדייטונג דערמיט, וואָס די כאַזאַרן האָבן אַרויסגעוויזן אַן זעלבסטשטעדיגקייט און דעמאָנסטרירט אונאָפּהענגיגקייט און גלייכהייט פון דעם כאַזאַרישן כאַגאַנאט מיט דעם ביזאַנטישן קריסטענטום און אַראַבישן מוסולמאַניזם. עס איז געוועזן אַן ענטפער צו די פרופן פון די אַראַבער און ביזאַנטיער צו זייער ווילן זיי צו פאַרוואנדלען אין וואַסאַלן.

פעסטונגען און שטעט אין כאַזאַריע

סאַרקעל

אין 8טן יאָרהונדערט, האָט זיך די הערשאפט פון די כאַזאַרן פאַרשפרייט ניט נאָר איבער די מזרח אייראָפּעאישע סטעפּעס, נאָר אויך איבער די בעוואלדערטע צפונדיגע געגענטן, וועלכע זיינען געוועזן באַוואוינט פון סלאַוון. אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ווייזן אַז אין דער צייט ווען די כאַזאַרן האָבן געהערשט איבער די דרומדיגע סטעפּעס האָבן זיך די סלאַוון, וואָס האָבן זיך

געפונען אונטער זייער שוץ, זיך אָנגעהייבן צו פונאנדערשפרייטן אַרום דעם דניעפּר, וואָלין, פּאָדאָליע. ווערנאדסקי אַ רוסישער היסטאָריקער דאטירט די צייט ווען די סעווערינאנער און וויאטיטשי זיינען געווען אונטערגעוואָרפן די כאַזאַרן אַרום די יאָרן 840 נייע צייט רעכענונג, די ראדימיטשי אביסל שפּעטער. די פּאָליאנער זיינען געווען אונטערגעוואָרפן די אונגאַרן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון די כאַזאַרן.

ארום דעם דניעפּר האָבן די סלאַווען פאַרנומען א געגענט וועלכע די געשיכטע כראָניקער האָבן גערופן „רוסישע ערד". די רוסישע ערד האָט זיך אונטערשיידט פון די געגענטן וועלכע זיינען געווען באַוואוינט פון די סלאַוון. אַ סלאַווישער פאָלק מיט דעם נאָמען „רוס" האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט, לויט די כראָניקער האָט מען די סלאַוון די פּאָליאנער אָנגעהייבן רופן „רוס" ווייל זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער לאַנד פון „רוס".. אָננעמענדיג דעם נאָמען רוס האָט זייער לאַנד באקומען דעם נאָמען „רוסישע ערד".

לויט די כראָניקער איז דער פאָלק רוס באשטאנען פון א נאָרמאנישן שבט, וועלכע די וואַריזאגישע קניאזן האָבן מיט זיך געבראַכט און זיי באזעצט אַרום דעם דניעפּר און גערופן זייער לאַנד „רוסישע ערד". עס איז אויך דאָ אַ טעאָריע אַז דער נאָמען „ראָס" קומט ניט פון די נאָרמאנישע רוסן, נאָר פון אָ פּאָלק ראָס", וואָס האָט זיך געפונען אין מזרח איירָאָפּע א סך פריער איידער די נאָרמאנישע רוסן זיינען געקומען אויף דער סלאַווישער ערד. וועגן אַזאַ פּאָלק, שרייבט דער גאָטישער געשיכטע שרייבער יאָרדאַן און אויך זכריה ריטאַר אין 6טן יאָרהונדערט, אַז די ראָקאָסלאני אָדער פאַרקירצט „ראָס" איז געווען איינער פון די סאַרמאטישע אָדער אַלאַנער פעלקער פון מזרח איירָאָפּע אין דעם ערשטן יאָרהונדערט פון דער נייער צייט רעכענונג. די רוסישע היסטאָריקער לאָמאָנאָסאָוו און טאַטישצעוו פאַרבינדן די אָפּשטאמונג פון דעם נאָמען רוס מיט דעם נאָמען פון פּאָלק „ראָס". די קיעווער געגענט האָט זיך אָנגעהייבן רופן „רוסישע ערד" ווייל דאָרט האָבן אמאָל געוואוינט די ראָסן. אַ סך פריער איידער די סלאַווישע פעלקער האָבן זיך דאָרטן באזעצט. דער אונטערגאַנג פון ראָס און די באַזעצונג אויף זייער אָרט פון סלאַוון איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען די כאַזאַרן האָבן אַרויסגעטריבן די בולגאַרן און פאַרנומען דעם גאנצן וואַלדיגן געגענט פון מזרח אַייראָפּע. אויף דעם אָפּגערייניגטן אָרט פון די ראָסן האָבן די כאַזאַרן באזעצט די סלאַוון וועלכע זיינען געווען אונטערגעוואָרפן צו זיי און זיי געצאָלט צינזן. געשיכטע שדייבער רעכענען אויס צווישן די פעלקער וועלכע האָבן געצאָלט צינזן די כאַזאַרן אין 859 פּאָליאנער, סעוועריאנער, וויאטיטשי, ראַדימיטשי, לויט די זעלבע היסטאָריקער האָבן די כאַזאַרן געבויט קיעוו וועלכע זיי האָבן גערופן „סאַמבאַדאָס". די דריי ברידער וואָס האָבן געזאָלט אויפבויען קיעוו זיינען מיטע־

לאָגישע אָלענפאַלס זיינען זיי ניט קיין סלאַווישע נעמען און געקענט באַלאַנגען צו אַ פאָלק, וואָס האָט דאָרטן געקענט וואוינען פאַר די סלאַוון, קיינע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אָדער געפינסן, וואָס זאָלן ווייזן אַז ביז דעם 7טן אָדער 8טן יאָרהונדערט זאָלן זיך דאָרטן געווען געפונען סלאַוון האָט מען דערווייל נאָך ניט געפונען.

מיט דער באַפרייאונג פון יענע געגענטן ביי די כאַזאַרן פון די בולגאַרן און אַנדערע אַלטע פעלקער, מעגלאַך די ראָסן האָבן זיך דאָרטן אָנגעהייבן באַזעצן די סלאַוון. ווערנדיג צוגעצויגן אַלס ערד אַרבעטער צו דער פעטער ערד און געדיכטע וועלדער פון יענע געגענטן, און זייענדיג באַשיצט פון דער שטאַרקער כאַזאַרישער מלוכה.

ביז דעם 9טן יאָרהונדערט האָבן די כאַזאַרן ניט געהאַט קיין קאָנקורענטן אין זייער הערשאַפט איבער דער צפונדיגער זייט פון שוואַרצן ים. די כאַזאַרישע מלוכה האָט אין פאַרלויף פון 150 יאָר געווען דער גאַנצער בעל הבית איבער דעם דרומדיגן העלפט פון מזרח אייראָפּע און פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ וואַנט, וואָס האָט פאַרשטעלט די אוראַלער און קאַספּישע וועגן פון אַזיע קיין אייראָפּע. זיי האָבן אויך אָפּגעשטעלט דעם דרוק פון די נאָמאַדישע פעלקער ווי די אַראַבער פון מזרח, אין 9טן יאָרהונדערט האָבן זיך באַוויזן שפאַלטן אין דער וואַנט, דורך וועלכער עס האָבן אַ פלייץ געטאָן פון די סטעפּעס נאָמאַדן. די ערשטע זיינען געווען די מאַדיאַרן נאָכדעם פּעטשעניעגן. אין דער אייגענער צייט זיינען די סלאַוון אויסגעוואָקסן און געשאַפן אַן אייגענע קריגערישע מלוכה וועלכע האָט מיט אירע אָנפאַלן אָנגעהייבן באַאומרוהיגן די ביזאַנטיער און כאַזאַרן און פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער כאַזאַרישער מלוכה, דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז די כאַזאַרן זאָלן אָננעמען מיטלען אָפּצוהיטן זייער טעריטאָריע פון די מערבדיגע שכנים. איינע פון די מיטלען איז געווען אויסצובויען ביי דעם דאָן דער פעסטונג סאַרקעל.

לויט דעם ווי עס דערציילט דער קיסר פון ביזאַנטיע קאָנסטאַנטין באַגריאַנאַראַדני איז אויף אויפצובויען דער פעסטונג האָבן זיך די כאַזאַרן געווענדעט צו איר פאַרבינדעטער ביזאַנטיע, ער דערציילט אַז אין דער שפּיץ פון די כאַזאַרן זיינען דענסטמאָל געשטאַנען צוויי אַ קאַגאַן און אַ בעק און אַז די ווענדונג וועגן אויפצובויען דער פעסטונג איז געקומען פון ביידן. דער ביזאַנטישער קיסר האָט צופרידענגעשטעלט דער ביטע פון די כאַזאַרן און געשיקט אויפצובויען דער פעסטונג אַ הייכן בעאַמטן אין דער ביזאַנטישער מלוכה פּעטראָני קאַמאַטירא.

ניט קוקענדיג אויף די פרידליכע און פריינטליכע באציאונגען צווישן די כאַזאַרן און די ביזאַנטיער האָבן די כאַזאַרן ניט ערלויבט די ביזאַנטיער אויפצובויען אין סאַרקעל א קריסטלעכן קלויסטער, ניט קוקענדיג וואָס פּעט־ראָני האָט געבראכט קיין סאַרקעל מארמאָרנע סטויפּעס און אַנדערע באפּוצונ־גען פאַר א קלויסטער איז אים ניט ערלויבט געוואָרן אויסצובויען א קלויסטער.
(לויט ארטמאנאוו)

ווי וויכטיג ביזאַנטיע האָט זיך באצויגן צו דער מיסיע זעט מען דערפון וואָס פּעטראָני האָט באַלאַנגט צו דער העכסטער הויף אַריסטאָקראטיע, ער איז געווען אַ ברודער פון פּעאָדאָרי די ווייב פון קיסר.

די צייט ווען סאַרקעל איז אויפגעבויט געוואָרן ווערט גערעכנט פאַר דער צייט ווען עס האָט געהערשט דער קיסער פּעאָפּיל אין די יאָרן 842־829. אַן אנדער היסטאָריקער קעדרין דערציילט אַז דאָס איז געווען אין דעם יאָר 834. מיט שיפן דורך כערסאָן איז פּיטראָני געקומען צו דעם אָרט וואו די פּעסטונג האָט געדארפט געבויט ווערן. דער אָרט איז אויסגעקליבן געוואָרן פון

פונדאמענטן פון געביידעס אין סאַרקעל

די כאַזאַרן אויף דעם לינקן ברעג פון דעם טייך דאָן, וואו עס האָט זין שפּעטער געפונען די קאָזאַקישע סטאַנציע „צימליאַנסק“. אין אויסגראָבונגען וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן ארום דער סטאנציע ווען מען האָט דאָרטן געמאכט אַ וואַסער רעזערוואוואַר האָט זיך נאָך דאָרטן פאַרהיט איבערבלייבאכצן פון אַ שטאָט און צייכנס וועלכע האָבן געשטימט מיט דער באַשרייבונג פון סאַרקעל ביי קאָנסטאַנטין באַגריאַנאראָדני.

די פעסטונג וועלכע האָט זיך דאָרטן געפונען האָט געדאַרפט באַשיצן דער כאַזאַרישער מלוכה פון אָנגרייפן פון מערב פון לאַנד און ניט פון טייך. זי איז געווען אַזוי געבויט אַז די באַשיצונג פון טייך איז ניט גענומען געוואָרן אין אכט, וויל אין אָנהייב פון ניינטן יאָרהונדערט איז נאָך די רוסישע ערד ניט געווען גענוג שטאַרק און די סלאַווישע פעלקער האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט קיין שטאַרקע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען געווען פריינט מיט די כאַזאַרן וועמען זיי האָבן געצאָלט צינזן. ערשט ביי דער ענדע פון ניינטן יאָרהונדערט האָבן זיך לויט איבן כארבאבעד באַוויזן רוסישע שיפן, וועלכע זיינען געקומען פון דניפּער, און געוואָרן אַ געפאַר פאַר דער כאַזאַרישער מלוכה. אָנהייב ניינטן יאָרהונדערט איז נאָך אַזאַ געפאַר ניט געווען דאַריבער האָט זיך סאַרקעל אַזוי געבויט אַז זי זאָל זיך קענען פאַרטיידיגן פון מערב. וויל פון דאָרטן האָבן זיך געצויגן וועגן פון די מערבדיגע און צפון מערבדיגע געגענטן, וואו די כאַזאַרן האָבן געהערשט, צו דעם צענטער פון כאַזאַריע צו דער הויפּט שטאָט איטיל.

די כאַזאַרישע פעסטונג איז געווען באַשיצט ניט נאָר מיט ווענט נאָר אויך אין איין זייט מיט דעם טייך און מיט טיפע גראָבנס, אָנגעפילט מיט וואַסער. אויסגראָבונגען האָבן געוויזן אַז די פעסטונג האָט געהאט דעם אויסזען פון אַ טרייאַנגל (דריי עק). די לענג 186 מעטער און די ברייט 127. די ווענט זיינען געווען פון געברענטע ציגל, דריי פערטל מעטער די דיק. אין די ווינקלען פון פעסטונג האָבן זיך געפונען מאַסיווע פירקאַנטיגע טורעמס 5 מעטער די גרויס, חוץ די ווינקעלדיגע טורעמס האָבן זיך געפונען טורעמס, אינמיטן פון דער לענג פון די ווענט. אין צוויי ווענט אין דער מערבדיגער און אין דער צפונדיגער, האָבן זיך געפונען הילצערנע טויערן באַשמידט מיט אייזן.

אינווייניג איז די פעסטונג געווען איבערגעטיילט מיט אַ וואַנט די גרייס פון דער אינערווייניגסטער וואַנט איז געווען מיט ניט קיין סך ווייניגער, ווי פון די אויסווייניגסטע ווענט. די געביידעס אין דער פעסטונג זיינען געווען ציגעל־נע און געבויט אַזוי אַז זיי האָבן זיך אויך צוטיילט אויף צוויי טיילן. די הייזער זיינען געווען געבויט אָן פונדאַמענטן גלייך אויף דער ערד. די גרויס פון די ציגל איז געווען גרעסער ווי די ציגל מיט וועלכע די ביזאַנטיער האָבן געבויט זייערע הייזער און פעסטונגען, זיי זיינען געווען דיקער און ניט געווען אַזוי פירקאַנטיג.



ציגל פון סאַרקעל מיט קבלה אויסקריצונגען וואָס זיינען סגולות פאַר באשיצונג פון געווער, ענלאך צו די צייכענונגען פון ספר רזיאל המלאך



צייכענונגען פון קבלה ספר רזיאל המלאך. ווען מען נעמט אראָפּ די רעדעלאך
זיינען זיי ענלאך אויף די צייכענונגען אויף די ציגל.

אויף די ציגל זעט מען אויסקריצונגען, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן אויף דעם נאסן ליים. איידער זיי זיינען געברענט געוואָרן, וואָס פאַר א צייכענס דאָס זיינען געווען זיינען דאָ פאַרשידענע סברות. זוכענדיג איין קבלה ספרים, האָט דער מחבר פון דעם בוך געפונען אין א קבלה ספר „רזיאל המלאך" צייכנס ענלאַכע צו די וועלכע זיינען אויסגעקריצט אויף די שטיינער פון סאַרקעל. די צייכנס זיינען פאַר קמיעות וועלכע מען טראָגט אויף דעם האלדז און זיי באשיצן דעם טרעגער פון געווער. אויף די צייכנס וואָס זיינען ענלאך אויף די אויסקריצונגען איז דאָ אַן אויפשריפט אַז זיי באשיצן פון אַטאַקעס מיט געווער. מעגלאַך אַז די אידישע תלמידי חכמים וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם הויף פון די כאַזאַרישע מלכים זיינען געווען בעלי קבלה און זיי האָבן דאָס אָנגעצייכנט די אויסקריצונגען די קבלה צייכנס וועלכע האָבן געזאָלט העלפן באשיצן דער פעסטונג. מיר ברייגען דאָ די בילדער פון די אויסקריצונגען אויף די ציגל און די צייכנס פון דעם קבלה ספר.

די אַרבעט פון אויפבויען דער פעסטונג סאַרקעל האָט דורכגעפירט די היימישע באַפעלקערונג. די ספעציאַליסטן און פעטראָני, וועלכע דער ביזאַנ־טישער קיסר האָט געשיקט לויט דער ביטע פון די כאַזאַרן זיינען געווען די ראַטגעבער און אָנווייזער. לויט זייערע אָנווייזונגען איז געבויט געוואָרן די פעסטונג פון געברענטע ציגל. די פאָרמע פון די ציגל מיט זייערע אויפשריפטן און גרויס איז ניט געווען ביזאַנטישער סטיל. דער מויערן פון די ווענט איז אויך ניט געווען ביזאַנטישער סטיל. אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון דער פעסטונג ווייזן אַז סארקעל אז ניט געווען געבויט לויט ביזאַנטישן סטיל און האָט פאַרמאָגט אַ ספעציעלע ניט ביזאַנטישע ארכיטעקטור.

פעטראָני האָט געהאָלפן די כאַזאַרן מיט זיינע טעכנישע אָנווייזונגען, נאָר דאָס איז ניט געווען זיין הויפט אויפגאַבע. זיין הילף צו די כאַזאַרן האָט נאָר געדינט פאַר א צודעק. דער הויפט צוועק פון זיין רייזע און כלומערשטער הילף איז געווען, זיך צו באַקענען אויף דעם אָרט מיט די באַדינגונגען און שטימונגען אין כאַזאַריע נאָכדעם ווי זיי האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן און אויך אויסצוגעפינען די מיליטערישע און עקאָנאָמישע שטארקייט פון די כאַזאַרן און פון דער ניי פאָרמירטער מלוכה אויף דער רוסישער ערד געיגן דעם דניעפּר. פעטראָני האָט ווי עס זעט אויס לויט די שריפטן פון קאָנ־סטאנטין באגאָנארדאָני גלענצענד דורכגעפירט זיין אויפגאַבע און אומקע־רענדיג זיך קיין קאָנסטאנטינאָפל, האָט ער פאָרגעשלאָגן אַ פּראָיעקט, וועלכן מען האָט געדאַרפט באלד דורכפירן. לויט זיין פּראָיעקט, דאַרף כערסאָן איבער־געבויט ווערן און ווערן דער צענטער און ער פעטראָני זאָל ווערן דער סטראטיג פון כערסאָן.

דערפון קען מען זען די צוויי פנימדיגקייט פון די ביזאנטיער זייענדיג



סעראמיקס פון סאַרקעל

פאַרבונדן מיט די כאַזאַרן און קומענדיג זיי העלפן בויען אַ פעסטונג, וואָס זאָל העלפןביידע מלוכות איז שיקענדיג ספּעציאַליסטן צו העלפן בויען דער פעסטונג האָבן זיי געזוכט אויך מיטלען צו פאַרניכטן איר פאַרבינדעטער. לויט אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען זעט אויס האָט זיך סאַרקעל אָנגעהייבן בויען ביי ביזאנטיער און פאַרענדיגט ביי אַנדערע.

באַלד ווי סארקעל איז אויפגעבויט געוואָרן איז זי אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ באַפעלקערונג וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי עטנאָגראפישע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך פונאַנדער געשיידט איינע פון דער אַנדערער. לויט ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען האָט איין גרופּע געוואוינט אין „זעמליאנקעס”, דאָס זיינען געווען גריבער צוגעדעקט מיט א דאך א הארטער פּאָדלאָגע, אינמיטן מיט אן אויוון. די איינוואוינער פון די זעמליאנקעס האָבן גענוצט געברענטע כלים אויסגעארבעטע פון טעפּער אויף וואַרשטאטן, אזא סאָרט קולטור רופן ארכע־אָלאָגן סאַלטיקאָווער קולטור. די מענטשן וואָס האָבן גענוצט דער קולטור האָבן זיך אין יענער צייט געפונען צווישן דעם דאָנעץ און דעם דאָן. אין דער

מזרחדיגער זייט פון קרים און אויף דעם טאמאנער האלב אינזל. דאָס איז געווען אָ באפעלקערונג, וואָס האָט זיך באשעפטיגט מיט ערד ארבעט. די גרופע האָט פאַרנומען דעם מערבדיגן טייל פון דער פעסטונג, וואו עס זיינען אַרויסגעגאנגען די מערבדיגע טויערן.



דער אויסזען פון סאָרקעל היינט

די צווייטע גרופע לויט די ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען איז באשטאנען פון א נאָמאדישע באַפעלקערונג. זייערע וואוינונגען זיינען געווען גרינגע און געשטאנען אויבן אויף דער ערד. זייערע ערדענע כלים האָבן זיי ניט געמאכט

אויף דעם טעפּערס וואַרשטאַט נאָר מיט די הענט און אויף קאָכן זייער שפּייז האָבן זיי גענוצט קעסלען מיט אויערן, וועלכע מען האָט געקענט אויפהענגען און אונטערלייגן אונטער זיי אַ פייער.

אויף יענער זייט פון דער וואַנט, האָבן זיך געפונען צוויי טורעמס און געבילדעט אַ פעסטונג אין אַ פעסטונג. די איינוואוינער פון דעם טייל פון דער פעסטונג האָט געמוזט זיין דער מיליטערישער גאַרניזאָן פון דער פעסטונג.

לויט קאָנסטאַנטין באַגאַנאַראַדני איז דער גאַרניזאָן אין סאַרקעל באַשטאַנען פון 300 מענטשן, וועלכע האָבן זיך יערלאַך געביטן. דאָס שטימט מיט די לעצטע אַרכעאָלאָגישע גראָבונגען. דער גאַרניזאָן אין סאַרקעל איז באַשטאַנען אָדער פון כאַזאַרן אָדער פון אַן אנדער נאָמאַדיש טיורקוטישן פאָלק, דאָס באַווייזט זייער קולטור און די אַרכעאָלאָגישע געפינסן אין סאַרקעל און אויך די אויסגראָבונגען פון א בית עולם, וואָס געפינט זיך נעבן דער פעסטונג. אויף דעם בית עולם געפינט מען מענטשלאַכע סקעלעטן צוזאַמען מיט טיילן פון זייערע פערד, ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די נאָמאַדישע פעלקער פון יענער צייט. מען געפינט אויך קברים מיט סקעלעטן מיט טעפּ צופוסנס אָדער צוקאָפּנס. דאָס האָט שיין געמוזט זיין קברים פון כאַזאַרן וועלכע האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן ווייל א מנהג צו באַגראָבן א טויטן מיט א טאָפּ איז אמאָל געווען אָנגענומען ביי א סך מזרח איראָפּעאישע אידן. נאָך היינט איז א מנהג ביי אידן צו לייגן א טויטן אויף די אויגן שערבלאַך, מעגלאַך אַז דאָס איז אַן איבערבלייבאַכץ פון דעם אמאָליגן מנהג צו מיטגעבן א טאָפּ.

ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ביי ס. פּלעטניעװ אין די יאָרן 1959־1958 אַרום דעם אָרט וואו עס האָט זיך געפונען סאַרקעל האָבן געוויזן, אַז אויף דעם רעכטן זייט פון דאָן, נאָך איידער סאַרקעל האָט זיך געבויט, האָט זיך געפונען א שטאַרקע פעסטונג. די פעסטונג האָט זיך געפונען אויף דער רעכ־טער זייט פון דאָן קעגן אָרט וואו עס האָט זיך געפונען סאַרקעל אויף א הייכן ברעג. די חורבות פון דער פעסטונג האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון אַרכעאָלאָגן. די אַלטע פעסטונג האָט געמוזט זיין אַ פאָרגייערין פון סאַרקעל, זי געפינט זיך אויף א הייכן אָרט ביים ברעג פון דאָן, און זעט אויס ווי אַ טרייאַנגל (דריי עקיג). אינמיטן פון פעסטונג געפינט זיך אַ הויף, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט א וואַנט, ביי די ווינקלען פון פעסטונג זיינען דאָ איבער־בלייבאכצן פון טורעמס, נאָך אין 18טן יאָרהונדערט האָט מען געקענט דער־קענען צייכנס פון ווענט, היינט זיינען זיי צופאַלן.

אין דעם הויף פון פעסטונג זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן איבערבלייבאכצן פון אַלטע פאַרברענטע וואוינונגען. דער פייערפּלאַץ פון די וואוינונגען געפינט זיך אינמיטן פון דער וואוינונג. מיט אַן עפענונג צו דעם אַרויסגאַנג פאַר דעם

רויך. די הייזער זיינען אויסגעשטעלט ווי אַ צירקל אינמיטן פון וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ ספּעציעלע גרויסע וואוינונג.

אין די וואוינונגען און ארום די וואוינונגען אין הויף האָט מען געפונען סקעלעטן מייסטנס פון פריוען און קינדער, ווי עס ווייזט אויס אויסגעהרגעטע פון שונאים, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פעסטונג און צוריבט און פאַרברענט אַלע וועלכע האָבן זיך געפונען אין די וואוינונגען. אין אַנדערע וואוינונגען האָט מען געפונען סקעלעטן מעגלאַך פון גאַנצע פאַמיליעס, וואָס זיינען אומגעקומען פון די הענט פון זייערע באַזיגער. אַ סך סקעלעטן האָבן געוויזן, ווי טיילן פון זיי וואָלטן צושלעפּט געוואָרן פון חיות. ווי עס זעט אויס זיינען די דערהרגעטע געלעגן אַ לאַנגע צייט ניט באַגראָבענע און זיינען צושלעפּט געוואָרן פון חיות. שפּעטער זיינען זיי פאַרשאָטן געוואָרן פון שטיינער און פון זאַמד אויף די ערטער וואו זיי זיינען געלעגן.

די פעסטונג אויף דעם רעכטן זייט פון דאָן האָט געמוזט מיט זיך פאַר־שטעלן, ניט קיין גרויסן אָבער גוט באַפעסטיקטן שלאָס וועמענס הערשער האָבן געהערשט אויף דער אַרומיגער באפעלקערונג און קאָנטראָלירט דעם אַריבערפאָר איבער דעם דאָן. ווען איז דער שלאָס פעסטונג געבויט געוואָרן? צייכנס ווייזן אַז אַרום דעם 8טן יאָרהונדערט. לויט אַראַבישע מטבעות וועלכע זיינען געפונען געוואָרן אויף סקעלעטן און וועלכע די מערדער האָבן ניט באמערקט, זיינען זיי געווען פון דער צייט ווען עס האָט געהערשט דער כאליף אמין 813־809, לויט די דאַטעס פון די מטבעות קען מען אויסרעכענען די צייט פון דער פאַרניכטונג פון שלאָס און אַז די פאַרניכטונג איז פאַרגעקומען אין ערשטן דריטל דער פערטל פון 9טן יאָרהונדערט, דאָס מיינט אידער סאַרקעל איז אויסגעבויט געוואָרן.

ווער האָט פאַרניכטעט דעם שלאָס און אויסגעהרגעט זיינע איינוואוינער איז ניט באקאנט, און ווייל קיין גרויסע שונאים האָבן די כאַזאַרן אין יענע צייטן אין יענע געגענטן ניט געהאט. לויט ארטמאָנאָוו האָט די קליינע פעסטונג אויף דעם רעכטן ברעג פון דאָן באַלאַנגט צו אַ כאַזאַרישן פעדאַאל, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן דער צענטראַלער רעגירונג פון כאַזאַריע און די צענטראַלע רעגירונג האָט אים פאַרניכטעט און אויסגעבויט סאַרקעל.

איטיל

די הויפּט שטאָט פון דער כאזארישער מלוכה

איטיל, די הויפּט שטאָט פון דער כאַזאַרישער מלוכה האָט זיך געפונען ביי דער וואָלגאַ אין אָנהייב פון דער דיעלטאַ, וואָס ציט זיך 400 מייל און פאַלט אַריין אין קאַספּישן ים. לויט דעם ווי יוסף שרייבט אין זיין בריוו צו רבי

חסדאי אבן שפרוט איז דאָס אַן ערך פון 120 מייל ווייט פון דער היינטיגער אַסטראַכאַן אין דעם ראַיאָן פון ענטאיעווסק, וואו עס געפינען זיך חורבות פון דער טאָטארישער הויפט שטאָט „סאראיבאָטן". ביז היינט זיינען נאָך קיינע צייכנס פון דער שטאָט איטיל ניט געפונען געוואָרן. אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען ווייזן, אַז דורך דער צייט פון טויזנט יאָר האָט זיך די דעלטא פון דער וואָלגע איבערגערוקט, צו דער זייט וואו איטיל האָט זיך געפונען און איטיל איז פאַרטרונקן געוואָרן און אויף דעם אָרט וואו זי האָט זיך געפונען שטראָמען היינט וואָלגא וואַסערן.

איטיל איז באַשטאַנען פון עטלעכע טיילן, יעדער טייל האָט געהאַט אַן אַנדער נאָמען דעריבער מישן די אַראַבישע היסטאָריקער אויס די נעמען פון דער כאַזאַרישער הויפט שטאָט רופענדיג דער הויפט שטאָט ניט מיט איר נאָמען איטיל, נאָר מיט די נעמען פון אירע טיילן. די אַלע טיילן פון דער שטאָט איטיל זיינען געווען די אַדמיניסטראַטיווע צענטערס פון דער כאַזארישער מלוכה.

די באשרייבונג פון איטיל וואָס יוסף שרייבט אין זיין בריוו צו רבי חסדאי חוץ איר גרויס, ווערט באשטעטיגט פון אַראַבישע היסטאָריקער. זייער נאָענט צו יוסף׳ס באשרייבונג איז די באשרייבונג פון מאסודי, לויט מאסודי האָט זיך די שטאָט געטיילט אויף דריי טיילן. „די שטאָט, שרייבט ער, ליגט אויף צוויי ברעגן פון א טייך, אינמיטן פון טייך געפינט זיך אַן אינזל און אויף דעם אינזל געפינט זיך דער פּאַלאַץ פון קעניג, דער שלאָס פון פּאַלאַץ געפינט זיך ביי דעם עק אינזל, לויט אַנדערע אַראַבישע היסטאָריקער איז די שטאָט באשטאנען פון צוויי טיילן, לויט איבן רוסטע ווערט איינע גערופן „סאַראַשען" און די צווייטע „האבענלאָ". לויט גאַרדיזי, ווערט איין טייל פון דער שטאָט גערופן „סאַרגיש„ און די צווייטע „האצלינג". לויט איבן כאַר־דאדבעק איז געווען נאָר איין נאָמען „כאמלידזש". דאָס וואָס די אַראַבישע היסטאָריקער רופן דער הויפט שטאָט פון די כאַזאַרן מיט פאַרשידענע נעמען, ווייזט אַז די היסטאָריקער אַליין זיינען אין דער הויפט שטאָט ניט געווען און זיי רופן אָן נעמען פון כאַזאַרישע שטעט אָדער פאַרגרייזן כאַזאַריש טיורקי־טישע ווערטער. די גרעסטע צאָל פון די אַראַבישע היסטאָריקער גיבן אָן דעם נאָמען פון דער כאַזאַרישער הויפט שטאָט „איטיל". איסטאַרכי ווען ער שרייבט וועגן די כאַזאַרן, שרייבט ער אַז דער נאָמען פון דעם פאָלק איז כאַזאַר און זייער הויפט שטאָט ווערט גערופן לויט דעם נאָמען פון טייך, וואו די הויפט שטאָט געפינט זיך. לויט איבן כאאוקל באשטייט איטיל פון צוויי טיילן, די ערשטע די מערבדיגע הייסט „איטיל" און די צווייטע די מזרחדיגע „כאַזאַראָן". לויט איבן כאאוקל האָט דער כאַזאַרישער קעניג געוואוינט אין דער מערבדגער זייט צוזאַמען מיט זיינע הויף לייט און מענטשן פון פאַרשידענע פראָפעסיעס

עס האָבן זיך דאָרטן געפונען סקלאַדן און מאַגאַזינען מיט סחורה, עס איז דאָרט אויך געווען דער האנדלס צענטער. אַ סך היסטאָריקער וואָס האָבן געשריבן די געשיכטע פון די כאַזאַרן ווי אַרטמאָנאָוו, מינאָרסק און אַנדערע האלטן, אַז דאָס וואָס די אַראַבישע היסטאָריקער גיבן אָן פאַרשידענע נעמען פון דער הויפּט שטאָט מיינט, אַז עס זיינען געווען אַלטע נעמען און נייע נעמען. די אלטע נעמען פון דער הויפּט שטאָט זיינען געווען „כאַנאַדליק" און „פאַראַשן" און די נייע „איטיל" און „כאַזאַראַן". די ערשטע האָבן באַלאַנגט צו דעם 7טן יאָרהונדערט און די צווייטע צו דעם 9טן און 10טן יאָרהונדערט וועגן דער גרויס פון איטיל איז לויט איסטאַרכי און איבן כאַאוקאַל האָט יעדע פון די צוויי טיילן זיך געצויגן אויף דער לענג פון איין פרסה, דאָס איז אביסל קלענער לויט דער גרויס ווי עס גיט אָן דער קעניג יוסף אין זיין בריוו צו רבי חסדאי, ווי עס ווייזט אויס האָט יוסף אָנגעגעבן אין זיין בריוו אויך די פאַרשטעט, דאָס האָט געמאַכט, לויט דעם בריוו דער שטאָט גרעסער. די אַראַבער גיבן אָן דער גרויס פון דער שטאָט אָן די פאָרשטעט. לויט די באַשרייבונגען פון די אראבישע היסטאָריקער, איז איטיל געווען אַ גרויסע פונאַנדערגעוואָרפענע שטאָט, מיט געביידעס, וואָס האָבן געהאַט דעם אויסזען פון געצעלטן געבויט פון האָלץ און פעל, מיט ניט קיין סך געביידעס פון ליים. די געביידעס האָבן געהאַט דעם אויסזען ווי די געביידעס וואָס זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן אין סארקעל.

דער שלאָס פון קעניג האָט זיך געפונען ווייט פון ברעג אויף אַן אינזל, וואָס האָט פאַראייניגט דער שטאָט, מיט א בריק געבויט אויף שיפלאַך. דער פאַלאַץ פון קעניג איז געווען געבויט פון ציגל. די איינוואוינער פון דער שטאָט איז ניט געווען ערלויבט צו בויען זייערע וואוינונגען פון ציגל. אין שטאָט זיינען געווען בעדער, שולן, קריסטלעכע קלויסטערס און אַרום 30 מאכמעדאנישע מעטשעטן. אַ צענטראַלער מעטשעט מיט א מינארעט, וואָס איז געווען העכער פון קעניגס פאַלאַץ לויט איבן כאאוקאל און מוקאַאדסי איז די גאנצע שטאָט געווען ארומגערינגלט מיט אַ וואנט. פון וואָס פאַר א מאטע־ריאל די וואנט איז געווען געבויט שרייבן זיי ניט. אין דער וואנט זיינען געווען פיר טויערן פון וועלכע אַנדערע זיינען אַרויסגעגאנגען צו דעם טייך און אַנ־דערע צו די פעלדער אונטער דער שטאָט.

לויט איבן כאאוקאל האָט די גרעסטע צאָל פון די איינוואוינער פון דעם מזרחדיגן טייל פון שטאָט כאַזאַראַן, באשטאַנען פון מוסולמענער ,און אַז זייער צאָל איז געווען מער פון צען טויזענט, ניט אריינרעכענענדיג די וואָס האָבן געדינט אין כאַזאַרישן מיליטער, חוץ די מוסולמאנער האָבן זיך אין כאַזאַראַן געפונען א סך אידן, קריסטן און געצענדינער. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אַ סך סלאַוון און רוסן. די כאַזאַרן אַליין האָבן געוואוינט אין דעם מערבדיגן

טייל פון שטאָט, א סך פון זיי זיינען לויט זייער רעליגיע געווען אידן. מאסודי זאָגט: אַז צו די אָנהענגער פון דער אידישער רעליגיע האָבן אויך באַלאַנגט דער קעניג, זיינע באַדינער און כאַזאַרן, צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען די קעניגלעכע גוואַרדיע אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַ סך מוסולמאַנער.

לויט דעם בריוו פון דעם קעניג יוסף און לויט אַ סך אַראַבישע היסטאָריקער האָבן די איינוואוינער פון דער מערבדיגער זייט פון איטיל פאַרבראַכט אין שטאָט נאָר ווינטער. פרילינג פלעגן זיי אַרויסגיין פון שטאָט און זיך אומקערן צוריק אין אָנהייב ווינטער. קעניג יוסף דערציילט אַז יעדער איינער פון כאַזאַרישן אָפּשטאַם האָט זיינע ירושהדיגע נחלאות צו וועלכע ער פאָרט אַרויס פון שטאָט יעדן פרילינג. איסטאַרכי זאָגט, אַז אַרום איטיל זיינען ניטאָ קיין דערפער נאָר פעלדער, אויף וועלכע עס וואקסט תבואה. די פעלדער זיינען אַמאָל אַזוי ווייט פון שטאָט ווי 20 פרסאות, דעם אַראָפּגענומענעם גערעטעניש, פירן די איינוואוינער פון איטיל אַריבער פון זייערע פעלדער אויף פורן אָדער מיט שיפן איבער דעם טייך.

אויף זייערע פעלדער וואקסט רייז, הירזש און קערנער פון וועלכע זיי באקן ברויט, זיי באשעפטיגן זיך אויך מיט פיש כאפּן, איינע פון די זאַכן וואָס מען פלעגט אַרויספירן פון כאַזאַריע איז געווען פיש קלעי — זייער הויפּט באשעפטיגונג איז געווען פיה־צוכט, זיי פאַרמאָגן גרויסע סטאַדעס שעפּסן, פערד און קעמלען, אין איטיל קומען זיי איבערווינטערן און אין פרילינג צוזאמען מיט זייערע סטאדעס לאָזן זיי זיך אַוועק אין סטעפּ. אין שטאָט פאַרבלייבן נאָר די אָרעמע לייט, וועלכע האָבן ניט מיט וואָס אַרויסצופאָרן אָדער אַזעלכע וועלכע פלעגן באַדינען די פאַרבליבענע אין שטאָט און אויך אָפּהיטן דעם פאַרמעגן פון זייעדע בעלי בתים.

דער קעניג מיט זיין הויף פלעגן אין פרילינג זיך אויך לאָזן וואַנדערן. צוזאמען מיט דעם קעניג און זיין הויף האָבן אויך געוואַנדערט אַנדערע כאַזאַרישע פאמיליעס, יעדער איינער צו זיין טייל לאַנד. די צייט פון וואַנדערן און ניט זיין אין שטאָט זיינען געווען פרילינג און זומער. דאָס איז געווען די פרייליכסטע צייט פון יאָר. אין זיין בריוו צוו רובי חסדאי שרייבט דער קעניג יוסף, אַז די כאַזאַרן לאָזן זיך אַרויס אין סטעפּ מיט געזאנג און פרייליכקייט. אַזעלכע אָדער ענלאַכע טיפן פון ווירטשאַפטן און לעבנס פאָרמען האָבן עקזיסטירט אין אַנדערע געגענטן פון דער כאַזאַרישער מלוכה. דער אונטערשיד איז נאָר געווען אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער ענטוויקלונג פון די בעלי בתישקייטן.

איטיל איז געווען דער הויפּט האַנדלס צענטער פון כאַזאַריע, קיין איטיל (לויט ארטמאָנאָוו) פלעגן זיך צונויפפאָרן סוחרים פון פאַרשידענע לענדער. מיט דער וואָלגע פלעגן אויף שיפן קומען סוחרים פון רוס און בולגאַריע אויף

דעם קאַספּישן ים פלעגן קומען צושווימען שיפן מיט סוחרים פון קאַווקאַז און איראַן (בבל)׳, קאַראַוואַנען מיט סוחרים פון כארעזעם און אַנדערע געגענטן פון מיטל־אַזיע, סוחרים פון מערב אייראָפּע פלעגן קומען קיין איטיל ביי טריקעניש דורך אונגאַרן, רוס און וואָלגע בולגאַרן אָדער מיט דעם אזאָווישן און שווארצן ים און פון דאָרטן מיט דעם טייך דאָן. אויף דעם דאָן פלעגן זיי פאָרן ביז צו דעם אָרט וואו דער דאָן שטראָמט ניט ווייט פון דער וואָלגאַ. פון דאָרטן פלעגן די שיפן אָדער די סחורה פון די שיפן אַריבערגעפירט ווערן צו דעם אָרט וואו עס האָט זיך געפונען די שטאָט „סאריגסין״ די שפּעטער־דיגע צאַריצין, וועלכע הייסט היינט „וואָלגאָגראַד״.

די הויפּט ראָלע אין דעם האַנדל האָבן געשפּילט אידעשע סוחרים, כאַזאַריע פלעגט אָפט באַזוכט ווערן פון אידעשע סוחרים פון מערב אייראָפּע. די סוחרים פלעגן קומען מיט דער וועג מיט וועלכער עס איז געבראכט געוואָרן דער בריוו פון רבי חסדאי אבן שפרוט צו דעם כאַזאַרישן קעניג יוסף, צו די אידישע סוחרים ראַוואַניטן (אידן וואָס פירן זיך לויט דעם תלמוד) לויט איבן כאַרדאַדאבער איז געווען באַקאַנט די וועגן קיין איטיל דורך דער טריקעניש און דורך דעם ים. לויט (האַרקאַווי) האָבן אין 10טן יאָרהונדערט באַזוכט כאַזאַריע שפּאַנישע אידן יהודה בר מאיר און יוסף כאַגריס. אין דער אייגענער צייט האָבן כאַזאַרישע אידן געררייזט ווייט קיין מערב. ווי דער בלינדער אמאר, וועלכער האָט באַזוכט שפּאַניע אין 10טן יאָרהונדערט.

א סך סוחרים נאָכדעם ווי זיי פלעגן פאַרקויפן זייערע סחורות, אויף די מערק פון איטיל פלעגן זיך אומקערן א היים. עס זיינען געווען סוחרים וואָס פלעגן נאָר דורכפאָרן איטיל און זיך לאָזן אויף צפון צו די בולגאַרן און רוס אָדער צו די מזרח לענדער. עס זיינען געווען סוחרים וואָס פלעגן שיין פאַר־בלייבן אין איטיל און פלעגן זיך אָנהייבן רופן כאַזאַרישע סוחרים, כאָטש אמתע כאַזאַרן זיינען געווען צווישן זיי ווינציג.

לויט (האַרקאַווי) האָבן די כאַזאַרן ניט פאַרמאָגט קיין אייגענעם פלאָט פון גרויסע שיפן נאָר אויף קליינע שיפלאַך פלעגן זיי מאכן ניט קיין ווייטע רייזעס, דערפאַר פלעגן זיי אויף דער טריקעניש באַדינען די קאַראַוואַנען מיט טראַנספּאָרט, וועג ווייזערס און דער וויניגער באַשיצונג.

חוץ די סוחרים האָבן זיך אין מזרחדיגן טייל פון שטאָט געפונען א סך בעלי מלאכות, וועלכע האָבן זיך לויט מאסודי דאָרט באַזעצט צוליב דער זיכערקייט און יושר, וואָס האָט געהערשט אין דער כאַזאַרישער מלוכה. זייער נאַציאָנאַלי־טעט איז געווען אַ געמישטע, די אויסאַרבעטונג פון די בעלי מלאכות איז געשטאַנען אויף א הייכער מדרגה. נאָך אַזוי פריה ווי אין 8טן יאָרהונדערט האָט מען שיין דאָרטן אויסגעאַרבעט פאָרצעלייענע כלים. די כלים זיינען געמאכט געוואָרן ביי ספּעציאַליסטן טעפּער. די כלים, געווער און פערדישע

באפוצונגען כאָטש זיי צייכענען זיך ניט אויס מיט זייער אַרבעט פון די כלים און געווער פון אַנדערע נאָמאדישע פעלקער פון יענער צייט פאַרמאָגן זיי אָבער אַ ספעציעלן סטיל און זייערע באפוצונגען, זיינען ענלאַך אויף דעם ביבלישן סטיל.

סעמענדער און באַב-אל-אבואב

די הויפט שטאָט פון דעם אלטן כאַזאַרישן באפעלקערטן געגענט אין צפון דאַגעסטאן איז געווען סעמענדער, וועגן סעמענדער איז ניט אַזוי פיל באשריבן ווי פון איטיל, אידעשע און רוסישע אינפאָרמאַציע וועגן סעמענדער איז ניטאָ און אַראַבישע אינפאָרמאציע ווייניג. לויט מוקאדאסי איז סעמענדער געווען גרעסער פון כאזאריע (איטיל) מיט הייזער, וואָס האָבן געהאט דעם אייגענעם אויסזען ווי די הייזער אין כאַזאַראן, געבויט אין דער פאָרם פון געצעלטן פון האָלץ און ליים. סעמענדער האָט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס זי האָט פארמאָגט אַ סך סעדער און וויין־גערטנער, אין שטאָט זיינען אויך געווען א סך מעטשעטן, כאָטש דער גרעסטער צאָל פון די איינוואוינער פון סעמענ־דער זיינען געווען קריסטן.

דער גענויער פלאַץ וואו סעמענדער האָט זיך געפונען, ווייס מען היינט ניט. לויט מאסודי האָט זיך סעמענדער געפונען זיבן טעג ווייט פון דערבענט און אכט טעג פון איטיל וואו עס שטראָמט היינט דער טייך טערעק אין דעם ראיאָן פון קיזליאר, וואָס איז היינט באַרימט ווי אמאָל סעמענדער מיט אירע וויינגערטנער.

אין דעם באַריכט פון איבן פאַדלאן צו דעם כאליף פון באַגדאד אל מוסתדר און נאָכדעם ווי ער באַשרייבט איטיל באשרייבט ער סעמענדער. און צו די כאזארן שרייבט ער איז דאָ אַ שטאָט, וואָס הייסט סעמענדער, ניט ווייט פון באב־אל־אבואב. זי האָט א סך גערטנער און מען זאָגט זי האָט ארום 4000 וויין־גערטנער, ביז דעם גרעניץ פון סאַריר און דער גרעסטער צאָל פון אירע פראָדוקטן זיינען וויין־טרויבן און אין איר געפינען זיך אַ סך מוסולמענער און מעטשעטן, זייערע הייזער זיינען פון האָלץ און זייערע גערטנער ווי דער האָרב פון א קעמל. זייער קעניג איז א איד, אַ משפחה פון דעם קעניג פון כאַזאַריע. פון זיי צו דעם גרעניץ פון פאַריר איז צוויי פרסאות און עס הערשט פרידן צווישן זיי און צווישן דעם הערשער פון סאַריר. יאקוט שרייבט: סעמענדער איז א שטאָט צווישן איטיל. די שטאָט פון דעם הערשער פון די כאַזאַרן און באַב־אַל־אבואב. זי פארמאָגט א סך גערטנער, מען זאָגט אַז זי פארמאָגט ארום 40 טויזנט וויין־גערטנער. איך האָב אויף איר געפרעגט אין גאַרגאן, האָט מיר דער וועמען איך האָב געפרעגט דערציילט: אַז דאָרטן איז דאָ אַ וויין־גאָרטן,

וואָס איז איינגאַנצן צדקה, פאַר אָרעמע לייט. אויף דער שטאָט האָבן אמאָל אָנגעפאַלן די רוסן און איר פאַרניכטעט, ניט אָפּשטעלענדיג קיין טרויב און א ראָזשינקע, אָבער זייער ערד איז זייער פרוכטבאר און די מענטשן זיינען פלייסיג, עס זיינען ניט אַריבער קיין דריי יאָהר און די שטאָט איז געוואָרן ווי אמאָל. אין סעמענדער געפינען זיך שוהלן, מעטשעטן און קלויסטערס. ווי עס זעט אויס האָט זיך סעמענדער געפונען אין דער כאזארישער קעניגרייך. נאָ ר ניט אריינגעגאנגען אין דעם קרייז פון איטיל, נאָר האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט א זעלבסטשטענדיגע אאוטאָנאָמיע וועמענס הערשער איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם כאַזארישן קעניג.

די שריפט פון די כאזארן

וועגן דער שריפט פון די כאַזאַרן, וויס מען זייער ווייניג רבי יהודה הלוי אין זיין ספר הכוזרי, צו באשטעטיגן די קוואַלן פונוואנען ער האָט גענומען זיין באשרייבונג פון דעם אָננעמען פון דעם אידעשן גלויבן ביי די כאַזאַרן, שטיצט ער זיך אויף די באשרייבונגען פון די כאַזאַרישע געשיכטע שרייבער. מען קען דאָס אויסטייטשן אַז די כאַזאַרן האָבן געהאט אַ שריפט. דער קעניג יוסף אין זיין בריוו צו רבי ח.סדאי אבן שפרוט, שרייבט אַז דאָס וואָס ער דערציילט זיינען היסטאָרישע באשרייבונגען וואָס געפינען זיך אין כאזארישע היסטאָרישע ביכער און באַקאַנט צו אַלע אלטע לייט פון אונזער לאַנד, אין א צווייטן אָרט זאָגט ער, איך האָב דאָס געפונען אין די יחוס ביכער פון מיינע אור־עלטערן. אין אַ דריטן אָרט זאָגט ער אין די ביכער ווערט דערציילט", דאָס ווייזט אַז ניט נאָר האָבן די כאַזארן געהאט א שריפט נאָר אויך געשיכטע ביכער, אין וועלכע עס איז געווען פאַרשריבן, די כראָניק, געשיכטע, און גענעלאָגיע פון זייערע מלכים.

אַ פערסישער געשיכטע שרייבער, וואָס האָט געלעבט אין אָנהייב פון 13טן יאָרהונדערט, שרייבט אַז די כאַזאַרן האָבן א שריפט, וואָס קומט ארויס פון רוסישן שריפט, זיי שרייבן פון לינקס צו רעכטס, זייער אלף בית באשטייט פון 21 אותיות. בארטאָל שטיצענדיג זיך אויף דער כראָניק שרייבט: אַז די אָפּשטאמונגפ ון רוסישן שריפט איז געקומען פון כאַזאַרישן און אַז די כאַזאַרן האָבן געהאט א שריפט. דאָס ווערט באשטעטיגט דורך אַרכעאָלאָגישע געפינסן פון די טיורקוטישע אויפשריפטן אויף קרוגן, וועלכע געפינען זיך אין נאָוואָטשערקאַסער מוזעי. דער אלף בית פון די טיורקוטישע אויפשריפטן איז ניט קיין גריכישער נאָר ענלאך צו דער אָרכאָן טיורקוטישער שריפט פון 7טן און 8טן יאָרהונדערט. נאָר ווי עס ווייזט אויס האָבן די כאַזאַרן מיט די טיורקוטישע אלטע שפּראַכן זיך ווייניג גענוצט. די הויפט שפּראַך וועלכע זיי האָבן גענוצט

אין זייער שרייבן איז געווען די העברעאישע. אַן ענלאכע ערשיינונג האָט מען
געזען ביי די מזרח אייראָפּעאישע אידן ניט לאַנג צוריק אין דעם 19טן יאָר־
הונדערט. די גערעדטע שפּראַך ביי די מזרח אייראָפּעאישע אידן איז געווען
אידעש און די שריפטלעכע שפּראַך וועלכע איז באנוצט געוואָרן אין ליטע-
ראטור, האַנדל, און אין אַנדערע רבנישע דאָקומענטן איז געווען די העברעאי־
אישע אָדער „לשון קודש״ (הייליגע שפּראַך). דער אַראַבישער שרייבער אַל
פיבריסט איבן אַל נאדיס, וועלכער האָט געלעבט ביי דער ענד פון 10טן
יאָרהונדערט שרייבט אַז די כאַזאַרן נוצן דעם העברעאישן שריפט, אַזוי אַז
די העברעאישע שריפט האָט געקענט זיין אין כאַזאַריע ניט נאָר די שריפט
פון די הייליגע ספרים און האנדלס דאָקומענטן נאָר אויך די שריפט פון די
רעגירונגס כראָנישע ספרים, וועלכע דער קעניג יוסף דערמאָנט אין זיין
בריוו צו רבי חסדאי אבן שפרוט און פון וועלכע עס האָט אויך געוואוסט רבי
יהודה הלוי. א מיטצייטלער פון רבי יהודה הלוי אברהם אבן דוד שרייבט אַז
אין זיין צייט האָבן מענטשן פון דער כאַזאַרישער אָפּשטאַמונג זיך געפונען אין
טאָלעדאָ, (שפּאַניע) מיט זיי האָבן זיך געקענט געפינען כאַזאַרישע ספרים,
געשריבן מיט דער העברעאישער שריפט.

וועגן דער פאַרשווינדונג פון דער טיורקוטישער שפּראַך אויף וועלכער
די כאַזאַרן האָבן גערעדט קענען מיר זען פון דעם, וואָס וויפל האָט געפעלט
אַז אידעש די שפּראַך פון די מזרח אייראָפּעאישע אידן זאָל פאַרשווינדן. ווען
ניט די אידעש נאַציאָנאַלע אויפלעבונג ביי די מזרח אייראָפּעאישע אידן, ביי
דער ענדע פון נייגצטן יאָרהונדערט און אָנהייב פון 20טיגן יאָרהונדערט, און
ווען ניט די אידעשע שרייבער, די אידעשע צייטונגען וואָלט אידעש פאַרבליבן
א גערעדטע שפּראַך אָן אַ שריפט און וואָלט פאַרשווונדן, ווי עס זיינען פאַר־
שוואונדן אַראַמעאיש, לאַדינאָ (א שפּראַך אויף וועלכער עס האָבן גערעדט
די ספרדישע אידן) און אַנדערע.

די כאַזאַרן אָננעמענדיג דעם אידעשן גלויבן און קומענדיג אין פאַר־
בינדונג מיט דעם מערב אייראָפּעאישן דייטשן אידנטום, וואָס האָט אין זייער
שפּראַך אידעש דייטשמעריש גענוצט אין שריפט די העברעאישע שריפט אויף
וועלכער עס זיינען געווען געשריבן די הייליגע שריפטן, האָבן אָנגענומען דעם
העברעאישן שריפט און זייער אלט טיורקוטישע שפּראַך איז פאַרשוואונדן.
אויף צוויי מצבות אין פאנאגוריה קרים האָט מען געפונען אויפשריפטן גע־
שריבן מיט העברעאישע אותיות אויף ניט קיין סעמיטישער שפּראַך, אַ סך פון
די אותיות זיינען אָפּגעריבן און מען קען זיי ניט איבערלייענען, אַזוי אַז מען
ווייס ניט צו וועלכע שפּראַכן זיי באַלאַנגען טערקיש, גאָטיש, אוגרו פיניש.
דאָס וואָס אין דער רוסישער שריפט געפינען זיך אותיות גענומען פון דעם
אידעשן אלף בית ווי „שא, שטשא, צע, טשע״, באווייזט אַז איידער די סלאַוון

האָבן געניצט דעם אלף בית געגומען פון די גריכן, די „קירליצא״ האָבן זיי געניצט דעם העברעאישן אלף בית געגומען ביי די כאַזאַרן און ווען די קריסט־לעכע מיסיאָנערן קיריל און מעפאָדיא האָבן געגעבן די רוסן דעם גריכישן אלף בית האָבן זיי אותיות, וואָס עס זיינען ניט געווען אין דער גריכעשער שפּראַך געגומען פון דעם כאַזאַריש העברעאישן אלף בית.

מלחמות מיט די אַראבער

לויט אראבישע אינפאָרמאַציע

מלחמות מיט אראבער לויט אראבישע אינפאָרמאַציע

ביי די מיטן פון זיבעטן יאָרהונדערט באַווייזן זיך אַראַבישע ארמייען אין קאַווקאַז. די אַראַבער אין יענער צייט נאָכדעם ווי זיי האָבן אָנגענומען דעם מאַכמעדאנישן גלויבן האָבן ענטוויקלט א גוואַלדיגע ענערגיע און זיך אָנגעהייבן צושפּרייטן. אַראַבישע מיליטער האָבן זיך געשלאָגן אין אינדיע, אין שפּאַניע, אין אַפריקע, און קאַווקאַז. דער ברודער פון כאַליף מוכאמעד איבן מערוואַן האָט ביי דער ענדע פון זיבעטן יאָרהונדערט אָנגעהייבן מאכן אָנפאַלן אויף אַרמעניע און קליין אַזיע. דאָס זיינען געווען אונרוהיגע צייטן. אין ביזאנטישן הויף, זיינען פאָרגעקומען איבערקערענישן.

(ביי די ענדע פון זיבעטן און אין אָנהייב פון אכטן יאָרהונדערט, זיינען די אַראַבישע אַרמייען אונטער דער פירערשאַפט פון מאסלאַמי, א בלוט ברודער פון די פיר זין פון אבד איל מעלעק וואָס האָבן געהערשט איבער די אַראַבער איינער נאָכן אַנדערן אין פאַרלויף פון דעם ערשטן פערטל פון דעם 8טן יאָר־הונדערט. די ארמיי פון מאסלאמי האָט זיך גערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער הויפּט שטאָט פון דער ביזאנטישער אימפּעריע, קאָנסטאַנטינאָפּל. געגן זיי זיינען אַרויסגעטראָטן די כאַזארן, וועלכע זיינען געווען די פאַרבינדעטע פון ביזאנטיע. די כאַזאַרן האָבן אַזוי אַרום אָפּגעצויגן, די קרעפטן פון די אַראַ־בער און געגעבן אַ מעגלעכקייט די ביזאנטיער אָפּצוקלאַפּן די אַטאַקעס פון די אַראַבער און געראַטעוועט די ביזאַנטיער פון אַ פאַרניכטונג פון די אַראַבער. די כאַזאַרן האָבן ניט איינמאָל אָפּגעצויגן אויף זיך די קלעפּ פון די אַראַבער און געגעבן אַ מעגליכקייט איר פאַרבינדעטער דער ביזאַנטישער מלוכה אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון די נידערלאַגעס און זיך צוגרייטן צו פאַרטיידיגונג און אָנגריף.

אין די יאָרן פון זעקסטן, זיבעטן און אַכטן יאָרהונדערט זיינען פאָרגע־קומען אונאויפהערליכע מלחמות צווישן די אַראַבער און די כאַזאַרן. ווי אַ וואנט זיינען געשטאַנען די כאַזאַרישע ארמייען און פאַרטיידיגט דער ביזאַנ־טישער אימפּעריע. אין דעם יאָר 727-8 האָט זיך דער אַראַבישער קריגס פירער מאַסלאמי אַרויסגעלאָזן געגן די כאַזאַרן פון דער זייט פון אזערביידזשאַן און ווי איבן אַל אסיר שרייבט האָט ער זיך אומגעקערט פון דער מלחמה מיט רויב און געפאַנגענע. אין דעם נעקסטן יאָר האָט ער געמאכט אַ צווייטן אָנגריף דורך דעם דאַריאלער טויער. אַריינדרינגענדיג קיין כאַזאַריע האָט ער זיך באַגעגנט מיט די אַרמייען פון דעם כאַזאַרישן קאגאן און מיט זיי מלחמה געהאלטן. מער פון א מאָנאַט, צוליב די גרויסע רעגנס, האָבן די אַראַבער געמוזט אָפּטרעטן אָן א זיג. דער אַראַבישער געאָגראַף מאַסודי באשרייבט ווי אַזוי די אַראַבער

האָבן גענומען אַ פעסטונג וואָס איז געווען איינע פון די באַריטמסטע אין זיין צייט אַרומגערינגלט מיט א טייך, מיט א בריק וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפן איבער דעם טייך. די פעסטונג און דער טייך האָבן זיך געפונען אויף דער גרעניץ פון דעם קעניגטום פון די אַלאַנען. מאַסלאמי האָט פאַרכאַפּט דער פעסטונג און דאָרטן איבערגעלאָזן אַן אַראַבישן גאַרניזאָן, וואָס פלעגט קריגן זיין שפּייז פון טיביליס, פינף טעג רייזע פון דער פעסטונג. די זיגן פון מאָסלאמי האָבן ניט געשטערט די כאַזאַרן נאָכאמאָל און אנאָכאמאָל אָנצופאַלן אויף די אראבישע דעראָבערונגען אין קאַווקאַז.

אין די יאָרן 30־927 האָט זיך דעם אַראביש פירער כאָריס איבן אמרו אויסגעקומען נאָכאמאָל זיך צו פאַרטיידיגן פון אַ כאזארישער עקספּעדיציע אין אַזערביידזשאַן.

אין דעם יאָהר 730 האָט א גרויסע מחנה פון כאַזאַרישן מיליטער אריינגעדרונגען קיין אזערביידזשאַן. לויט אינפאָרמאציע פון אַראַבישע געשיכטע שרייבער האָט אין דער שפּיץ פון דעם כאַזאַרישן מיליטער געשטאַנען דער זון פון קאגאַן באַרדזשיל. לויט דער אייגענער אינפאָרמאציע איז אין יענעם יאָר געשטאָרבן דער כאַזאַרישער קאגאַן און אין דער שפּיץ פון דער מלוכה איז געשטאַנען די מוטער פון באַרדזשיס „פאָרסיבט”. די אינפאָרמאציע פון די אַראבער וועגן דעם זון פון כאַזאַרישן כאַגאַן וואָס האָט זיך אריינגעריסן קיין אזערביידזשאַן ווערט באַשטעטיגט פון מאָאיסעי קאַלאָנטייסקי און „געגאָאיד”, לויט „געגאָאיד” האָט די כאזארישע מיליטער דורכגעגאַנגען דורך דעם לאַנד פון די הוהנען דערעבענט און דעם לאַנד פון די מאקסוטן און איבערגייענדיג טשאר דערעבענט אריינגעדרונגען קיין פייטאָקאָראַן פאַרניכטענדיג אַלע מוסולמאַנער. ,

דזשאראַך דער פירער פון די אַראַבער, דערוויסענדיג זיך פון דער אַרייַנדרינגונג פון די כאַזאַרן האָט זיך געגרייט זיי צו באַגעגענען מיט אַ גרויסער ארמיי אין ארדעבילין, אין דער אייגענער צייט האָט ער א טייל פון זיין ארמיי אַוועקגעשיקט אין אַנדערע ערטער וואו עס איז געווען אַ געפאַר פון דער כאַזאַרישער אריינדרינגונג. צוליב דער אינפאָרמאציע, וואָס די כאזארן האָבן געקראָגן פון א גרוזינישן קניאז האָבן זיי געוואוסט וועגן דער לאַגע אין קאַווקאַז און וואו די אַראַבישער מיליטער געפינט זיך. נאָך א מלחמה מיט די אַראַבער, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג איז די גאַנצע אראבישע אַרמיי פאַרניכטעט געוואָרן, דזשאראַך אַליין אין געהרגעט געוואָרן מען האָט אים אָפּגעהאַקט די קאָפּ, זיין ווייב און זיינע קינדער זיינען אַרייַנגעפאַלן צו די כאַזאַרן. די כאַזאַרן האָבן פאַרנומען אָרדעביל. אַלע מענער וואָס האָבן געקענט טראָגן געווער האָבן זיי אויסגעהרגעט און די פרויען און קינדער גענומען געפאנגען. דער איינדרוק פון די געשעענישן און פון דעם גרויסן זיג

פון די כאַזאַרן איז געווען אַזוי גרויס אַז וועגן אים האָט מען זיך דערוואוסט אין ביזאַנטיע. די כאַזאַרן האָבן ניט אויפגעהערט צו פאַרוויסטן אזערביידזשאַן. זיי האָבן פאַרוויסט דער שטאָט טאווריזי, צוראָבירט דער שטאָט באגאוואן. אָפּטיילונגען פון זייער מיליטער האָט געגרייכט די געגנענטן פון מאָסול.

דער כאליף כישאָם, האָט ניט געקענט דערוואַרטן זיך אויף מאסלאמא האָט ער באַשטימט פאַר א קאָמאַנדיר סאיד אימן אמר אל כארישי, ער האָט אים געגעבן 30 טויזענט פון די בעסטע קריגער און 100 טויזנט דירגענס אויף אויסגאבן. אויסנוצענדיג דאָס וואָס די כאַזאַרן האָבן זיך באַשעפטיגט מיט רויבערייען און זייער מחנה האָט זיך פונאנדערגעטיילט אויף קליינע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אויף פאַרשידענע ערטער האָט דער אַראַבישער קאָמאַנדיר אָנגעהייבן זיי צו אטאקירן און פאַרניכטן. באלאמי און איבן אסאם גיבן איבער איינצעלהייטן פון דער מלחמה. קומענדיג קיין קאווקאז האָט סאאיד אָנגעהייבן צונויפקלייבן די איבערבלייבענישן, וואָס איז איבערגעבליבן פון דזשאראבס ארמיי און פאַרכאפּט דער שטאָט אַכלאט נעבן אָזערא וואן פון דאָרטן, האָט ער אָנגעהייבן פאַרנעמען די שטעט, וואָס האָבן זיך געפונען אויף זיין וועג. ער איז געקומען צו דער שטאָט בערד, וואָס איז ניט געווען פאַרנומען פון די כאַזאַרן פון דאָרטן איז ער אָוועק צו דער שטאָטביילעקאַן. אין דער אייגענער צייט האָט באדזשיל באַלאַגערט דער שטאָט ווארסאן. סאאיד האָט אָוועקגעשיקט איינעם פון די איינוואוינער פון ביילעקאַן צו זאָגן די באַלאַגערטע פון ווארסאן וועגן דער הילף וואָס עס קומט צו זיי. די כאזארן האָבן פאַרכאפּט דעם שליח אויף דעם וועג קיין ווארסאן און געוואָרע ווערענדיג צוליב וואָס ער איז געשיקט געוואָרן האָבן זיי אים פאָרגעלייגט אַז ער זאָל זאָגן די איינוואוינער אַז זיי זאָלן זיך באַלד אונטערגעבן ווייל אויף דער הילף פון די אַראַבער האָבן זיי ניט וואָס צו וואַרטן. דער שליח האָט כלומרשט איינגעשטימט צו דער פאָדערונג פון די כאַזאַרן. און ווען די כאַזאַרן האָבן אים צוגעלאָזן צו דער וואַנט, האָט ער אויסגעשריגן דאָס וואָס סאאיד האָט אים געזאָגט. די כאזארן האָבן אים אויף דער אָרט דערהרגעט, נאָר דערזעענדיג די רויך פון די פייערן פון די אַראַבישע אַרמייען האָבן זיי אראָפּגענומען די באַלאגערונג פון ווארסאן און זיינען אַוועק.

אריינקומענדיג אין שטאָט האָט סאאיד צוגענומען צו זיין ארמיי נאָך 20 טויזנט שטאָטישע איינוואוינער, געוואָרע ווערענדיג אַז ניט ווייט פון דער שטאָט געפינט זיך א מחנה פון 10 טויזנט כאַזאַרן, וואָס פירן 5 טויזנט געפאַנגענע מאכמעדאנער און צווישן זיי די טאָכטער פון דזשאַראַך וועלכע דער פירער פון דער אָפּטיילונג האָט גענומען פאַר זיך, האָט סאאיד צוגעשיקט צו דער אָפּטיילונג אויספירער, וואָס האָבן געקענט ריידן כאזאַריש, זיי האָבן אריינגעדרונגען אין דער מחנה, זיי האָבן דערציילט די געפאַנגענע וועגן דער

באַפרייאונג, וואָס דערנענטערט זיך צו זיי. באנאכט ווען די מחנה פון די כאַזאַרן איז אַרומגערינגלט געוואָרן האָבן די געפאַנגענע זיך געוואָרפן אויף זייערע באַצווינגער, נאָר אַ קלײנער צאָל פון די כאַזאַרן האָט זיך געראַטעוועט דורך אנטלויפן. די איבעריגע זיינען אַלע אומגעקומען פון סאאידס מיליטער, סאאיד האָט פאַרכאפּט אַ סך רויב און באַפרייט די געפאַנגענע.

נאָך די אַלע נידערפאַלן האָט דער פירער פון די כאַזאַרן אַרויסגעשיקט קעגן סאאיד אַ גרויסע ארמיי. סאאיד האָט צוזאַמענגעקליבן א סך קרעפטן פון די איינוואוינער וועלכע האָבן זיך געוואָלט שלאָגן מיט די כאַזאַרן און אַרויסגעטראָטן געגן די כאַזארן. אין אָנהייב האָבן די כאַזאַרן געזיגט און פאַרטריבן דיר אַראַבער אויף א בארג. סאאיד האָט ערמוטיגט זיינע קריגער און אַריבער אין א קאָנטער אַטאַקע און פאַרטריבן די כאַזאַרן. קומענדיג צו זיך נאָך דעם דורכפאַל האָבן די כאזארן צונויפגעקליבן אַ גרויסע ארמיי ניט ווינציגער פון 100 טויזנט און אַרויס געגן סאאיד וועמענס ארמיי איז באַשטאַנען פון 7000 עס איז פאָרגעקומען אַ שלאכט אין דעם מוגאנסקן סטעפּ. די אַראַבער האָבן דורכגעמאכט אַ שווערן שלאכט און געוואונען. סאאיד האָט געיאָגט די כאַזאַרן ביז שיראַוואן וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווארטן אויף אינסטרוקציעס.

מאַסלאמי איז ניט געווען צופרידן מיט דעם זיג פון זיין אונטערגעאָרדענטן. ער האָט אים אַפילו ארעסטירט פאַר ניט ווארטן אויף זיין באַפעל. דער כאַליף כישאם האָט געענדערט דעם אָרדער פון מאַסלאמי. ער האָט באפרייט סאאידן און אים געגעבן אַן אויסצייכענונג. מאסלאמי האָט גענומען הערשן אין קאַווקאז מיט א שטארקער האנט פאַרשטארקענדיג די מאַכט פון די אַראַבער אין די ערטער וואו זי איז געווען שוואך, מאַסלאמי האָט באַלאגערט דער שטאָט שיראַוואן. די איינוואוינער האָבן זיך אים אונטערגעגעבן. ער האָט זיי צוגעזאָגט אַז קיינער פון זיי וועט ניט געהרגעט ווערן, אָבער ווען ער איז אַריין אין שטאָט, האָט ער אַלע איינוואוינער אויסגעהרגעט חוץ איינעם, וואָס ער האָט געלאָזן לעבן. ער האָט פאַרפאָלגט די כאַזאַרן ביז דערבענט און אָפּשטעלענדיג דאָרטן א קאָמענדאנט אַל כאָריסא איבן אמרו האָט ער זיך אומגעקערט צוריק.

אין דעם צווייטן יאָר האָט ער געמאכט אַ בונד מיט צוויי קניאזן פון בערגיגע שבטים און זיך געלאָזן ווייטער קיין דערבענט וואו דורך דער צייט האָבן די כאַזאַרן פון דאָרטן אַרויסגעטריבן די אַראַבער און זיך צוריק באַפעסטיגט ניט אָפּשטעלענדיג זיך צו פאַרנעמען דער פעסטונג, וואו עס האָבן זיך באַפעסטיגט א טויזנט כאַזאַרישע קריגער האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאַרוויסטן די כאזארישע ישובים, פונאנדערטיילענדיג זיך אויף קליינע אָפּטיילונגען האָבן די אַראַבער פאַרנומען שטעט און פעסטונגען, פאַרברענט און גענומען געפאַנגענע. די וועלכע האָבן ניט געהאט קיין צייט צו אנטלויפן. אין אַ סך שטעט אין וועלכע עס זיינען אַריין די אַראבער ווי כאמזין, בעלענדזשער, סעמענדער

האָבן זיי קיינעם ניט געטראָפן. מאַסלאמא האָט זיך גערוקט מיט זיינע ארמייען לויט יאקובי ביז וואַרסאן. דאָ האָבן אים באגעגנט די כאַזאַרן אין דער שפּיץ מיט זייער כאגאַן. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ גרויסע שלאכט וואָס האָט געדויערט אַ גאנצן טאָג. אין דער שלאכט איז דער כאַגאַן פון די כאזארן פאַרוואונדעט געוואָרן און אנטלאָפן. ערמוטיגט פון דעם זיג האָבן די אַראבער אַטאַקירט און געמאכט די כאַזאַרן צום אָפּטרעטן.

פאַרטרייבענדיג די כאַזאַרן האָט זיך מוסלאמא פאַרנומען מיט דער באַלאַ־גערונג פון דער דערעבענטער פעסטונג אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַ טויזנט כאַזאַרישע קריגער. די באַלאַגערער האָבן פאַרוואָרפן דער פעסטונג מיט שטיינער, מיט אייזן, און עס האָט גאָרניט געהאָלפן. לויט דער עצה פון איינעם פון די איינוואוינער פון יענער געגענט האָט מוסלאמא געגעבן אַ באפעל צו פאַרגיפטן די וואסער פון דעם קוואל וואָס האָט צוגעשטעלט וואַסער צו די באלאגערטע. די באַלאַגערטע האָבן שיין מער ניט געקענט אויסהאַלטן און ביינאכט זיינען זיי אנטלאָפן פון שטאָט, לויט דעם וואָס די אַראַבישע שרייבער שרייבן האָט מאַסלאמא נאָכדעם ווי ער האָט איינגענומען דער פעסטונג האָט ער איר ווידער פאַרשטארקט אויפגעבענדיג דאָרטן אַן אַרסענאל צו האלטן די געווער און מאַגאַזינען צו האלטן שפּייז און ער האָט דאָרטן באזעצט א קאָ־לאָניע פון סיריער. אין דער צאָל פון 24 טויזענט מענטשן ווענען ער האָט איבערגעגעבן די באשיצונג פון דער פעסטונג. מאַסלאמי האָט נאָך דער מלחמה אוועק צוריק קיין סיריע צו דעם כאַליף כושראמיס קוזין „מערוואַן איבן מוכאמעד״. דערוויסענדיג זיך פון מוסלאמאס אוועקגיין האָבן די כאזארן זיך צוריקגעקערט צו זייערע שטעט אין צפון זייט פון דאַגעסטאן. מערוואן האָט צונויפגעקליבן אַן ארמיי פון 40 טויזענט און אין דעם יאָר 732 ניט קוקענדיג אויף די גרויסע רעגענס און טיפע בלאָטעס זיך אָנגעהייבן רוקן צו בעלענדזשער. די אַראַבישע געשיכטע שרייבער, שרייבן אַז די בלאָטע איז געווען אַזוי קלעפּיג אַז זי האָט זיך צוגעקלעפּט צו די ווידלען פון די פערד וועלכע מעראַוואַן האָט געהייסן אָפּשניידן. וויטערדיגע איינצעלהייטן פון דעם מארש איז ניט באקאנט. עס איז נאָר באקאנט אַז מעראוואן האָט זיך אומגעקערט פון זיין רייזע מיט זייער אסך פּיה. די מלחמות האָבן געמוזט פאָרקומען ווינטער ווען די נאָמאדן און זייערע פיה געפינען זיך אויף די ווינטערדיגע פּאַשע ערטער נעבן קאַווקאז און אין די דעלטאס פון דעם טייך טערעק און סולאקא. פאַר א צייט האָט מערוואנען פאַרביטן סאאיד איבן אָמאר נאר ער איז בלינד געוואָרן און זיין אָרט האָט פאַרנומען צוריק מערוואן. אין דער צייט ווען ער איז ניט געווען האָט ער באַזוכט דעם כאליף און אויס-געלייגט פאַר אים זיין פּלאַן פון דער מלחמה מיט די כאַזאַרן. ער האָט געבעטן

דעם כאַליף אַן ארמיי פון 120 טויזנט מענטשן. קריגענדיג אַ פאַרזיכערונג פון כאַליף אַז ער וועט דאָס קריגן האָט מערוואַן אין דעם יאָר 735 זיך אומגעקערט קיין קאווקאז. דאָ איז אים אויסגעקומען צו באַרוהיגן די אויפשטייענדיגע גרוזינער. פאַר זיין רשעות און אָן רחמנותדיגער באַנעמונג מיט די גרוזינער האָבן די גרוזינער אים גערופן „קר" וואָס עס מיינט אין גרוזיניש טויבער. פון גרוזיע האָט ער געמאכט אַ מאַרש צו אלאַניע וואו ער האָט איינגענומען דריי פעסטונגען. אין דעם יאָר 737 האָט ער גענומען אויספירן זיין פלאַן פון אייננעמען כאַזאַריע.

צו פאַרפירן די כאזארן האָט ער געשיקט צו זיי אַ ספעציעלן שליח צו מאכן מיט זיי אַן אָפּמאך און צו פאַרזיכערן דעם כאגאן אַז די קריגס צוגרייטונגען זיינען ניט קעגן אים נאָר קעגן די אלאנען. צו פאַרפעסטיגן דעם אָפּמאך האָבן די כאזארן געשיקט צו אים אַ ספעציעלן שליח. מערוואַן האָט דעם שליח פיין אופגענומען און אים פאַרהאלטן צו געפינען צייט זיך צוגרייטן פאַר אַן אטאַקע אויף די כאַזאַרן. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרן מיטן צוגרייטן זיך האָבן זיך אונטער זיין הערשאפט געפונען 150 טויזנט קריגער ניט נאָר אראַבער נאָר אויך מיליטערישע אָפּטיילונגען פון קאַווקאזער אַרמענישן קניאז „אשאָט" און אַנדערע אַרמענישע קניאזן. לויט די אויסרעכענונגען פון אראבישן היסטאָריקער איבן אל אסיר איז די ארמיי פון די אַראַבער באשטאנען פון 10 טויזנט קריגער. מערוואַן האָט באשלאָסן אַטאַקירן די כאַזאַרן פון צוויי זייטן דורך דאַריאל און דורך דערעבענט. מערוואן האָט אָנפירענדיג די הויפּט כוחות אַוועק אויף דער וועג קיין סעמענדער. די צווייטע ארמיי אונטער דער פירערשאפט פון אוסאַיידא איבן זאטירא איז אַוועק קיין דערעבענט.ביידע אַרמייען האָבן זיך געדאַרפט פאַראייניגן אין סעמענדער. דעם שליח פון כאַזאַריע האָט מען ניט געגעבן צו וויסן פון די צוגרייטונגען ביז דעם לעצטן מאָמענט. ווען ביידע ארמייען האָבן זיך פאַראייניגט האָט מען אים גערופן צו מערוואנען וועלכער האָט באַשמוצט די כאַזאַרן און זיי ערקלערט א מלחמה און נאָכדעם האָט ער דעם שליח אָפּגעשיקט א היים מיט א זייטיגן וועג. דאָס איז געטאָן געוואָרן צו געפינען צייט אויף אָפּצונארן די כאַזאַרן זיי זאָלן ניט וויסן זייערע צילן. ווען דער שליח איז געקומען צו דעם כאַגאַן זיינען די אַראַבער שיין געווען אַריינגעדרונגען טיף אין כאַזאַריע.

דער כאגאַן האָט געזען אַז די אַראבער האָבן אים אָפּגענאַרט נאָר עס איז שיין געווען צו שפּעט. ער האָט צונויפגערופן זיינע ראַטגעבער נאָר זיי האָבן אים ניט געקענט געבן קיין אַנדער עצה ווי אַזוי צו אנטלויפן וואָס שנעלער פון דער הויפּט שטאָט. דער כאגאן איז אַוועק מיט דעם לינקן ברעג פון דער וואָלגא צו צפון צו די אוראַלער בערג. די הויפּט שטאָט איז פאַרבליבן אונטער דער באַשיצונג פון ניט קיין גרויסער ארמיי פון 40 טויזנט קריגער מיט אַ

כאַזאַרישן טארכאן אָן דער שפּיץ. די רעכענונג איז געווען אַז דער קליינער אַרמיי וועט זיך אײַנגעבן אָפּצוהאַלטן פאַר א צייט די אַראַבער און דער כאגאן וועט אין דעם צייט נאָכצוזאַמלען אַרום דער וואָלגא א סך כוחות אָפּצושלאָגן דעם שונא.

מערוואן האָט פאַרשטאַנען דעם פּלאַן פון די כאַזאַרן און אַרויסגייענדיג פון סעמענדער האָט ער זיך געאײַלט און שנעל דערגרייכט דער כאַזאַרישער הויפּט שטאָט אַלבעידא. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט איר צו באַלאַגערן נאָר זיך געיאָגט נאָך דעם כאַגאַן צו צפון און אַפילו ניט איבערגעגאַנגען דעם טײַך וואָלגא, ווײַל דאָרט וואו עס האָט זיך געפונען די כאַזאַרישע הויפּט שטאָט אַלבעידא אין געווען די דיעלטאַ פון דער וואָלגאַ און די דיעלטא איז ברייט מיט א סך שטראָמען פון טײַכן און טײַכלאַך און צוקומען צום צענטער פון דער וואָלגאַ וואָלט ביי אים פאַרנומען א סך צייט. מעריוואן האָט דאָס ניט געטאָן נאָר געאײַלט זיך נאָכצויאָגן דעם כאַגאַן מיט דער רעכטער זייט פון דער וואָלגא, אָניאָגן אים און ניט געבן אים א מעגלעכקייט צונויפזאַמלען אַ סך מיליטער. די לאַנד צו וועלכער דער כאַגאַן האָט זיך געצויגן, איז געווען די לאַנד פון די בורטאסן, וועלכע האָט זיך געצויגן ביז צו דער לאַנד פון די וואָלגא בולגאַרן, און זיינען געווען אונטערגעוואָרפן די כאַזאַרן. מיט דער פונאַנדערפאַלונג פון דער כאַזאַרישער אַרמיי זיינען די בורטאסן געוואָרן אונבאהאָלפן און געליטן א סך פון די מאַכמעדאַנער. די אַראַבער האָבן פאַרוויסט זייער לאַנד פאַרכאַפּט א סך פערד און גענומען אין געפאַנגענשאַפט 20 טויזנט פאַמיליעס. די געפאַנגענע רופן די אַראַבישע שרייבער „צקלבן", מיט דעם אייגענעם נאָמען רופן זיי אויך דעם טײַך וואָס שטראָמט דורך זייער לאַנד. צקלבן האָבן די אַראַבער גערופן די סלאַוון און דער טײַך האָט געקענט זיין אָדער דער דאָן, אָדער די וואָלגא. מיט דעם אַוועקגאַנג פון די אַראַבער פון אַל בעידא האָט די כאַזאַרישע מיליטער וואָס האָט זיך געפונען ניט געהאַט דאָרטן וואָס צו טאָן און זיי האָבן אָנגעהייבן נאָכצופאָלגן מעריוואַנס אַרמיי אויף דער לינקער זייט פון דער וואָלגא. זייער ציל איז געווען זיך צו פאַראייניגן מיט דעם כאַגאַנס אַרמיי. מעריוואן האָט זיך דערפון דערוואוסט און באַשלאָסן אַטאַקירן די כאַזאַרן אויף דער לינקער זייט פון דער וואָלגאַ. פאַר דעם צוועק האָט א שטאַרקע אָפּטיילונג פון אַראַבער אַריבער די וואָלגא אין אַ צוואַנג. ווען זיי זיינען אַריבער האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף א קליינער אָפּטיילונג וואָס איז באַשטאַנען פון צוואַנציג קריגער. אין דער שפּיץ ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז געשטאַנען דער טאַרכאן פון דעם מיליטער פון אַל בעידא וועלכער איז געגאַנגען אויף יאַגד מיט סאָקאָלן און הינט. די קליינע אָפּטיילונג איז פאַרניכטעט געוואָרן פון דער גרויסער מאַסע אַראַבישן מיליטער.

דער כאַזארישער מיליטער איז געגאַנגען גלייך מיט דער אַראַבישער. זייענדיג אָפּגעטיילט מיט דער ברייטקייט פון דער וואָלגא האָט אויף דעם צווייטן זייט פון דעם טייך די כאַזארישע ארמיי זיך געפילט זיכער צוליב דער ברייטקייט פון דעם טייך. די אַראַבער זיינען אָבער אַריבער דעם טייך אין דער פינצטערניש פון דער נאכט און געמאכט זייער לאַגער, ביי דעם ברעג פון אַ וואלד. ווען זיי האָבן גענומען מאכן דעם לאַגער האָבן זיי דערזען אין דער טיפעניש פון וואַלד פייערן פון כאַזאַרישן לאגער וועלכע האָבן זיך געגרייט פאַר נאכט לאגער. די אַראַבער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום כאַזאַרישן לאַגער, ווען די כאַזאַרן האָבן זיי דערזען איז שיין געווען צו שפּעט. עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט אין וועלכער 19 טויזנט כאַזאַרן זיינען געפאַלן און 7 טויזנט זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען. די איבעריגע זיינען זיך צולאָפן. פון די געפאַנגענע האָבן זיך די אַראַבער דערוואוסט אַז דער יעגער מיט זיין אָפּטיילונג וועמען זיי האָבן אין דער פרי דערהרגעט איז געווען דער טארכאַן פון דער כאַזאַרישער ארמיי. נאָך אין דער אייגענער נאכט פאַרטאָג האָט זיך אַן אראבישע אָפּטיילונג מיט געפאנגענע, מיט דער קאָפּ פון טארכאַן אַרויפגעזעצט אויף א שפּיז זיך געלאָזט צו די הויפּט כוחות פון די כאַזאַרן, ווייזענדיג זיי אַז די מיליטער פון די כאַזאַרן איז פאַרניכטעט געוואָרן און מלחמה האלטן איז שיין ניטאָ מיט וועמען.

די היסטאָרישע געשעענישן קומען פון אַראַבישע שרייבער. אַ סך היסטאָריקער זאָגן אַז אין דער אמת׳ן זיינען די היסטאָרישע געשעענישן געווען ניט ווי די אַראַבישע שרייבער שרייבן און אַז דער אָנפאַל פון מערוואַן אויף די כאַזאַרן איז ניט געווען אַנדערש ווי די אַנדערע אָנפאלן פון די אַראַבער אויף די עקן פון דער כאַזאַרישער אימפּעריע. אַראבישע היסטאָריקער ווען זיי דערציילן פון אָנפאל פון מערוואַן דערציילען זיי:

דערוויסענדיג זיך פון דעם אונטערגאַנג פון זיין ארמיי האָט דער כאַזאַרישער כאַגאַן אַוועקגעשיקט א שליח צו מערוואַן מיט א ביטע וועגן שלום. מערוואַן האָט געפאָדערט פון דעם כאַגאַן אַז ער זאָל אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן און אין פאַל ער וועט ניט אָננעמען וועט ער באַשטימען אויף זיין אָרט א צווייטן. דער שליח האָט געבעטן אַ צייט פון דריי טעג ער זאָל זיך קענען אומקערן צום כאַגאַן און אים ברייגנען זיין ענטפער. דער כאגאן האָט ניט געהאט קיין אנדער ברירה און האָט איינגעשטימט. די איינציגע זאך וואָס דער כאגאן האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים שיקן לערער זיך צו באַקענען מיט דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן, מערוואַן האָט אים געשיקט צווי פאקירן. די פראַגע פון מעגן עסן פאַרשידענע שפּייזן האָט אַרויסגערופן א צוויסטיגקייט צווישן דעם כאַגאַן און די אַראַבישע לערער. דער כאַגאַן האָט געוואָלט וויסן אויב עס וועט אים זיין ערלויבט צו עסן חזיר און טרינקען וויין. נאָך א דיס־

קוסיע צווישן די לערער איז אָנגענומען געוואָרן אַז עס איז פאַר איִם פאַרבאָטן. דער כאגאן האָט געמוזט איינשטימען און ער מיט זיין פאַמיליע און איניגע פון זיינע בעאַמטע האָבן אָנגענומען דעם מאָכמעדאנישן גלויבן.

מעריוואן האָט אויסגערעכנט אַז מיט דעם אָננעמען פון דעם כאַגאַן דעם מאַכמעדאנישן גלויבן וועט ער פאַרזיכערן די אונטערטעניגקייט פון די כאַזאַרן צו די אַראַבער, ווי עס האָט פאַסירט מיט אנדערע פעלקער וואָס זיינען געוואָרן אונטערטעניג צו די אַראַבער. אָבער כאַזאַריע איז ניט געווען ווי די אַנדערע פעלקער וואָס זיינען געוואָרן אונטערטעניג צו די אַראַבער. אין כאַזאַריע האָט נאָך ניט עקזיסטירט די סאָציאַלע פונאַנדערטיילונגען, וואָס האָבן אין אַ סך פאַלן געהאָלפן די איינשטעלונג פון דער אַראַבישער מאכט איבער די איינגענומענע פעלקער. צו האַלטן כאזאריע אונטערטעניג האָט זיך געפאָדערט צו האלטן אין כאזאריע א שטארקע אראבישע ארמיי. דאָס האָט מעריוואן ניט געקענט, אַזוי אַז זיין גאנצער זיג איז פאַרלאָרן געגאַנגען, ווי נאָר די אַראַבער האָבן אָפּגעטראָטן איז אַלץ אוועק ווי אמאָל.

דער מארש פון מעריוואן איז געווען איינער פון די גרעסטע מיליטערישע אונטערנעמונגען פון דעם אַראַבישן כאַליפאט. כאַזאַריע האָט זיך דאמאָלט געפונען אויף דעם ראַנד פון אונטערגאַנג און האָט זיך געראַטעוועט א דאַנק דאָס וואָס די אַראַבער האָבן ניט געהאט גענוג כוחות. א סך היסטאָריקער זאָגן ווען די כאַזאַרן האלטן ניט אָפּ דעם מארש פון די אַראַבער, וואָלט די געשיכטע און גרעניצן פון א סך אַייראָפּעאישע פעלקער זיך אנטוויקלט אַנדערש ווי זיי זיינען היינט. לויט פּראָפעסאָר „דונלאַפ״ וואָס האָט געשריבן א בוך אין ענגליש „היסטאָרי אָף דזשואיש כאַזאַרס״ קומט אויס אַז ווען ניט די כאַזאַרן וואָלטן די אָפענע וועגן וואָס האָבן געפירט פון די סטעפּעס דורך די וועלדער געגעבן א מעגליכקייט די אַראַבער ארומרינגלען די קריסטלעכע ציוויליזאציעס פון אייראָפּע פאַרניכטן דעם מזרח אייראָפּעאישן קריסטענטום און די וועלט וואָלט אינגאנצן אנדערש אויסגעזען ווי זי זעט אויס היינט.

די מלחמות צווישן די כאַזאַרן און די אַראַבער האָבן געגעבן א מעגלעכקייט די סלאַוון, די איינוואוינער פון די וועלדער און ספּעציעל דער קיעווער קניאזשעסטוואָ זיך צו אָרגאַניזירן ,אויסוואקסן אין אַ גרויסער מאַכט און מיט דער הילף פון ביזאנטיע חרוב מאכן דער כאזארישער אימפעריע, און נאָך דעם אָנפאַל פון די מאָנגאָלן ווען כאַזאַריע איז אינגאנצן אונטערגעגאנגען אויף די חורבות פון דער כאַזאַרישער אימפעריע אויסבויען דער רוסישער אימפעריע.

צושמעטערענדיג די כאַזאַרן האָט זיך מעריוואן פאַרנומען מיט אונטערדריקן די בערג פעלקער פון קאַווקאז. אַראַבישע שרייבער רעכענען אויס 72 פעלקער וואָס האָבן אין יענער צייט געוואנדערט אין קאַווקאז, יעדער פאָלק מיט זיין שפּראַך און זיין דיאלעקט. זיי וויזן אָן אויף בערג קעניגן וואָס הערשן איבער די פעלקער סעריך, מאסקאט, פילאָן, לאַזקאָוו. שאַביראַן, ראמ־

זיך, מיראַן, טאַבאַרסאַראַן, טומאַן, זירעקירן, מאַזדאַן.

וועגן דעם לעבן פון די קליינע פעלקער שרייבן די אַראַבישע געשיכטע שרייבער ווייניג, וועגן סעריך שרייבן זיי, אַז זייער מלוכה האָט זיך געצויגן 12 פרסאות צו דער מלוכה פון די כאַזאַרן און 2 פרסאות צו סעמענדער, דער וועג צו זיי פירט דורך א טאָל אויף אַ הייכן בארג און א טייך און נאָך דריי טעג רייזע פירט דער וועג אַ פעסטונג וואו עס געפינט זיך זייער קעניג וועלכער געפינט זיך אויף דעם שפיץ פונאַ בארג 4 פרסאות לענג און 4 פרסאות ברייט. די ווענט פון דער פעסטונג זיינען צונויפגעלייגט פון ציגל און דער קעניג פון סעריך איז אַ קריסט און דער גרעסטער צאָל פון די איינוואוינער זיינען קריסטן. לויט אַנדערע באַריכטן זיינען דער קעניג און זיינע בעאמטע קריסטן און די איבעריגע איינוואוינער זיינען געצענדינער. א טייל פון זיי האָבן זיך געבוקט צו א טרוקענער קאָפ און א טייל צו א לייב. לויט איין ווערסיע געפינען זיך אין דער מלוכה 1200 ישובים, לויט א צווייטער צוואנציג טויזנט. לויט אַ דריטער איז זייער לאַנד פול מיט היילן אין וועלכע עס געפינען זיך שטעט מיט דערפער. זייערע טויטע שטעלן זיי אַרויס אויף דעם מאַרק פלאַץ צו איבערצייגן זיך אַז זיי זיינען ווירקליך טויט. דער קעניג פון לאַנד ווערט לויט אַנדערע באַריכטן גערופן „אַוואַר" און לויט אַנדערע „וואַכראַדאַן שאַך". די מאַכט פון קעניג גייט איבער בירושה. און ער נעמט פאַר זיך קנעכט וועמען ער וויל פון די איינוואוינער פון זיין לאַנד. ער האַלט מלחמה מיט די כאַזאַרן. לויט דעם אַראַבישן היסטאָריקער איבן רוסטע איז זיין הויפט שטאָט אַ פעסטונג מיט דעם נאָמען אלאל" און „גומיק" וואו עס געפינט זיך זיין פאַרמעגן.

די לאַנד כאמזין אָדער דזשענדאַן ,וואָס עס מיינט די לאַנד פון די הוהנען, איז ביז דער אַראַביש כאַזאַרישער מלחמה געווען די שטאַרקסטע מלוכה אין יענע געגענטן. די הויפט שטאָט פון דער לאַנד איז געווען די שטאָט „וואַראַטשאַן". נאָך דעם חורבן וואָס די אַראַבער האָבן דאָרטן געמאכט האָט זיך די מלוכה פונאנדערגעפאַלן אויף צוויי טיילן. דער דרום׳דיגער טייל פון דער מלוכה האָט זיך אָנגעהייבן רופן לויט דעם נאָמען פון זייער הויפט שטאָט „כאמזינא" וועלכע ווערט דערמאָנט אין דער אַראַביש כאַזאַרישער מלחמה. דאָס איז געווען די ערשטע כאַזאַרישע שטאָט וואָס עס האָבן באַגעגענט דזשאַראַרך און מאסלאמי אין זייער מארש צו דעם צפון פון דערעבענט. דער קעניג פון דער הויפט שטאָט האָט געהאלטן פון אַלע דריי רעליגיעס. פרייטאָג האָט ער תפלה געטאָן לויט דער מאַכמעדאנער רעליגיע, שבת לויט דער אידעשער און זונטאָג לויט דער קריסטלעכער. אין זיין לאַנד זיינען געווען נאָכפאָלגער פון די אלע דריי רעליגיעס און יעדער נאָכפאָלגער פון זיין רעליגיע האָט געהאַלטן אַז זיין רעליגיע איז די אמתע און די אַנדערע רעליגיעס זיינען ליגן. כדי צופרידנשטעלן אַלע זיינע אונטערטאַנען האָט ער געגלויבט אין אַלע

דריי רעליגיעס. דערביי איז געווען נאָך אַ רעליגיע, צען פּרסאות פון כאַמזין האָט זיך געפונען א שטאָט „ראנכאז״. אין דער שטאָט האָט זיך געפונען אַ ריזיגע בוים. די איינוואוינער פון דער שטאָט און פון אַרום דער שטאָט פלעגן אַלע מיטוואָך זיך צונויפקלייבן אַרום דער בוים, פלעגן איר באַהענגען מיט פּרוכטן זיך בוקן צו איר און ברייַנגען קרבנות.

אין דער צפונדיגער טייל פון דער מלוכה פון די הוהנען האָט זיך געפונען זייער הויפּט שטאָט וואָס האָט געהייסן „וואראטשאן״. דער געגענט אַרום האָט געהייסן „בעלענדזשער״ אָדער „בולקער באָלגאַר״. די איינוואוינער זיינען באַשטאַנען פון א שבט פון די בולגאַרן „בארסיל בערסולא״. נאָך דעם ווי די שטאָט „ווארצנטשא״ איז חרוב געוואָרן פון די אַראַבער און מיט דעם אַריבערגעטראָגן זיך פון זייער הויפּט שטאָט צו דער כאַזאַרישער הויפּט שטאָט אויף דער וואָלגאַ, איז די הויפּט שטאָט פון דעם לאַנד פון די הוהנען געוואָרן „סעמענדער״, לויט מאסודי איז דער קעניג פון סעמענדער געווען א מאכמע־דאַנער און זיך צוגערעכענט צו דער אַראַבישער משפּחה „קאַרטאַן״ און זיך גערופן „סאלימאן״. א חוץ דעם קעניג זיינען אין לאַנד מער קיין מאכמעדאנער ניט געווען. אַנדערע אַראַבישע שרייבער ווי איסטאַרכי און איבן כאאוקאָל שרייבן אַז דער קעניג פון סעמענדער איז געווען אַ איד, א משפּחה פון דעם כאַזאַרישן קעניג, ווי עס זעט אויס קומען די באַריכטן פון פאַרשידענע צייטן.

די אַראַבישע היסטאָריקער שרייבן אויך וועגן צוויי קעניגרייכן לאקז און זעריקאראן. זיי שרייבן אַז די לאַקזן זיינען אַ גרויסער און געוואגטער פאָלק. וועלכע וואוינען אין די בערג וואו זיי האָבן ישובים און פעלדער. זיי טיילן זיך פונאַנדער אויף 4 קלאַסן. דער ערשטער איז אַ פּריווילעגירטער וועלכער ווערט אָנגעפירט פון זייערע מלכים אָדער די מלכים קומען אַרויס פון זיי, דער קלאַס הייסט „כאַמשירא״. דער צווייטער קלאַס הייסט „מישאק״, דער דריטער „אל אַקרא״, און דער פערטער „מעגאן״. דער דריטער און דער פער־טער קלאַס זיינען ערד־אַרבעטער, און בעלי מלאכות, דער צווייטער קריגער און דער אַדל. די זאַריקיראנער הייסן פאַנצירניקעס (פאַנצער מאכער), א סך איינ־וואוינער פון דעם לאַנד האָבן זיך באַשעפטיגט מיט מאכן פאַנצערס, שווערדן און אַנדערע זאכן פון אייזן, זיי האָבן נאָכגעפאָלגט פאַרשידענע גלויבנס, דער מאכמעדאנישער, קריסטלעכער, און אידעשער. זייער לאַנד איז געווען גוט באַשיצט און זיך געפונען אין ערטער וואו עס איז שווער געווען צו זיי צוקומען, וועגן די אַנדערע קעניגרייכן זיינען ניטאָ קיין אָנווייזונגען, וועגען די ערטער וואו זיי געפינען זיך. ווי זיי באַציִען זיך איינער צום צווייטן, וועגן די טיטולן פון זייערע מלכים. אין דער מלחמה פון די אַראַבער מיט די כאַזאַרן זיינען די אַלע קליינע מלוכות מיט זייערע פעלקער ברוטאַל און אונברחמנותדיג פאַר־ניכטעט געוואָרן.

טאבאָרי דערציילט: וועגן די מלחמות פון די אַראַבער מיט די קליינע פעלקער, ער דערציילט אַז נאָכדעם ווי מעריוואן האָט פאַרענדיגט דער מלחמה מיט די כאַזאַרן, האָט ער אין פרילינג פון יאָר 739 ארייגעדרונגען אין דעם לאנד פון סערמערסק (סעריך) און געגרייכט צו דער שטאָט שעקי אַרום וועלכער ער איז אָפּגעשטאנען אַ גאנצן טאָג. די איינוואוינער וועלכע ער האָט גענומען געפאַנגען, האָט ער געהייסן אַרויספירן דורך די טויערן פון דער פעסטונג איינציגווייז און מיט די אייגענע הענט זיי אָפּגעהאקט די קעפּ. די פרויען און קינדער און זייער פאַרמעגן האָט ער אַוועקגעגעבן צו זיינע קריגער און דער שטאָט אָט ער געהייסן אויסגלייכן מיט דער ערד.

נאָכדעם איז ער אַוועק צו דער שטאָט גוזניאמי, איר איינגענומען און חרוב געמאכט. דער קעניג פון סעריך האָט זיך פאַרמאַכט אין דער שטאַרקסטער פעסטונג. טאבארי רופט איר ניט אָן מיט קיין נאָמען. מעריוואַן האָט געשוואָרן אַז אָדער ער וועט שטארבן אָדער ער וועט איר נעמען. ער האָט זיך איבערגעטאָן ווי א קוכער און אַריין אין שטאָט און זיך צוגעקוקט ווי זי איז געבויט. ווען דער קעניג פון סעריך האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער זיך דערשראָקן און איינגעשטימט צו שליסן אַן אָפּמאך מיט מעריוואנען. אין דעם אָפּמאך האָט ער פאַרפליכטעט צו געבן צו די אַראַבער 500 טויזנט דיריעמעס (מטבעות) 100 אינגלאך, 100 מיידלאך, 500 מאָס ברויט ווען מעריוואן האָט צוגענומען די ציינזן האָט ער אַרומגערינגלט דער פעסטונג וועלכע האָט געהייסן „הימראן" און איר איינגענומען מיט דער הילף פון אַן אונטערגראַבונג. די שנאה פון די איינוואוינער איז געווען אַזוי גרויס אַז ווען איינעם, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מאכן דעם פלאַן פון איינגעמען דער פעסטונג האָט מעריוואַן געגעבן אַלס אויסצייכענונג דער שענסטער מיידל פון דער שטאָט, האָט די מיידל ווען זי איז געגאַנגען מיט איר באַצווינגער אויף דער וואנט פון שטאָט אַראָפּגעשפרונגען פון דער וואַנט און מיטגשלעפּט מיט זיך איר באצווינגער.

לויט די אַראַבישע געשיכטע שרייבער האָט מעריוואַן איינגענומען דער גימראַנער לאנד, טומאן, כאמיזן. אין דעם יאָר 743 איז מעריוואן געוועזן געצוואונגען צו פאַרלאָזן קאווקאַז. ער האָט געקראָגן צו וויסן וועגן דעם טויט פון כאליף וואַליד. ער האָט זיך געאיילט קיין דמשק וואו ער האָט זיך דערקלערט פאַר א כאליף און אין 6 יאָר שפּעטער איז ער דערהרגעט געוואָרן.

איינע פון די הויפּט ראָלן אין די מלחמות צווישן די כאַזאַרן און די אַראַבער האָט געשפּילט ביזאַנטיע. זי האָט געהאלטן אין רייצן אמאָל די כאַזאַרן אויף די אַראַבער און אמאָל די אַראַבער קעגן די כאזאַרן, דערביי האָבן זיי אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אינטריגעס, געלט א. אז. וו. אין די יאָרן 18־717 האָט איבער ביזאַנטיע געהאנגען א גרויס געפאַר. קאָנסטאַנטינאָפּל די ביזאַנ־

טישע הויפט שטאָט איז געווען באַלאַגערט און ארומגערינגלט פון די אַראַבער. אָפּצוציען פון זיך די אַראַבישע כוחות האָט זי אָנגערייצט אויף זיי די כאַזאַרן. צו פאַרשטאַרקן די פריינדשאַפט פון ביזאַנטיע מיט די כאַזאַרן האָט דער ביזאַנטישער קייסער „לעוו איסאַוור״ אין דעם יאָהר 723 חתונה געמאַכט זיין זון קאָנסטאַנטין ווען די פאָלק האָט גערופן קאָפּראָניס (פאַרשטונקענער) מיט דער טאָכטער אָדער שוועסטער פון כאַזאַרישן כאַגאַן וועלכע מען האָט גערופן „טשיטשאַק״ (בלימעל) נאָך דעם טויפן האָט מען איר גערופן „אירינאַ״ איר זון ליעוו דעם פערטן האָט מען גערופן צוליב זיין כאַזאַרישער אָפּשטאַמונג ליעוו דער כאַזאַר. די כאַזאַרן האָבן אָפּגעצויגן די אַראַבישע אַרמייען אויף זיך און געפירט מיט זיי מלחמה צענדליגער יאָרן. ניט גרינג איז אָנגעקומען די כאַזאַרן פירן מלחמה מיט די אַראַבער. די אַראַבער האָבן ניט אָפּגעטראָטן. די אַראַבער מיט דער שנעלקייט פון זייער באַוועגונג און שנעלער אַטאַקע, זייערע רייט אַרמייען האָבן זיך ניט איינמאָל אַריינגעריסן אין די קאַווקאַזער געגענטן וואָס האָבן באַלאַנגט צו די כאַזאַרן. אין די וואַרעמע קאַווקאַזער געגענטן פלעגן ווינטערן די נאָמאַדן. עס האָבן אויך דאָרטן זיך געפונען אַ סך ישובים פון ערד אַרבעטער און בעלי מלאכות אָן וועלכע די נאָמאַדן האָבן זיך ניט געקענט באַגיין.

די אַראַבער פלעגן פאַרניכטן די ישובים פאַרכאַפּן די פיה און פאַרטרייבן די איינוואוינער פון זייער טעריטאָריע. אַ טייל פון די איינוואוינער האָבן געלאָפן ווייטער צו צפון וואָס ווייטער פון די אומברחמנותדיגע שונאים. אין דער צייט ווען די כאַזאַרן זיינען געווען אָפּגעשוואַכט פון די לאַנג דויערנדע מלחמות מיט די אַראַבער, האָט ביזאַנטיע גענומען העלפן און רייצן געגן די כאַזאַרן די איינוואוינער פון די וועלדער די סלאַוון און רוס וואָס זיינען געווען באַהערשט פון נאָרמאַנען און טעווטאָנען און געהאָלפן באַשאַפן דעם כח וואָס האָט געגעבן אַ טויט קלאַפּ דער כאַזאַרישער אימפּעריע.

די כאַזארן און רוס אין צענטן יאָר-הונדערט

אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון כאַזארישן קעניג יוסף, וועלכער האָט געשריבן דעם בריוו צו רבי חסדאי אבן שפרוט האָט זיך דער קאַמף פון די כאַזאַרן מיט די ביזאַנטיער פאַרשטאַרקט, און אין מזרח אייראָפּע האָט אָנגעהייבן וואַקסן אַ נייע וועלט מאַכט, אויף וועלכער ביזאַנטיע האָט אָנגעהייבן האָבן אַ ווירקונג. די מאַכט האָט געהייסן „רוס״.

ביז דעם 8טן און 9טן יאָר-הונדערט, נייע צייט רעכענונג האָבן איבער די פליינען און וועלדער פון מזרח אייראָפּע, וואו עס האָבן זיך געפונען די סלאַווישע פעלקער געהערשט די כאַזאַרן. ביי דער ענדע פון 8טן און אָנהייב

דעם 9־טן יאָר־הונדערט האָבן זיך די פּאָליאַנער באַפרייט פון די כאַזאַרן. ארום קיעוו האָט זיך אָנגעהייבן פאָרמירן אַ זעלבסשטענדיגע מלוכה וואָס האָט זיך גערופן „רוס״. די מלוכה האָט אָנגעהייבן מאכן אָנפאַלן אויף קרים, די ברעגעס פון שווארצן ים און אויף אַן אינזל אויף דעם עגעאישן ים. לויט די רוסישע כראָניקער, ווערט אין איינעם פון יענע אָנפאלן דערמאָנט אַ קניאז בראַאולען פון נאָוואָגראָד, שוועדישע כראָניקער פון יענער צייט דערמאָנען רוסישע כאגאנען, וואָס האָבן געמאכט אָנפאַלן אויף לענדער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דעם שוץ פון ביזאנטיער און די כאַזאַרן. די רוסן זיינען געווען פון נאָוואָגראָד און זייערע פירער זיינען געווען וואַריאַגן.

אין 10טן און 12טן יאָרהונדערט, האָבן די גרויסע קניאזן פון קיעוו זיך גערופן קאגאנס, איבן רוסטע און איבן קאַרדיזי אין מיטן פון 9טן יאָר־הונדערט שרייבן, אַז די רוסן האָבן א קעניג וועלכן מען רופט „כאקאן־רוס״. אין א בריוו צו דעם קעניג וואַסילי מעקאָדאָניאַנין אין יאָר 871 שרייבט דער קעניג לודוויג, אַז די הערשער פון 4 פעלקער , דער אווארישער, כאַזאַרישער, נאָרמאנישער, און באָלגארישער טראָגן דעם טיטול „כאַגאַן״. ווי עס זעט אויס, ווערט רוס גערופן „נאָרמאניע״. די קיעווער קניאזן „וולאַדימיר״ און יאָראסלאוו האָבן זיך גערופ ן„קאַגאַן״. אין סאָפעיסקין סאבאָר אין קיעוו, איז נאָך היינט דאָ אַן אויפשריפט, וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אין דעם 11טן — 12טן יאָר־הונדערט. די אויפשריפט לייענט זיך העלף גאָט אונזער כאַגאַן. מיט דעם אָננעמען דעם טיטול כאגאן האָבן די קיעווער קניאזן אויסגעדריקט זייער אומאָפהענגיגקייט פון די כאַזאַרן און ביזאנטיער.

אין דעם יאָהר 860 האָט רוס שיין געווען גענוג שטארק אָנצופאַלן אויף באזאנטיע און אַוועקשטעלן דער הויפט שטאָט פון די ביזאנטישער אימפעריע אין אַ געפערליכער לאַגע. דער פּאַטריארך פאָטיא שרייבט אין יענער צייט וועגן די רוסן, א פאָלק, וואָס איידער ער איז אָנגעפאַלן אויף אונז האָט קיינער ניט געהערט און ניט געוואוסט פון אים. אַ פאָלק וואָס קיינער האָט זיך מיט אים ניט גערעכנט און געשטאַנען אויף דער אייגענער מדרגה פון קנעכט, אַ פאָלק אָן א נאָמען, אַ פאָלק אַן אונטערגעדריקטער אַן אָרעמער. א פאָלק, וואָס וואוינט ווייט פון אונז. דערהויפט שטרייכט ער אונטער, אַז דער פאָלק האָט אַטאַקירט ביזאנטיע נאָכדעם ווי ער האָט איינגענומען אַלע זיינע שונאים ארום אים.

די רוסן זיינען אַוועק פון ביזאנטיע פלוצלונג, ווי זיי זיינען געקומען פלוצלונג. די ביזאנטיער שרייבן צו די אָרגאניזירער פון דעם אָנפאַל פון די רוסן אויף די ביזאנטיער די קניאזן „אסקאָלד און דיר״. מאַסודי רופט דעם קניאז דיר אַלס דעם ערשטן סלאַווישן קעניג. ער שרייבט אַז דער ערשטער סלאַווישער קעניג הייסט „דיר״ ער הערשט איבער אַ סך שטעט און באַזעצטע

לענדער. מוסולמענישער סוחרים קומען אין דער הויפּט שטאָט פון זיין מלוכה מיט פאַרשידענע סחורות.

די וויאַראַגן און רוס. די רוסישע כראָניקע דערציילט אַז אָלעג דער קניאַז פון נאָוואָגראָד האָט צונויפגעקליבן אַ סך קריגער פון די וואַריאַגן, טשוד, סלאַוון, מערי, וועסי, קריוויטשי, און פון אַנדערע סלאַווישע און פינישע פעלקער אויף וועלכע עס האָט זיך פאַרשפּרייט זיין הערשאַפט. מיט דער מחנה האָט ער איינגענומען סמאָלענסק, ליובעטש און זיך געצויגן מיט זיין מיליטער קיין קיעוו: פאַרכאַפּענדיק מיט פאַרראַט קיעוו, האָט ער געטויטעט די קניאַזן אַסקאָלד און דיר און געוואָרן דער הערשער פון דער שטאָט. לויט דער רוסישער כראָניקע איז דאָס פאָרגעקומען אין יאָר 832. איינעמענדיק קיעוו האָט ער אויך איינגענומען צוזאַמען מיט דער שטאָט די פּאָליאַנער. אין דעם נעקסטן יאָר האָט ער פאַרפירט אַ מלחמה מיט די דערעוולאַנער און זיי געמאַכט צו צאָלן צינזן. אין די יאָרן 884־885 פאַרשפּרייט ער זיין הערשאַפט איבער די סעווריאַנער און די ראַדימיטשי, וועלכע האָבן ביז יענער צייט געצאָלט צינזן צו די כאַזאַרן.

די מלוכה פון אָלעג איז געוואָרן אַזוי שטאַרק אַז זי האָט אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די ביזאַנטיער און האָט זיך שוין מער ניט געשראָקן פאַר די כאַזאַרן, פאַרקערט די כאַזאַרן האָבן זיך אָנגעהייבן שרעקן פאַר איר. עס איז ניט באַקאַנט וועגן דער שטעלונג פון די כאַזאַרן צו די רוסן אין אָפּשטעלונג פון די צאָלונג פון די צינזן פון די ראַדימיטשי און די סעווריאַנער. און מאַכן זיי צום צאָלן צינזן צו די רוסן. מעגלאַך אַז די צינזן זיינען געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט זיך ניט געלוינט פאַר די כאַזאַרן צו שלאָגן זיך פאַר זיי.

נאָך דעם זיגרייכן מאַרש פון אָלעגן אויף קאָנסטאַנטינאָפּל, האָט דער כאַזאַרישער קעניג זיך אַזוי דערשראָקן פאַר רוס, אַז ער איז געווען גרייט נאָכצוגעבן אַלע אירע פאָדערונגען און זיך ניט שלאָגן, מיט זיי נאָר צו נייטראַליזירן זיי, אַזוי אַרום פאַרשטייט מען דער צושטימונג וואָס די כאַזאַרן האָבן זיי געגעבן דורכצולאָזן אַ גרויסן צאָל פון זייער מיליטער אין קאַספּישן ים אויף מאַכן אָנפאַלן און רויבן די איינוואוינער פון די ברעגעס פון קאַספּישן ים, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט די רוסישע סוחרים. אבן כאָרדאַבעג וועמענס היסטאָרישע באַריכטן האָבן צו טאָן מיט דעם 9טן יאָר־הונדערט, דערציילט אַז רוסישע סוחרים שווימען ניט נאָר אויף דעם רומסקן (שוואַרצן ים) נאָר אויך אויף דעם ים פון דזשורדזשאַנא (קאַספּישן) און זיי גייען אַרויס אויף וועלכן ברעג זיי ווילן. אַמאָל פירן זיי זייערע סחורות פון דזשורדזשאַן קיין באַגדאַד, אַ סך מאָל פלעגן די סוחרישע דרוזשינעס זיך פאַרוואַנדלען אין רויבער באַנדעס.

דער ערשטער רויבערשער אַרויסטריט פון די רוסן, איז באַקאַנט אין דער

ערשטער האלב פון 9טן יאָרהונדערט. אין דעם יאָר 909 האָבן 16 רוסישע שיפן צוגעשוואומען צו דעם אינזל אבעסגון אין דעם אסטראָבאדסקן וואַסער אויס־גוס און אים צורויבט. אין דעם נעקסטן יאָר 910, האָבן די רוסן פאַרברענט די שטעט סאַרי און מאַזענדאַראַן און אַוועק. די באַרויבטע האָבן זיי אָנגעיאָגט אינמיטן פון ים און זיי פאַרניכטעט, די אָנפאַלער זיינען געווען האלב סוחרישע און האלב רויבערשע באנדעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט רויב און אָנפאַלן. דער אָנפאַל פון די רוסן אין דעם קאַספּישן ים שפּעטער אין די יאָרן 14־913 איז שיין ניט געווען קיין רויבערישער נאָר א גוט אָרגאַניזירטער פון מיליטערישע כוחות פון א מלוכה. וועגן דעם אָנפאַל דערציילט מאסודי, אַז רוסישע מיליטער אויף 500 שיפן, וואו אויף יעדער שיף האָט זיך געפונען 100 מענטשן, זיינען אַריין, וואו עס געפינט זיך היינט דער קערטשער וואסער אויסגוס. אין יענער צייט האָט זיך דאָרטן געפונען א שטארקע כאזארישע פעסטונג, וועלכע האָט אָפּגעהיט דעם וואסער אריבערגאנג, וואָס פלעגט ווינטער פאַרפראָרן ווערן און מען האָט געקענט איבער אים ווינטער אַריבערגיין. ווען די רוסן זיינען צוגעקומען צו דער פעסטונג, האָבן זיי געשיקט אַ בריוו צו דעם כאזא־רישן קעניג בנימין מיט א ביטע ער זאָל זיי ערלויבן דורכגיין דורך זיין לאַנד. צו דעם קאספּישן ים, דערפאַר האָבן זיי אים צוגעזאָגט, אַז נאָכדעם, ווי זיי וועלן איינגעמען די פעלקער און וועלן זיך אומקערן א היים, וועלן זיי אים געבן אַ העלפט פון דעם אָנגערויבטן פאַרמעגן. דאָס איז געווען די צייט ווען די כאַזאַרן האָבן זיך געשלאָגן מיט אַ פאַרבאנד פון פעלקער די פּעטשעניעגן, גוזן, און וועלכע זיינען אָרגאַניזירט און אונטערגעקויפט געוואָרן פון די ביזאנטיער. נאָר אַ דאנק זייער בונד מיט די אַלאַנער האָט זיך זיי איינגעגעבן זיי צו באזיגן. זייענדיג אָפּגעשוואכט פון דער שווערער מלחמה און כדי ניט צו קריגן קיין נייע שונאים, האָבן זיי געגעבן די ערלויבעניש צו די רוסן, זיי זאָלן קענען דורכגיין דורך זייער לאַנד און פאָרן אויף דעם קאַספּישן ים. קריגענדיג די ערלויבעניש האָבן די רוסן געקומען צו פאָרן מיט זייערע שיפן צו דעם דאָן ביי סאַראגסין (אמאָליגע צאַריצין) זיי האָבן אריבערגעשלעפּט זייערע שיפן פון דאָן צו דער וואָלגאַ און זיך געלאָזן צו דעם קאַספּישן ים. אויף דעם קאָספּישן ים האָבן זיי זיך פונאנדערגעטיילט אויף אָפּטיילונגען און גענומען רויבן און פאַרוויסטן די לענדער ביי די ברעגעס פון דעם קאַספּישן ים גיליאנא, טאבארירסטאן, אזערביידזשאן, און שיראַוואן. די באַזעס פונוואנען זיי האָבן געמאכט זייערע אָנפאלן, זיינען געווען די אינזלען, וואָס האָבן זיך געפונען נעבן באקו. די באַפעלקערונג ביי די ברעגעס פון קאַספּישן ים זיינען געווען ניט באוואָפענט זיי פלעגן באשטיין פון ים סוחרים און פישער פריד־לעכע מענטשן. און ניט זייענדיג גוט באוואָפנט האָבן זיי ניט געהאט מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיגן און געווען הילפלאָז, קעגן זייערע אונערוואַרטעטע

שונאים. די רוסן האָבן אונברחמנותדיג געטויט, געברענט און גערויבט, ביזוואנען דער הערשער פון שיראַוואן האָט צונויפגעקליבן אַ סאך מענטשן און אַרויפזעצענדיג זיי אויף שיפלאַך און גרויסע שיפן האָט ער זיך געלאָזט אויף די רוסן צו די באַזעס פון די אינזלען. די רוסן האָבן צוקלאַפּט די מחנה פון די שיראוואנער און אין פאַרלויף פון עטלעכע מאָנאטן גערויבט, געברענט און געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט, אָנרויבענדיג אַ סך האָבן זיי זיך געלאָזט צוריק. קומענדיג צו דעם אָרט, וואו די וואָלגא פאַלט אריין אין קאַספּישן ים, האָבן זיי אָפּגעשיקט צו דעם כאַזאַרישן קעניג אַ העלפט פון די רויב, ווי עס איז אָפּגעמאכט געוואָרן. די מאַכמעדאנישע גווארדיע, וואָס האָט זיך געפונען ביי דעם כאַזאַרישן קעניג, האָט פאַרלאנגט אַז די כאַזאַרן זאָלן פאַרצוימען דעם וועג פאַר די רוסן און זיך אָפּרעכענען מיט זיי, פאַר די שלעכטס וואָס זיי האָבן געטאָן צו זייערע גלויבנס גענאָסן. ערלויב אונז קעניג — זיך אָפּצורעכענען מיט די מענטשן. זיי האָבן גערויבט אין די לענדער פון אונזערע ברידער די מוסולמאנער. זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט און פאַרוואנדלט אין שקלאַפן זייערע פרויען און קינדער. דער קעניג האָט זיך ניט געקענט שטעלן קעגן זייערע פאָדערונגען און אפשר האָט ער ניט געוואָלט ווייל פאָליטישע אורזאַכן האָבן פון אים געפאָדערט ער זאָל זיין נאָכגעביג צו די רוסן. נאָר אויף דעם פאַל פון אַ דורכפאַל פון דער מוסולמאנישער גווארדיע און ניט צו פאַרלירן די פריינטשאפט פון די רוסן, האָט ער די רוסן געלאָזט וויסן פון דער געפאַר.

די צעשטערונג פון די רוסן, די האַנדלס פאַרבינדונגען מיט די איינוואוינער אַרום דעם קאַספּישן ים, האָט אַרויסגערופן אזאַ כעס ביי די איינוואוינער פון איטיל און ניט נאָר מאכמעדאנער נאָר אויך אַ סך קריסטן פון די איינוואוינער פון איטיל. האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און עס איז געשאַפן געוואָרן אַן ארמיי פון 15 טויזנט רייטערס. די רוסן זיינען אַרויס פון זייערע שיפן און זיך געוואָרפן אויף זייערע פיינט. דער שלאכט האָט זיך פאַרצויגן אויף דריי טעג. די רוסן זיינען צוקלאַפּט געוואָרן און די וואָס זיינען ניט אומגעקומען פון שווערד זיינען דערטרונקען געוואָרן אין טייך. פינף טויזנט רוסן האָט זיך איינגעגעבן צו גרייכן די שיפן און אַוועקשווימען מיט דער וואָלגע. ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעזעצט אויף דעם ברעג אריבערצושלעפן זייערע שיפן אויף דעם דאָן, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן ווען זיי זיינען געפאָרן צו דעם קאַספּישן ים האָבן אויף זיי אָנגעפאלן די בורטאַסן און אַ סך פון זיי געטויט. פאַר די איבעריגע פון זיי איז געבליבן נאָר איין וועג זיך ראַטעווען ביי די וואָלגא בולגאַרן וועלכע האָבן זיי אומגעבראכט. אַרום יענער צייט לויט דעם בריוו פון כאַזאַרישע אידן האָט דער ביזאנטישער קיסר דער רשע ראָמאַן (ראָמאַן לעקאַפּין 929-944) אָנגעהייבן צו פאַרפאָלגן די אידן אין ביזאַנטיע. מאסודי שרייבט אַז אין יענער צייט האָבן אַ סך אידן פון מוסולמאנישע לענדער און פון ביזאַנטיע

געקומען צו דעם קעניג פון כאַזאַריע. די אורזאַכן פון זייער קומען קיין כאזאריע זיינען געווען די פאַרפאָלגונגען פון דעם ביזאנטישן קעניג ארמאנוס (ראָמאן) וועלכער האָט געצוואונגען די אידן אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, אַ סך אידן זיינען אנטלאָפן פון דער ביזאנטישער מלוכה צו דעם לאַנד פון די כאַזאַרן.׳ וועגן די פאַרפאָלגונגען פון די אידן ביי דעם ביזאנטישן קיסר ראָמאן ווערט אויך דערציילט אין אַ בריוו פון דעם פאטריארך אין ירושלים צו דעם ביזאנטישן קיסר.

דער קעניג יוסף, האָט פאר די פאַרפאָלגונגען פון די אידן ביי ראָמאן געענטפערט מיט אונטערדריקונגען קעגן קריסטן. די ביזאנטישע מלוכה האָט זיך געווענדעט צו דעם רוסישן קניאז און געשיקט אים רייכע מתנות כדי די רוסן זאָלן אַרויסגיין אויף א מלחמה קעגן די כאַזארן. רוס האָט ניט געפילט קיין פריינטליכקייט צו די כאַזאַרן און געווען גרייט זיך אָפּצורעכענען זיך מיט זייער פאַר דער מפלה וואָס זיי האָבן געליטן אויף דעם קאַספּישן ים אין די יאָרן פון 913־14. לויט דעם בריוו פון דעם כאזאַרישן אידן,, זיינען די רוסן אָנגעפאַלן אויף כאזאריע און גענומען דער שטאָט „סאמקרעץ", וואָס איז געווען אָדער די פאָרשטאָט פון קערטש אָדער די היינטיגע טאמאן. דאָס איז געווען די פעסטונג וואָס האָט באַשיצט דעם וועג פון שווארצן ים צו דעם אזאָווישן. די וועג איז געווען גוט באקאנט צו די רוסישע סוחרים, וועלכע פלעגן אהער קומען צושווימען מיט דעם דניעפּר נעבן די קרימער ברעגעס. מיט דעם וועג לויט קאָנסטאַנטין באגאנאראדני פלעגן די רוסן קומען צו שוואַרץ בולגאריע, כאזאַריע און סיריע. לויט איבן כאַרדאדבעג פלעגן רוסישע סוחרישע קאַראַוואנען דורך דעם וועג קומען קיין באגדאד און מעגלאך קיין דמשק.

די רוסן נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרנומען סאמקרעץ האָבן זיי פאַרכאַפּט א סך רויב און אוועק. דער כאַזאַרישער רעגירער פון יענעם געגענט, וועמענס נאָמען איז געווען פסח, ניט טרעפענדיג די רוסישע מיליטער האָט אָנגעפאלן אויף די קרימער לענדער, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו ביזאנטיע. די כאַזאַרן האָבן פאַרנומען דריי שטעט און אַ סך ישובים און אויך באלאגערט כערסאָן, וואָס איז געוואָרן מיט דער באַלעגרונג איז ניט באקאנט, ווי עס ווייזט אויס איז זי געווען אַ דורכפאַל. פון דאָרטן האָבן די כאַזאַרן זיך אַוועקגעלאָזט קעגן דעם רוסישן קניאז העלגא. די רוסן ווערט דערציילט אין דעם דאָקומענט פון דעם כאַזאַרישן אידן, זיינען צוקלאפּט געוואָרן, און זיינען געווען געצוואנגען אַרויסצוטרעטן געגן זייער פאַרבינדעטער ביזאנטיע. פון יענער צייט פאַרענדיגט דער שרייבער זיין בריוו זיינען די רוסן געוואָרן אונטערטעניג צו די כאַזאַרן.

וועגן דער אונטערטעניגקייט פון די רוסן צו די כאַזאַרן איז ניט באקאנט, נאָר עס איז באקאנט וועגן אַן אָנפאל פון איגאָרן קעגן ביזאנטיע אין יאָר 941. דער אָנפאל פון איגאָרן קעגן די ביזאנטיער האָט זיך ניט איינגעגעבן.

די רוסישע שיפלאַך זיינען פאַרניכטעט געוואָרן פון דעם גריכישן פייער און זיינען אויך צוקלאַפּט געוואָרן אויף דער טריקעניש. לויט באַשרייבונג פון ליעוו דיאקאָן, האָט דער קניאַז איגאָר מיט דעם איבערבלייבאכץ פון זיין פלאָט אנטלאָפן צו דעם קערטשער אויסגוס און די איבערבלייבאכץ פון זיין מיליטער האָט זיך אומגעקערט א היים. לויט ליעוו דיאקאָן, איז דער אָנפאַל פון די רוסן אויף קאָנסטאַנטינאָפּל אין דעם יאָהר 941 געווען אָרגאַניזירט מיט דער הילף און מיט דעם וויסן פון די כאַזאַרן, וועגן דערויף ווערט דערציילט אין דעם בריוו פון דעם כאַזאַרישן אידן אַזוי. דער צוקלאַפּטער פון די קריגן, דער רוסישער קניאַז האָט געשעמט זיך אומצוקערן אין זיין לאַנד און אַוועק מיט דעם ים קיין פּערסיע.

אין צוויי יאָר שפּעטער האָבן ווייטער די רוסן מיט דער צושטימונג פון די כאַזאַרן, דורכגעגאַנגען כאַזאַריע און אַריין אין קאַספּישן ים. זיי זיינען געגאַנגען מיט דעם אייגענעם וועג, וואָס זיי זיינען געגאַנגען פריער אין יאָר 913 און זיך ווידער באַוויזן ביי די ברעגעס פון קאַספּישן ים אַרום קאַווקאַז. דעם מאָל האָבן די רוסן זיך שיין ניט אויפגעפירט, ווי פריער. זיי האָבן זיך ניט פונאנערגעטיילט אויף קליינע אָפּטיילונגען און געמאכט אָנפאלן אויף קליינע ישובים, נאָר פאַרכאַפּט אַ גרויסער שטאָדט אויף דעם טייך קורעבערד, וואו זיי האָבן זיך געוואָלט באַפעסטיגן און פאַרבלייבן. איינגענעמענדיג די אַרומיגע באַפעלקערונג. נאָר ווערענדיג אָפּגעשוואכט פון אַ שרעקלאַכער עפּידעמיע און פאַרלירענדיג אין די שלאכטן איינעם פון זייערע אָנפירערס האָבן די רוסן פאַרבליבן ווינטערן אין דער פעסטונג פון בערד און אין פרילינג פון 944, אויסנוצענדיג אַ צוגעפּאַסטער צייט האָבן זיי זיך דורכגעריסן מיט זייערע שיפלאַך און אנטלאָפן. דער צוריקקער האָט זיך זיי איינגעגעבן .ניט האָבענדיג קיינע צוזאמענשטויסן מיט די כאזארן. לויט דעם בריוו פון דעם כאַזאַרישן אידן האָט דער פירער פון די רוסן וועלכער איז אומגעקומען אין פּערסיע געהייסן העלגו—אָלעג. אים שרייבט ער אויך צו דעם אָנפאַל אויף סאמקרעץ און דעם אָנפאַל אויף קאָנסטאַנטינאָפּל. פון אַנדערע היסטאָרישע קוואַלן ווייס מען אָבער אַז אין יענער צייט האָט דער קניאַז פון רוס געהייסן איגאָר. וועגן דער פאַרבייטונג ביי דעם כאַזאַרישן אידן פון דעם נאָמען איגאָר אויף אָלעג זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען. איין מיינונג איז, אַז דאָס פאַרבייטונג פון דעם נאָמען איז פאַרגרייזט, דער שרייבער האָט פאַרביטן דעם נאָמען איגאָר אויף דעם נאָמען פון זיין פאָרגייער אלעק. אַן אנדער מיינונג איז דאָ אַז די פאַרמישונג איז ניט מיט דעם פאָרגייער פון איגאָר אויף אָלעג נאָר מיט דער ווייב פון איגאָר „אָלגאַ“. אנדערע רעכענען אַז דער פולער נאָמען פון איגאָר איז געווען אַ סקאנדינאווישער „העלגי דער איגגערער“. אַנדערע זאָגן אַז דער וואָרט העלגי איז א טיטול און הייסט אין שוועדיש הייליגער, און דער כאַזאַ-

רישער איד האָט געשריבן ניט זיין נאָמען נאָר זיין טיטול. אין דער נאָוואָגראָדער כראָניק ווערט דערמאָנט א נאָמען פון א וואָיעוואדע (מיליטערישער פירער) איגאָר־אָלעג. לויט די באשרייבונג פון דעם כאַזאַרישן אידן און לויט זייערע נעמען, זעט מען אַז די קניאַזן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם מיליטער פון די רוסן אין 10טן יאָרהונדערט זיינען ניט געווען קיין סלאַוון אָדער רוסן נאָר געדונגענע פון דעם גרויסן קניאז אין קיעוו אין סקאַנדינאַוויע אַון אריבערגעבראַכטע קיין רוס. און וועלכע זיינען געווען גרייט פאַר געלט אויף אוואַנטיורישע אָנפאַלן און רויבערייען, ווי דער אָנפאַל אויף דער שטאָט בערד און אַנדערע.

אין אַן אָפּמאַך צווישן די ביזאַנטיער און דעם קניאז איגאָר, ווערט געשריבן וועגן אַ פאַרבאָט פאַר די רוסן אָנצופאַלן אויף דער שטאָט כערסאָן און אויף די אַרומיגע לענדער און וועגן ניט דערלאָזן די שוואַרצע בולגאַרן אָנצופאַלן אויף זיי. דאָס מיינט אַז די רוסן זאָלן איבעררייסן זייערע פאַרבינדונגען מיט די כאַזאַרן און האַלטן מיט זיי אויף דער זייט פון ביזאַנטיע. אין דעם אָפּמאַך ווערן די כאַזאַרן ניט דערמאָנט נאָר עס רעדט זיך וועגן די שוואַרצע בולגאַרן. דאָס ווייזט אַז די שוואַרצע בולגאַרן זיינען אין די פערציגער יאָרן פון צענטן יאָרהונדערט געווען אומאָפּהענגיג פון די כאַזאַרן און געהאַט זייער אויטאָנאָמיע, ניט נאָר אין זייערע אינערלעכע ענינים נאָר אויך אין זייערע אויסערלעכע. בכלל איז די כאַזאַרישע מלוכה קיינמאָל ניט געווען קיין שטרענג צענטראַליזירטע אימפּעריע נאָר אַ פעדעראַציע פון פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע סיי אין די אינערליכע ענינים און סיי אין אויסערליכע ענינים, וואָס האָבן אָנגעפירט זייערע פעלקער. די הונען, סאַווירן פון דאַגעסטאַן אין זיבעטן יאָרהונדערט, וואָלגא בולגאַרן, שוואַרצע בולגארן און אַנדערע קליינע פעלקער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער כאַזאַרישער אימפּעריע, זיי האָבן זיך גערעכנט פאַר זעלבסטשטענדיגע פעלקער אונטער דער קרוין פון כאַזאַרישן קעניג. זייער זעלבסטשטענדיגקייט, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן זיך אפילו ניט גערעכנט אַלס אונטערטעניגע נאָר פאַר שכנים — פאַרבינדעטע, דעריבער איז אין אָפּמאַך פון רוריקן מיט די ביזאַנטיער, רעדט זיך וועגן אַן אָפּמאַך מיט די שווארצע באָלגארן און ניט מיט די כאַזאַרן, ווייל די כאַזאַרן האָבן זיך ניט געמישט צו די ענינים פון זייערע פעדעראַל פאַרבינדעטע פעלקער.

ווי ווייט די פריינטשאַפט צווישן די סלאַוון־רוסן און די כאַזאַרן האָט געגרייכט קען מען זען לויט דעם וואָס מאסודי שרייבט. אַז רוס און די סלאַוון שטעלן צונויף די מיליטער און באַדינער פון כאַזאַרישן קעניג. פון דער אַנדערער זייט דערציילט די רוסישע כראָניק אַז אין דעם מיליטער פון איגאָר האָבן זיך געפונען כאַזאַרן פון דעם קריסטלעכן גלויבן .פון דאָס קען מען

זען אַז רוס און די כאַזאַרן זיינען געווען פריינט און פאַרבינדעטע, זייער פריינטשאפט האָט געגרייכט אַזוי ווייט, אַז די כאַזאַרן האָבן זיי צוויי מאָל געלאָזן דורכגיין דורך זייער לאַנד. אין דער צייט וואָס זיי האָבן נאָך געהאט כוחות זיי ניט דורכצולאָזן.

די שנאה און די אָנפאַלן פון רוס אויף כאזאריע האָט זיך אָנגעהייבן, ווען די רוסן האָבן אָנגענומען דעם ביזאנטיש קריסטלעכן גלויבן. די ביזאנטיער מיט געלט מיטלען, מתנות, אינטריגעס האָבען אויפגערייצט די רוסן קעגן די כאַזאַרן און די רוסן האָבן אָנגעפאלן אויף די כאַזאַרן, ווי עס ווערט דערציילט אין דער רוסישער כראָניקע און ביי איבן כאאוקאַל, אגב שטימט ניט די דאטע פון אָנפאַל ביי איבן כאאוקאל מיט דער רוסישער כראָניקע. נאָר איןביידע כראָניקעס ווערט ניט געזאָגט, אַז די כאַזאַרן זיינען אינגאַנצן אונטערגעגאנגען. די פאַרפאָלגונגען פון די אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין רוס האָט זיך אָנגעהייבן נאָכדעם ווי וולאדימיר האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. ווי עס ווייזט אויס האָבן די ביזאנטיער מורא געהאט אַז מיט רוס זאָל ניט געשען דאָס אייגענע ווי מיט די אלאנער, וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן דעם קריסטלעכן גלויבן און זיך פאַרבונדן מיט די כאַזאַרן. די גלחים אין רוס וואָס זיינען געווען מייסטנס גריכן אָנגעשטעלט פון דער ביזאנטישער מלוכה האָבן געהעצט דאָס פאָלק און די קניאזן קעגן די אידן און די כאַזאַרן.

וועגן דערויף אַז די רוסן האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעך ביזאנטישן גלויבן פרייוויליג, נאָכדעם ווי עס איז געפירט געוואָרן א דיסקוסיע צווישן אַ כאַזאַר, א מוסולמאנער און אַ קריסטלעכן גלח און אויף דער פראַגע פון קניאז וולאַדימיר צו דעם כאַזאַר וואו איז אייער לאַנד, האָט ער אים געענטפערט, אונזערע עלטערן האָבן געזינדיגט, האָט גאָט אויף זיי געוואָרן אין כעס און זיי פאַרטריבן פון זייער לאַנד. אויף דערויף זאָל דער קניאז וולאַדימיר האָבן אים געזאָגט „אַז גאָט איז געוואָרן אויף אייך אין כעס, ווילט איר אַז ער זאָל אויף אונז אויך ווערען אין כעס, איז די פראַגע מיט דעם ענטפער א חוץ וואָס זי איז לעכערליך שטימט ניט מיט דער געשיכטע, ווייל אין דער צייט ווען וולאדימיר האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָט נאָך עקזיסטירט, די כאַזאַרישע מלוכה, אמת ניט אַזוי שטארק ווי אין דעם 7טן, אכטן און ניינטן יאָרהונדערט אָבער זי האָט עקזיסטירט, ווייל עס דערציילן וועגן איר אַראַבישע היסטאָריקער. „פאָלאק" איז גערעכט ווען ער שרייבט אַז די כאַזאַרישע מלוכה איז אונטערגעגאַנגען און פאַרשוואונדן פון דער וועלט סצענע אין דער צייט פון אָנפאַל פון די מאָנגאָלן מיט זייער אָנפירער „טשינגיז כאַן" אין 13טן יאָרהונדערט. „טשינגיז כאַן" מיט זיינע האָרדעס האָבן אָפגעווישט פון פנים פון דער ערד ניט נאָר כאַזאַריע, נאָר אויך אַנדערע מלוכות און פעלקער, וואָס האָבן זיך געפונען אין עראָאַזיע פון וועלכע אויסער זייערע נעמען איז

פון זיי גאָרניט פאַרבליבן און עס האָט געהאלטן ניט ווייט אַז אין זיין מארש אין אייראָפּע זאָל ער מאכן דאָס אייגענע מיט מערב אייראָפּע. ווען טשינגיז כאן ווערט ניט קראַנק און שטארבט ניט און זיינע יורשים זאָלן ניט געווען זיין געצאוווּנגען אָפּצושטעלן דעם מארש. אין דעם מארש פון דעם מאָנגאָל טשינגיז כאן איז אָפּגעווישט געוואָרן און פאַרשוואונדן פון דער וועלט דימלוכה פון כאזאריע.

כאַזאַרן און אַלאנער

אין דער צייט פון דער הערשאפט פון דעם כאַזאַרישן קעניג בנימין, האָבן די ביזאַנטיער אונטערגעקויפט די נאָמאַדישע פעלקער „אסן, טערקן, און פּאַניעל" און זיי אָנגערייצט געגן די כאַזאַרן, זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף די כאַזאַרן. צו פאַרטיידיגן זיך פון דעם בונד פון די נאָמאדן, האָט זיך בנימין געווענדעט נאָך הילף צו די אלאנער, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון די כאַזאַרן אָדער זיינען געווען זייערע פאַרבינדעטע. די כאַזאַרן מיט די אלאנער האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרטרייבן די אָנפאלער און ביזאנטיע האָט צום ערשטן מאָל ניט דערגרייכט איר ציל.

די אלאנער האָבן זיך געפונען אין דעם צענטראלן טייל פון צפון קאַווקאז. א סך מאָל ווערן זיי גערופן, ביי די אַראַבישע געשיכטע שרייבער און ביי די רוסישע כראָניקער „אסן". די צפון קאַווקאזער אַלאַנען, זיינען ניט געווען קיין נאָמאדן נאָר ערד אַרבעטער. פון די ערטער וואו זיי האָבן זיך געפונען, זיינען פאַרבליבן איבערבלייבאכצן פון ישובים און פעסטונגען מיט שטיינערנע ווענט. דאָס באווייזט אַז די מענטשן וואָס האָבן אין זיי געוואוינט, זיינען געווען שטענדיגע איינוואוינער און ניט קיין נאָמאדן און זיך באשעפטיגט ניט נאָר מיט פיהצוכט נאָר אויך מיט ערד־אַרבעט.

דורך דעם לאַנד פון די אלאנער האָבן זיך געצויגן וועגן, וועלכע האָבן פאַרבונדן די סטעפּעס פון צפון קאווקאז מיט די ברעגעס פון שווארצן ים. די וועגן און זייערע באשיצונגען האָבן געשפילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער צווישנפעלקערליכער באַציאונג פון די שכנים פון די אַלאַנער, ווי די איראַנער און שפּעטער די אַראַבער פון איין זייט און די ביזאנטיער און כאַזאַרן פון דער צווייטער זייט, יעדע איינע פון די פעלקער האָט געזוכט מיטלען צו האלטן זיי אונטער זייער ווירקונג.

אין 6טן יאָרהונדערט איז דער מערבדיגער טייל פון די אַלאַנער געווען ענג פאַרבונדן מיט אבכאזיע און דורך איר מיט ביזאנטיע. דאַגעגען די מזרחדיגע זייט איז געווען פאַרבונדן מיט איראַן (פּערסיע). מיט דעם באווייזן זיך פון די טיורקותן, אין דעם צפונדיגן זייט פון קאַווקאז, זיינען די אַלאַנען

געווען געצוואונגען אונטערגעבן זיך צו זיי און זייער ווייטערדיגע געשיכטע איז שייך ענג פֿאַרבונדן מיט די יורשים פון די טיורקוטן די כאַזאַרן. אין 8טן יאָרהונדערט שרייבט פֿאַזאַרי זיינען די כאַזאַרן און אַלאנער באשטאנען פֿון איין קעניגרייך. די אַראַבער אין זייערע מלחמות מיט די כאַזאַרן האָבן זיך ניט איינמאָל געפרופט אַריינרייסן אין דעם לאַנד פון די אלאנער און דורך זיי מארשירן צו דער לאַנד פון די כאַזאַרן.

אין אָנהייב פון 8טן יאָרהונדערט האָט ביזאנטיע געשטרעבט צו באַפעסטיגן איר ווירקונג אויף די אַלאַנער און פֿאַרוואנדלען זיי אין א געצייג פון איר פּאָליטיק אין קאַווקאז. זיי האָבן אונטערגעקויפט דעם קעניג פון די אַלאַנער „איטאַקסיס“ און אַנדערע אלאנישע פירער.

פון ביזאנטיע איז צו זיי געקומען אַ פאָרשטייער פון דעם ביזאנטישן קעניג מיט דעם נאָמען „ליעוו“. אים האָט זיך איינגעגעבן צו מאכן די אַלאַנער אריינדרינגען קיין אבכאזיע, נאָר צוליב דעם פאַרראט פון דעם אימפּעראטאָר יוסטינאָן דעם צווייטן צווישן 711-705 איז ליעוו אַריינגעפאַלן אין אַ געפערלעכער לאַגע ווייל ער האָט ניט געהאט די מעגליכקייטן אויסצוצאָלן די אלאנער וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט. די אַבכאזיער האָבן פֿאָרגעשלאָגן די אלאנער זיי זאָלן אים אַרויסגעבן פֿאַרשלאָגענדיג פאַר אים אַ גרויסען אָפּצאָל, ווען די שלוחים פון אבכאַזיע מיט דעם ביזאנטיער „ליעוו“ א געשמידטן אין קייטן זיינען געפאָרן א היים, האָט אַ גרופּע אַלאַנער וועלכע זיינען געווען פריינט צו ליעוו אָנגעפאלן אויף זיי און בפרייענדיג דעם געפאנגענעם האָבן זיי אים באהאלטן אין אַ זיכערן אָרט. נאָך דעם האָבן די אַלאַנער ווייטער אָנגעפאַלן אויף אבכאזיע. מורא האָבענדיג פון איין זייט פאַר דעם אימפּעראטאָר און פון דער צווייטער זייט פאַר די אבכאזיער ,האָט זיך ליעוו אויסגעבאהאלטן עטליכע יאָר ביי די אלאנער. ביז די באַדינגונגען אין ביזאנטיע זיינען געוואָרן אַזעלכע, אז ער האָט זיך געקענט אומקערן צוריק קיין ביזאנטיע.

דאָס ווייזט ווי שוואך עס איז געווען די צענטראַלע רעגירונג אין אַלאַניע אין 8טן יאָרהונדערט, ניט קוקענדיג, וואָס זיי האָבן געהאט א קעניג האָט קיין שטארקע מלוכהשע אָרגאניזאציע אין לאנד ניט עקזיסטירט, ווען די ביזאַנטישע קיסרים האָבן געקענט אונטערקויפן זייערע פירער. די לאַגע האָט זיך געביטן אין 9טן יאָרהונדערט, אַראַבישע שרייבער ווען זיי שרייבן אין יענער צייט וועגן די אַלאַנער שרייבן זיי אַז די מלוכה פון די אלאנער איז אַ שטארקע איבער וועלכע עס הערשט א קעניג מיט דעם טיטול „קאקענדאזש“.

לויט מאסודי האָט דער קעניג געקענט צונויפשטעלן אַן ארמיי פון 30 טויזנט רייטער. אין דער צייט פון מאסודי זיינען די אַלאַנער געשטאנען אין פאַרבינדונג מיט זייער מזרחדיגן שכן, „סעריר“. לויט זיין באַשרייבונג איז די לאַנד פון די אַלאַנער געווען אַזוי געדיכט באַפעלקערט אַז העגער וועלכע

האָבן געקרייעט אין איין זייט פון דער מלוכה זיינען געענטפערט געוואָרן פון הענער פון דער גאַנצער מלוכה. לויט מאַסודי האָט די הויפּט שטאָט פון די אלאנער געהייסן „מאאס". רוסישע כראָניקער דערציילן פון נאָך אַן אלאנישער שטאָט, וועלכע האָט זיך געפונען נעבן טייך „סעווענדזי" מיט דעם נאָמען דעדי־אקאָוו. אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען באשטעטיגן וואָס מאַסודי שרייבט. אויף דער טעריטאָריע פון אלאניע טרעפט מען א סך צייכנס פון אלטע געביידעס, באַפעלקערטע ישובים, אַרומגערינגעלט מיט ווענט אָדער צונויפגעלייגטע שטיי־נער. זייערע הייזער זיינען געבויט פון שטיינער אָדער ליים.

ניט קוקענדיג אויף אלע העצעס, אונטערקויף געלטער, און מתנות פון די ביזאַנטיער האָבן די אַלאַנער אין דער צייט פון זייער בליה פּעריאָד זיך געפונען אין פריינטלאכע באציאונגען מיט די כאַזאַרן. ווייל מיט זייער צעשטע־רונג פון דער כאַזאַרישער מלוכה וואָלטן די שונאים פון דער כאַזאַרישער מלוכה וועלכע זיינען געווען אויך זייערע שונאים געוואָרן מיט זיי שכנים און וואָלטן גע־שטעלט אין געפאַר זייער מלוכה .

ביזאנטיע אין איר פּאָליטיק פון „צוטייל און הערש" האָט אָנגעווענדעט אלע מיטלען אָפּצורייסן די אַלאנער פון די כאַזאַרן און איינע פון די מיטלען איז געווען צו פאַרוואנדלען די אַלאַנער אין קריסטן. קריסטענטום האָט שיין פון לאנג אָנגעהייבן אריינצודרינגען, קיין אַלאַניע. א מצבה מיט אַן אויפשריפט געשריבן אין גריכיש אין אכטן יאָרהונדערט, וואָס איז געפונען געוואָרן אין איינער פון די אויסגעגראָבענע שטעט לייענט זיך „דאָ ליגט באגראָבן גאָטס קנעכט „געאָרגיע". איבן רוסטע שרייבט אין יאָר 922 אַז דער קעניג פון די אלאנער איז אַ קריסט און די פּאָלקסמאסן זיינען געצענדינער. אין די בריוו פון דעם פאטריארך „ניקאָלאי דעם מיסטיק" ארום די יאָרן 926־912 שרייבט ער וועגן עפּיסקאָפּ „פּעטער" און דעם מאָנאך „עפים". און זייערע טעטיגקייטן צו פאַרשפּרייטן קריסטענטום צווישן די אַלאנער.

אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם אַלאַנישן קעניג האָט געהאַט דער קעניג פון דער שותפותדיגער אַבכאזיע וועלכע האָט זיך שיין פון פריער געפונען אונטער דער ווירקונג און הערשאפט פון ביזאנטיע. לויט דעם גרויסן צאָל פון קלויסטערס און מאָנאַסטירן, וואָס מען האָט געפונען אין יענעם געגענט פון דעם 10טן און 11טן יאָרהונדערט קען מען זען וואָס פאַר א ווירקונג קריס־טענטום האָט געהאט אויף דעם טייל פון אלאניע, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות מיט אבכאזיע. לויט איבן רוסטע און לויט די בריוו פון דעם פּאַטריארך זעט מען אַז אין יענער צייט אין 10טן יאָרהונדערט, האָט נאָך קריסטענטום ניט אריינגענומען גאַנץ אלאניע. מיט דער פאַרשפּרייטונג פון קריסטענטום צווישן די אלאנער און ספּעציעל צווישן דער אַריסטאָקראטיע און דעם קעניג האָט זיך ביזאנטיע איינגעגעבן צו פאַרשטארקן איר ווירקונג אויף די אלאנער

און צו שטויסן זיי צו אַ קריג מיט די כאַזאַרן. זייענדיג שכנים פון די באהערשטע לענדער פון די כאַזאַרן האָבן זיי געקענט אָנפאַלן אויף זיי און באַרויבן און דערמיט אָפשטעלן דעם צושטעל פון שפייז און אַנדערע נויטיגע פּראָדוקטן, וואָס די כאַזאַרן פלעגן קריגן פון קאַווקאַז און קרים, וואו די באַפעלקערונג האָט זיך באַשעפטיגט מיט ערד־אַרבעט און מלאכה, אין דעם פאַל איז ביזאַנטיע ווידער דורכגעפאלן. דער כאַזאַרישער קעניג אהרן האָט געדונגען געגן די אלאַנער טערקן, גוזן, און צוזאַמען מיט זיי צושמעטערט די אלאַנער מיליטער און דעם קעניג פון די אַלאַנער גענומען געפאַנגען.

דער כאַזארישער קעניג האָט ניט געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם אַלאַנישן קעניג אין א שטענדיגן פיינט און האָט אויסגענוצט זיין געפאַנגענשאַפט צו אַ פאַרבינדונג מיט דעם אַלאַנישן קעניג. ער האָט אים אָפּגעגעבן א סך כבוד. חתונה מאַכענדיג זיין זון יוסף צו דער טאָכטער פון אלאַנישער קעניג. דער רע־זולטאַט פון דעם זיג פון די כאַזאַרן איז געווען דאָס אַרויסטרייבן פון אלאַניע פון דעם ביסקאָפּ מיט די גלחים. לויט דעם וואָס עס שרייבט מאַסודי, האָבן די אַלאַנישע קניאַזן, וואָס האָבן געגלויבט אין קריסטענטום דעם קריסטענ־טום פאַרוואָרפן.

דאָס איז פאָרגעקומען אין די יאָרן פון 992 ארום דער צייט ווען דער רו־סישער קניאַז וולאַדימיר האָט אָנגענומען דעם קריסטלעך ביזאַנטישן גלויבן. די אלאַנער וואָס זיינען פאַר יאָרהונדערטער געווען די פאַרבינדעטע פון די כאַזאַרן זיינען פאַרשוואונדן און אראָפּ פון דער וועלט ארענע אין דער צייט פון דעם אָנפאַל פון די מאָנגאָלן אין 13טן יאָרהונדערט.

דער אונטערגאַנג פון דער
כאַזאַרישׁ אידעשער מלוכה

דער אונטערגאַנג פון דער כאַזאַרישער אימפעריע

לויט געשיכטע כראָניקער פון יענער צייט

אין דער מיטן פון צענטן יאָרהונדערט איז לויט די שריפטן פון איסטארכי 932, מאסודי 943 און דער כאַזאַרישער קאָרעספּאָנדענץ פון דעם קעניג יוסף און דעם אנאָנים, האָט זיך די כאַזאַרישע אימפעריע געפונען אין אַ בליענדן צושטאנד, לויט דעם קעמברידזשער דאָקומענט פון דעם אַנאָנים ,האָבן די כאַזאַרן אין יענעם פעריאָד געוואונען גרויסע מיליטערישע זיגן ספעציעל קעגן די ביזאנטיער. אין דער אייגענער צייט האָט זיך אַן ערנסטער געפאַר אָנגעהייבן אנטוויקלען געגן זייער אימפעריע אין דער קאָנסאָלידירונג פון די כוחות פון די רוסן.

ווען האָבן זיך אָנגעהייבן די אָנפאַלן פון די רוסן קעגן די כאַזאַרן דורך דער וואָלגא קען מען אויף ריכטיג ניט זאָגן. לויט די רוסישע היסטאָריקער ווערנאדסקי און ארטמאָנאָוו, זיינען די רוסן נאָך פון די אמאָליגע צייטן געווען אונטער דעם איינפלוס פון די כאַזאַרן, איבן רוסטא דערציילט, ווען אַ רוסישן כאגאַן, מאַרקווארט א לאטייניִשער היסטאָריקער דערציילט אַז אין יאָר 839 איז געקומען אַלס אַן אמבאסאדאָר צו דעם ביזאנטישן אימפעראטאָר אַ רוסישער כאקאנוס, (מוז זיין א כאַגאַן) לויט מאַרקווארט איז דאָס געווען א טיטול געבאָרגט פון דעם כאַזארישן כאַגאַן. לויט איבן פאַדלאַן 922, האָט דער רוסישער קעניג ווי דער כאַזאַרישער כאַגאַן געהאט לייטענאנטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער ארמיי, געמאכט מלחמות און האָבן פאָרגעשטעלט דעם קעניג צו זיין פאָלק, זעקי וואלידי זאָגט. אַז דעם אמט פון לייטענאנט (שני למלך) האָבן די רוסן גענומען פון די כאַזאַרן. עס זעט אויס אַז איבן פאַדלאַן האָט אויך גע־הערט פון רוסישע וואָיעוואָדעס.

ארום דעם 9טן יאָרהונדערט זיינען די רוסן שיין געווען גענוג שטארק צו אָקופירן א טייל פון דער כאַזאַרישער מלוכה אין מערב אריינרעכענענדיג דער שטאָט קיעוו. אַרום דעם יאָר 878 הייבן מיר אָן צו הערן פון רוסישע עקספעדיציעס אין דער נידער פון דער וואָלגא. אין דער צייט פון „סאאיד האַסאַן איבן זאאיד" דער הערשער פון טאבאריסטאַן, צווישן די יאָרן 864—884 האָבן די רוסן געגרייכט דעם קאַספישן ים און געמאכט אַן אַטאַקע אויף אבס־קון, אין דעם מזרחדיגן זייט פון קאַספישן ים. אין דעם יאָר פון 910 האָבן זייערע שיפן זיך באַוויזן אַרום אַבאַסקון און צורויבט אלע ישובים וואָס האָבן זיך געפונען ארום דעם קאַספישן ים הארגענענדיג אָדער נעמענדיג געפאַנגען אַלע מאכמעדאנער.

די אָנוועזענהייט פון די רוסישע שיפן אין דעם קאַספּישן ים האָט געמוזט קומען דורך דער וואָלגאַ, ווייל די וואָלגא וועגן, זיינען געווען אָפן פאַר די רוסישע שיפן וועלכע האָבן געדארפט דורכשווימען כאַזאַריע און האָבן דערפאר געצאָלט אן אָפּצאָל, די ווערדע פון אַ צענטל פון זייערע סחורות. דאָס באשטעטיגט קורדאדבהין אין דעם יאָר 840. די רוסישע שיפן וועלכע האָבן זיך געפונען אין קאַספּישן ים פלעגן קומען דורך דער וואָלגא מיט דער דערלויבעניש פון דער כאַזאַרישער מלוכה.

די לאַגע האָט זיך אָבער געענדערט. נאָך דער צווייטער אַטאַקע פון די רוסן אויף אבאסקון, האָבן די רוסן געבעטן די כאַזאַרן, זיי זאָלען ערלויבן דעם רוסישן פלאָט צו נוצן דעם וואָלגא וואַסער וועג, דערביי האָבן זיי פאָרגעשלאָגן די רוסן אַז נאָכדעם ווי זיי וועלן פירן מלחמה מיט די איינוואוינער אַרום דעם קאַספּישן ים און זיי איינגעמען וועלן זיי זיך צוטיילן מיט דעם רויב גלייך אויף גלייך. די כאַזאַרן האָבן זיי ערלויבט. עס איז ניט פאַרשטענדלאָך, פאַרוואָס די כאַזאַרן האָבן זיי ערלויבט דורכגיין מיט זייערע שיפן און אַריינדרינגען אין דער האַרץ פון זייער לאַנד, ווען זיי זיינען געווען גענוג שטאַרק אָפּצושטעלן זייער אָנגריף, מעגלאַך אַז די כאזארישע בעאמטע, וואָס האָבן ניט געפילט קיין צו גרויסע ליבשאַפט צו די מאכמעדאנער זיינען געווען צופרידן וואָס ניט דאַרפענדיג טאָן עפּעס אַליין וועלן זיי קריגן איבער זייערע שונאים אַן אויבערהערשאפט. אָבער דער באַשלוס פון די כאַזאַרישע בעאמטע זיי דורכצולאָזן און אריינדרינגען אין דער האַרץ פון זייער לאַנד האָט געשאַפן אַ געפערלאַכן פרעצעדענט.

די רוסן האָבן באַפאַלן און באַרויבט (יאָר 913) אַ צאָל ערטער אַרום דעם קאַספּישן ים, און געגרייכט אַזוי ווייט ווי ארדאַביל און אזערביידזאשן דריי טעג אין לאַנד. לויט מאסודי זיינען די רוסן אַוועק און געקומען צוריק אין יאָר 943. די עקספּעדיציע אין 943 איז געווען אַ גרעסערע, ווי די פריערדיגע עקספּעדיציעס. די רוסן האָבן פאַרכאפּט דר שטאָט באַרדהאס און זי געהאלטן מער פון אַ יאָר. איבן־אַל־אטהיר שרייבט : דאָס וואָס ער האָט געהערט פון עדות, וואָס זיינען בייגעווען, ווען די רוסן האָבן פאַרכאפּט בארדהאס. אַז אויף די רוסן איז געקומען אַן עפּידעמיע און זיי זיינען אַומגעקומען ניט נאָר פון די הענט פון די כאַזאַרן נאָר אויך פון דער עפּידעמיע. מאדזשאגאן־איבן־מור־באמעד דער הערשער פון אדזשערביידזשאַן, האָט די וואָס זיינען איבערגעבליבן פאַרטריבן צו זייערע שיפן. לויט יאקוט האָבן די פרומע מאכמעדאנער דערין געזען א שטראָף פון גאָט אויף די רוסן. עס איז אָבער געקומען א צייט, ווען די אויטאָריטעטן פון דער כאַזאַרישער הויפּט שטאָט איטיל האָבן ניט ערלויבט קיין דורכגאַנג פון די שיפן פון פרעמדע דורך זייער לאַנד.

אין דער קורצער ווערסיע וואָס דער קעניג יוסף שרייבט : ווערט גע־

שרייבן „איך וואוין אויף אַן אינזל, אין דעם טייך „איטיל״ און ערלויב ניט די רוסן, וואָס קומען מיט שיפן דורכצוגיין און קומען צו די אַראַבישע לענדער, איך ערלויב אויך ניט זייערע שונאים צו דורכגיין מיין לאַנד צו אָנפאַלן אויף זייערע לענדער, איך פיר מיט זיי שווערע מלחמות, ווען איך וואָלט זיי ערלויבט, וואָלטן זיי פאַרניכטעט אַלע לענדער פון די אַראַבער ביז אַזוי ווייט ווי באַגדאַד, אין דער לאַנגער ווערסיע זאָגט ער וועגן דערויף מער. ווייס און פאַרשטיי זאָגט ער: דאָס איך וואוין ביי דעם פלוס פון אַ טייך, מיט דער הילף פון אַלמעכטיגן היט איך דעם טייך און דעם פלוס פון דעם טייך און ערלויב ניט די רוסן וועלכע קומען מיט שיפן, זיי זאָלן גיין קעגן די אַראַבער. יעדן שונא פון די אַראַבער באַקעמף איך. און האַלט מיט זיי מלחמה, ווען איך וואָלט זיי ערלויבט פאַר איין שטונדע, וואָלטן זיי פאַרניכטעט אַלע לענדער פון די אַראַבער, ביז אַזוי ווייט ווי באַגדאַד און די לענדער פון אַרום. פון דאָס קען מען זען, אַז אין דעם יאָר 960 האָט דער כאַגאַן ניט דערלאָזן אַז די רוסן, מיט זייערע שיפן זאָלן שווימען מיט דער נידער פון דער וואָלגאַ.

די רוסן שטרעבענדיג צו נעמען נקמה פאַר זייערע פריערדיגע מפּלות האָבן זיך געריסן מיט זייערע שיפן צו דער נידער פון דער וואָלגא וואו זיי האָבן דורכגעשוואומען דער האַרץ פון כאַזאַריע. דורכשווימענדיג דער האַרץ פון כאַזאַריע האָבן זיי געקריגן אַ באַגריף פון דער שטאַרקייט פון די כאַזאַרישע באַפעסטיגונגען און דעם כאַזאַרישן פאָלק. די כאַזאַרן פון זייער זייט האָבן באַשלאָסן צו פאַרמאַכן דעם טייך נאָך דעם יאָר 943 און אָפּשטעלן די רייזעס פון דעם רוסישן פלאָט. אַלס א קאָנסעקווענץ פון זייער באַשלוס איז געקומען דער לעצטער גרויסער אָנפאַל פון די רוסן אויף כאַזאַריע מיט 50 יאָר שפּעטער.

לויט דער רוסישער כראָניק. האָט סוויאַטאָסלאָוו דער קניאַז פון קיעווער רוס אין דעם יאָר 965 באַזיגט די כאַזאַרן אונטער דער פירערשאַפט פון זייער כאַגאַן און איינגענומען דער שטאָט „ביעלא וויעזשא״. די רוסישע כראָניק דערציילט אַזוי אַז נאָכדעם ווי עס זיינען איינגענומען געוואָרן די אַס און קאַסאָגא האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין קיעוו. „ביעלא וויעזשא״ מיינט אין אַלט רוסיש „ווייסע פעסטונג״. מאַרקיוואַרט פאַרטייטשט דאָס אַלס „ווייסער געצעלט״. „ביעלא וויעזשא״ ווערט אויך אידענטיפיצירט מיט „סאַרקעל״. די גריכישע ווערטער אַספּראָן „אַספּראָן האָספּיטיאָן האָבן אויך דעם אייגענעם מיינונג. אין אַן אַנדער אָרט זאָגט מאַרקיוואַרט אַז „ביאַלא״ די ווייסע האָבן די אַראַבער גערופן דער כאַזאַרישער הויפּט שטאָט. דאָס מיינט אַז די אַראַבער האָבן אַטאַקירט און איינגענומען דער כאַזאַרישער הויפּט שטאָט וועלכע האָט זיך געפונען אויף אַן אינזל אויף דער וואָלגאַ, און האָט געדאַרפט אַטאַקירט ווערן מיט א פלאָט פון שיפן, אָבער דער כראָניקער וואָס דערציילט וועגן דעם אָנפאַל פון די רוסן אויף די כאַזאַרן דערמאָנט ניט אַז דער אָנפאַל

איז געווען מיט שיפן וועלכע סוויאַטאָסלאַוו זאָל האָבן גענוצט אין זיין אָנפאַל אויף די כאַזאַרן אין דעם יאָר 964. עס זיינען דאָ נאָך באַווייזן אַז אַרום יענער צייט איז איטיל איינגענומען געוואָרן פון די רוסן. עס לייגט זיך ניט אויף דעם שכל אַז נאָר די דאָן פעסטונג סאַרקעל זאָל איינגענומען און ווערן דערמאָנט ביי כראָניקער און די אַנדערע פעסטונגען זאָלן ניט דערמאָנט ווערן. דאָס באַווייזט אַז ביעלאַ וויעזשאַ איז ניט געווען סאַרקעל נאָר „איטיל“, וועגן דערויף אַז די רוסן האָבן פאַרניכטעט איטיל איז ניטאָ קיין ספק. האַאוקאַל אין נאָמען פון איסטאַכרי דערציילט אין מער פון איין אָרט, אַז איטיל איז פאַרניכטעט געוואָרן ביי די רוסן אָנגעבענדיג דער דאַטע 968—969. ריידענדיג וועגן דער שטאָט פון בולגאַר אויף דער וואָלגא זאָגט ער: אַז די שטאָט איז געווען באַוואוסט פאַר אַ האַנדלס צענטער פאַר די אַרומיגע לענדער. די רוסן האָבן איר פאַרברענט אין דעם יאָר 968 פאַרניכטענדיג צוגלייך כאַזאַראַן, סעמענדער און אטיל. אין אַן אַנדער אָרט רעדענדיג וועגן דעם האַנדל מיט פוטער, זאָגט ער: אַז דער האַנדל איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אין דעם יאָר 358 לויט דער מאַכמעדאַנישער רעכענונג), 968 (לויט דער נייער צייט רעכענונג. ווייל די רוסן האָבן פאַרניכטעט בולגאַר און כאַזאַראַן, אין אַ דריטן אָרט ברייגנגט ער אַן אויסצוג פון האוקאַל. אין דעם אויסצוג ווערט דערציילט: אַז אין סעמענדער האָבן זיך געפונען אַ סך גערטנער און 4 טויזנט ווייגגערטנער. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף זיי אין דזשוראַן אין דעם יאָר (358)—968. אַ מאַן וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון דאָרטן האָט מיר דערציילט אַז עס איז ניט איבערגעבליבן קיין כזית פאַר די אָרעמע און אין די ווייגגערטנער אָדער גערטנער איז ניט איבערגעבליבן קיין בלעטל אויף די צווייגן, די רוסן זיינען איבער זיי באַפאַלן און ניט איבערגעלאָזן קיין טרויב פאַר אַ ראָזשינקע. מאַכמעדאַנער און פעלקער פון אַנדערע גלויבנס האָבן דאָרטן געוואוינט און זיי זיינען אַלע צולאָפן איבערלאָזענדיג די רייכקייט פון זייער לאַנד אויף הפקר, עס וועט נעמען דריי יאָר פון פרידלעכע ארבעט ביז עס וועט ווערן צוריק ווי עס איז געווען.

זעקי וואַלידי זוכט צו געפינען אין דער כראָניק אַ באַשטעטיגונג אַז דער רוסישער אָנפאַל איז געווען אין דעם יאָר 965, ווי די רוסישע כראָניק גיט אָן וועגן די אָס און קאַסאָגאַס, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער רוסישער כראָניק, אַז זיי זיינען איינגענומען געוואָרן. ביי סוויאַטאָסלאַוון, נאָכדעם ווי ער האָט איינגענומען „ביעלא וויעזשא“, זיינען דאָס געווען אַלאַנס פון קאַווקאַז און זיינען געווען אונטערטאַנען צו די כאַזאַרן. מאַרקיוואַרט זאָגט: אַז דער אָנפאַל פון סוויאַטאָסלאַוו אויף כאַזאַריע האָט געמיינט נאָר אויף דער פעסטונג פון סאַרקעל און אַז דער חורבן פון כאַזאַריע וועגן וועלכער עס שרייבט איבן-ההוקאַל איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 968 און ניט ביי די

קיעווער רוסן וועלכע זיינען געווען אונטערגעוואָרפן צו סוויאַטאָסלאַוון, נאָר ביי אַנדערע רוסן, וועלכע די רוסישע כראָניק דערמאָנט ניט, אַזוי אַז עס איז מעגלאַך אַז סארקעל איז פאַרנומען געוואָרן ביי די רוסן אין דעם יאָהר 965 און כאַזאַריע איז חרוב געוואָרן אין 968. איבן־מוסקאַוויא אין 1030 באַריכטעט אין זיין געשיכטע אַז אין יאָר 965 האָט א באנדע פון טערקישער אָפּשטאַמונג באַפאַלן די כאַזאַרן. די כאַזאַרן האָבן געבעטן הילף ביי דעם פאָלק פון כאוואַריזם, זיי זיינען צום ערשטן מאָל אָפּגעזאָגט געוואָרן, ווייל זיי זיינען געווען אידן. מען האָט זיי געזאָגט, אַז אייב זיי ווילן קריגן הילף, דאַרפן זיי אָננעמען דעם מאַכמעדאַנער גלויבן. די כאַזאַרן האָבן דערצו איינגעשטימט און אַלע חוץ דעם קעניג האָבן אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנער גלויבן, וואר זיינען געווען די כאַריזמען זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען. מארקווארט דענקט אַז דאָס איז געווען אַ פאָלק וועלכער איז געווען א שכן פון די כאַזאַרן. זעקי וואַלידי זאָגט ,אַז די פאַריזמען, זיינע געווען די איינוואוינער פון כאָרעזם אָבער אַלע היסטאָרישע פאָרשער שטימען איין אַז די אָפּשטאַמיגע פון די טערקן וואָס וועגן זיי האָט געשריבן איבן־מוסקאַוויא זיינען געווען די רוסן.

איבן האוקאַל, ווען ער רעדט פון יענער צייט זאָגט: ווען די כאַזאַרן פון איטיל זיינען אנטלאָפן פון די רוסן, זיינען אַ טייל פון זיי אַוועק צו דעם אינזל סיאה־קור אויף דעם מזרחדיגן ברעג פון קאַספּישן ים און אַנדערע זיינען אַוועק צו דרום צו איינעם פון די אינזלען ביי דעם נאפטא ברעג, וואו די רוסן האָבן זיך אויפגעהאלטן אין יאָר 931 געגן דעם שירוואַן שאַך. נאָך דעם אָנגריף פון די רוסן אין דעם יאָר 965 האָט דער לעבן געבליבענער כאַזאַרישער אָנפירער זיך פאַרבונדן מיט א שפּעטערדיגן שירוואן שאך און געקריגן זיין אונטערשטיצונג ווייל איבן־ההוקאל זאָגט דאָרטן ווייטער אין דער איצטיגער צייט ארום דעם יאָר (977) איז פון די בולגאַרן, בורטאָס און די כאַזאַרן גאָרניט געבליבן א חוץ עטלעכע חורבות, וועלכע זיי האָבן פאַרניכטעט. די רוסן האָבן פאַרכאַפּט אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט פאַרנעמען, מען האָט מיר דערציילט שרייבט איבן־ההאוקאל אַז א סך כאַזאַרן האָבן זיך צוריקגעקערט קיין איטיל און כאַזאראן מיט דער שטיצע פון מוכאַמעד־איבן־אכמעד־אל־אַזדי, דער שירוואן שאך וועלכער האָט זיי געהאָלפן מיט זיין ארמיי און זיין פאָלק, זיי האָפן צו מאכן מיט זיי אַן אָפּמאַך און זיין אונטער זייער שוץ אין די טיילן פון דער וועלט וואו זיי וועלן באַשטימען. איז די הילף פון שירוואַן שאך געווען פאַרבונדן אויך מיט אַן אָפּמאַך אַז די כאַזאַרן זאָלן ווערן מאַכמעדאַנער, מעגלאַך אַז די באַדינגונגען אין וועלכע די כאַזאַרן האָבן זיך געפונען זיינען געווען אַזוי שלעכט, אַז זיי האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן צו אַלע באַדינגונגען. מוקאַדאַסי באַריכטעט אַז ער האָט געהערט אַז דער כאַליף מאַמון האָט באַפאַלן די כאַזאַרן פון דזשורדשאַן און איינגענעמענדיג האָט ער זיי באַצוואונגען צו דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. עס זיינען

דאָ נאָך באַווייזן וועגן די כאַזאַרן אַז זיי זיינען געוואָרען מאַכמעדאַנער פון כוואַריזם. באַרטאָלד לייקענט אָפּ די געשיכטע פון מוקאַדאַסי. ער זאָגט אַז די געשיכטע איז ניט פאָרגעקומען אין 9טן יאָרהונדערט און ניט אין דער צייט פון כאַליף מאַמון, נאָר צו דער צייט פון מאַמון־איבן־מוכאַמעד דער ערשטער הערשער פון דזשורדזשאַן און שפּעטער דער הערשער פון כוואַריזם אַרום דעם יאָר 995. אַ פאַרבינדונג פון כוואַריזם מיט דער געשיכטע פון די כאַזאַרן איז באַשטעטיגט ביי מוקאַדאַסי, וועלכער דערציילט אַז די כאַזאַרישע שטעט זיינען פאַרנומען ביי די הערשער פון דזשורדזשאַן.

זיינען די כאַזאַרן געקומען צו זיך און זיך צוריקגעקערט צו זייער הויפּט שטאָט נאָך דעם אָנפאַל פון די רוסן און דער פאַרניכטונג פון זייער הויפּט שטאָט ? איז ניט קלאָר נאָר דאָס איז זיכער אַז נאָך דעם אָנפאַל פון די רוסן אויף איטיל, האָט כאַזאַריע אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה אויף דער וואָלגאַ, ווי האָט אויסגעזען כאַזאַריע נאָך דעם רוסישן פּאָגראָם איז פאַרשידן. ביי די אַראַבישע היסטאָריקער : איבן רוסטא איבן פאַדלאַן, מאַסודי, איסטאַרכי און איבן ההוקאַל און אויך אַלע איבעריגע אַראַבישע געשיכטע שרייבער באַשטעטיגן דעם אונטערגאַנג פון כאַזאַריע אלס דעם אונטערגאַנג פון א אידעשער מלוכה.

די כאַזאַרישע מלוכה האָט ניט געקענט איבערלעבן די אַטאַקע און דעם אָנפאַל פון די רוסן. לויט באַרטאָלדי האָט סוויאַטאָסלאַוו נאָך דעם נצחון איבער די כאַזאַרן פאַרלאָזן דער וואָלגא זיך צו פאַראייניגן מיט די ביזאַנטיער קעגן די דונאַי בולגאַרן. לויט איבן ההוקאַל און מוקאַדאַסי קומט אויס אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּף צו אויסבויען צוריק דער כאַזאַרישער הויפּט שטאָט, אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט זיך דאָס ניט איינגעגעבן. לויט באַשרייבונגען פון בירוני אין יאָר 1048 איז איטיל געלעגן אין חורבות און סאַראַגסין האָט איבערגענומען אירע פונקציעס. סאַראַגסין האָט זיך ווי עס זעט אויס געפונען אויף ניט קיין ווייטער שטרעקע פון איטיל. סאַראַגסין האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין דעם 12טן יאָרהונדערט איבן־האַמיר האָט אַדאַלוזי דערציילט וועגן איר אין אַ פאַרבינדונג מיט כוואַריזם. ער דערציילט אַז סאַראַגסין געפינט זיך 40 טעג ווייט פון איטיל. סאַראַגסין ווערט אויך דערמאָנט ביי קוואַיזני און אַכמעד־אַל־טוסי וועלכער האָט געלעבט אין 12טן יאָרהונדערט. לויט קוואַיסני איז סאַראַגסין אַ גרויס באַפעלקערטע שטאָט גרעסער פון כאַזאַראַן און באַזעצט פון 40 שבטים פון גוז. אַכמעד־אַל־טוסי ווען ער רעדט פון סאַראַגסין זאָגט : אַז סאַראַגסין איז א גרויסע שטאָט ביי דער וואָלגאַ און קיין שטאָט אין טורקעסטאַן קען זיך פאַרגלייכן מיט איר. סאַראַגסין פיגורירט אין דער געשיכטע פון דעם אָנפאַל פון די מאָנגאָלן, זיינען אין סאַראַגסין געוועזן אידן איז ניט באַקאַנט.

וועגן דערויף האָט דער אָנפאַל פון סוויאטאָלאוו אין 965 אָדער 969 חרוב געמאכט אינגאנצן כאַזאַריע און זי האָט שוין שפּעטער מער ניט עקזיסטירט. זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען. עס זיינען דאָ מיינונגען פון קוניק האַוואַרט, מארקוואַרט און פּאָליאַק, אַז די כאַזאַרישע מלוכה איז ניט אונטערגעגאנגען אין דעם 10טן יאָרהונדערט. די באַווייזן אַז די כאַזאַרן האָבן זיך אומגעקערט צו די ערטער וואו זיי האָבן געוואוינט נאָכדעם ווי סוויאטאָסלאוו האָט גע־מאכט אויף זיי דעם אָנפאַל זיינען ניט אין קאָנפליקט מיט דער מיינונג אַז די כאַזאַרן האָבן זיך אומגעקערט צוריק נאָך דעם אָנפאַל און אונטערגעגאנגען אינגאנצן אין דעם 13טן יאָרהונדערט אין דער צייט פון דעם אָנפאַל פון די מאָנגאָלן אונטער דער פירערשאַפט פון טשינגיז כאַן. פּאָליאַק אין זיין בוך „כוזריה״ שטיצט זיך אינגאנצן אויף דער מיינונג, אַז כוזריה איז אונטערגע־גאנגען אין די צייטן פון טשינגיז כאַן. די רוסישע כראָניק דערציילט, אַז אין דעם יאָר 986 האָבן אידן פון כאַזאַריע זיך געמאָלדן צו דעם קניאז וולאדימיר אין קיעוו און פאָרגעלייגט אים ער זאָל אָננעמען דעם אידעשן גלויבן. דער כראָניקער דערציילט: אַז ווען וולאַדימיר איז געוואָרן אויס גע־צענדיגנער און געוואָלט אָננעמען א מאָנאָטעאיסטישן גלויבן, (א גלויבן אין איין גאָט) זיינען געקומען צו וולאדימירן און פאָרגעשלאָגן זייער גלויבן קאַטאָליקן, גריכן, מאכמעדאנער, און כאַזאַרן. דערביי איז פאָרגעקומען אַ וויכוח, עס איז דאָ א מיינונג ביי אַ סך היסטאָריקער אַז די גאנצע געשיכטע איז ניט קיין אמתע. עס זיינען אויך דאָ מיינונגען אַז די געשיכטע איז יאָ אַן אמתע.

לויט גרעצן איז די געשיכטע אַן אמתע און אַז די אידעשע מיסיאָנערן וועלכע זיינען געקומען אים פאָרלייגען זייער רעליגיע זיינען געקומען פון קרים וואו די איבערגעבליבענע פון דעם אָנפאַל פון סוויאטאָסלאוו אין 965 האָבן זיך אָרגאַניזירט אונטער א כאַגאַן מיט באָספּאָרוס קערטש אַלס דער הויפּט שטאָט. מיט זיין טעאָריע שטיצט זיך גרעץ אויף אַ דאָקומענט פון דעם יאָר 986, אין דעם דאָקומענט ווערט דערציילט, אַז אין דעם יאָר 986 זיינען געקומען שלוחים פון דעם קניאז פון די רוסן פון דער שטאָט קיעוו צו אונזער האַר דוד דער לעצטער פון די כאַזאַרן, וואָס האָט זיך געפונען אין טאמאטאר־קאַן (טאמאן קרים) צו מאַכן פאָרשונגען וועגן רעליגיעזע זאַכן. דאָס איז פאָר־געקומען אין דעם אייגענעם יאָר, ווען לויט דער רוסישער כראָניק זיינען די כאזארישע שלוחים געקומען קיין קיעוו צו נעמען אַן אנטייל אין דעם וויכוח פאַר וולאדימירן. דער דאָקומענט איז דורכגעגאַנגען דורך די הענט פון פער־קאָוויטשן וועלכן מען האָט חושד געווען אין פעלשונגען און עס ווארפט א חשד אויף דער אמתדיגקייט פון דאָקומענט, וואָס דערציילט וועגן דעם כאַגאַן

דוד און וועגן אַ אידעשער מלוכה אין קרים, וועגן וועלכער עס איז אין ערגעץ ניטאָ קיין באשטעטיגונג.

אַז די כאַזאַרן אין כאזאריע האָבן עקזיסטירט נאָך דעם אָנפאַל פון סוויאַטאָסלאוו אין יאָר 965, ווערט דערציילט פון א ביזאנטישן שרייבער קעדרין. דער ביזאנטישער שרייבער קעדרין שרייבט: אַז אין יאָר 1016 איז קיין כאזאריע געשיקט געוואָרן אַ ביזאנטישער פלאָט און מיט דער הילף פון ספענגאָ דער ברודער פון רוסישן גרויסן קניאז וולאַדימיר זיינען די שונאים פון דער ביזאנטישער אימפעריע צוקלאפּט געוואָרן און זייער פירער געאָרגיע צילאָ געטויטעט געוואָרן. אַ סך געשיכטע שרייבער דענעקן אַז דאָ האנדעלט זיך, וועגן דער לעצטער פאַרניכטונג פון דער כאַזאַרישער מלוכה פון פאַראייניגטע כוחות פון רוסן און ביזאנטיער. אַנדערע היסטאָריקער דענקען אַז דאָ האנדלט זיך וועגן דערשטיקן אַן אויפשטאנד, וואו דער אָנפירער פון אויפשטאנד געאָרגיא צילאָ איז געווען דער פירער און סטראטיג פון כערסאָן. דאָס זעט מען פון אַ געפינס פון א בלייענעם (סטעמפל) אין כערסאָן, אויף דעם סטעמפל איז אויסגעגראַווירט, אַז ער באַלאַנגט צו דעם קעניגליכן פראָטאָספאַפאר און סטראטיג געאָרגיא צילאָ. עס זעט אויס אַז דער פירער פון די כאַזאַרן געאָרגי צילא און דער פירער פון אויפשטאנד איז דער איינענער פערזאָן און אין קעדרינס שריפט האנדלט זיך ניט אין א מלחמה מיט דער באַזאַרישער מלוכה נאָר אין אונטערדריקן אַן אויפשטאנד געגן דער ביזאנטישער אימפעריע פון די כאַזאַרן און וועלכע די ביזאנטיער האָבן אַליין ניט געקענט דערשטיקן נאָר זיך געמוזט ווענדן נאָך הילף צו די רוסן וואָס האָבן שיין אין יענער צייט געהערשט אויף דעם דאָן און דעם קרימער האַלבאינזל. אין דעם קריסטלעכן נאָמען געאָרגיא צילאָ איז לייכט צו דערקענען איינעם, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ אריסטאָקראטישער כאַזאַרישער אָדער בולגאַרישער פאַמיליע און וועלכער האָט זיך געפונען אין דינסט פון ביזאנטיע און האָט געקריגן אַ הויכן אמט אַלס פּראָטאָספאַפאַר און פאַרוואלטער פון די ביזאנטישע אייגענטימער אין קרים, וואו פון לאַנג האָבן געוואוינט קריסטלעכע כאַזאַרן און בולגאַרן און וואו דער אָרט וואו זיי האָבן געוואוינט האָט זיך גערופן כאַזאַריע. ווער איז געווען ספענגאָ איז ניט באקאנט. די רוסישע כראָניק דערציילט ניט פון אַ קניאז מיט אזאַ נאָמען, עס ענשטייט אַ פראגע קעגן וועלכע כאַזאַרן איז דאָס געשיקט געוואָרן די עקספּעדיציע. לויט גרעץ איז די עקספּעדיציע געשיקט געוואָרן קעגן אַ כאַזאַרישער פּראָווינץ אין קרים. לויט אַנדערע אין די געמישטע אַטאַקע פון די גריכן און די רוסן געמאכט געוואָרן אין דעם יאָר 1016 געגן די ברעגעס פון דעם אזאָוו ים.

די כאַזאַרן ווערן אויך דערמאָנט אין דער רוסישער כראָניקע, אין דעם יאָר 1023, ווען מסטיסלאוו האָט אַרויסגעטראָטן געגן זיין ברודער יאראָסלאוו און

געמאַרשירט געגן אים מיט דער הילף פון כאַזאַרן און קאַסאָגן. מעגלאַך אַז דאָס זיינען געווען די כאַזאַרן פון דער פּראָווינץ טאַמאַטאַרקאַן וואָס ווערט דערמאָנט ביי קעדרין. עס איז אויך דאָ אַ שריפט פון איבן־אַל־טאַהיר פון דעם יאָר 1030 אין וועלכער ער דערציילט, וועגן אַן אָנפאַל פון פּאַדלאַן דעם קורד וואָס האָט זיך אומגעקערט א היים, זיינען אים אויף דעם וועג באַפאַלן די כאַזאַרן פלוצלונג און אויסגעהרגעט 10 טויזנט פון זיינע סאָלדאַטן, און ביי אים צוגע־נומען די רויב, וואָס פּאַדלאַן דער קורד האָט ביי זיי צוגערויבט און אויך זייערע מאַכמעדאַנישע רעליגיעזע כלים.

לויט דער רוסישער כראָניקע האָט אין יאָר 1078 אָלעג דער אייניקל פון יאַראָסלאַוו זיך געפונען אין טאַמאַרקאַטאַן און אין דעם נעקסטן יאָר 1079 גענומען געוואָרן געפאַנגען ביי די כאַזאַרן און אַוועקגעפירט געוואָרן אויף דעם ים קיין קאָנסטאַנטינאָפּל, ווי עס זעט אויס האָבן די ביזאַנטיער נאָך אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1079 געפירט זייערע אינטריגעס צווישן די כאַזאַרן און די רוסן. (אין דער אייגענער צייט איז דער ברודער פון אָלעג רדמאַן געטויטעט געוואָרן, ביי די פּאָלאָווצעס).

אין דעם יאָר 1083 האָט זיך אָלעג אומגעקערט פון ביזאַנטיע און גענומען נקמה פון די כאַזאַרן פאַר זיין ברודער ווייל זיי האָבן געהייסן די פּאָלאָווצעס אים טויטן. אין 1106 האָט אַן אָנפאַל פון פּאָלאָווצעס אָנגעפירט ביי איוואַן דעם כאַזאַר אָפּגעטריבן געוואָרן פון די רוסן. דערפון זעט מען, אַז די כאַזאַרן האָבן עקזיסטירט א סך שפּעטער נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון דעם יאָר 965 און אַז נאָכדעם ווי די כאַזאַרן האָבן פאַרלאָרן, דער וואָלגע און אַרום דער וואָלגע האָבן זיי זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אין פאַרלויף פון עטלעכע הונדערט יאָר אין קאַווקאַז. ביז דעם אָנגריף פון די מאָנגאָלן אין דער שפּיץ פון טשינגיז כאַן.

אין דעם יאָר 1920 האָט „מאַן" א היסטאָריקער און פאָרשער פאַרע־עפנטליכט צוויי דאָקומענטן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין דער גניזה פון קאַהירא. אין איין דאָקומענט האָבן פאַרשייטע פון ישראל פאַרשפּרייט פאַלשע נביאות. זיי האָבן פאַרשפּרייט זייער נביאות אין די בערג פון דער לאַנד וואָס הייסט כאַזאַריע. און אין דעם לאַנד וואָס הייסט כאַזאַריע האָט זיך געפונען אַ איד וועמענס נאָמען עס איז געווען שלמה בן דוגי און דער נאָמען פון זיין זון מנחם, מיט זיי איז געווען א מאַן אפרים בן עזריה פון ירושלים באַקאַנט אונטער דעם נאָמען בן סהלו. זיי האָבן געשריבן בריוו צו אַלע אידן פון נאָענט און פון ווייט צו אַלע לענדער וועלכע האָבן זיך געפונען ארום זיי. אין די בריוו איז געווען, געשריבן אַז עס איז געקומען די צייט ווען גאָט וועט צונויפ־זאַמלען זיין פאָלק ישראל פון אַלע לענדער קיין ירושלים, די הייליגע שטאָט און אַז שלמה בן דוגי איז אליהו הנביא און זיין זון איז משיח. לויט „מאַן"

איז מנחם בן שלמה, אל רוהי אָדער דוד אלרוהי, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין אמיליאה קורדיסטאַן.

דער נאָמען דוד זאָגט „מאן" אין א פסעוודאָנים און באַלאַנגט צו די וועלכע פרעטענדירן אויף דעם טראָן פון ישראל און דער נאָמען אַל רוהי איז פאַרגרייזט פון די אותיות ד־ר־ג־ח אין אַראַביש. לויט דעם דאָקומענט פון דער גניזה, ווייס מען אַז דער מאַן האָט איינגענומען דער פעסטונג על אמאדיה ניט ווייט פון מוצול, ער האָט דאָרטן צונויפגעזאמלט אַ סך אידן פון קורדיסטאַן, אדוביגאַן און פערסיע, דאָרטן האָט מען אים געכאַפּט און געהרגעט. ווען איז דאָס פאָרגעקומען קען מען דערקענען אין דעם נאָמען פון דעם מאַכמעדאנער הערשער אַל־אפדאל. מאַן רעכענט אים צו די פאטימידן וויזיר, וואָס האָט געהערשט אין מצרים אין די יאָרן פון 1094־1121.

א צווייטער גניזה דאָקומענט דערציילט וועגן אַ צווייטער משיח באַוועגונג אין כאַזאַריע אין דעם יאָר 1096. דער טעקסט איז פאַרעפּענטלאכט געוואָרן ביי ניו אאָוער. דער טעקסט דערציילט אַזוי, און אַלע קהלות האָבן זיך אומגעקערט, צו גאָט מיט תפלות און תעניתים און פון דעם געגענט פון כאזאריע זיינען אַרויסגעגאַנגען 17 קהלות צו דעם מדבר פון די אומות. דאָס באווייזט אַז אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט האָבן זיך געפונען משיחיסטישע באַוועגונגען אין און אַרום כאזאַריע. די משיחיסטישע באַוועגונגען ווייזן, אַז צרות האָבן זיך געשאָטן אויף די איינוואוינער פון און אַרום כאָזאריע מעגלאך צוליב די קלימאטישע ענדערונגען לויט גומיליעוו און מעגלאַך פון די אָנפאַלן פון די נאָמאדן ווי די פּאָלאָווצעס און אַנדערע, די אַלע צרות האָבן אַרויסגערופן די משיחיסטישע באַוועגונגען.

נאָך באווייזן אַז אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט האָבן נאָך עקזיסטירט כאַזאַרן זיינען פּאָעמעס וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין פערסיש ביי ניזאמי אין 12טן יאָרהונדערט. די פּאָעמעס ריידן וועגן אַלעקסאנדער דעם גרויסן. אין איין פּאָעמע רעדט זיך וועגן די כאַזאַרן און די רוסן ,אַ צווייטער מיטצייטלער פון ניזאמי קהאהאני, וואָס האָט געלעבט אין 1106—1190 דערמאָנט די רוסן און די כאַזאַרן. אין די כראָניקס פון אַקסאטאן און שירוואן שאך וואָס האָט געלעבט אין 12טן יאָרהונדערט ווערן דערמאָנט די רוסן און די כאַזאַרן אלס באַזיגטע פון דעם שאַך.ביידע פּאָעטן זיינען געווען באקאנט מיט די לאָקאַלע באַדינגונגען אין קאווקאז, געפינענדיג זיך זייער גאַנצן לעבן אין דינסט פון די הערשער אין גאניא (עליזאוועטאָפּאָל) נעבן באקו. אַן אנדער מיטצייטלער פון קהאקאני דערציילט : וועגן די אָנגרייפער פון שירוואַן, וועלכע האָבן אָנגעגריפן דורך קאַווקאז. אין איין אָרט ווערט אויך דערמאָנט די אַלאַנער מיט די כאַזאַרן. ער דערציילט אויך אַז אין די שפּעטערדיגע צייטן האָבן די לאָקאַלע הערשער פון קאַווקאז געהאַט צו טאָן מיט אָנגרייפער פון דרום. אינטערעסאנט

איז אַז אין אַ סך פֿאַלן נאָך דעם יאָר 965, וואו עס ווערן דערמאָנט אָנגריפֿן פֿון פֿעלקער, ווערן דערמאָנט די כאַזאַרןביים נאָמען. אין דער רוסישער כראָניק, ווען עס האנדלט זיך מיט מלחמות פֿון די פֿעלקער פֿון סטעפּ, ווערן די כאַזאַרן מער ניט דערמאָנט. עס ווערן דערמאָנט די פּאָלאָווצעס, קיפּטשאַקס, קומאנס אָבער ניט די כאַזאַרן. דאָס באַווייזט אַז מיט דעם אונטערגאנג פֿון איטיל אין 965-969 זיינען אנטשטאַנען אין די סטעפּעס, די סעלדזשוקן מזרח טיורקותן, טערקן. לויט אלא־איסן האָסול האָט סעלדזשוק דער עפּאָנים פֿון די סעלדזשוק טערקן געהאט א פּערזענלאַכן צוזאמענטרעף מיט דעם קעניג פֿון די כאַזאַרן. לויט דעם היסטאָריקער איבן האַססול וועלכער האָט געשריבן די געשיכטע פֿון דער דינאסטיע פֿון די סעלדזשוקעס איבערגעזעצט ביי זעקי וואלידי. ער שרייבט: אַז וועגן דעם יחוס פֿון סולטאַן זאָל גאָט אים מאכן גרויס און זיג־באר. הייבט זיך ניט אָן זיין יחוס ווי ביי אַנדערע פֿון אַ שקלאַף. צווישן זיינע אורעלטערן איז געווען איינער, וועלכער האָט באזיגט דעם קעניג פֿון די כאַזאַרן מיט זיין שווערד, ער האָט אים געשלאָגן מיט זיין האק, וואָס ער האָט געהאלטן אין זיין האנט, ביז זיין פֿערד איז אומגעפֿאַלן און ער איז אַראָפּגעפֿאלן פֿון זיין פֿערד אויף זיין פּנים. אַזאַ זאך האָט נאָר געקענט געטאָן ווערן פֿון איינעם וואָס אויף אים האָט גערוט דער גייסט פֿון שטערן קאפּעלא און פֿון אים האָט זיך דאָס אָנגעהייבן די אימפּעריע פֿון די סעלדזשוקן

באר היברו שרייבט: וועגן דעם יחוס פֿון מולק נאמא. לויט זיין באַ־שרייבונג איז אין יאָר 1063 טוקהיי געווען איינער פֿון די קאָמאנדירן פֿון דעם כאַזאַרישן כאַגאַן און ווען ער איז געשטאָרבן איז זיין זון סעלדזשוק ערצויגן געוואָרן אין כאַגאַנס הויף. ווען ער איז אונטערגעוואָקסן געוואָרן האָט ער זיך אָנגעהייבן טשעפּען צו די פּרויען אין כאַגאַנס הויף און מען האָט אים געמוזט אוועקשיקן.

עס זיינען דאָ אַ סך באַווייזן אַז די כאַזאַרן האָבן נאָך די יאָרן 965־969 זיך אויסגעמישט מיט די טערקן סעלדזשוקן און געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין די הויפֿן פֿון די סולטאנען.

מיר ברענגען דאָ באַווייזן פֿון עטלעכע קוואַלן וואָס באווייזן אַז די כאַזאַרן האָבן ניט פֿאַרשוואונדן נאָך דעם אָנפֿאַל פֿון סוויאַטאָסלאוו נאָר ווערן דער־מאָנט אין פֿאַרשידענע ערטער שיין נאָכדעם אָנפֿאל. אין דעם 10טן יאָרהונ־דערט האָט דער אונגאַרישער דיוק טאקסאני איינגעלאַדן כאַזאַרן זיך צו באַ־זעצן אין זיינע גיטער. כאַזאַרן זיינען אויך געקומען צו וולאַדימיר מאָנאָמאך ער זאָל זיי באַשיצן פֿון די קומאנס און אויסגעבויט א שטאָט „ביעלא וויעזשא״ נעבן טשערניגאוו נאָך פֿריער זיינען כאַזאַרן און מעגלאך אידן אריינגעלאָזן געוואָרן ביי קניאז סוויאַטאָפּאָלק קיין קיעוו. פֿון די אַלע טעקסטן און באַריכטן קען מען זען אַז דער חורבן און דער סוף פֿון כאזאריע איז ניט פֿאָרגעקומען

אין דעם יאָר 965־969 |נאָך דעם איינגעמען פון איטיל ביי סוויטאָסלאוו נאָר אַ לאַנגע צייט נאָכדעם. אין פאַרלויף פון 300 יאָר האָט נאָך עקזיסטירט כאַזאַרישע קליינע כאגאנאַטן ארום דעם קאספישן ים, קאַווקאַז און אין די סטעפּעס פון עראָאַזיע, אונטערגעגאנגען זיינען די כאַזאַרן פון א נייער כוואַליע פון נאָמאדן די מאָנגאָלן, וועלכע האָבן זיך אראָפּגעלאָזן פון די אוראַלער בערג און פון די גרעניצן פון כינע. און אונטערגעגאנגען זיינען זיי ווי אַ סך קליינע מלוכות פון יענער צייט אַרום קאַווקאַז, ווי כאָרעזם, בוכאַראַ און אַנדערע.

די ריזיגע מחנות פון מאָנגאָלן אָנגעפירט ביי „טשינגיז כאַן” וואָס עס מיינט אין מאָנגאָליש מעכטיגער און באַרימטער הערשער. אין אָנהייב האָט מען זיך ניט געשראָקן פאַר די מאָנגאָלן און ווען זייערע שלוחים מיט סוחרים זיינען געקומען צו דעם קעניג פון כאָרעזם, וואָס האָט דענסטמאָל געהערשט איבער צענטראל אַזיע און אים פאָרגעלייגט צו פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער הערשער טשינגיז כאַן, האָט דער קעניג פון כאָרעזם אין יאָר 1218 געהייסן זיי הרגענען. דאָס האָט געבראַכט צו דעם אויסברוך פון א מלחמה מיט די מאָנגאָלן. וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט דעם איינגעמען און פאַרניכטונג פון כאָרעזם.

די שטעלונג פון די כאַזאַרישע כאגאנאַטן איז אין יענער צייט געווען א נייטראַלע. אין יענער צייט זיינען די כאַזאַרן פון דרום קאַווקאַז געווען אין אַ פאַרבינדונג מיט גרוזיע וועלכע איז געווען אַ קריסטלעכע, און ניט מיט די מוסולמענישע פעלקער. אין דעם יאָר 1089 האָבן די כאַזאַרן געהאָלפן די גרוזינער אראָפּצואווארפן דעם יאָך פון די סולדזשוקן אין די יאָרן 1120־1121. האָבן די כאַזאַרן געהאָלפן די גרוזינער באַזיגן די מאַכמעדאַנישע קורדישע היילות און באפרייט טיפליס. אַזוי אַז זיי זיינען געווען נייטראל, אין דער אייגענער צייט האָבן די קיפטשאטקער אייגוואוינער פון דער מערבדיגער זייט געשיקט זייערע חיילות צו העלפן כאָרעזם. טשינגיז כאַן האָט געגן זיי אַרויסגעשיקט א שטראָף עקספּעדיציע. אין דער שפּיץ פון דער שטראָף עקספּעדיציע זיינען געשטאַנען צוויי באַרימטע מאָנגאָלישע פירער, סובאטאי און געבי. די שטראָף עקספּעדיציע איז אַריבער די קאַווקאַזער בערג אין מערב זייט פון דערעבענט און זיך געלאָזן צו די סטעפּעס פון דאָן. אויף דעם וועג האָבן זיי באַזיגט די אָסן, אבכאזן, קאסאָגן וועלכע האָבן געפּרופט ניט דורכצעלאָזן די מאָנגאָלן דורך זייערע לענדער.

אין ווינטער פון 1220 זיינען די קיפטשאטקער צוקלאפּט געוואָרן ביים דאָן און די וואָס זיינען געבליבן לעבן זיינען אנטלאָפן צו די ברעגעס פון דעם אזאָוו ים קיין קרים און צו דעם דניעפּר.דער קיפּטשאטקער קניאז וואָס איז געלאָפן צום דניעפּר האָט געבעטן הילף ביי די רוסן, אָננעמענדיג דעם קריסטלעכן גלויבן. די חילות פון די רוסישע דרומדיגע קניאזן זיינען אַרויסגעגאנגען

אין יאָר 1223 פון קיעוו אין סטעפּ צוזאַמען מיט די רעשטלאך פון די קיפּטשאטקער. ביי דעם טייך קאלקע, וואָס פאלט אַריין אין קאספּישן ים האָבן די רוסן מיט די קיפּטשאטקער געליטן אַ שרעקלאכע מפּלה און זיינען געיאָגט געוואָרן ביז דעם דניעפּר. זייענדיג ווייט פון זייער צענטער האָבן סאבאטאי און געבע באשלאָסן זיך אומצוקערן צו דעם צענטער. לויט די כראָניקעס פון איבן־אל־אטור, אבן־כאלדאַן און אַ פראַנציסקאנער מאָנאַך פּלאני קאַרפּיני, וועלכע האָבן געדייזט דורך די דרומדיגע רוסישע סטעפּעס אין יאָר 1219, האָבן די כאַזאַרן און די בולגאַרן אטאקירט די מאָנגאָלן און זיי געמאכט צו אָפּטרעטן.

ווען סובאטאי און געבי זיינען געקומען צוריק צו טשינגיז כאן, האָבן זיי אים דערציילט פון זייער רייזע און זייערע זיגן. טשינגיז כאַן האָט געמאכט פאַר זיי אַ גרויסע סעודה. די סעודה ווי כראָניקער דערציילן, איז פאָרגעקומען ביים טייך „אמו דאַריא״. טשינגיז כאַן מיט אַ גרויסע צאָל פון זיינע חילות האָט זיך געלאָזן אין די סטעפּעס. יאקוט שרייבט אַז די מאָנגאָלן נאָך זייער איינגעמען דערעבענט האָבן איינגענומען די לענדער פון די כאַזאַרן, אַלאַנען, רוסן, אויסגעהרגעט די קיפּטשאטקער אין זייערע סטעפּעס און געגרייכט אין אַ יאָר קיין בולגאַריע.

נאָך דעם איינגעמען פון טשינגיז כאן די סטעפּעס, קאַווקאז, די רוסן, פאַרניכטענדיג די פעלקער וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען זיינען אויך פאַרניכטעט געוואָרן די כאַזאַרישע כאגאנאטן, דער איבערבלייבאכץ פון דער כאַזארישער אימפּעריע. אין דעם יאָר 1239 האָט כאַזאַריע שיין ניט געהאט קיין גרעניצן און געווען אַרומגערינגעלט פון די מאָנגאָלן. און דעמאָלט איז געקומען איר סוף. פון יענער צייט און ווייטער זיינען מער קיין באַריכטן פון די כאַזאַרן ניטאָ.

עס זיינען דאָ באשרייבונגען פון 13טן יאָרהונדערט, אַזוי שרייבט א פראַנציסקאנער מאָנאַך אין 1246 וועגן אַן אויטאָנאָמיע פון כאַזאַרן, וואָס געפינט זיך צו דער דרומדיגער זייט פון קומאניע די לאַנד פון די קיפּטשאטקער. עס זיינען דאָ באַשרייבונגען פון דעם 13טן יאָרהונדערט וועגן די כאַזאַרן יאקוט, אל קאזיני דערציילט אַז דער דרומדיגער גרעניץ פון די כאַזאַרן ציט זיך פון דעם צפונדיגן זייט פון דערעבענט און די בערג פון קאַווקאז. עס זיינען דאָ באשרייבונגען פון דעם סורישן געאָגראַף אל־דאָמעסק, וואָס האָט געלעבט אין 14טן יאָרהונדערט, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף די באַריכטן קאָן מען ניט, ווייל פון די באַריכטן קען מען ניט וויסן צי זיינען די געשעענישן, וואָס זיי באַריכטן פאָרגעקומען איידער די מאָנגאָלן האָבן איינגענומען כאַזאַריע אָדער נאָכדעם.

מיט דער אונטערגאַנג פון דער כאַזאַרישער אימפּעריע, האָט א גרויסער טייל פון איר אַריסטאָקראטיע, סוחרים און בעלי מלאכות וועלכע האָבן זיך

געפונען נעבן די ווינטערדיגע הויפּט שטעט פון דער נאָמאדיש כאַזאַרישער מלוכה און וועלכע זיינען ניט געוועזן קיין נאָמאדן נאָר געארבעט פאַר די נאָמאדן אַריבער צו די מאָנגאָלן. אין דעם 14טן און 15טן יאָרהונדערט מיט דעם אונטערגאנג פון דער מאָנגאָלישער גאָלדענער אָרדע זיינען אַ סך פון דער כאַזאַרישער אַריסטאָקראטיע אַריבער צו די רוסן, אַ סך פון זיי האָבן אָנגענומען דעם רוסישן גריכיש קאטולישן גלויבן און זיך אויסגעמישט מיט דער אלטער רוסישער אריסטאָקראטיע. אַזוי אַז מיר האָבן געטראָפן צווישן די געוועזענע רוסישע אַריסטאָקראטן נעמען ווי קאָזאראָוו, קאזירינאָוו, קאָזארסקי און אַנדערע, וואָס האָט פֿאַסירט מיט די פאָלקס מענטשן וואָס האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן און מיט די אידן פון מערב אַזיע וואָס האָבן אריינגעוואנדערט קיין כאזאריע וועלן מיר זען ווייטער.

אידן אויף דעם האלב אינזל קרים
און ביי די ברעגעס פון שווארצן ים

פון אוראַלטע צייטן, האָבן פאַרשידענע פעלקער באזעצט דעם האלבן אינזל קרים און די ברעגעס פון שווארצן ים, שפורן פון די פעלקער זיינען נאָך פאַרבליבן ביז היינט. עס איז דאָ א מיינונג (פאָלאק) אַז א סך פעלקער וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ״ך, ווי גומר, מגוג, משך, תובל, פול און לוד. זיינען געווען פעלקער, וואָס האָבן באפעלקערט דעם קרימער האַלב אינזל און זיך געפונען ביי די ברעגעס פון שווארצן ים. מעגלאך אַז דאָס זיינען געווען שטעט אין וועלכע עס האָבן זיך שפעטער געפונען גריכישע קאָלאָניעס. און די אידן פון ארץ ישראל פאַר דעם ערשטן חורבן און צווייטן האָבן געווען מיט זיי אין פאַרבינדונג ווי מיט דער לאַנד גריכנלאַנד וואָס געפינט זיך אין תנ״ך אונטער דעם נאָמען אלישה אָדער העליאס.

די גאָלד פון חוילה, די קרישטאָל פון די קאווקאזער בערג, קנעכט און קופערנע כלים פון יון, תובל און משך און דער מאַרק פון בראָנדז פון תרשיש האָט געמאכט אַז די אידן וואָס זיינען געזעסן ביי די ברעגעס פון מיטללענדישן ים און די כנענים (פעניציער) סעמיטן זאָלן קומען אין פאַרבינדונג מיט די גריכישע קאָלאָניעס ביי דעם שווארצן ים.

פון די תנכישע קוועלן קען מען ניט וויסן, צי די אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין די גריכישע קאָלאָניעס ביי דעם שווארצן ים, זיינען געווען דאָרטן שטענדיגע איינוואוינער אָדער צייטווייליגע דורכפאָרער, וואָס האָבן געפירט האנדל מיט די קאָלאָניעס.

די ערשטע ידיעות, וואָס מיר קריגן וועגן אידן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי די צפונדיגע ברעגעס פון שווארצן ים, קומען פון דער צייט, ווען יענע געגענט איז געווען באַהערשט פון די רוימער, געשריבענע דאָקומענטן, דערציילן אין גריכיש, וועגן דער באַפרייאונג פון קנעכט פון אידעשן גלויבן און אַז די באַפרייטע קנעכט האָבן באדארפט באזוכן פון צייט צו צייט די שוהלען, וואָס האָבן זיך געפונען אין אנפא, קערטש, און אולביא. איינע פון די דאָקומענטן פון אנפא געהער צו דעם יאָר 41 נייע צייט רעכענונג און די צווייטע צו די יאָרן 175—210 |נ. ק. אין א דאָקומענט פון קערטש פון יאָר 81 זיינען די נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אין דאָקומענט גריכישע. מען וואָלט געקענט מיינען אַז זיי זיינען ניט קיין אידישע נאָר פון גרים וואָס האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן, אָבער דער דאָקומענט רעדט וועגן אַ אידישער שוהל. האַרקאַווי מיינט אַז די דאָקומענטן זיינען נאָכמאַכונגען פון גריכישע דאָקומענטן. ביי די אַלטע גריכן איז געווען אַ געזעץ אַז באַפרייאונגס דאָקומענטן פון קנעכט פלעגן באַהאַלטן ווערען אין טעמפלען און די באַפרייטע קנעכט האָבן זיך געפונען אונטער דער השגחה פון די טעמפלען אָדער פלעגן דאַרפן ווערן באַדינער פון די טעמפלען. האַרקאַווי דרינגט דערפון אַז די אידן פון די ברעגעס פון שווארצן ים , אין זייערע מנהגים זיינען געווען אויסגעמישט מיט גרי־

כישע און פאַרצייטיגע אידעשע מנהגים. דאָס באַשטעטיגט מיינע אַ טעאָריע אַז די אידן אָדער וואָס האָבן זיך גערופען אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין גריכענלאַנד און אין אַנדערע שטעט ביי די ברעגעס פון מיטל־לענדישן ים וואו עס געפינט זיך די היינטיגע שפּאַניע, גאַליע די היינטיגע פראַנקרייך און אויך די בריטישע אינזלען זיינען געווען קהלות פון פעניצער (כנענים) און מעגלאך עברישע שבטים. זיי זיינען געווען מאָנאטעאיסטן און געגלויבט אין איין גאָט אָבער געווען פרעמד פון אידעשע דינים און מנהגים, אויך איז זייער גאָט געווען אַ אוניווערסאַלער ניט קיין נאַציאָנאַלער ווי ביי אמתע אידן, אויך איז ישראל און ירושלים געווען צו זיי פרעמד. זיי זיינען געקומען פון אַנדערע לענדער מעגלאך קאַרטאגען. די לערע פון קריסטענטום אַז גאָט איז אַ אוניווערסאַלער ניט קיין נאַציאָנאלער איז געווען צו זיי צוגעפּאַסט. דעריבער ווען קריסטענטום איז געקומען זיינען זיי געווען די ערשטע אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן און אים צו פאַרשפּרייטן. פון די בריוו וואָס ווערן געבראכט אין דער עוואַנגליע פון אפּאָסטאָל פאול און אַנדערע זעט מען אַז זיי זיינען אַדרעסירט צו די קהלות פון גריכענלאַנד און צו שטעט ביי די ברעגעס פון דעם מיטל־לענדישן ים און ניט צו קיין קהלות אין ארץ ישראל און בבל וואו עס האָבן זיך געפונען דער רוב מנין און רוב בנין פון די אמתע אידן. די סעמיטן וואָס האָבן געבילדעט די קהלות אין די שטעט ביי דעם מיטל־לאנדישן ים און וואָס די גריכן האָבן זיי גערופן אידן ווייל זיי האָבן אָפּגעהיט שבת און מעגלאך מילה זיינען געווען ים פאָרער און הענדלער און מיט זייערע שיפן באזוכט די וייטסטע לענדער און פירענדיג האנדל מיט די שטעט האָבן זיי געמוזט האָבן אין די שטעט האנדלס אגענטורן און דאָס זיינען געווען זייערע קהלות. ווי עס זעט אויס האָט די קריסטלעכע באַוועגונג ניט געהאַט צו טאָן מיט די אידן פון קרימער האַלב אינזל און מיט די אידן פון די צפונדיגע ברעגעס פון שווארצן ים. די דאָקומענטן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין קערטש, אנפּא, און אולוויא געהערן צו די די יאָרן פון 175-210 נייע צייט רעכענונג. אין יענער צייט האָט נאָך קריסטענטום ניט אַרויף אויף דער וועלט סצענע און ווען קריסטענטום איז אָנגעקומען צו דעם קרימער האלב אינזל איז זי געקומען פון ביזאַנטיע און שיין געווען די רעליגיע פון ביזאנטיע און רוים און שיין דורכגעמאכט אַ געשיכטע פון צביעות, אינטריגעס, און מיט אָנרייצן פון פעלקער איינער אויף דעם צווייטן. דעמאגאָגיע און מאָרד און געווען גאַנץ אנדערש פון דעם גלויבן פון די נביאים. אַזאַ רעליגיע האָבן אַפילו די קרימער גריכיזירטע אידן ניט געוואָלט אָננעמען און זיינען פאַרבליבן אידן.

די אידן וואָס האָבן באַוואוינט קרים און די ברעגעס פון שוואַרצן ים, האָבן זיך ניט געהאַלטן ווי פרעמדע. נאָר זיך געהאַלטן ווי אַלטע איינוואוינער פון

דעם לאַנד. הערמאָנימוס אַ קריסטלעכער געלערנטער אַרום דעם 4טן יאָרהונדערט ווען ער פֿאַרטײַטשט די נביאות פֿון עובדיה, וועגן חורבן און גלות פֿון ירושלים, דערציילט אין נאָמען פֿון זײַן אידעשן לערער בר חנינא, אַז אַנדריאַנוס קיסר האָט באַזעצט די געפֿאַנגענע פֿון בר כוכבאס אויפֿשטענדלער, און באָספּאָרוס, וואָס די אידן האָבן גערופֿן ספרד. פֿון דאָרטן האָבן זיי געמוזט אַוועקוואַנדערן צו די ברעגעס פֿון שוואַרצן ים און צו דעם קרימער האַלב אינזל. זיי זײַנען געווען הענדלער און בעלי מלאכות פֿון באָספּאָר, קליין אַזיע, און אַלעקסאַנדריע.

אויסגראָבונגען אין קערטש פֿון אַלטע בית עולמס, וואָס שטאַמען נאָך פֿון דער צײַט ווען די אײַנוואוינער פֿון יענע שטעט זײַנען געווען געצענדינער, איז אין זייערע קברים זײַנען געפֿונען געוואָרן צירונג פֿון אלטן מצרים געמאַכט פֿון בראָנדז און אַנדערע שײַנענדע מעטאַלן, וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן פֿון מצרים בײַ הענדלער און בעלי מלאכות. צווישן די סוחרים און די בעלי מלאכות זײַנען זיכער געווען אידן אָדער גרים. וועגן קנעכט וואָס האָבן זיך מגייר געווען דערציילן די דאָקומענטן פֿון וועלכע מיר האָבן פֿריער געשריבן. אייב עס זײַנען געווען אידעשע קנעכט האָבן געמוזט זײַן אידעשע בעלי בתים. אַגריפּוס איינער פֿון די לעצטע מלכים אין יהודה. 40 יאָר נייע צײַט רעכענונג אין זײַנעם אַ בריוו צו דעם רוימישן צעזאַר קאַליגולו (פֿילון אלכסנדרוני) ווערן דערמאָנט די אידן בײַ דעם שוואַרצן ים. ער דערמאָנט דאָס אין שײַכות מיט די אויפֿשטאַנדן פֿון די אידן אין ארץ ישראל און אין אַנדערע לענער רוימישע פּראָווינצן אין וועלכע די אידן האָבן גענומען אַן אנטייל.

דער אונטערגאַנג פֿון די גריכישע שטעט אולפּיווי, טאַנאַאיס און אנפּא אין דריטן און פֿינפֿטן יאָרהונדערט האָט געבראַכט צו דער ענטשטייאונג פֿון נייע אידעשע צענטערן פֿון וועלכע מיר ווייסן פֿון אַלטע בית עולמס און פֿון מצבות, וואָס מען געפֿינט אויף די אַלטע בית עולמס. די נייע ישובים וואָס זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון די אַלטע האָבן אין זייער צײַט געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער צײַט פֿון דער כאַזאַרישער מלוכה.

אויף די מצבות פֿון די אלטע בית עולמס בײַ די אַלטע שטעט פֿון קרים און בײַ די ברעגעס פֿון שוואַרצן ים זײַנען אויסגעקריצט מנורות מיט זיבן רערן אָפּטמאָל 9 און אמאָל 11, שופֿרות, לולבים און אתרוגים אָבער קיינע אויפֿשריפֿטן אויף דער גריכישער שפּראַך, מען טרעפֿט אויפֿשריפֿטן אויף העברעאיש און אָפֿט אויף דער שפּראַך וואָס עס איז גערעדט געוואָרן פֿון דער היימישער באַפֿעלקערונג, אויסגעקריצט מיט העברעאישע אותיות. דאָס וואָס אויף די מצבות זײַנען ניטאָ קיין אויפֿשריפֿטן מיט גריכישע אותיות פֿאַרטײַטשט מען דערמיט וואָס די גריכישע שפּראַך איז אין יענע צײַטן געווען פֿאַרהאַסט סײַ בײַ די אידן און סײַ בײַ די אײַנוואוינער פֿון יענע געגענטן, אַלס

מצבות פון פאנאגאריע קרים

אַ שפּראַך פון באהערשער און אונטערדריקער, און מעגלאַך ווייל עס זיינען ניט געווען צווישן די אויסקריצער קיין סך וואָס האָבן געקענט העברעאיש און עס איז געווען שווער צו קריגן אַזעלכע אויסקריצער האָט מען גענוצט מצבות נאָר מיט בילדער אָן אויפשריפטן. אַזעלכע מצבות אַריבער 70 געפינען זיך אויף א בית עולם נעבן סנויע אין דעם דרומדיקן עק פון טאמאנער האַלב אינזל. מען דענקט אַז דאָרטן האָט זיך אמאָל געפונען די אַלטע שטאָט פאנאַגאָריע. פיר אַזעלכע מצבות אין „פערטעניש" און איינע נעבן קערטש, נאָך דריי זיינען געבראַכט געוואָרן קיין קערטש אין 19טן יאָרהונדערט פון אַן אנדער אָרט. אַ סך פון די מצבות זיינען צושלעפּט געוואָרן דורך די איינוואוינער פון יענע ערטער צו בויען פונדאַמענטן פאַר זייערע הייזער.

פאנאגאָריע. דער ביזאנטישער היסטאָראָגראַף טיאָפאנוס, וואָס האָט געלעבט אין אָנהייב פון 9טן יאָרהונדערט שרייבט וועגן א דאָקומענט פון יאָר

617 „און ביי די מזרחדיגע זייט פון דעם שוואצן ים נעבן פאנאגוריה נעבן די אידן וואָס וואוינען דאָרטן וואוינען אַ סך פעלקער". די באַריכטן פון טיאָ־פאנוס באַלאַנגען צו דער צייט ווען אין פאַנאגוריע האָבן געהערשט די כאַזאַרן אײדער זיי האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן.



מצבות פון טשופוט קאלע בית עולם

טשופוט קאַלעה (די פעסטונג פון אידן) איז אַ באפעסטיגטע שטעטל, וואָס ציט זיך אויף א שטח פון 350 אקער. זי געפינט זיך אויף אַ קיילעכדיגן בארג 1835 פוס העכער ווי דער ים פלאַך. מען קען אַריינפאָרן אין שטעטל מיט וועגענער נאָר דורך דער מזרחדיגער זייט. די וועג פירט צו אַ גרויסען טויער. עס איז אויך דאָ א קליינער וועג פאַר רייטער צו דרום פון דער שטעטל. „טשופוט קאלעה" געפינט זיך אויף די קרימער בערג און איז קיינמאָל ניט געווען אונטער דער גריכישער אָדער רוימישער הערשאפט. גאָר אמאָל האָבן דאָרט געהערשט די קימערן און די טאָרן שפּעטער די גאָטן, אָסן און די טאַטארן. דעם נאָמען טשופוט קאַלעה האָט זי געקריגן פון די טאטארן ווען זיי האָבן דער שטעטל איבערגעגעבן צו די אידן. פון וועלכן דער גרעסטער צאָל איז באַשטאַנען פון קאראימער. די קאַראַאימער רופן די שטעטל „סלע היהודים" אידעשע פעסטונג און זיי זאָגן אַז דער נאָמען איז עלטער פון דעם טאטארישן

נאָמען. דער טאָל ביי די פיס פון שטעטל הייסט דער „טאָל פון יהושפט". דעם נאָמען האָט אים געגעבן אַ רוסישער רייזענדער „מוריאַוויאָוו אַפּאָסטאָל" אין יאָר 1829 פאַרגלייכענדיג צו דעם טאָל פון „יהושפט" נעבן ירושלים.

דער בית עולם געפינט זיך אין דער מזרחדיגער זייט פון שטאָט און אויף אים געפינען זיך טויזנטער מצבות. די שענסטע געביידע אין שטעטל אין די קאַראַימעשע שול, לויט איר סטיל געהערט זי צו דער אַנדערער העלפט פון 14טן יאָרהונדערט, ביי דעם סוף פון 17טן יאָרהונדערט ווען די רוסן האָבן איינגענומען קרים, און די סטעפּעס פון דרום רוסלאַנד האָבן די איינוואוינער פון טשפוט קאלעה וואָס זיינען באשטאנען פון קאַראַאימער געקריגן ביי דער צאַרישער רעגירונג אַלע רעכט און געוואָרן בעאמטע אין דער צאַרישער רע־גירונג און אָנגעהייבן אַרויסוואַנדערן פון דער שטעטל, און אין יאָר 1878 ווען כוואָלסאָן א רוסיש אידעשער געלערנטער האָט באזוכט טשופוט קאלעה האָט ער דאָרט געטראָפן אַ פולע שטעטל מיט חורבות און אינגאנצן צוויי באוואוינטע הייזער. ביז דער רעוואָלוציע האָבן די קאַראַאימער דאָרטן גע־האַלטן א מענטשן אכטונג צו געבן אויף די איבערבלייבאכץ פון דער שטאָט. נאָך דער רעוואָלוציע איז די שטעטל אַריבער צו דעם נאַענטסטן מוזעואם אין באכטשיסאראי. דער טאַטאַרישער מלוכה מוזעאום האָט געלייגט ווינציג אכטונג אויף די אַלטע אידישע געשיכטלעכע איבערבלייבונגען און זיי פאַר־נאַכלעסיגט. מען קען צו דעם מוזעאום ניט האָבן קיין טענות ווייל קיין אידעשע אָרגאניזאציע און קיין אידעשער מוזעואם האָט ניט געפאָדערט פון דעם מו־זעאום אין באַכטשיסאראי ער זאָל לייגן מער אכטונג אויף די אידעשע אלטער־טימליכקייטן.

דער בית עולם איז טשופוט קאלעה איז דער גרעסטער און עלטסטער אויף דעם קרימעאישן האַלבן אינזל, וועגן דער עלטער פון די מצבות איז שווער צו וויסן. פאַר א צייט האָט זיך דאָרט געפונען דער קאראאימישער כאכאם פירקאָוויטש, וועלכער האָט געפאָרשט דעם בית עולם און די מצבות.

אין יאָר 1872 האָט ער אָפּגעדרוקט אין ווילנא א ספר „אבני זכרון" (שטיינער פון דערמאָנונג) אין ספר געפינען זיך 768 אויפשריפטן פון מצבות, פון זיי 564 פון טשופוט קאלעה. די עלצטע פון זיי איז פון יאָר 6 נייע צייט רעכענונג. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז א סך אויפשריפטן וואָס וועגן זיי האָט פערקאָוויטש געשריבן אַז ער האָט זיי געפונען אויף די מצבות זיינען געווען פאַלסיפיקאציעס, וואָס פירקאָוויטש האָט זיי פאַלסיפיצירט אָדער אַליין אָנגעשריבן. האַרקאווי און שטראַק צוויי געשיכטע שרייבער, וואָס האָבן דורכגעשטודירט די אויפשריפטן האָבן דערקלערט: אַז די אויפשריפטן אויף די מצבות עלטער פון 1250 זיינען פאַלסיפיצירטע. כוואָלסאָן, וואָס האָט באזוכט דעם בית עולם פון טשופוט קאלעה אין יאָר 1878 איז געקומען צום

באשלוס אַז עס זיינען דאָרטן דאָ מצבות פון 6טן און אפשר פון 3טן יאָרהונדערט. לויט זיין מיינונג זיינען ניט אַלע אויפשריפטן אויף די מצבות פאַלסיפיצירט געוואָרן פון פערקאָוויטשן. עס זיינען געווען אַ סך מצבות וועלכע זיינען צוליב זייער אַלטקייט געווען איינגעזונקען טיף אין דער ערד און ער האָט ניט געקענט צו זיי צוקומען. זוכענדיג האָט כוואָלסאָן געפונען 40 מצבות עלטער פון 1250 וועלכע פערקאָוויטש דערמאָנט ניט. אַן אַלטער מנהג האָט געשפּילט אַ ראָלע אין ניט קענען ריכטיג באַשטימען די צייט פון די אויפשריפטן. עס איז געווען אַ מנהג ביי די איינוואוינער פון טשופוט קאלעה און וועלכער האָט נאָך אָנגעהאַלטן אין דער צייט ווען כוואָלסאָן האָט באַזוכט דעם בית עולם פון טשופוט קאַלעה אין דעם יאָר 1878.

די אויפשריפטן פלעגן ניט אויסגעקריצט ווערן אין דער צייט, ווען דער מענטש איז געשטאָרבן נאָר שפּעטער ווען די מצבה איז שיין געשטאַנען צענדליגער יאָרן. עמעצער פלעגט זיך דערמאָנען, פלעגט ער אויף דער מצבה אָנשרייבן די נעמען פון זיין גאַנצער משפחה, וואָס זיינען דורך דער צייט געשטאָרבן. ער פלעגט אָנשרייבן די נעמען און ניט דערמאָנען די דאַטעס פון זייער טויט. אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם מנהג זיינען פאַרבליבן אַ סך מצבות מיט אָרנאַמענטן אָן אויפשריפטן. עס זיינען געשאַפן געוואָרן לעגענדעס אַז אונטער די מצבות ליגן גרויסע מענטשן און נאָך הונדערטער יאָרן איז דורך דער קהלה אָדער דורך מענטשן וואָס האָבן גערעכענט אַז זיי שטאַמען אָפּ פון די גרויסע מענטשן אַרויפגעשריבן געוואָרן אויף די מצבות נעמען פון מענטשן, וואָס זיינען געווען לעגענדעס, וואָס ניט נאָר מען האָט ניט געוואוסט די דאַטע ווען זיי זיינען געשטאָרבן נאָר אפילו די דאטע ווען זיי האָבן געלעבט. נאָך אַ מנהג האָט עקזיסטירט ביי די איינוואוינער פון טשופוט קאלעה, ווען אַ געהייבענער מענטש איז געשטאָרבן ניט אין טשופוט קאלעה נאָר אין אַן אנדער שטאָט אָדער אַן אנדער מדינה פלעגט מען אויף דעם בית עולם אין טשופוט קאלעה אים שטעלן אַ מצבה כאָטש ער איז געווען באַגראָבן אויף אַן אנדער בית עולם. דאָס האָט געשאַפן אַ צומישעניש און מען קען ניט וויסן גענוי, ווי אַלט עס זיינען די מצבות און ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן דער אידישער ישוב אין טשופוט קאַלעה.

אין זאך אין זיכער אַז די מצבות זיינען זייער אַלט און דער ישוב אין טשופוט קאַלעה און די אַרומיגע ישובים האָבן זיך אָנגעהייבן אין דער צייט פון דעם אונטערגאנג פון דער רוימישער אימפעריע ווען אַ סך אידן האָבן אריינגעוואַנדערט און זיך באַזעצט אויף דעם קרימער האַלב אינזל און ביי די ברעגעס פון שוואַרצן ים. די ישובים האָבן זיך פונאַנדערגעוואָקסן און פונאַנדערגעבליט אין דער צייט פון דער כאַזאַרישער עהרשאפט, ווי עס זעט אויס איז די קהלה אין טשופוט קאלעה געווען אַנדערש ווי די קהלות אין

פאנאגאָריע, פּרתנית, און קערטש. זי איז געווען פּרימער, געעלרנטער אין אידעשקייט. דאָס קען מען זען פון די מצבות, אויף זיי זיינען ניטאָ קיין בילדער. די אויפשריפטן וואָס מען טרעפט אויף זיי זיינען אין העברעאיש.

אן אויפשריפט אויף א מצבה פון אַ כאזארישן אידן

וועגן די איינוואוינער פון טשפוט קאלעה צו וועמען עס האָט באַלאַנגט דער „עמק יהושפט״ און זיינע מצבות, און וועגן דער צייט פון זייער באַזעצונג אין קרים האָט זיך געפירט אין די זיבעציגער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט א וויכוח. זיינען זיי געווען תלמודיסטן אָדער קאַראַאימער, ווען מיר ריידן וועגן די קאראימער זיינען אַלע געלערנטע איינשטימיג אַז זייערע קהלות אין שטעט אין קרים און ביי די ברעגעס פון שווארצן ים האָבן זיך געפונען נאָך פון גאָר אלטע צייטן און האָבען זיך פונאנדערגעבליט אין דער צייט פון דער כאַזאַרישער הערשאַפט און פאַרשוואונדן אין די לעצטע יאָרהונדערטער זינט דער הערשאפט פון די רוסן אין קאווקאַז און איבער קרים. אגב האָבן די לעצטע איבערגעבליבענע קהלות פון מזרח אייראָפּע פון די קאַראַאימער אין דער צייט פון היטלערן ימ״ש, געטיילט דעם גורל פון אַלע אידן און אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן צוגלייך מיט אַלע אידן. ביי דער געלע־

גענהייט וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אביסל לענגער וועגן די קאַראימער. עס איז דאָ א מיינונג ביי לאנדוי און נאָך וויסנשאפטלייט אַז די ערשטע מלכים פון כאזאריע פון בולאַן דעם ערשטן מלך וואָס האָט אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן ביז עובדיה זיינען די כאַזאַרישע מלכים געווען קראָאים, דאָס מאכט אונז צו געבן אַן איבערבליק וועגן די קראים, זייער רעליגיע, מנהגים און געשיכטע.

די קראים אדער קאראימער

די קראים אָדער קאראימער זיינען געווען אַ גרויסע סעקטע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון אידענטום אין בבל.

אין אלטערטום האָבן אין מעסטאָפּאָטאמיע (בבל, ארם נהרים) און פּערסיע אונטער דער הערשאַפט פון דער דינאַסטיע פון די סאסאנידן, זיך קאָנצענטרירט דער גרעסטער ישוב פון אַלע אידן פון די גלות לענדער. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די בבלישע און פּערסישע אידן פון יענער צייט שפּיגלט זיך אָפּ אין די דינים און באַמערקונגען אין תלמוד.

אידן וועלכע האָבן בעוואוינט בבל און פּערסיע האָבן זיך באשעפטיגט אין אַלע צווייגן פון דערווירטשאפט אין מלאכה, האנדל און לאַנדווירטשאפט. קיין סך רייכע אידעשע לאַנדווירטן זיינען ניט געווען. די גרעסטע צאָל פון דער אידעשער באַפעלקערונג איז באַשטאנען פון פּויערן, וואָס האָבן בע־ארבעט זייערע פעלדער, מיט זייער אייגענער מי און שוייס. דאָס רוב פון די אידעשע און ניט אידעשע פּויערן זיינען באשטאַנען פון ערד אַרענדאַרס וואָס פלעגן אַוועקגעבן א גרויסן טייל פון זייער גערעטעניש צו דער מלוכה און פּריצים.

א שווערער אָפּצאָל דער ערד שטייער „כאראדזש“ איז גענומען געוואָרן נאָר פון אונגלויביגע אידן, קריסטן און פייער־צינדער. (פּערסן וואָס האָבן געדינט צו פייער). דאָס האָט געבראכט דערצו, אַז א סך אידן האָבן פאַר־קויפט זייערע ערד נחלאות, האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער האָב אין גוטס און זיינען אנטלאָפן אין ווייטע ערטער. אין יאָר 787 האָט דער גאון מר רב הונא איינגעפירט א תקנה וואָס דערלויבט אויפצומאָנען ביי יתומים דאָס וואָס עס איז אַריינגעשריבן אין דער כתובה פון אומבאוועגליכע גיטער ערד, הייזער און באַוועגליכע גיטער.

מיט דעם פּראָצעס פון פאַרלאָזן דער לאנדווירטשאפט, וואַקסט דער אָנטייל פון אידן אין דעם בבלשן האנדל. דער האנדל איז באַשטאַנען פון אָרטיגע אויסאַרבעטונגען, ווי זיידנס, שווערדן, גאָלד, בשמים און פעפער, וואָס פלעגט געבראכט ווערן פון דעם סונדאאישן ארכיפעלאג און אויך

שקלאַפן. די מוסולמאַנישע הערשער האָבן געגעבן די אונגלויביגע קריסטן און אידן פולע אויטאָנאָמיע. די עקזעקוטיווע אויטאָנאָמישע מאכט פון די אידן אין די לענדער פון דעם כאַליפאַט האָט פאָרגעשטעלט דער „ריש גלותא״. די רעזידענץ פון ריש גלותא איז געווען די הויפט שטאָט באַגדאַד. דאָרטן פלעגן אויך פאָרקומען די וואַלן פון ריש גלותא אין וועלכן עס פלעגן נעמען אַן אנטייל ביידע ראשי ישיבות די ראשי קהל, און די זקנים פון די קהלות.

דער ריש גלותא פלעגט אויסגעקליבן ווערן אויף דעם גאַנצן לעבן, און באַשטעטיגט ווערן דורך דעם כאַליף, וואָס פלעגט פאַר דער נאָמינאַציע קריגן אַ ריזיגע סומע געלט. דערביי פלעגן פאָרקומען גרויסע פייערליכקייטן. דער ריש גלותא האָט געהאַט א שטאַרקע פאָליטישע מאכט. די הכנסות פון ריש גלותא זיינען געווען א קאָפּ שטייער פון אלע אידן פון באַשטימטע דיסטריקטן און מתנות פון בעלי מלאכות און הענדלער, וואָס איז אויך געווען אַן אָפּצאָל. אין פאַל פון אָפּזאָג האָט מען די מתנות אָפּגענומען מיט פראָצענט מיט אַרויפוואַרפן א חרם אויף דער קהלה אָדער נוצן מאכט פון מלוכהשע אָרגאַנען. די ראשי גלותא האָבן זיך געבאָדן אין פראַכט און לוקסוס. דער טיטול ריש גלותא האָט געמיינט הערשער פון אידעשן פאָלק.

די ראשי גלותא פון דער פערסישער תקופה שטעלט דער תלמוד פאָר ווי מענטשן וואָס געוועלטיגן איבער דעם פאָלק ישראל מיט א רוט. שפּעטער אונטער דער אַראַבישער הערשאַפט דערציילן די גאונים אַז די ממשלה פון רישי גלותא איז געווען הארט און ער פלעגט אָנטאָן צרות די תלמידי חכמים. אין אָנהייב זיינען די ישיבות, ראשי ישיבות און די גאונים געווען אין קריג מיט דעם ראש גלותא און זיין הירעאַרכיע. נאָר וואָס ווייטער האָבן זיי געבילדעט א שיכט און דער שיכט איז געפאַלן אַלס א מוראדיגער לאַסט אויף דער אידעשער באַפעלקערונג. עס איז ניט קיין וואונדער וואָס אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, זאָל זיך ניט שאַפן קיין אומצופרידענקייט, וועלכע האָבן אין די יאָרן 685־705 אַרויסגערופן אויפשטאנדן אין דער פאָרם פון משיחישע באַוועגונגען, ווי דער אויפשטאַנד פון אבו עיסי. דער ציל פון דער משיח באַוועגונג פון אבו עיסי איז געווען צו באַפרייען די אידן פון די אומות העולם און צו גרינדן אַן אומאָפּהענגיגע אידעשע מלוכה אין ארץ ישראל. מיט דער הילף פון אַ גרויסע צאָל באַוואָפנטע חילות עטלעכע הונדערט טויזנט (לויט דעם רמב״ם) האָט ער זיך אויסגעקעמפט אַ פרייען וועג צו די אידעשע שבטים אין יענער זייט מדבר (מעגלאַך די כאַזאַרן) וועלכע האָבן זיך גערופן מיט דעם לעגענדאַרן נאָמען בני משה. וואָס עס איז געוואָרן פון דעם אויפשטאנד איז ניט באַקאַנט. עס זיינען פאַרבליבן אַ סך לעגענדעס. די סעקטע האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. מען טרעפט איר אַרום דעם

10טן יאָרהונדערט. אַרום דער אייגענער צייט, זיינען געשאַפן געוואָרן נאָך סעקטעס, ווי די יודגאַניטן , וואָס זייער פירער האָט געהייסן אין העברעאיש יהודה, ער האָט זיך באטראכט ווי אַ נביא ביי זיינע אָנהענגער איז ער געווען א משיח. אין דער אייגענער צייט איז געווען אַ סעקטע וואָס האָט זיך גערופן מושכאניטן לויט דעם נאָמען פון זייער פירער מושכא,, עס איז געווען אַ סעקטע וואָס איר פירער איז געווען אַ קריסט סאַווירא וועלכער האָט זיך מגיר געווען און זיך ערקלערט פאַר א משיח און ווי אבו עיסיס אָנהענגער האָבן זיינע אָנהענגער געגלויבט אין אים און אין זיין צוזאָג אַז ער וועט פירן די אידן אין ארץ ישראל. כראָניקער דערציילן. אַז א סך אידן האָבן אים איבערגעגעבן זייערע פאַרמעגנס און ער האָט אָנגעזאמלט א סך גאָלד. זיין סוף איז געווען, וואָס ער איז געכאפט געוואָרן פון די מוסולמאנער און פארמשפט געוואָרן צום טויט.

די קאַראאימישע סעקטע איז אויפגעקומען נאָך דעם אונטערגאַנג פון די משיחישע באוועגונגען. אין זייער רעליגיע געפינט מען מנהגים, מצוות און דינים וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן צווישן די סעקטעס. דער גרינדער פון דער קאַראַימער סעקטע (אָדער רעליגיע) איז געווען „ענן״. די ביאָגראפיע און פערזאָן פון ענן איז ווינציג באַקאַנט. ער ווערט באַקאַנט אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון כאַליף דזשעפאַר אלמאנאצור (754־775) נייע צייט רעכענונג. אין דער צייט ווען אין סורא איז געווען גאון רבי יהודאי. ער איז אַרויסגעטראָטן, ווי אַ פרעטענדענט אויף דעם אַמט פון א ריש גלותא. (ער האָט געפירט זיין יחוס פון דוד המלך) ער איז געווען געשטיצט פון אַ גרופע אָנהענגער. די רבנים האָבן אָבער אויסגעקליבן זיין אינגערן ברודער חנניא. ענן כאָטש ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין לומדות איז ער אָבער געווען באקאנט מיט זיינע ניט פרומע דעות. ער איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה אַלס מורד במלכות, אין דער תפיסה האָט זיך ענן באקאנט מיט א מוסולמאנישן סעקטאנט אבו חניפא און נאָכדעם ווי ענן האָט אים ערקלערט אַז זיין רעליגיע איז אַנדערט ווי די אידעשע, דערציילענדיג אים אַז ער האָט געשאַפן אַן אנדער קאַלענדאַר איז ער אַרויסגעלאָזן געוואָרן פריי. דאָס איז געווען אין דעם יאָר 767. די גרויסע שפאלטונג איז געווען צוגעגרייט דורך לאַנגע יאָרן פון נאַציאָנאלער אונטערדריקונג און פאַרשאַרפטע סאָציאלע ווידערשטאנד ביי אידן. ענגס אידעען זיינען צייטיג געוואָרן דורך דער וויר־קונג פון זיין סביבה. אין יענער צייט האָט נאָך אין פערסיע געטליעט דער פייער פון די משיחישע באַוועגונגען. לויט באַריכטן פון רבנישע מקורים איז ענן נאָך פאַר זיין קומען קיין באַגדאד געווען צוריסן מיט דער אָרטאָדאָקסיע. ווען עס איז געקומען צום וויילן א ריש גלותא און זיין ברודער חנניא איז ערוויילט געוואָרן, וועלכער איז געווען אינגער פון אים און ניט געקענט

אַזוי פיל לערנען. ווי ער האָט זיך ענן מתקנא געווען און האָט פאַרטראַכט א מחלוקת באַהאַלטענערהייט. אין דער אייגענער צייט האָבן זיינע אַנהענגער אים ערוויילט אַלס אַ ריש גלותא איבער זיך.

סעדיה גאון שרייבט אַז ענן איז דורך מלכות אריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה און געווען באדראָט ווייל ער האָט מורד געווען אין מלכות. לויט דעם ווי שפּעטערדיגע קאַראימישע שרייבער דערציילן: איז ענן אַרויס פון תפיסה און דער כאליף האָט אים באשטימט אויף דעם אָרט פון א ריש גלותא. די קאראימער האָבן שפּעטער גערופן זיין זון שאול און אַלע וואָס האָבן זיך מתיחס געווען אַלס ענס אייניקלאַך און אור-אייניקאַלך, ביז דעם 15טן יאָר-הונדערט „ריש גלותא״. ווי אַזוי די קאַראימער קומען קיין קרים איז דערוויל נאָכ ניט באקאנט, ווארשיינלעך זיינען זיי געקומען מיט אַן עמיגראַציע פון בבל צוזאַמען מיט תלמודישע אידן. און אין דער צייט פון דער כאַזאַרישער הערשאַפט האָבן זייערע שטעט און קהלות זיך פונאנערגעבליט. דאָס וואָס עס באווייזן זיך זייערע קהלות אין ליטע און אוקראאינע ווייזט אַז זיי זיינען געלאָפן אין דער צייט פון די חורבנות פון כאַזאַריע און טשינגיז כאַן קיין מערב אייראָפּע ווי עס זיינען געלאָפן די תלמודישע אידן. ביי די קאַראימער אין מזרח אייראָפּע האָט זיך נאָך אויפגעהאלטן די טיורקוטישע שפּראַך פון די כאַזאַרן ביז דעם חורבן היטלער ימ״ש. די רבנישע אידן וואָס זיינען געקומען נאָך דעם חורבן פון כאַזאַריע האָבן אויפגעגעבן זייער טיורקוטישע שפּראַך און אַנגענומען דעם דייטש אידעשן דיאלעקט אָדער שפּראַך און דעם אידעשן אלעף בית אַלס א שריפט.

שאלות ותשובות: (פראַגעס און ענטפערס)

זינט דעם חורבן פון בית המקדש ווען דער אידעשער קולטורעלער צענ-טער האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון ארץ ישראל קיין בבל פלעגן געשיקט ווערן פראַגעס וועגן דורכפירן פאַרשידענע מנהגים און ווי צו פסקענען פאַרשי-דענע דינים וואָס האָבן געהאט צו טאָן מיט דעם סאָציאלן לעבן פון אידן אין ווייטע און קליינע צענטערס.

די שאלות אָדער פראַגעס פלעגן געשיקט ווערן פון קלענערע צענטערס צו גרעסערע וואו עס האָבן זיך געפונען גרעסערע רבנישע אויטאָריטעטן. און די רבנים פלעגן ענטפערן: די שאלות און תשובות פלעגן איבערגעשריבן ווערן אין הונדערטער קאָפּיעס. מיט דער אנטדעקונג פון בוך דרוקעריי זיינען זיי געדרוקט געוואָרן אין דער פאָרם פון ספרים. כדי רבנים זאָלן וויסן ווי צו פסקענען. אין די שאלות ותשובות שפּיגלט זיך אָפּ דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לעבן פון די אידן אין פאַרשידענע דורות. אין איינער פון די תשובות פון ר׳ סעדיה גאון אַרום דעם יאָר 929 איז דאָ אַיין ענטפער פון

ר׳ סעדיה גאון. מיר ברענגען דעם ענטפער אין אַראַמעאישן טעקסט. „הודאעינא דאתו אינשי מן אתריכון לבבא דמתיבתא והכין אמרו דהוה במדינתכון חד גברא דשמיה יצחק בר אברהם ונפק ליה לכזר״. דער טייטש מיינט אַזוי „מיר לאָזן אייך וויסן אַז עס זיינען געקומען אין דער ישיבה (אין בבל) און האָבן געזאָגט אַזוי אין אייער לאַנד געפינט זיך אַ מאַן מיט דעם נאָמען יצחק בר אברהם וואָס שטאַמט פון כאַזאַר״.

אברהם בן דוד וואָס האָט געלעבט אין 12טן יאָרהונדערט שרייבט אין א קבלה ספר דו וועסט געפינען קהלות פון ישראל צושפּרייט פון דער שטאָט סאַלאַביז די ווייטקייטן פון מאַגהיב, ביז טהאַראַט און אומגעבונג, אין אַפריקע, מצרים, די לאַנד פון סאַבאַעאַנס, פּערסיע דעבאַן, די לאַנד פון די גרגשים וועלכע מען רופט דשורדשאַן, טאַבאַריסטאַן, ביז אַזוי ווייט ווי דאַמילאַס און דעם טייך איטיל וואו דער כאַזאַרישער פאָלק וואוינט און וועלכע זיינען געוואָרן גרים. זייער מלך יוסף האָט געשיקט אַ בריוו צו רבי חסדאי אבן שפרוט און האָט אים דערציילט אַז ער און זיין פאָלק האָבן אָנגענומען דעם אידעשן רבנישן גלויבן. מיר האָבן געזען אין טאָלעדאָ עטלעכע פון זייערע אָפּשטאַמיגע תלמידי חכמים און זיי האָבן אונז דערציילט אַז די איבעריגע פון זיי זיינען נאָכפאָלגער פון אידעשן רבנישן גלויבן:

רבי יהודא ברזילאי פון באַרצעלאָנאַ אין זיין ספר העתים וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צווישן די יאָרן 1090־1105 שרייבט: מיר האָבן געזען אין ספרים די קאָפּיע פון אַ בריוו אין וועלכן דער מלך יוסף דער זון פון אהרן פון כאַזאַר הכהן האָט געשריבן צו רבי חסדאי אבן שפרוט. מיר וויסן ניט איז דער בריוו אַן אמתער אָדער ניט. איז דאָס ריכטיג אַז די כאַזאַרן וועלכע זיינען טערקען זיינען געוואָרן גרים. עס איז ניט באַשטימט אַז אַלץ וואָס עס איז געשריבן אין בריוו איז אמת עס קען זיין אַז פאַלשקייטן זיינען אַריין אין בריוו, עס זיינען אריינגעפאַלן גרייזן דורך די איבערשרייבער: די אורזאַך פאַרוואָס מיר שרייבן וועגן דאָס אין אונזער ספר זאַכן וואָס זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן איז דאָס וואָס מיר האָבן געפונען אין דעם בריוו פון דעם מלך יוסף צו ר׳ חסדאי אַז ר׳ חסדאי האָט אים געפרעגט פון וועלכער פאַמיליע ער קומט, ווי אַזוי זיין פאָטער איז ארונטער אונטער די פליגלען פון דער שכינה (זיך מגייר געווען) און ווי גרויס איז זיין מלוכה און זיין הערשאַפט. ער ענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן באַזונדער. דאָ קומט א טייל פון דעם בריוו מיט דעם ענטפער פון מלך יוסף. דאָס באַווייזט אַז פון דעם בריוו פון רבי חסדאי און זיין ענטפער איז שיין געווען באַוואוסט אין דער צייט פון רבי יהודה ברזילאי פון באַרצעלאָנאַ.

אלדד הדני (אלדד פון דן) ארום די יאָרן פון 880 האָט א אידעשער רייזענדער אלדד הדני באַזוכט שפּאַניע, עס איז דאָ אַ טעאָריע אַז אלדד הדני

איז געווען אַ כאַזאַרישער איד. די אורזאַך פון דער טעאָריע איז געווען, ווייל ער האָט ניט געקענט קיין אַראַביש, אַזאַ זאַך וואָלט ניט געקענט מעגלאַך זיין, ווען ער וואָלט געווען אַ איד פון אַפריקע און ארץ ישראל. אָבער ער האָט געקענט זיין אַ כאַזאַרישער איד. עטלעכע ווערטער וואָס ער האָט גענוצט האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין א שאלה ותשובה וועגן אים ביי די אידן פון קאַאיראַכאַן צום צמח צדק גאון פון בבל. דער היסטאָריקער פרענקל דענקט אַז די ווערטער זיינען ענלאַך אויף גריכיש אַזוי אַז עס קומט אויס אַז אלדד קומט פון אַ גריכיש ריידענדיגער מלוכה. גרעץ דענקט אַז ער איז געווען אַ שליח פון די קאַראַאימער און באַזוכענדיג קאָנסטאַנטינאָפּל האָט ער גע־הערט פון די כאַזאַרן. ביי דער וואָלגאַ, אלדד, ווען ער רעדט וועגן די כאַזארן זאָגט ער אַז דער שבט שמעון און אַ האַלבער שבט מנשה וואוינען דאָרט. די כאַזאַרן זאָגט ער: זיינען דאָ זייער אַ סך און נעמען צינזן פון 28 מלוכות, עטלעכע מאַכמעדאַנישע לענדער צאָלן זיי צינזן. צוליב די פאַנטאַסטישע מעשיות וואָס ער דערציילט קען מען זיך אויף אים קיין סך ניט פאַרלאָזן. אַ סך פון זיינע ערציילונגען שטימען אָבער מיט דאָס וואָס עס שרייבן זיינע אַראַבישע מיטצייטלער. איבן פאַדלאַן שרייבט אַז די צאָל פון די ווייבער אין דעם הויף פון כאַזארישן קאַגאַן איז געווען 25. יעדע איינע פון זיי איז אַ טאָכטער פון אַ הערשער פון אַ לאַנד, וואָס צאָלט צינזן צום כאַזאַרישן מלך:

וועגן דעם אָרט פונוואַנען אלדד הדני קומט גיט ער אָן אַז זי געפינט זיך נעבן דעם טייך סמבטיון: דער נאָמען סמבטיון מוז זיין פאַרבונדן מיט דעם נאָמען סאַמבאַטאָם, וואָס דער היסטאָריקער קאָנסטאַנטין פאָרפיראָגעניטאָס רופט דער שטאָט „קיעוו", מעגלאַך אַז דער נאָמען באַלאַנגט צו די טייכן דניעפּער, אָדער דן (דאָן) דאָס מאַכט צו דענקן אַז אלדד הדני איז געווען אַ כאַזאַרישער איד וואָס איז געקומען קיין שפּאַניע.

די קאַווקאַזער „באַרג אידן"

„דערבענט", איז דער נאָמען פון אַ וואַנט אין דער סאָוועטישער דאַגעסטאַנער רעפּובליק, וואָס טיילט אָפּ אַזיע פון איראָפּע. די בערג אין יענער געגנט ציען זיך נאָענט צו די ברעגעס פון קאַספּישן ים. די וואַנט איז אויפגעשטעלט געוואָרן, כדי אָפּצוהאַלטן די גרויסע כוואַליעס נאָמאַדן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַזיע קיין איראָפּע און פאַרניכטעט אַלץ וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויפ'ן וועג. די וואַנט ציט זיך אויף א שטרעקע פון 400 מייל. די וואַנט איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער צייט פון איראַנישן קעניג „כאָשראַי אנושריאַן" ארום יאָר 567. היינט געפינט זיך אין יענער געגענט אַ באַפעלקערונג פון אַריבער א מיליאָן איינוואוינער, וואָס באַשטייען פון

9 גרעסערע נאַציאָנאליטעטן און א צאָל קלענערע. יעדער נאַציאָנאליטעט פאַרמאָגט זיין אייגענע שפּראַך און קולטור, די דאָמינירנדיגע שפּראַך אין רוסיש.

צווישן די קלענערע דאַגעסטאנער נאַציאָנאליטעטן איז פאַראַן די נאַציאָנאַליטעט פון די „טאַטן", זייער צאָל גרייכט היינט 20 טויזנט. די טאטן שיידן זיך ניט אָפּ פון די איבעריגע נאַציאָנאליטעטן, צווישן וועלכע זיי וואוינען, מיט זייער קליידונג אָדער באשעפטיגונג, די איינציגע זאַך וואָס שיידט זיי אָפּ פון די אַרומיגע באפעלקערונג איז זייער אידישער גלויבן. זיי ווערן באצייכנט ווי „בארג אידן": די טאטישע אידן זיינען אַנדערש פון די אייראָפּעאישע און אַמעריקאנער אידן מיט זייער שפּראַך, געשיכטע, טראַדיציע און קולטור.

דער גענויער אָפּשטאם פון די באַרג־אידן איז ניט באַקאַנט, זייער אָנהויב איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין דער ווייטער פארגאנגענהייט. מען רעכנט, אַז די „טאטן" געפינען זיך שוין אין דאַגעסטאן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. מען נעמט אָן, אַז זיי קומען פון פּערסיע. זייער שפּראַך איז ענלעך צו פּערסיש אין דיאלעקט, און זייער קולטור טראָגט סמנים פון פּערסישער אָפּשטאַמונג. פונוואַנען זיי האָבן גענומען דעם אידישן גלויבן איז ניט באַקאנט. עס איז אָנגענומען ביי וויסנשאַפטלער, אַז זיי האָבן גענומען ביי די כאַזאַרן. די כאַזאַרן האָבן באהערשט דאַגאַסטאן פון דעם 6טן ביז דעם 8טן יאָרהונדערט.

די„ טאַטן" זיינען פרומע אידן, זיי פאַרמאָגען שולן, רבנים, זיי האלטן פון כשרות, מילה, און היטן אָפּ אַלע אידישע דינים, ווייל זיי וואוינען צווישן א מוסולמענישער באַפעלקערונג האָבן זיי אויך אדאָפּטירט א סך מוסולמענישע מנהגים (מינהאָגים) די פרויען זיינען אָפּגעזונדערט פון די מענער, און טראָגן שלייערן.

די „טאַטן" האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַייראָפּעאישע אידן, ווען דאגעסטאן איז געוואָרן אַ רוסישע קאָלאָניע אין 10טן יאָרהונדערט. זיי קענען ניט ריידן, שרייבן אָדער לייענען אידיש, זייער שפּראַך איז „טאָטיש", וואָס האָט פריער ניט געהאט קיין שריפט, נאָך דער רעוואָלוציע אין דעם יאָר 1937 האָט די סאָוועטישע וויסענשאפטליכע אַקאַדעמיע זיי געגעבן א שריפט. היינט דערשיינען אויף דער טאָטישער שפּראַך צייטונגען און ביכער.

דער מזרח אייראָפּעאישער אידענטום

דער מזרח אייראָפּיאישער אידענטום

עס זיינען דאָ טעאָריעס, אַז די געשיכטע פון מזרח אייראָפּעאישן אידענטום האָט זיך אָנגעהייבן ארום דעם 15טן יאָרהונדערט און אַז די מזרח אייראָפּעאישע אידן שטאמען פון די דייטשע אידן, וואָס זיינען געקומען פון מערב אייראָפּע. עס איז אמת אַז אין די יאָרן פון 14טן, 15טן און 16טן יאָרהונדערטער, נאָך די קרייץ־צוגן, שווארצע פּאָקן עפּידעמי׳ע, וואו די אידן זיינען באַשולדיגט געוואָרן, אַז זיי האָבן פאַרסמט די ברונימער, און דערפאַר האָט מען זיי געשטראָפט מיט אויסראָטונגען, גירושים פארפאָלגונגען, און דאָס האָט געצוואונגען די מערב אייראָפּעאישע אידן צו לויפן קיין מזרח אייראָפּע וואו עס האָבן זיך נאָך ניט געפונען קיין שטארקע צענטראלע קריסטלעכע רעגירונגען. און עס האָבן נאָך געברענט די האָלאָוועשקעס פון דער ניט לאַנג צוריק אונטערגעגאַנגענער אידישער מלוכה.

די מערב אייראָפּעאישע אידן ווען זיי זיינען געקומען קיין מזרח אייראָפּע האָבן זיי דאָרטן געטראָפן אידעשע ישובים, וואָס האָבן דאָרטן עקזיסטירט הונדערטער און אפשר טויזנטער יאָרן פריער. זיי האָבן געטראָפן אידעשע קהלות וואָס זיינען באַשטאַנען פון אידן, וואָס זיינען געקומען פון איראַן (בבל), מצרים, סוריא, און וועלכע זיינען געוועז געצוואונגן פון דאָרטן צו אנטלויפן, נאָכדעם ווי די געצענדינערישע פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, האָבן אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן און זיי געצוואונגען, אָדער אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן אָדער אומקומען פון שווערד. זיי האָבן געטראָפן ישובים פון אידן גרים, כאַזאַרן, וועלכע האָבן געהאט זייער אייגענער מלוכה און וועלכע איז ניט לאַנג צוריק אונטערגעגאנגען.

עס איז קיין סך ניט פאַרבליבן פון דער אלטער געשיכטע פון דעם מזרח אייראָפּעאישן אידענטום, פון זייערע ישובים און פון די ישובים פון די גרים די כאַזאַרן. איינע פון די אורזאַכן איז, וואָס די כאַזאַרן האָבן געהאט אַ גערעדטע שפּראך אָבער ניט קיין געשריבענע. די שריפט פון זייער שפּראך איז געוועז העברעאיש, ווי עס ווייזט דער בריוו פון קעניג יוסף צו רבי חסדאי אבן שפּרוט און דער בריוו פון אנאָנים און אויך די אָפּמאכן פון די רוסישע קניאזן מיט די כאַזאַרן. עס איז אויך ניטאָ קיין געשריבענע היסטאָרישע כראָניקע פון „רוס״ ביז דעם 10טן יאָרהונדערט, ווייל די רוסן האָבן אויך ניט געהאט קיין געשריבענע שפּראך נאָר אַ גערעדטע: די רוסישע כראָניקע הייבט זיך אָן אין צענטן יאָרהונדערט נאָכדעם ווי די סלאַוון, האָבן געקראָגן אַ שריפטלעכע שפּראך וועלכע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון „קיריל״ און „מעפאָדיא״ צוויי גריכישע מיסיאָנערן געשיקט פון ביזאנטיע: דער סלאַווישער אלעף בית באשטייט פון גריכישע, לאַטיינישע און העברעאישע אותיות, צו־

געפּאסט צו דער סלאַווישער שפּראַך, די רוסן רופן דער שריפט „קיריליצאַ" און דער פריערדיגער דער ניט געשריבענע שפּראַך „גלאַגאָליצאַ". (גערעדטע) די סלאווישע פעלקער באקומענדיג א שריפט האָבן אָנגעהייבן צו פאַרשרייבן זייער כראָניקע. נאָך אַ זאַך האָט געבראכט צו דער פאַרשווינדונג פון דער קולטורעלער איבערבלייבאכץ פון די כאַזאַרן און אַלטן מזרח אייראָפּעאישן אידענטום. די פאַרניכטענדע מלחמות פון די אַראַבער, טאָטארן, מאָנגאָלן. און אין 17טן יאָרהונדערט פון כמעלניצקי ימ"ש און מעגלאַך קלימאטישע ענדערונגען אין יענע געגענטן לויט גומילעוו טריקענישן אין ערטער וואו עס איז געווען ווייניג וואַסער, און פאַרטרינקענישן אַרום דער וואָלגא, וואו עס איז געווען דער הויפּט שטאָט פון די כאַזאַרן. אורזאַכן וואָס האָבן געבראכט צו דעם אונטערגאַנג פון דער כאַזאַרישער מלוכה האָבן אויך געבראכט צו דער פאַרשווינדונג פון זייער קולטור און זייער געשיכטע און די קולטור און געשיכטע פון דעם אלטן מזרח אייראָפּעאישן אידענטום. אויף די פונדאַמענטן פון די פאַרברענטע כאַזאַרישע שטעט זיינען אויפגעבויט געוואָרן נייע שטעט מיט נייע קולטורן פון די פאַרניכטער. אַזוי האָבן די מאָנגאָלן, און די טאטאָרן אויפגעבויט זייערע שטעט און פעסטונגען אויף די פונדאַמענטן פון איטיל, סאַראַגסין, סעמענדער און אַנדערע שטעט ,אַזוי אַז פון דער כאזארישער און דער אַלטער מזרח אייראָפּעאישער אידישער קולטור איז כמעט גאָרניט פאַרבליבן און דאָס ווינציגע וואָס עס איז פאַרבליבן, זיינען געווען פּאָליטישע און סאָציאלע סבות ביי די אידן און ביי זייערע שכנים צו מאכן זיי צו פאַרגעסן. דאָך זיינען פאַרבליבן איבערבלייבאכצן פון זייער קולטור, בית עולם׳ס אין קרים אין

טשופוט קאלע, פאנאגאָריע וואָס ווייזן אַז קרים איז אמאָל געווען באַזעצט מיט אידן, קאַראַאימער און מעגלאך רבנישע אידן, אידעשע און כאַזאַרישע, נעמען פון שטעט און דערפער אין ערטער אין מזרח אייראָפּע וואו עס זיינען היינט קיין אידן ניטאָ. ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען און געפינסן אין פּאָל־טאווטשינע אוקראאינע און ווייס רוסלאַנד ווייזן אַז אין דער צייט פון דער סאַלטיקאָווער קולטור. די קולטור פון די אַלטע גאָטן, הערעאולן און אַנדערע גערמאַנישע אַלטע פעלקער און שבטים, וועלכע זיינען געקומען פון מערב אייראָפּע און זיך באַזעצט אין די סטעפּעס און וועלדער פון עראַזיע און געשאַפן דאָרטן אַ קולטור וועלכע מען רופט די „סאַלטיקאָווער קולטור": די פעלקער זיינען אַומגעבראכט געוואָרן פון די הוהנען ,ווי מיר האָבן דערציילט אין אָנהייב פון אונזער בוך.

די אויסגראָבונגען פון דער סאלטיקאָווער קולטור ווייזן, אַז עס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער אונטערשייד פון דער שטאָטישער און דער דאָרפישער באַפעלקערונג. די דאָרפ׳ישע באַפעלקערונג איז געשטאַנען אויף אַ נידעריגערער שטופע, ווי די שטאָטישע. דאָס קען מיינען אַז די שטעט

און שטעטלאך אין דער צייט פון דער סאַלטיקאָווער קולטור זיינען געווען באַפעלקערט מיט א פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ העכערער שטופּע פון קולטור ווי די איינוואוינער פון די דערפער און אַזוי ווי פון קיין אַנדער פאָלק חוץ דער אידעשער וועלכע האָט געזאָלט דאָרטן וואוינען ווייס מען ניט, מיינס דאָס, אַז גאָר לאַנג צוריק נאָך אין אָנהייב פון ערשטן יאָרטויזנט נאָך איידער די סלאַוון. האָבן זיך דאָרטן באַזעצט זיינען שוין דאָרטן געווען אידן וועלכע האָבן מעגלאַך גערעדט אויף דער אַלטער גאָטישע דייטשער שפּראַך, וואָס איז שפּעטער איבערגעגאנגען צו דעם מזרח אייראָפּעאישן אידענטום און אַז אידעש איז אַ סך עלטער ווי מיר רעכענען היינט.

די גאָטן, העראָאולן און די אַנדערע גערמאַנישע פעלקער זיינען אומגעבראכט און פאַרניכטעט געוואָרן פון די הוהנען, אַ סך פון זיי זיינען געלאָפן קיין ביזאנטיע און די ביזאַנטישע רעגירונג האָט זיי באַזעצט אין אַנדערע ערטער. די אידן האָבן ניט געהאט וואוהין צו לויפן ווייל די ביזאַנטישע קריסטלעכע רעגירונג איז געווען צו זיי פיינטליך. זיי האָבן געמוזט בלייבן מיט די געצענדינערישע פעלקער, וועלכע זיינען געווען צו זיי פריינטלעכער ווי די קריסטלעכע. שפּעטער אין מיטן פון ערשטן יאָרטויזנט, ווען די טיורקוטן און שפּעטער די כאַזאַרן זיינען געוואָרן די הערשער איבער די סטעפּעס און וועלדער פון מזרח אַייראָפּע האָבן זיי די אידן געלאָזן לעבן און מעגלאך זיי פּריוועליגירט און ספּעציעל ווען די כאַזאַרן האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבען.

אין דעם 8טן און 9טן יאָרהונדערט, ווען די כאַזאַרן זיינען אַרויס פון די וועלדער און אַוועק אין סטעפּ. ווי עס זעט אויס זיינען זיי פון דאָרטן ניט אַרויסגעטריבן געוואָרן נאָר זיינען אַוועק פרייווילליג איבערלאָזענדיק די רוסישע קניאזן איינצומאָנען די שטייערן מיט וועלכע זיי האָבן זיך געטיילט און פאַרבלייבענדיק מיט זיי אין פריינטלעכע באַציאונגען.

די פריינטלעכע באַציאונגען צווישן די אידן, כאַזאַרן און דער אַרומיקער באַפעלקערונג האָט געהאלטן ביז וולאדימיר האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. מיט דעם אָננעמען פון רוס דעם קריסטליך ביזאַנטישן גלויבן און ארונטערפאַלענדיג פון רוס אונטער דער ווירקונג פון ביזאנטיע האָבן זיך אָנגעהייבן רדיפות, פאַרפאָלגונגען און פיזישע אויסראָטונגען פון דעם מזרח אייראָפּעאישן אידענטום.

ניט אָבער אין גאַנץ מזרח אַייראָפּע האָט געהערשט רוס. עס זיינען געווען ערטער וואו רוס האָט ניט געהערשט, ווי ביי די פּאָליאנער, דערעווליאנער, און ערטער וואו עס זיינען אינגאנצן קיין סלאַוון ניט געווען ווי אין ליטא, אונגאַרן און אַפילו ערטער וואָס זיינען געווען באַזעצט מיט אידן וועלכע האָבן זיך באַשעפטיגט מיט ערד אַרבעט. די מלחמות פון רוס מיט כאזאַריע

האָבן געמאכט אַז אידן פון כאַזאַריע סיי די איינגעוואנדערטע, און סיי די גרים זאָל לויפן צו דעם מערב, צו די וועלדער. דאָס האָט געמאכט אַז די אַלטע אידעשע ישובים זאָלן פאַרגרעסערט ווערן און עס זאָלן אויך געגרינדעט ווערן נייע אידעשע ישובים, פון דאָס אַלעס קען מען זען אַז ווען האָבן זיך אידן אָנגעהייבן באַזעצן אויף די פלאַכלענדער און וועלדער פון מזרח אייראָפּע זיינען קיינע גענויע ידיעות ניטאָ, נאָר עס איז זיכער אַז זיי האָבן זיך אָנגעהייבן מיט הונדערטער יאָרן פריער פון 14טן אָדער 16טן יאָרהונדערט ווי אַ סך היסטאָריקער גיבן אָן.

טאַטישצעוו אין זיין בוך „היסטאָריא ראָסעיסקאַיאַ" אַרויסגעגעבן אין יאָר 1773 שרייבט וועגן א דאָקומענט, וואָס איז פאַרלאָרן געגאנגען. אין דעם דאָקומענט ווערט דערציילט, אַז סוויאַטאָפּאָלק דער גרויסער קניאז פון קיעוו 1033־1113, אָט געגעבן אַ סך פריווילעגיעס צו סוחרים און בעלי מלאכות, וואו אמאָל רופט ער זיי כאַזאַרן און אמאָל אידן. דאָס האָט אַרויסגערופן א סך צאָרן ביי זיינע קאָנקורענטן און צו דעם אַרויסטרייבן פון די אידן אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון זיין זון וואָלאַדימיר דער צווייטער. נאָר ווי עס ווייט אויס איז דער גירוש בטל געוואָרן אָדער ניט געהאט קיין ווירקונג, ווייל קיעוו איז פאַרבליבן אַ גרויסער אידעשער צענטער. די איינוואַנדערונג פון די כאַזאַרישע אידן איז געקומען פון דער מזרחדיגער זייט פון דניפּער. זיי זיינען געקומען מייסטנס פון די גרעניצן פון טאמאַן און סאַרקעל, וואו האנדל און מלאכה זיינען דאָרטן געווען שטאַרק אנטוויקלט און דאָס וואָס די רוסישע קניאזן האָבן זיי ערלויבט זיך באַזעצן ווייזט אַז קיין סך סוחרים און בעלי מלאכות האָט רוס ניט פאַרמאָגט.

די ערשטע ידיעות וועגן די אידן אין ליטע קומען פון סוף פון 14טן יאָרהונדערט פון יאָר 1388. די ידיעות זיינען פון דער אָרגאַניזירונג פון קהלות אין בריסק, טראָקי, לוצק און לודמיר. דאָס מיינט ניט אַז פריער זיינען דאָרטן קיין אידעשע קהלות ניט געווען. דאָס ווייזט אַז די אידעשע ישובים אין וואָלין, פּאָליעסיע, ווייסרוסלאנד און אוקראאינע האָבן זיך פריער ניט גענויטיגט אין קיין ספּעציעלער אָרגאַניזירונג. זיי האָבן געהאט דיזעלבע רעכט ווי די איבעריגע פעלקער ארום זיי. אין דער צייט פון די כאַזאַרן און שפּעטער אונטער דער הערשאַפט פון די מאָנגאָלן, האָבן די קניאזן, באָיארן, ליאכן ניט געהאַט גענוג קראַפט אַרויפצוצווינגען זייערע באַפעלן אויף די פעלקער וואָס האָבן זיך געפונען אַרום און צווישן זיי, קיין צענטראלע מאכט מיט א קעניג איז נאָך דאַן ניט געווען. ערשט מיט דעם אונטערגאַנג פון דער כאַזאַרישער מלוכה און מיט דעם אַוועקגיין פון מזרח אייראָפּע פון די מאָנגאָלישע טאָטערשע אָרדעס האָט זיך פאַרשטאַרקט די מאכט פון די רעגירער, קניאזן, באָיארן, ליאַכן, מייסטנס נאָרמאנען. עס האָבן זיך אויך

אָרגאַניזירט קריסטלעכע צענטראַלע מלוכות מיט קעניגן און די אַלע קריסט־לעכע הערשער און הערשערלאך האָבן נאָכגעטאָן די מערב אַייראָפּע־אישע הערשער און עס האָבן זיך אָנגעהייבן שיטן גזירות, גירושים, פאַרפאָל־גונגען ווי אין מערב אייראָפּע.

פוילישע אידן אין מיטל אלטער

ניט פאַר וואוילטאָג האָבן זיך די פריער דערמאָנטע קהלות אָרגאַניזירט. אין דער לופט האָט זיך שיין געטראָגן די גזירה, וואָס איז געקומען שפּעטער פון דעם הערשער פון ליטע קעניג אַלעקסאנדער יאגעלאָ אין יאָר 1495, אַז מען זאָל אַלע אידן פון זיין מדינה אַרויסטרייבן חוץ די יעניגע וואָס האָבן זיך געשמדט, זייער פאַרמעגן זאָל קאָנפיסקירט און צעטיילט ווערן פאַר געצאָלט צווישן די קריסטן. די אידעשע שולן זאָלן פאַרוואנדלט ווערן אין קלויסטערס. דער גירוש האָט געדויערט 8 יאָר. דער גירוש האָט ארומגע־נומען אַלע אידן פון דער ליטווישער מלוכה וואָס איז דאַן געווען צעשפּרייט כמעט איבער גאַנץ מזרח אַייראָפּע. אין 1503 האָט דער זעלבער אַלעקסאנדער יאגעלא דערלויבט די אידן אונטער שווערע באַדינגונגען זיך אומצוקערן צוריק. דערביי האָט ער באַפוילן אָפּגעבן זיי צוריק, דעם פאַרנומענעם פאַרמעגן, מיט דעם באַדינג אַז די אידן זאָלן עס אויסקויפן ביי די נייע בעלי בתים לויט זייער קאָסט פּרייז. די גזירות און די גירושים האָבן דאָס געבראכט

צו דער אָרגאַניזירונג פון די קהלות וועלכע זיינען פריער ניט געווען אָרגאַניזירט, אַזוי אַז עס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער באַזעצונג פון די אידן.

א רעגיסטראַציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין 16טן יאָרהונדערט פון דעם ערד פאַרמעגן פון די איינוואוינער פון ליטע. לויט די רעגיסטראַציע פון די איינוואוינער פון דער שטאָט פינסק זעט מען ניט צווישן די פאַמיליען נעמען קיין איין נאָמען וואָס זאָל אויסזען ווי אַ דייטשער נאָמען ווי גאָלדבערג, אַפּפעלבוים א. אז. וו. נאָר אַלע פאַמיליען נעמען האָבן דעם אויסזען ווי סלאַווישע אָדער טיורקוטישע, זיי ענדיגן זיך מיט אַן „איטש" ווי אכרימאָוויטש, טוראָוויטש, יאכימאָוויטש א. אז. וו. דאָס באַווייזט אַז די צאָל פון אידן וואָס זיינען שפּעטער געקומען פון דייטשלאַנד און זיך אויסגעמישט מיט די היימישע אידן זיינען נאָך דעמאָלסט געווען ווייניג. די רעגיסטראַציע ווייזט אויך אַז דער הויפּט קוואַל פון דער פּרנסה פון די אידן פון ליטע איז געווען ערד אַרבעט. לויט דעם צענזוס האָט זיך אַ גרויסער טייל פון מזרח אייראָפּעאישן אידענטום זיך באַשעפטיקט מיט ערד אַרבעט און האָדעווען בהמות. דאָס האָט זיך געצויגן ביז דעם יאָר 1569. ביז דעם לובלינער יוניע. די לובלינער אוניע האָט איבערגעגעבן דער גאַנצער מאַכט אין לאַנד צו דער שליאכטע פאַר דעם פּרייז פון פאַראייניגן ליטע צו פּוילן. דערביי האָט מען דער שליאכטע אַוועקגעגעבן די גאַנצע ערד וואָס די אידן האָבן פאַרמאָגט, אַזוי אַז אידישע ערד ארבעט האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן און איר אָרט האָט פאַרנומען האַנדל און מלאכה.

די לובלינער אוניע, וואָס האָט פאַראייניגט ליטע און פּוילן און עגמאַכטביידע מלוכות פאַר איין מלוכה, האָט פאַרשטאַרקט דעם עמיגראַציע שטראָם פון די דייטשע און פּוילישע אידן קיין ליטע. דאָס האָט געבראַכט צו דעם אויפקומען פון נייע ישובים און עס פאַרמערט זיך אויך די באַפעלקערונג אין די אלטע אידעשע ישובים. די צאָל אידן וואקסט אין די אידעשע שטעט און שטעטלאך צוזאַמען מיט זיי וואקסט דער פּאַרמעגן ביי דער אידעשער באַפעלקערונג. דאָס רופט אַרויס אַ רעאקציע מצד די שטאָטלייט. זיי זיינען זיך משתדל ביי דער צענטראלער רעגירונג אָפּצושטעלן דעם וואוקס פון די אידן און מאכן פאַר זיי רעכטליכע באַגרעניצונגען. מייסטנס פלעגט די רעגירונג צופרידענשטעלן די ביטעס פון שטאָטלייט. ניט קוקענדיג דערויף האָבן די גזירות און פאַרבאָטן ניט געווען אומשטאַנד אָפּצוהאַלטן דעם וואוקס און עקאָנאָמישע שטאַרקייט פון ישוב. אין יענער צייט קומט אויף דער אויבערפלאכע דער „ועד ארבע ארצות".

דער ועד אַרבע ארצות

א שאָטן פון א אידישער אויטאָנאָמיע

דער ועד ארבע ארצות איז געווען אַ אינסטיטוציע, וואָס האָט געהאט אַ פאָרמע פון אַן אויטאָנאָמיע אַזאַ סאָרט אויטאָנאָמיע האָבן אידן ניט געהאט דורך דער גאַנצער צייט זינט זיי זיינען אַוועק פון ארץ ישראל. מעגלאך אַז די וואָרצלען פון דער אויטאָנאָמיע האָבן זיך געצויגן פון דער צייט ווען די כאַזאַרן האָבן זיך געפונען אין מזרח איראָפּע און פון דער צייט פון ראש גלותא אין בבל. קיין שטענדיגן אָרט פאַר זיינע זיצונגען האָט דער ועד ד׳ ארצות ניט געהאט — זיינע זיצונגען פלעגן פאָרקומען אין פאַרשידענע צייטן, אין פאַרשידענע ערטער, אין דער צייט ווען עס פלעגן פאָרקומען די גרויסע יארידן. צו די גרויסע יארידן פלעגן קומען סוחרים צו טאָן מסחר און סתם מאסן אידן פאַר טרעפונגען, דיני תורות, און אַנדערע וויכטיגע פערזענליכע און נאַציאָנאלע פראַגן. עס פלעגן קומען אויף די יארידן אידן פון די ווייטסטע ערטער פון מזרח איראָפּע, עס פלעגן אויך קומען רבנים און פרנסים פון פילע שטעט. די מאכט פון די רבנים און פרנסים איז ווייזט אויס ניט געווען אַזוי שטארק, ביז די אויפטרייסלונגען און מרידות, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דער פוילישער מאָנארכיע. די אויפטרייסלונגען האָבן געצוואונגען די קעניגן אַרויפצולייגן שווערע שטייערן אויף זייערע אונ-טערטאנען. דער ועד ד׳ ארצות וואָס איז אויפגעשטעלט און פאַרשטארקט געוואָרן, האָט געזאָלט זיין אן אינסטיטוציע, איינצומאָנען די שטייערן, מיט דער הילף פון גבאים און פרנסים. די פרנסים און פאָלקס פירער, האָבן אין ועד ד׳ ארצות געפונען אַ ברייט פעלד, אויסצוברייטערן זייער מאכט און אויפ־צושטעלן אָרגאניזאציאָנעלע קעמערלעך, מיט אַן אינערלעכער אויטאָנאָמיע, וועלכע האָבן אַרומגענומען אלע שטחים פון אידעשן לעבן, אין די גרעניצן פון לאנד.

די קאָמפּעטענץ פון ועד ארבע ארצות איז געווען גוואלדיג גרויס. עס איז ניט געווען קיין איין געביט פון אידעשן לעבן, וואָס דער ועד זאָל אויף זיי ניט לייגן קיין אכטונג, חוץ פון פונאנדערטיילן און איינמאָנען מלוכה שטייערן פלעגט דער ועד אַרויסגעבן באשלוסען פון אַדמיניסטראטיוון כאַ־ראכטער. דער ועד פלעגט זיך האַלטן פאַר דעם באַשיצער פון אידעשן לעבן און פאַרמעגן, אַ גרויסן אָרט אין די פּראָטאָקאָלן פון ועד פאַרנעמען די באשלוסן פון שוץ פון אידישן לעבן און פאַרמעגן.

אין דעם ועד האָבן זיך באטייליגט פאָרשטייער און רבנים פון די הויפּט קהלות, אויף די אסיפות פון ועד זיינען באשאַפן געוואָרן תקנות און מנהגים,

וועלכע זיינען געוואָרן שטרענגע אָפּגעהיטע געזעצן אין די אידעשע ישובים.

די ערשטע אינפאָרמאַציע וועגן אַ פאָרמע פון אַן אויטאָנאָמישער אינסטיטוציע פון אידן אין מזרח אייראָפּע, ווערט דערמאָנט אין אַ באַפעל פון פוילישן קעניג זיגמונט דעם ערשטן. אין באַפעל פון דעם 23טן יולי 1533 ווערט דערציילט וועגן א סכסוך צווישן אידן, וועלכע איז באַהאַנדלט געוואָרן פון זייערע רבנים זייענדיג אין לובלין. דאָס ווייזט, אַז עס איז אָפּגעהאלטן געוואָרן אַ זיצונג פון בית דין אין לובלין קען זיין אין דער צייט פון אַ יאריד. אויף וועלכער עס זיינען באַהאנדלט געוואָרן פראַגן פון א דין תורה פון אַן אנדער שטאָט. (דברי ימי ישראל גרעץ) דאָס ווייזט אויך אַז נאָך פאַר דעם יאָר 1580 מיט 50 יאָר שפּעטער, ווען עס איז אָפיציעל ערעפנט געוואָרן דער ועד ד׳ ארצות האָט שיין עקזיסטירט פון פריער אַ אידעשע אויטאָנאָמישע אינסטיטוציע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם אידעשן לעבן. מען זעט אויך, אַז די אָרגאַניזאציאָנעלע סטרוקטדר און אַקטיוויטעט פון ועד, איז געוועזן פאַרשידן אין זיינע פאַרשידענע תקופות. אין די זיצונגען פון ועד האָבן זיך באטייליגט פאָרשטייער פון יעדער מדינה, רבנים, סופרים, שמשים.

א זיצונג פון ועד ד׳ ארצות וואו עס האָט זיך
פאַרהאנדלט די פראַגע וועגן אויסטיילן קליידער צו אָרימע

די זיצונגען פלעגן פאָרקומען איינמאָל אין צוויי יאָר. אין דער צייט פון איין זיצונג (אסיפה) ביז דער צווייטער האָבן שתדלנים (פערזאָנען וועלכע האָבן געהאט א צוטריט צו די פּאַלאַצן פון די מלכים און צו די הויפן פון די פריצים) פאַרטראָטן די קהלות פאַר די צענטראַלע מאכט אָרגאַנען און

אַן ארעסטירטער איד אין א קונע לויט
דער פאַראָרדענונג פון ועד ד׳ ארצות

אָפּגערופן שלעכטע גזירות מיט דער הילף פון שוחד און ביטעס. ספּעציעל האָט דער ועד ד׳ ארצות געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע נאָך די כמעלניצקי גזירות. און אויסראָטונגען פון ת״ח ות״ט. אין א דאָקומענט צו דעם ועד ד׳ ארצות אין יאָר תכ״א (1661) רעדט זיך וועגן פּדיון שבוים פון טויזנטער אידעשע נפשות, וועלכע זיינען גערויבט געוואָרן פון דעם קעניג פון מאָסקווע און פאַר־קויפט געוואָרן צו די פּערסיער אַן אכזרישער פאָלק. דער בריוו איז געשיקט געוואָרן פון קאָנסטאנטינאָפּל צו דער שטאָט ברסטא קרייז ליוובא וואָס עס האָט געמיינט בריסק דליטא. אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן אידעשע גע־פאַנגענע, וועלכע זיינען געבראכט געוואָרן פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד אין די יאָרן 1654—1656 פון די מאָסקעווער חילות און זיינען צושפּרייט געוואָרן איבער אַלע עקן רוסלאַנד. אַ סך פון זיי זיינען אויך פאַרקויפט געוואָרן צו די פּערסיער און טערקן. דער שליח מיט דעם בריוו איז געקומען קיין בריסק דליטא, וואו עס עס דאמאָלט פאָרגעקומען די סעסיע פון ועד.

אויף דער סעסיע איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצוקלייבן דריי גבאים און אַרויסצושיקן זיי אין די קהלות. די גבאים פון ועד זאָלן באַשטימען אין יעדער קהלה א גבאי אַן אָרענטליכן מענטשן וועלכער וועט זאַמלען געלט פאַר פדיון שבוים, לויט א באַשטימטער סומע וועלכע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער קהלה (בוך בריסק-דליטא זייט 62).

דער ועד ד׳ ארצות האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט 175 יאָר פון 1580 ביז 1764. אין יאָר 1764, האָט דער ועד אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אויף דעם באַפעל פון דער צאַריצא עקאטערינא, וועלכע האָט זיך געשראָקן פאַר יעדער אויטאָנאָמיע און ספעציעל פאַר א אידישער אויטאָנאָמיע אין איר לאנד.

אין יאָר תקכ״ד (1764) איז אַרויסגעגאַנגען די גזירה צו פאַרמאכן דעם ועד ד׳ ארצות פון פוילן. דאָס איז געווען דער ועד הקהלות הראשית אין ליטע און אין אַלע וואָיוואָדישע קהלות. דער לעצטער קאָמיטעט פון די 5 הויפּט קהלות אין ליטע (ווילנע, גראָדנע, בריסק, פינסק און סלוצק) האָט אין סלוצק וואו עס איז געווען זיין לעצטער זיץ אָרט אַריינגעפירט נייע תקנות, מיט דעם צוועק צו פאַרשטארקן זיין אויטאָנאָמיע. ניט פילענדיג אַז עס דערנענטערט זיך זיין סוף.

דער אונטערגאַנג פון ועד ד׳ ארצות איז געווען דער אונטערגאַנג פון דעם לעצטן שאָטן פון א אידישער אויטאָנאָמיע אין מזרח אייראָפּע וואָס האָט עקזיסטירט הונדערטער יאָרן אין פאַרשידענע פאָרמען אָנהייבענדיג פון דער צייט פון די קניאזן, באַיארן און שליאכטע אַלס ניט קיין אָרגאַניזיר־טער מלוכה אָרגאַן ביז דער צייט פון דער הערשאַפט פון די פוילישע מלכים אַלס אָרגאַניזירטע און אַנערקענטער מלוכה אָרגאַן. אַלע סימנים ווייזן אַז דער ועד האָט געצויגן זיינע וואָרצלען פון דער צייט פון דער הערשאַפט פון די כאַזאַרן איבער מזרח אייראָפּע. צוליב די מלחמות פון די כאַזאַרן מיט די רוסן, די פאַרניכטונגס מלחמות מיט די מאָנגאָלן און די לעצטע מלחמות מיט די באנדעס פון כמעלניצקי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען די החלטות און תקנות פון דעם ועד. מעגלאַך אַז א סך תקנות זיינען אריין אין דער רבנישער ליטעראַטור און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דינים און געזעצן אין אידעשן לעבן, וואָס האַלטן נאָך אַן ביז היינט.

טראַנספּאָרט אין מזרח אייראָפּע

בעלי עגלות און קרעטשעס

ווען מיר גיבן א קוק אויף דער קאַרטע פון מזרח אייראָפּע און היינטיגן צענטראַל סאָוועטן פאַרבאנד אמאָליגע עראַאזיע, זעען מיר ווי דער גרויסער טייל פון לאַנד, די אמאָליגע סטעפּעס, און וועלדער זיינען דורכגעוועבט מיט

אַ וועב פון וועגן, היינט זיינען די וועגן באַדעקט מיט רעלסן, ליניעס פון איַיזענבאַנען. אין פאַרלויף פון הונדערטער און מעגלאַך טויזנטער יאָרן זיינען די וועגן געווען זאַמדיגע מיט בריקן און בריקלאַך איבער די טייכן און טייכלאַך. זומפּיגע ערטער זיינען געווען פאַרשאָטן מיט זאמד און העכערע ערטער אויסגעגלייכט.

די צענטראַלע וועגן, האָט מען גערופן „קעניגלעכע וועגן". אין געוויסע ערטער האָבן די וועגן זיך צונויפגעקומען און געבילדעט איין גרויסער „קעניג־לעכער וועג". צו אַ סך פון די קעניגלעכע וועגן האָבן זיך געצויגן אַ סך לאָקאַלע וועגן פון דערפער, שטעטלאַך און גרעסערע שטעט. ביי די ערטער וואו די וועגן פלעגן זיך צוזאַמענקומען האָבן זיך געפונען אמאָל גרעסערע און אמאָל קלענערע שטעט און שטעטלאַך און אויך קרעטשמעס. אויף די וועגן האָבן אָן אויפהער טאָג און נאכט זיך געצויגן וועגענער מיט אויפגעשטעלטע בוידן אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען פּאַסאַזשירן און לאַנגע שערענגעס וועגענער מיט סחורה.

עס זיינען אויך געווען וואַסער־וועגן, וואו איבער טייכן האָבן זיך גע־צויגן, באַרזשעס, שיפן, און פליטן וואָס האָבן געפירט רויע סחורה און האָלץ פון מזרח קיין מערב און פון מערב אויסגעאַרבעטע סחורה.

די וועגן זיינען שטענדיג געווען באַשיצט פון די רעגירער פון לאַנד דורך וועלכער זיי האָבן זיך געצויגן. די רייזענדע פון די וועגן און די קאַראַוואַנען מיט סחורה זיינען געווען קוואַלן פון צינזן וואָס איז גענומען געוואָרן פון די סוחרים פון זייער סחורה און אויך פון די פּאַסאַזשירן. זיי זיינען אויך געווען די פאַרבינדונגען פון די לענדער מיט דער אַרומיגער וועלט. צו די וועגן און די שטעטלאַך פלעגט געבראַכט ווערן דער רוי־שטאָף פון די אַרומיגע דערפער און פלעגט אויסגעביטן ווערן אויף אויסגעאַרבעטע סחורה וואָס עס פלעגט געבראַכט ווערן פון די אינדוסטריעלע צענטערס פון מערב.

אין דער צייט פון די כאַזאַרן אין צייטן פון שלום, זיינען די וועגן געווען באַוואַכט פון כאזאריש מיליטער אָדער פון מיליטער פון די קניאַזן, וועלכע זיינען געווען אין דינסט ביי די כאַזאַרן. ווי עס זעט אויס זיינען די בעלי־בתים די אָנטרייבער פון די פערד פאַר לאנגע צייטן מערסטנס געווען אידן. זיי האָבן זיך גערופן בעלי עגלות. דער וואָרט באַל־אגולאַ איז שפּעטער אַריין אין דער פּוילישער, אוקראַאינישער און ווייסרוסישער שפּאַרך.

די בעלי־עגלות זיינען געווען פּראָסטע אידן אין זייערע מלבושים און אין זייער האַלטונג, חוץ זייער דאַוונען און עסן כשר זיינען זיי געווען נאָ־ענטער צו דער אַרומיגער ניט אידעשער באַפעלקערונג, ווי צו די דייטש אי־דעשע איינוואוינער פון די שטעט און געטאָס וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מער מיט האנדל, פּראָצענט און לערנען תורה, ווי מיט מלאכה און ערד ארבעט,

יידישער בעל־עגלה
(אין 18טן יאָרהונדערט)

און וועלכע האָבן אימיגרירט צו מזרח אייראָפּעאישע וועלדער און סטעפּעס וואו עס האָט זיך געפונען א אידישע באַפעלקערונג פון אוראַלטע צייטן. מערסטנס איז די בעלי־עגלישע באשעפטיגונג איבערגעגאַנגען פון די עלטערן צו די קינדער.

דער מזרח אייראָפּעאישער טראנספּאָרט האָט חוץ בעלי עגלות געהאט אויך „קרעטשמעס" וואָס האָבן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער איבערוואַנדערונג פון די אידן פון מזרח צו מערב און פון מערב צו מזרח. אַ סך פון די קרעטשמעס זיינען פאַרוואנדלט געוואָרן אין שטעטלאך און שטעט וואָס זיינען באשטאַנען דער גרעסטער צאָל פון אידן. ווען עס זיינען אנטדעקט געוואָרן די אייזענבאַנען אין 19טן יאָרהונדערט זיינען די בעלי־עגלות און די קרעטשמעס פאַרשוואונדן און עס האָט זיך אָנגעהייבן די גרויסע אידעשע עמיגראַציע נאָך מערב אייראָפּע און נאָך אַמעריקע און אַנדערע לענדער. דאָס וואָס דער טראנספּאָרט פון מזרח איי־

ראָפּע צו דעם מערב, צו די גרויסע שטעדט און פון מערב צו די וועלדער און סטעפּעס איז געלעגן אין אידעשע הענט האָט געבראכט צו דער צונויפמישונג פון די אידן פון סטעפּ מיט די אידן פון וואַלד און מיט די אידן פון מערב אייראָפּע מיט די אידן פון מזרח אייראָפּע.

די אידן פון מערב אייראָפּע האָבן פאַרמאָגט א שפּראך דייטש און אַ שפּראך העברעאיש מיט א שריפט און געווען געלערנט אין דער אידעשער רעליגע אין תנ״ך, תלמוד, און קבלה. די אידן פון מזרח פון סטעפּ און וואַלד זיינען געווען פּראָסט און פאַרמאָגט נאָר אַ גערעדטע שפּראך, מעגלאך טיורקוטיש ווי די טאטן. היינט ווען די צוויי שטראָמען אידן האָבן זיך באַגעגענט האָבן די מזרח אייראָפּעאישע אידן זיך אויסגעמישט מיט די מערב אייראָפּעאישע זיך אַסימילירט און עס איז ענטשטאַנען דער מזרח אייראָפּעאישער אידענטום ווי מיר זעען אים היינט. דערביי האָבן די קרעטשמעס געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער צייט פון דער גרויסער באַוועגונג ווען פון מזרח זיינען געלאָפן אידן פון די טאַטאַרן פון טשינגיז כאַן, וועלכער האָט אונרחמנותדיג אומגעבראכט דער אידעשער באַפעלקערונג, זיינען פון מערב געלאָפן אידן קיין מזרח פון די קרייץ־ציגלער, אין יענער צייט האָבן די קרעטשמעס געשפּילט זייער אַ וויכטיגע ראָלע וייל אַרום די קרעטשמעס האָבן זיך אויסגעבילדעט ישובים, שטעט און שטעטלעך וועלכע האָבן געבילדעט דעם מזרח אייראָפּעאישן אידענטום און וועלכע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן פון די דייטשע נאַציס ימח שמם.

די קרעטשמע

בײ די ענדע פון 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט

אויף צוויי וועגן וואָס גייען זיך פונאַנדער שטייט די קרעטשמע. די וועגן ציען זיך צווישן אידעשע שטעט און שטעטלאך. אויף די וועגן אויף דעם גרינעם גראָז גייען חסידים מיט פּעקלאך אויף זייערע פּלייצעס, און מיט שטעקלאך אין זייערע הענט. די חסידים גייען צו זייערע רביים וואָס געפינען זיך אין די שטעט און אין די שטעטלאך. בײ די וועגן גייען אורחים מדינה גייער,, זיי קומען אָן פוןביידע וועגן פון שטעט און שטעטלאך און טרעטן אָפּ אין קרעטשמע אויף נאכט לעגער, וואו פאַר זיי איז דאָ אַ באזונדער נאכט שטיבל. אין קרעטשמע טרעפן זיך אידן פון פאַרשידענע מדינות פון רייסן, זשאמוט, ליטע און פּוילן. די אורחים, וואָס שטעלן זיך אָפּ אויף נאכט לעגער, דערציילן מעשיות, וואָס זיי האָבן געהערט און וואָס עס האָט זיך מיט זיי געטראָפן. בעלי עגלות באוואָקסן מיט געדיכטע קאָלטאָנאָוואטע בערד,

וואָס פּאַרשטעלן זייערע פּנימער אנדערע מיט פּיפּקעלעך אין מויל, איינגעהילט אין דיקע באָנדעס און שאפּן פּעלצן מיט גרויסע קעלנער, די בעלי עגלות פירן גרויסע וועגענער מיט קאלך, נאפט,, סמאָלע און דזשעגעכץ. די וועגענער זיינען באזאָרגט מיט גרויסע שטאָלקאצן, וואָס פלאַקערן פאָרענדיג ביינאכט און זאָגן אָן פון דערווייטנס אַז זיי פּאָרן.

אין פורן מיט ביידלאַך אָנגעלאָדן מיט פּעק סחורה אזש די אָקסן ברעכן זיך אונטער זיי, פירן אידן סחורה פון איין מדינה אין דער צווייטער. הייכע וועגענער מיט בוידן פול מיט פּאַסאַזשירן פּאָרן צו און פּאָרן אָפּ פון דער קרעטשמע. די פּאַסאַזשירן קומען פון פאַרשידענע געגענטן און פאַרשידענע מדינות. זיי דערציילן וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין לאַנד און אין אַנדערע מדינות און וואָס עס הערט זיך מיט אידן אין דער גאנצער וועלט. און אויך וועגן גזירות, מלחמות און שלום פון די מדינות פונוואנען זיי קומען. אידן זיינען איין פּאָלק פון איין גאָט און אַלע וואַרטן אויף משיח׳ן. נאָר יעדער שטעטל האָט איר טעם איר חנ׳דל, וואָס עס איז אויסגעגאָסן אויף אירע איינוואוינער.

אויף דער שוועל פון קרעטשמע זיצט אַ ליטוואק עפּעס א מאָדנער איד אָנגעטאָן אין אַ העמד און א קורצן ראָק, וואָס זעט אויס ווי אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אין א הוט מיט א הייכע דענקע, עס איז אַ זומערדיגע היץ און דאָך טראָגט ער אַ פּאָר טיפע קאלאָשן. געקומען איז ער פון גאַנץ ווייט האָט ער אין דער קרעטשמע אָפּגעטראָטן זיך אָפּצורוען און איבערצונעכטיגן. ער דערציילט די אידן, וואָס עס טוט זיך ערגעץ וואו גאַנץ ווייט אין דער ליטע און ווי די אידן לעבן דאָרטן אין דחקות און נויט. דער ליטוואַק איז אַ גרויסער למדן, ער רעדט לשון קודש ווי וואַסער, אידן האָבן דרך ארץ פּאַר אים קרעכצן אונטער, נאָר אין האַרצן גלויבן זיי אים ניט א ליטוואק באלד, באלד וועט ער זיי אָפּנארן. ער רעדט טאקע מיט זיי ווייך און פרום נאָר ווער ווייסט אָט איז ער לאַנג געשטאנען שמונה עשרה ביי מנחה, נאָר געשאָקלט האָט ער זיך ניט און ווער ווייסט וואָס ער טראָגט אונטער דער הארץ.

די פערדלעך פון די וועגענער זיינען אויסגעשפּאנט, פּאשען זיך און קלערן גוט אַריין אין דער גרויסער קאָרעטע וועלכע שטייט פּאַר זיי, ווי זיי וואָלטן געקלערט פונוואנען כוחות צו נעמען אַריבערפירן די סחורות.

די קרעטשמע האָט געדינט ניט נאָר פּאַר אַן אָרט איבערצונעכטיגן נאָר אויך פּאַר אַן אָרט וואו מחותנים פון פארשידענע שטעט פלעגן זיך טרעפן און תנאים און אמאָל חתונות דורכפירן, אש באשרייבט ווי אַזאַ סאָרט צונויפגעפאָרענער תנאים פון צוויי באזונדערע שטעט איז פאָרגעקומען אין דער קרעטשמע. די מחותנים זיינען געווען רייכע אידן פון צוויי שטעט וועלכע האָבן באשלאָסן מאכן די תנאים אין דער קרעטשמע.

עס באוויזט זיך פלוצלונג א וואָלקן שטויב פון ביידע זייטן וועג. דער וואָלקן שטויב קומט נאָענטער און נאָענטער. עס דערהערט זיך אַ קנאַלן פון בייטשן. עס שטעלן זיך אָפּ פאַר דער קרעטשמע פוהרן אָנגעפילט מיט מחותנים פון כלהס צד פוילישע אידן מיט סאַמעטענע היט און שוואַרצע זיידענע זשופּיצעס, מחותנתטעס אין ברייטע קליידער, מיט פעקלאַך בראָנפן און לעקאך, עס קומען אָן פורן מיט מחותנים פון חתנס צד אידן פון אַן אנדער מדינה מיט לאַנגע און קורצע בערד, מען גיט זיך אָפּ שלום, די מחותנתטעס דאָס ערשטע מאָל זיך געזען און דאָס ערשטע מאָל זיך געקושט.

די פורמאַנעס שפּאַנען אויס די פערד, מען שיט די פערד אָן אָבראָק און מען קוקט זיך איבער מיט גאווה פון איין צד צום צווייטן, מען שיקט זיך אַריבער פון איין צד צום צווייטן מיט גוטע ווערטלאך.

די קרעטשמע, א שטוב מיט א נידעריגן באלקן מיט קליינע פענסטערלאך הויך ביים באלקן. דער בעל הבית פון קרעטשמע האָט זיך לכבוד די מחותנים אָנגעטאָן אין הויכע גרויסע פאַרראָסטעטע שטיוול האָט אַוועקגעשטעלט צוויי גרויסע ליכט אויפן געדעקטן טיש און אַרויס פון שטוב. די מחותנים גייען אַריין אין קרעטשמע. דער חתן א שווארץ חנעווודיגער בחורל אין אַן אַטלאסענער קאַפּאָטקעלע מיט אַ זיידן גאַרטעלע, מיט צוויי לאַנגע געקרייזעלטע פּיאהלאך. דער עולם זעצט זיך אַרום טיש. דער למדנישער עולם איז באַלד אַרויס מיט א שאַרפן שמועס אין לערנען, מען זידעלט זיך, מען איז זיך מכבד איינער דעם צווייטן מיט סיגאַרן, מען נעמט זיך צום חתן צו פאַרהערן. דער חתן זאָגט א פּלפּול, ער מישט איין גמרא מיט דער צווייטער און איין איין וועג פאַרענטפערט אַ האַרבן רמב״ם און נעמט אויס ביים עולם.

אין דער צווייטער שטוב דאָרט וואו דער קרעטשמער און די קרעטשמערין שלאָפן, האָבן זיך די ווייבער צוזאמענגענומען. די ווענט אין שטוב זיינען באהאנגען מיט בילדער פון אַלטע סאָלדאטן און גענעראלן. איבער די פענסטער הענגען גאַרדינקעלעך מיט גרינס אָנגעשטעקט נאָך פון פאַר שבועות.

די כלה נאָכדעם ווי מען האָט איר אָנגעטאָן די נייע קלייד און פאַרקעמט די האָר האָט מען אַוועקגעזעצט אייבן אָן. ארום איז איז דער עולם ווייבער געזעסן שטיל אויף די שטולן, קיינע האָט ניט געוואגט א וואָרט זיך אָפּצורופן, איינע האָט געווארט אויף דער צווייטער, ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהייבן צו שמועסן צום ערשט אָפּגעהאקטע ווערטער, פון צייט צו צייט האָט יעדערע פון זיי א דייטש וואָרט געזאָגט צו ווייזן זיך. וואָס זיצט איר אַזוי ווי אָנגעבלאָזענע האָט דער שמש געזאָגט אריינקומענדיג. מחותנתטע, האָט איר פאַרהערט דער כלה. די מחותנתטע איז צוגעגאַנגען מיט אַ פאַרקניפּטן קנויל פאָדעם און געגעבן דער כלה אויסצופלאָנטערן, לאָמיר זען

וואָס די כלה קען, דערביי פרעגענדיג דער כלה פאַרשידענע פראַגן. די כלה האָט געענטפערט. דאָס האָט די מחותנתטע פון כלהס צד פארדראָסן, וואָס הייסט מען גייט דער כלה פאַרהערן, ווי מען וואָלט די כלה אויפן מארק געפירט. האָט זיך די צווייטע אָפגערופן ביי טאַטעלע און מאַמעלע אין וואַרשע פירט מען זיך אַזוי. עס קומט אַריין דער מחותן און זאָגט, נו ווייבער קריגט זיך מער ניט זאָל מען צוזאמענפירן דעם חתן מיט דער כלה, אויב זיי געפעלן זיך, אַלע ווייבער גייען אַרויס פון שטוב, און די כלה בלייבט איבער אַליין. די מחותנתטע פירט אַריין דעם בחור, וועלכער איז בלאס ווי די וואנט און האלט זיך אָן אין דער מאַמעס הענט. די מאמע פירט אים צו צו דער מיידל און זאָגט דאָס וועט זיין דיין כלה, זע אויב זי געפעלט דיר און גייט אַרויס פון שטוב איבערלאָזענדיג זיי אַליין. די קינדער שטייען ווי אָפגעשמיסענע האָבענדיג מורא זיך פון אָרט צו רירן. די מיידל הייבט פאמעלעך אויף די אויגן, און קוקט אָן דעם בחור, זי וויל אים עפעס זאָגן נאָר זי האָט פאַרגעסן: קומען אַריין די מאמעס און פרעגן די קינדער אייב זיי געפעלן זיך? פאטשט מען אין די הענט געפעלן, געפעלן, ברייגנט דער רב מיט דעם שמש אַריין אַ גרויס פאַפיר און מען גיט דער כלה זיך אונטערצשרייבן. די כלה שרייבט אונטער איר נאָמען מיט מזל. גיט איר דער מחותן א גאָלדענע קייט מיט א קאָליע, נעמט די כלה צו און זאָגט א שיינעם דאַנק און גיט דעם מחותן א קוש אין האנט. מען ברייגנט אַריין טעלער און מען גיט א טראסק אין דער ערד מזל טוב! מזל טוב! די ווייבער טראָגן אַריין לעקעך און בראָנפן און עס ווערט אַן אמתע שמחה.

עס איז נאָך נאכט, ווען פאַר דער קרעטשמע שטייען שיין די פורן מיט די שטאָלקאצן, וואָס פירן אַוועק די מחותנים, מיט די געסט. די פורן ווערן ביסלעכוויז אָנגעפילט. די קנאלן פון די בייטשן הערן זיך אין דער שטילער נאכט. ביסלעכוויז צופאָרן זיך די פורן טייל אויף דעם לינקן וועג און טייל אויף דעם רעכטן. (בעארבעט פון שלום אש „די קרעטשמע”.)

מיר האָבן געבראכט די צוויי באשרייבונגען פון די בעלי עגלות און קרעטשמעס צו ווייזן וואָס פאַר א ראָלע עס האָט געשפילט דער טראנספּאָרט וועלכער האָט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער געלעגן אין אידעשע הענט, און די באַוועגונגען פון די אידן פון מזרח צו מערב און פון מערב צו מזרח, און אויך די קרעטשמעס פון וועלכע עס האָבן זיך אויסגעבילדעט די אידעשע שטעט און שטעטלאך.

די שטעטל

אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער ביז דעם מיטן פון צוואנציגסטן יאָרהונדערט ווען די דייטשע נאַציס האָבן אומגעבראכט דעם גרעסטן טייל פון דעם מזרח־איירָאָפּעאישן אידענטום האָט דער גרעסטער טייל פון דעם מזרח איירָאָפּעאישן אידענטום געוואוינט אין שטעטלאך. די שטעטלאך זיינען געווען צושפּרייט איבער פּוילן, ליטע, אוקראאינע, ווייס רוסלאַנד און אַנדערע קליינע מזרח איירָאָפּעאישע לענדער. א סך פון די שטעטלאך זיינען אָפּגעווישט געוואָרן און אַ סך פון די גרעסערע זיינען פאַרבליבן אָבער אָן דער אידעשער באפעלקערונג.

די ירידה פון דער שטעטעל אין וועלכער דער מזרח איירָאָפּעאישער אידענטום האָט זיך געפונען אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן האָט זיך אָנגעהייבן א סך פריער איידער איר גענצליכער פאַרניכטונג פון די נאַציס. זי האָט זיך אָנגעהייבן מיט דער אָפּשאַפונג פון לייב אייגענטום, מיט דער פאַראָרעמונג פון פריץ און זיין פאַרלירן זיין פּאָליטעשע מאכט, איבער די פויערן און זייערע דערפער און אויך איבער די איינוואוינער פון די שטעטלאך.

די אנטוויקלונג פון די אייזענבאנען און דאמף שיפן, די אנטשטייאונג פון די גרויסע שטעט, די גרויסע רעוואָלוציעס אין דעם 19טן און 20טן יאָרהונדערט, די גרויסע עמיגראציעס קיין אַמעריקא און ישראל האָבן געבראַכט צו דער שאַפונג פון גרויסע אידעשע צענטערן אין צפון און דרום אמעריקע און אין דער ענטשטייאונג פון דער אידעשער מדינה אין ישראל. ווי האָט אויסגעזען דער סאָציאלער, פּאָליטישער, עקאָנאָמישער לעבן פון די שטעטלאך אין וועלכע עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָס אידעשע פאָלק אין מזרח איירָאָפּע דורך דער צייט פון מיטל־אַלטער ווען דאָס אידעשע פאָלק אין מערב איירָאָפּע און אין די מאכעמדאנישע לענדער איז כמעט וו י פאַרניכטעט געוואָרן, מיט וואָס האָבן זיך אירע איינוואוינער באשעפטיגט, פונוואנען זיינען זיי געקומען ?

אנאליזירענדיג און נאָכפאָלגענדיג די געשיכטע און ענטוויקלונג פון די שטעטלאך קומען מיר צו אַן אויספיר אַז די אידעשע באַפעלקערונג, די איינוואוינער פון די שטעלאך זיינען דער גרעסטער טייל געקומען פון מזרח איירָאָפּע און אַזיע דאָס הייסט פון עראַאַזיע. זיי האָבן ניט געקענט קומען פון די מערב אַיירָאָפּעאישע לענדער ווייל אין דער צייט פון דער ענטשטייאונג פון די שטעטלאך זיינען שיין דאָרטן געווען זייער ווייניג אידן. אויף די בריטישע אינזלען, פראַנקרייך שפאניע, און אין מערב דייטשלאַנד אין ערשטן יאָרטויזנט, די קרייץ צוגן די אינקעוויזיציע האָט כמעט גענצליך פאַרניכטעט

דער אידעשער באַפעלקערונג. אין די מיטל-אַזיאַטישע לענדער וואו עס האָט געהערשט דער מאַכמעדאנישער גלויבן, איז נאָך געווען וואו ניט וואַו א אידעשער קבוץ אָבער ניט גענוג אַז פון אים זאָל קענען אויסוואקסן א פאָלק מיט א שפּראַך און אַן אייגענארטיקער קולטור.

דער טייטש פון דעם וואָרט „שטעטל" אויף רוסיש איז (מעסטעטשקא), אויף פויליש (מיאסטעטשקא) צום אונטערשיד פון וואָרט „שטאָט" אויף רוסיש (גאראד) אויף פויליש (מיאסטא). די שטעטל (מעסטעטשקא) אָדער (מיאסטעטשקאָ) האָט זיך אונטערשידן פון דעם „גאָראָד" אָדער „מיאסטאָ" וואָס איז געווען אַ גרויסע שטאָט און געווען גרויס און זיך אויך אונטערשידן פון די דערפער מיט וועלכע זי איז געווען ארומגערינגלט, דאָס איז געווען א ספּעציעלער סאָרט אײנהייט אנדערש פון א שטאָט און אנדערש פון אַ דאָרף און וועלכע האָט זיך געפונען נאָר אין די מזרח אייראָפּעאישע לענדער פון פוילן, ליטא, אוקראינא און ווייס רוסלאַנד. די מיאסטעטשקא האָט אויסערליך אויסגעזען ווי א דאָרף, די אייגענע הייזער באַדעקט מיט שטרוי אָדער היל־צערנע שינדלען, די אייגענע בלאָטיגע ניט ברוקירטע גאַסן, חוץ דעם מארק וואָס אַלע שטעטלאך האָבן געהאַט און די קראָמען ארום דעם מארק.

א סך פון די גרעסערע שטעטלאך האָבן שיין געהאט אַן ענלעכקייט אויף גרעסער שטעט, זיי האָבן פארמאָגט געמויערטע הייזער, שיינע קראָמען, אמאָל באלויכטענע און געברוקירטע גאסן און דאָך האָבן זיי געהייסן „מעס־טעטשקאָ". דער אונטערשיד פון דער מעסטעטשקאָ פון „גאָראָד" איז געווען וואָס, ווי גרויס די מיאסטעטשקאָ זאָל ניט געווען זיין האָט זיך אין דער מיאסטעטשקא ניט געפונען דיזעלבע מלוכה'שע, מיליטערישע, און פּאָלי־טישע אמטן ווי אין דעם „גאָראָד" אָדער „מיאסטאָ". דער אונטערשיד פון דער שטעטל פון דעם דאָרף איז באַשטאַנען מערסטנס אין איר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אנדערשקייט. אין דער צייט פון לייב־אייגענטום איז דער פּויער פון דאָרף געווען די לייב אייגענטום פון פּריץ, די איינוואוינער פון די שטעטלאך זיינען געווען פריי. עקאָנאָמיש איז די שטעטל געווען אנדערש פון דאָרף ווי קליין די שטעטל זאָל ניט געווען זיין האָבן אירע איינוואוינער זיך ניט באשעפטיגט מיט ערד אַרבעט נאָר מיט האנדל, מלאכה און בעל עגלה'ריי. אריבערפירן סחורה און מענטשן פון איין אָרט אין דעם צווייטן אין דער צייט ווען עס זיינען ניט געווען קיין אַייזען באַנען. אין לענדער וואו עס זיינען ניטאָ קיין גרויסע וואַסער־וועגן איז בעל־עגלהריי געווען זייער אַ וויכטיגע באשעפטיגונג.

די אנדערשקייט פון דער שטעטל פון דאָרף און דער גרויסער שטאָט שטאַמט פון דעם מיטל־אלטער ווען די בעלי־בתים איבער דער ערד און איבער דעם פּויערטום וואָס האָט בעארבעט די ערד זיינען געווען די פּריצים.

אין יענער צייט האָבן זיך ניט געקענט געפינען ישובים פון ערד אַרבעטער וואָס זאָלן ניט באַלאַנגען צו קיינע פּריצים. דער פּויער איז געווען דער פּריוואט אייגענטום פון פּריץ, ער האָט ניט געטאָרט אַוועקגיין פון דאָרף אָן דער ערלויבעניש פון פּריץ, ניט התונה האָבן„ ניט טאָן קיין זאַך אָן דעם פּריץ׳ס וויסן און ערלויבעניש. אויסער וואָס דער פּריץ איז געווען זיין בעל הבית איז ער אויך געווען זיין ריכטער און געקענט אָנווענדן אויף אים לייב שטראָף, שמייסן, און אמאָל אפילו טויט שטראָף. ביים פאַרקויפן און קויפן א דאָרף איז אַ חוץ לאַנד, וואלד, טייך און אַנדערע באַוועגלאַכע און אונבאַוועגלאכער אייגנטום, וואָס דער פּריץ האָט געקויפט אָדער פאַרקויפט פלעגן אויך פאַרקויפט ווערן די נפשות״ וואָס האָבן אין דאָרף געוואוינט, זייער פּרייז איז געווען ווי יעדער סחורה וואָס מערער אין צאָל אַלץ מער איז זייער ווערדע (זע גאָגאָל אין זיין בוך „מיערטווי דושי״ „טויטע נפשות״). שפּעטער ווען לייב אייגענטום איז געוואָרן שוואַכער האָט דער פּויער געדארפט אַרבעטן ביי דעם פּריץ אומזיסט א צאָל טעג אין דער וואָך. ניט יעדער איינער האָט געקענט זיין א פעדאָאל א פּריץ, דאָס האָט געקענט זיין נאָר אַזעלכער וואָס האָט געשטאמט פון פּריצים און באַלאַנגט צו דעם קלאס פון אַדעל. פּאָליטיש האָבן די פּריצים געהאט אַ גרויסע מאכט א סך מאָל א גרעסערע ווי דעם קעניגס.

אַנדערש איז געווען מיט די איינוואוינער פון די מיאטעטשקאָס (שטעטלאַך) אַלס אַזעלכע וואָס באשעפטיגן זיך ניט מיט ערד־אַרבעט נאָר האַנדל און מלאכה זיינען זיי ניט געווען קיין לייב־אייגענטום און ניט געווען אונטערגעוואָרפן די געזעצן אונטער וועלכן עס זיינען געווען אונטערגעוואָרפן די פויערן. זיי זיינען געווען מער פּריי און געהייסן „מעשצשאנעס״ (שטאָטישע איינוואוינער). זיי זיינען ניט געווען אונטערגעוואָרפן אונטער זיין געריכט נאָר געהאַט אַן אייגענע אויטאָנאָמיע מיט אַ געריכט. ניט קוקענדיג דערויף האָט דער פּריץ גענוצט אַ סך מאָל לייב שטראָף צו זיינע שטעטלשע איינוואוינער. אָבער קיינמאָל האָבן די שטעטלשע איינוואוינער ניט געארבעט אומזיסט ביים פּריץ סיידן פּרייוויליג אַלס א מתנה.

אנדערש איז אויך געווען דער פּאָליטישער סטאַטוס פון די גרויסע שטעט. די איינוואויער פון די גרויסע שטעט לויט דעם מאגדענבורגער געזעץ, זיינען געווען אונטערגעוואָרפן דעם שוץ פון דער „קרוין״ .פּוילישער אָדער ליטווישער און פארמאָגט געוויסע פּריווילעגיעס ווי די „גילדן״ (אָרגאַניזאציעס פון בעלי־מלאכות). די „גילדן״ האָבן שיין געהאט אַ געוויסע פּאָליטישע מאכט, זיי זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון א שטאָט ראט און פארמאָגט זייערע געריכטן. מיט דער אנטוויקלונג פון די גרויסע שטעט זיינען אין די גרויסע שטעט איינגעפירט געוואָרן געטאָס פאַר די אידעשע איינוואוינער. די געטאָס פון די גרויסע שטעט

זיינען געווען מערסטנס באַוואוינט פון דייטשע אידן, סוחרים, מערסטנס שקלאפן הענדלער.. „שיפּר״ אין זיין בוך די ווירטשאפטס געשיכטע זאָגט: וועגן דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון פּוילישן אידענטום ביז דעם 13טן יאָרהונדערט אַז די אידן וואָס זיינען געקומען פון כאַזאַריע זיינען געווען ערד ארבעטער וואָס זייער ציל איז געווען צו באַזעצן זיך אויף שטענדיג אין פוילן, דאַגעגן די דייטשע אידן די סוחרים פלעגן קומען קיין פוילן צייטווייליג, נאָר צוליב האנדל. צווישן די כאַזאַרישע אידן ערד־אַרבעטער זיינען געווען א סך כאַזאַרישע אידן וואָס האָבן זיך נאָך זיין כאַזאַריע באשעפטיגט מיט האנדל. מיט דער צייט מיט דער פאַרשטארקונג פון לייב־אייגנטום זיינען זיי אַריבער אין די שטעטלאַך צו זיין פריי און אַריבער צו טראנספּאָרט בעל־עגלה׳ריי אָדער אַנדערע מלאכות.

די איינוואוינער פון די גרויסע שטעט מערסטנס קאטוילישע דייטשן האָבן אין אָנהייב אָנגעווענדעט אַלע מיטלען ניט צו דערלאָזן צו דער גרינדונג פון די שטעטלאך און צו זייער פאַרשפּרייטונג, אָבער זיי זיינען ניט געווען גענוג שטארק קעגן דער קאַטוילישער פּריצישער מערהייט פאַר וועמען די שטעטלאך זיינען געווען אַ ברכה דערמיט וואָס די שטעטלשע איינוואוינער פלעגן ברייגנען פון די גרויסע שטעט האלב פראָדוצירטע סחורה ווי געוואַנט, לייוונט, לעדער, און פראָדוצירטע ווי כלים, געצייג, צוקער און אַנדערע פּראָדוצירטע און האַלב פּראָדוצירטע פּראָדוקטן וואָס זיי פלעגן דאָס פאַרשפרייטן צווישן דער היימישער פּויערשטער באַפעלקרונג. זיי פלעגן אויך אויסקויפן פון דער היימישער פּויערשער באַפעלקערונג רויע שטאָפן ווי תבואה, פּערד, בהמות, פעלן און דאָס פאַרקויפן צו די גרויסע שטעט. די איינוואוינער פון די גרויסע שטעט האָבן דערזען די נוצן וואָס די שטעטעלאך ברייגנען און פאַרשוויגן און אמאָל אויך צוגעהאָלפן די גרינדונג און ענט־וויקלונג פון די שטעטעלאך: שפּעטער מיט דער פאַראָרעמונג פון די פּריצים זיינען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע כוחות פון די שטעטעלאך געוואָרן אַזוי שטארק אַז זיי האָבן זיך שיין ניט געלאָזן פאַרניכטן.

פונאוונען קומען די איינוואוינער פון די שטעטעלאך? ביז דעם 16טן יאָרהונדערט האָבן מיר זייער ווייניג מאטעריאל צו דער געשיכטע פון די שטעטעלאך און זייערע איינוואוינער. דער גאַנצער היסטאָרישער מאטעריאל פון יענער צייט וואָס מיר האָבן באציט זיך צו די איינוואוינער פון די גרויסע שטעט אין זייערע געטאָס אין מזרח אייראָפּע. די איינוואוינער פון די גרויסע שטעט זיינען געווען מייסטנס דייטשן געקומענע פון דייטשלאנד. זיי האָבן געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס בא דער פּוילישער רעגירונג. פוילן האָט זיך דענסטמאָל געצויגן פון ים ביז ים. פון דעם באַלטישן ביז דעם שווארצן. דעם מאטעריאל וועגן דער אידעשער באַפעלקערונג, קומט מייסטנס פון די

אַרכיוון פון די גרויסע שטעט. וועלכע האָבן צוליב זייער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, אָפּהענגיגקייט פון קרוין, צאָלונגען פון צינזן געווען געצוואונגען צו פאַרפראָטאָקאָלירן זייערע באַציאונגען צו דער אידישער באַפעלקערונג. און עס איז פאַרבליבן אין די אַרכיוון. דער מאטעריאל איז געזאמלט געוואָרן דורך „שיפּער״, „באלאבאַן״ און אַנדערע היסטאָריקער.

גאַנץ אנדערש איז געווען מיט די איינוואוינער פון די שטעטעלאך. דער פּריץ אונטער וועמענס שוץ די שטעטעל איז געווען, האָט זיך גענומען ווייניג מיה צו פאַרשרייבן און פאַרפּראָטאָקאָלירן זיינע באַציאונגען צו דער שטעטעל און צו דעם לעבן פון אירע איינוואוינער. מערסטנס פון די אָפּמאכן צווישן דעם פּריץ און דער שטעטעל זיינען געווען מינדליכע און דורך שתדלנים און עס זיינען פון די אָפּמאַכן גאָרניט געבליבן. ערשט אין דעם 16טן יאָרהונדערט מיט דער פאַרשפּרייטונג איבער ליטע, פּוילן, און אוקראאינע די טראַדיציאָנעלע אשכנזישע רעליגיעזע אידעשקייט מיט שאלותו תשובות, פּוסקים, מוסר ספרים און אַנדערע רעליגיעזע ספרים און מיט דער פאַרמערונג פון די וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט שרייבן האָבן זיך אָנגעהייבן פאַרשפּרייטן די פּנקסים פון די קהלות וואו עס זיינען פאַרשריבן געוואָרן געשעענישן וואָס האָבן זיך געטראָפן אין די שטעטלעך, אויך בריוו וואָס עס האָבן געפירט צווישן זיך די קהלות, צווישן אידן מיט אידן און מיט קריסטלעכע קאָנגרעגאציעס.

אין 16טן יאָרהונדערט ערשיינען פאַר אונז די שטעטלאך אין גרויסע צאָלן. דאָס מיינט ניט אַז די שטעטלאך זיינען פריער ניט געווען. נאָר זיינען פּלוצלונג אין 16טן יאָרהונדערט געבאָרן געוואָרן. דר. שיפּער אין זיין בוך (די ווירטשאפטליכע געשיכטע פון אידן אין פּוילן בעת דעם מיטל־אלטער) בריינגט צענדליגער נעמען פון ישובים וואָס טראָגן אידעשע און כאַזאַרישע נעמען און וועלכע שטאַמען פון דעם 13טן יאָרהונדערט.

די פאַרשטארקונג פון לייב אייגענטום אין 14טן יאָרהונדערט און די פאַרשקלאַפונג פון די פּויערן וואָס האָבן זיך באשעפטיגט מיט ערד אַרבעט האָט געמאכט אַ גרויסע צאָל איינוואוינער פון אידעשן גלויבן אין די דערפער וואָס האָבן זיך באשעפטיגט מיט ערד אַרבעט זאָלן אַריבער וואַנדערן אין די שטעטלאך וואו זיי האָבן זיך באשעפטיגט מיט מלאכה און באלעגאָלעריי וואָס עס פאָדערט ניט קיין גרויסע אינטעליגענץ. גאַנצע דערפער פון פּויערים זאָלן פאַרוואנדלט ווערן אין שטעטלאך וואָלטן די פּריצים קיינמאָל ניט ערלויבט. די פּויערים ווערענדיג מעשצאנעס וואָלטן פאַרלאָרן געגאנגען פאַר דעם פּריץ אַלס אומזיסטע אַרבעטער, און א חוץ דעם האָט די גרויסע מאַסע פוז פּויערטום ניט געקענט האָבן קיין באַגריף פון האנדל און מלאכה וואו עס פאָדערט זיך אַ גרעסערע אינטעליגענץ. אַרויסגייענדיג פון דעם שטאנדפונקט קומען מיר צו דעם באַשלוס אַז די גרעסטע צאָל איינוואוינער פון די שטעטלאך

האָבן געמוזט קומען פון ערגעץ וואו זיי האָבן זיך באשעפטיגט פריער מיט האַנדל און מלאכה, און געקומען זיינען זיי ווייל די פריצים האָבן זיך געניטיגט אין זיי אַלס אויפקויפער פון די רויע סחורות און אַלס אריינ־ברענגער פון האַלב אויסגעארבעטע און פאַרטיגע פראָדוקטן פון די גרויסע שטעט און אויך אַלס אַריבערפירער פון מענטשן און סחורות פון איין אָרט צו דעם צווייטן.

די איינוואוינער פון די שטעטלאך האָבן ניט געקענט קומען פון דייטש־לאַנד וואו די אידעשע באַפעלקערונג איז געווען אַ קליינע מינאָריטעט און געוואוינט אין געטאָס פון די גרויסע שטעט וואו זיי האָבן ניט געקענט האָבן קיין באגריף פון ערד ארבעט און זיינען ניט געווען צוגעפּאסט צו אַ לעבן אין די קליינע שטעטלאך וואו די איינוואוינער האָבן געפירט אַ האלב פויערשן און אַ האלב שטאָטישן לעבן. די דייטשע אידן פלעגן קומען אין די שטעטלאך פאַר א קורצע צייט אַלס סוחרים וואו זיי פלעגן דורכפירן זייערע סוחרישע טראנזאקציעס און פאָרן צוריק. עס האָבן אויך געקענט קומען כלי קודש, רבנים, שוחטים, ראשי ישיבות, מלמדים, און שטייענדיג אויף א העכערער שטופע פון קולטור און פאַרמאָגענדיג אַ געשריבענע שפּראַך האָבן זיי געלע־רנט דער היימישער באַפעלקערונג פון די שטעטלאַך און פאַרשטארקט זייער גלויבן אין אידעשקייט. זייענדיג מער געלערנט אין דער אידעשער רבנישער ליטעראטור האָבן זיי מיט דער צייט געקריגן די העגעמאָניע איבער דער שטעטלדיגער באַפעלקערונג וועלכע האָט אָנגענומען זייער שפּראַך און פאַר־לאָרן זייערע שפּראַכן וועלכע זיי האָבן ניט געהאט קיין געשריבענע.

פונוואנען קומען די איינוואוינער פון די שטעטלאך? „פּאָלאַק" אין זיין בוך כזריה (זייט 315) שרייבט לויט זיין מיינונג איז ביי די וועגן אויף וועלכע די אָרדעס פון די נאָמאדן וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער אידישער כאַזאַרישער אימפּעריע האָבן זיך יערלאך באַוועגט מיט זייערע סטאדעס, האָבן זיך געפונען שטעטלאך אין וועלכע עס פלעגן פאָרקומען יערלאַכע ירידן וואו די נאָמאדן פלעגן פאַרקויפן זייערע סחורות מייסטנס פעלן און תבואות און קויפן אנדערע סאָרטן סחורות אין וועלכע זיי האָבן זיך געניטיגט, און וועגענער געשפּאַנט מיט פערד מיט בוידן פלעגן פירן די רויע סחורות צו דער הויפּט שטאָט וואָס איז געווען די ווינטער קוואַרטיר פון דער קייזערלאַכער אָרדע. אַזוי אַז די שטעטלאך לויט פּאָלאקן האָבן שוין אַן אלטע געשיכטע, זיי זיינען נאָך גאָר אמאָל צושפּרייט איבער די פליינען פון „עראָאַזיע".

לויט ארטמאָנאָוו און ווערנאדסקי (רוסישע געשיכטע שרייבער) איז געווען א צייט אין אָנהייב פון ערשטן יאָרטויזנט ווען די כאַזאַרישע אימפּעריע האָט באהערשט ניט נאָר די פליינען פון עראָאַזיע נאָר אויך די וועלדער וואָס האָבן אַרומגערינגלט די פליינען. די וועלדער זיינען געווען באַזעצט

פון סלאַווישע שבטים, די דערעוואליאנע, פּאָליאנע, וויאטיטשי, קריוויטישצי, און אַנדערע. די אַלע סלאַווישע שבטים האָבן זיך באשעפטיגט מיט ערד־ארבעט. „קיעוו" איז לויט די היסטאָריקער אויפגעבויט געוואָרן ביי די כאַזאַרן און געהייסן „סאמבאָרא" אויף גריכיש „סאמבאדאס". מעגלאך אַז צווישן די סלאַווישע פעלקער האָבן זיך שיין געפונען אידעשע ישובים וואָס האָבן זיך באשעפטיגט מיט האנדל און מלאכה אַלס אַ ביי־פּרנסה, שפּעטער ווען די כאַזאַרן זיינען אַוועק פון די וועלדער זיינען דאָרטן די אידעשע ישובים פאַרבליבן.

לויט די אַראַבישע געשיכטע שרייבער מיטצייטלער פון די כאַזאַרן אין דעם 8טן יאָרהונדערט מאסודי און „איבן פאדלאן" האָבן די כאַזאַרן אַליין ווינציג פּראָדוצירט פאַר עקספּאָרט. זייער האַנדל איז באשטאַנען פון האָניג, וואַקס, ביבער פעלן, קנעכט וועלכע זיי האָבן געבראכט פון די רוסן, בולגאַרן און קיעוו. זיי פלעגן אויך אַריינברענגען קליידער פון אַרמעניע, אַזערביי־אָזשאַן און פון די גרויסע שטעט פון דער גריכישער אימפּעריע. די קליידער פלעגן זיי נוצן פאַר זיך און פאַרקויפן צו שכנישע פעלקער, וועלכע האָבן ניט פּראָדוצירט קיין קליידער לויט די אַראַבישע געשיכטע שרייבער האָט זיך אַ גרויסער טייל פון די כאַזאַרן באשעפטיגט מיט האנדל.

נאָך דעם חורבן פון כאַזאַריע זיינען א סך אידן און כאַזאַרן וואָס האָבן אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן געלאָפן צו די אידעשע שטעטלאך. אַ סך זיינען געבראכט געוואָרן אַלס געפאַנגענע וועלכע זיינען אויסגעלייזט געוואָרן ביי די אידן די איינוואוינער פון די שטעטלאך. די פּריצים האָבן אַ סך פון זיי געגעבן שטיקלאַך ערד, געהילץ צו בויען הייזער און זיי באַזעצט אין נייע שטעטלאך. וועגן אַזאַ פאַל דערציילט דער קאראים „פירקאָוויטש" אין זיין ספר „אבני זכרון" וועלכער איז ערשינען אין 19טן יאָרהונדערט. ער דערציילט אַז ער האָט קאראימעשע דאָקומענטן אין וועלכע עס איז געווען געשריבן אַז „וויטאָלד" אַ פּוילישער כראביע האָט באַזעצט קאַראַאימישע מלחמה געפאַנגענע פון קרים אין „כראסנא" און ער האָט זיי געגעבן ניט נאָר הייזער נאָר אויך פעלדער. פירקאָוויטש אין זיין ספר זאָגט ניט, וואו עס געפינט זיך די שטעטל „כראסנא" אפרים דיינארד אין זיין ספר „משא קרים" אַרויסגעגעבן אין יאָר 1876 זאָגט : אַז „קראסנאָ" איז די שטעטל „קארס־נאָיע" אין פּאָדאָליע. וועגן דער אייגענער קראסנאָ איז דאָ אַ דאָקומענט פון קעניג וואלדיסלאוו יאגעלא. דער דאָקומענט איז פון דער אייגענער צייט פון וועלכן עס שרייבט פירקאָוויטש. אין דעם דאָקומענט ווערט געזאָגט אַז וולא־דיסלאוו יאגעלאָ ערלויבט ניט די אידן נחמיה און אליעזר פון שלעזיע זיי און זייערע פאַמיליעס און די אידן פאַר וועלכע זיי וועלן גאַראַנטירן זיך צו באזעצן אויף א נייעם אָרט. וויטאָלד איז געווען אַ וואַסאַל פון יאגעלאָ אין

ליטע. לויט דעם דאָקומענט און לויט פירקוואָוויטשן זעט מען אַז די פוילישע קעניגן און זייערע וואַסאַלן אין דעם ערשטן העלפט פון צווייטן יאָרטויזנט, זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דעם אויסבויען פון שטעטלאך און באַזעצן זיי מיט אידעשע איינוואוינער. אַ צווייטער אַלטער פוילישער דאָקומענט דערציילט אַז אין שלעזיע זיינען געווען אידן ערד אַרבעטער. אין אַ דאָקומענט אַרויסגעגעבן פון דעם קניאז היינריך דעם ערשטן און דעם בישאָף ברעסלא ווערט געשריבן וועגן אידן וואָס בעאַרבעטן דעם קניאז׳ס ערד. שיפּער אין זיין בוך „דיווירטשאַפט געשיכטע" זייט 39 זאָגט: אַז דאָס זיינען געווען אידעשע ערד אַרבעטער וואָס זיינען געקומען פון כאַזאַריע. פאַר די יאָרן 1335־1355 איז שלעזיע געווען אונטער דער הערשאַפט פון די פּיאַסטישע מלכים און איר אידעשער ישוב איז געווען אַ צווייג פון דעם פּוילישן אידעשן ישוב. אינטערעסאַנט איז אַז די אינפאָרמאַציע וועגן דער גרינדונג פון שטעטלאך קומט פון קאַראימעשע קוואַלן מער ווי פון די רבנישע. ניט קוקענדיג וואָס דער קאַראימעשער ישוב איז געווען אַזוי קליין צווישן דעם מזרח אייראָפּעאישן אידענטום אַז ער האָט ניט געשפּילט קיין ראָל אין דער געשיכטע פון דעם מזרח אייראָפּעאישן אידענטום און איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון דער פאַרניכטונג פון אידעשן ישוב אין מזרח אייראָפּע.

לויט אַן אַלטן דאָקומענט וועגן וועלכן פירקאָוויטש שרייבט איז אין די יאָרן 1388 האָט אין טראָקי דער אייגענער וויטאָלד אויפגעבויט א שטעטל וועלכע ער האָט גערופן ניי־טראָקי און די איינוואוינער פון דער שטעטל האָט ער באַשאָנקען מיט פעלדער נעבן זייערע הייזער. די פאַרשטאַרקונג פון לייבאייגענטום האָט געמאַכט אַז די אידעשע איינוואוינער פון די דערפער זאָלן אַנטלויפן פון די דערפער און זיך באַזעצן אין די שטעטלאך. אין דער אייגענער צייט האָבן די פריצים מורא געקריגן אַז אידן ווען זיי זיינען פריי און קענען קויפן ערד וועלן אמאָל ניט אויסקויפן די ערד פאַר ספעקולאַציע צוועקן. אין דעם יאָר 1496 איז אין פוילישן סיים דורכגעפירט געוואָרן אַ געזעץ וואָס פאַרבאָט אידן צו קויפן ערד.

מיט דעם אונטערגאַנג פון כאַזאַריע ווען אַ סך אידעשע געפאַנגענע זיינען געבראַכט געוואָרן האָבן זיי די אידן אויסגעלייזט און געהאָלפן זיי צו באַזעצן זיך אין די אייגענע שטעטלאך אָדער געהאָלפן זיי אויפבויען נייע שטעטלאך.

צווישן די כאַזאַרישע אידן האָבן זיך געפונען בעלי־מלאכות בוי אַרבעטער, דאָס זעט מען לויט דעם סטיל ווי עס זיינען געבויט די אַלטע שוהלן אין די שטעטלאך פון פוילן, ליטא, און אוקראאינע. זיי זיינען געבויט

לויט דעם סטיל פון די כינעזישע פּאגאָדעס, און ניט לויט דעם מערב אייראָ־פּעאישן גאָטישן סטיל.

א מטבעות מינצעריי אין אַלטן פּוילן

פון כאַזארישע אידן לויט אַן אלטער גראַווירוי

די נייע שטעטלאך וואָס פלעגן געבויט ווערן האָבן געדארפט דינען פאַר אַ צענטער פון מלאכה און האנדל. זיי האָבן זיך געדאַרפט געפינען נעבן וועגן אויף וועלכע עס זיינען געפאָרן רייזענדע מיט זייערע סחורות, אין אן אָרט



פוילישע מטבעות מיט העברעאישע אותיות
געגאָסן ביי כאַזאַרישע מינץ גיסער

אַרומגערינגלט מיט דערפער. ניט וויט פון דעם פריצס וואוינונג וואוהין עס פלעגן קומען פויערן צאָלן זייערע צינזן, אַרבעטן אין פריצס הויף, און דורכפירן זייערע לאָדענישן פון איינעם מיט דעם אַנדערן, מעגלאך אַז אויף א סך ערטער וואו די שטעטלאך זיינען געוועז געבויט פלעגן זיך צונויפקומען אין די אַלטע צייטן ווען זיי זיינען געוועז געצענדינער מאסן מענטשן צו פייערן זייערע געצענדינערישע יום טובים. די שטעטלאך זיינען ניט געבויט געוואָרן סתם אין אַ פאַרוואָרפענעם אָרט נאָר אין ערטער וואָס פריער איז שיין דאָרטן עפעס געוועזן.

עס זיינען דאָ טעאָריעס וואָס לויטן אַז איידער די אידן האָבן באזעצט די שטעטלאך זיינען די שטעטלאך געווען באַזעצט מיט קריסטלעכע סוחרים און בעלי מלאכות און די פוילישע פריצים האָבן זיי אַרויסגעשטופט און אויף זייער אָרט באַזעצט אידן. ספעציעל איז דאָס פאָרגעקומען אין די מזרח געגנטן פון פוילן, אוקראאינע, און ווייס־רוסלאנד וואו די באַפעלקערונג איז גריכיש-קאטויליש און ניט ווי די פאָלאקן וועלכע זיינען רוימיש קאטויליש און זיינען יערעטיקס לויט די רוימישע קאַטאָליקן, דערווייל האָבן די וואָס זאָגן דאָס ניט געבראכט קיינע ראיות צו באַשטעטיגן זייער טעאָריע. ווי וויט מען ווייס האָבן די פאָלאקן און ליטווינער קיינמאָל ניט געגעבן די אידן מער רעכט ווי צו אוקראאינער און ווייס־רוסן. דער אמת איז אַז דוקא אין אוקראאינע אין די שטעט קיעוו טשערניגוב, פרעיאסלאוול האָט זיך געפונען

א שטאָטישער עלעמענט פון כאַזאַרן נאָך איידער די סלאַוון האָבן זיך דאָרטן באזעצט און נאָך איידער די פוילישע און רוסישע מלוכות האָבן זיך דאָרטן אָרגאניזירט, דאָס האָבן באוויזן אויסגראָבונגען וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן אין יענע ערטער און וועלכע האָבן באַוויזן, אַז אין אָנהייב פון ערשטן יאָרטויזנט זיינען יענע ערטער געווען באַפעלקערט מיט „גאָטן" וועלכע זיינען אומגעבראכט געוואָרן פון די הוהנען אין דער צייט פון אַטילא און זייער אָרט איז באזעצט געוואָרן מיט סלאוון.

דער חורבן כמעלניצקי

די יאָרן 1648—1667 געהערן צו די טראגישסטע צייטן אין דער געשיכטע פון מזרח אייראָפּעאישן אידענטום, מען קען זיי פאַרגלייכן צו דעם חורבן מיט 300 יאָר שפּעטער אין די יאָרן 1941—1944 ווען דער גאַנצער מזרח אייראָפּעאישער אידענטום איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאציס ימ"ש. ווי אין לעצטן חורבן איז אין יענעם הורבן אומגעקומען צוויי חלקים פון אידעשן פאָלק. גאַנצע געגענטן אַרום פעריאסלאַוול, אַרום טשערניגאָוו, ניעמיראוו און אין אַנדערע געגענטן אין אוקראאינע און ווייס רוסלאנד פון וועלכע עס איז אַפילו קיין רעקאָרד ניט געבליבן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן, געגענטן, וואָס זיינען געווען באַזעצט מיט אידן ערד אַרבעטער, בעלי מלאכות, סוחרים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און זייערע פאַרמעגענס זיינען צוטיילט געוואָרן צווישן די באנדיטן פירער. די ערד אַרבעטער ראַיאָנען זיינען באַזעצט געוואָרן מיט אוקראאינישע פויערן וואו זיי זיינען פאַרשקלאפט געוואָרן צו די נייע אוקראאינישע און רוסישע פריצים. די געשיכטע אַז די מלחמה צווישן העטמאן כמעלניצקי מיט דער פוילישער פריצישער מלוכה איז געווען אַן אויפשטאנד פון די אוקראאינישע פאַרשקלאפטע פויערן געגן די פוילישע פריצים און ממילא האָבן דערפון געליטן די אידן, וועלכע האָבן געזאָלט העלפן די פוילישע פריצים אונטערצודריקן די אוקראאינישע פויערן. די געשיכטע איז ניט אמת און שטימט ניט מיט די היסטאָרישע פאַסירונגען פון יענער צייט. אין יענע ערטער וואו עס זיינען פאָרגעקומען די גרעסטע בלוט בעדער זיינען מערסטנס די פריצים געווען אוקראאינער, און ניט קיין סך פּאָליאקן. די אידן האָבן זיך דאָרטן באַשעפטיגט מערסטנס מיט ערד ארבעט, טראנספּאָרט און מלאכה ווי עס באַוויזן צענזומס פון יענע געגענטן דורכגעפירט פון דער ליטווישער מלוכה, וואו זיי האָבן זיך באשעפטיגט מיט ערד אַרבעט אין קאַרפּאטאַ רוסלאַנד ביז דעם היטלער חורבן. די אידישע באַפעלקערונג האָט זייער ווייניג אָנגערירט די היימישע באַפעלקערונג.

לויט ווערנאדסקי אין זיין „די געשיכטע פון רוסלאַנד" זיינען די היסטאָרישע פאַסירונגען פון יענער צייט פאָרגעקומען אַזוי. די פויליש ליטווישע

יוניאָן אין דעם יאָר 1559 האָט אָפּגעריסן אַ גרויסע שטיק לאַנד פון מערב רוסלאנד. די שטיק לאנד איז איינגעשלונגען געוואָרן ביי פוילן. א סך פון די אוקראאינישע פויערן זיינען געוואָרן שקלאַפן ביי די פוילישע פריצים. די פוילישע פריצים זיינען געווען קאטאָליקן האָבן זיי אונטערגעדריקט דעם גלויבן פון די אוקראאינישע פויערן וועלכע זיינען געווען גריכיש קאַטויליש. די פוילישע רעגירונג האָט אויך געפרופט ארונטערנעמען אונטער איר קאָנטראָל די זאפּאָראָזשער קאָזאקן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער מאכט פון דעם העטמאָן. דאָס האָט געבראכט צו אַן אויפשטאנד און מלחמה פון די זאפּאָראָזשער קאָזאקן מיט זייער העטמאן באָגדאן כמעלניצקי, וועלכער האָט געמאכט אַן אָפּמאך מיט דעם קרימער כאַן געגן פוילן. און עס האָט זיך אָנגעהייבן די מלחמה צווישן העטמאָן כמעלניצקי און די פּאָליאקן. דערביי איז פאָרגעקומען די פאַרניכטונג פון די אומבאשיצטע אידן. אין דעם יאָר 1650 האָבן די קרימער טאַטאַרן פאַרראטן כמעלניצקין און עס איז געמאכט געוואָרן א שלום צווישן פוילן מיט די קאָזאקן. די קאָזאקן האָבן געקריגן אַ סך פריווילעגיעס מעגלאך אַז איינע פון די פריווילעגיעס איז געווען די צוטיילונג פון דעם אידעשן פאַרמעגן צווישן די קאָזאקן. א פונקט אין די אָפּמאכן איז געווען אַז די צאָל פון די קאָזאקן טאָר ניט זיין מער ווי 20 טויזנט. די קאָזאקן, ניט זייענדיג צופרידן מיט דעם שלום אָפּמאך, האָבן אין אַ ראדאַ וואָס איז פאָרגעקומען אין פּערעסלאַוול אין 1654 באשלאָסן צו שווערן טרייהייט צו דעם רוסישן צאַר.

די פאַראייניגונג פון אוקראאינע מיט מאָסקווע איז געווען זייער וויכטיג פאַר מאָסקווע. עס האָט געמאכט דעם מאָסקווער צאַר אַלס דעם צאַר פון גאַנץ רוסלאנד און געמאכט רוסלאַנד שטארקער פון פוילן. די מלחמה צווישן פוילן און רוסלאַנד האָט זיך געצייגן ביז 1667 און דער גאנצער צייט זיינען פאָרגעקומען פאַרניכטונגען פון אידן.

די גזירות פון די יאָרן ת״ח און ת״ט (1648—1649) שפיגלען זיך אָפּ די החלטות (רעזאָלוציעס) פון ועד מדינת ליטע וועלכער איז זיך צוזאמענגעקומען אין יאָר ת״ט (1649) אין דער רעזאָלוציע ווערט געזאָגט: אונזערע אויגן האָבן געזען בעו״ה וויפל אידישע נפשות זיינען געפאַנגען געוואָרן און פאַרמישט געוואָרן צווישן די גוים א. אז. וו. על כן גיבן מיר אַ דערלויבעניש צו אַלע קהלות, וואו עס געפינען זיך א מנין אידן, אַז זיי האָבן אַ רעכט אויסצולייזן יעדן אידעשן נפש ביז י״ז אן באַזונדערע שאלות און דערלויבעניש און וועגן די אַרויסגעטריבענע אָרעמע לייט, וועלכע זיינען נע ונד אין לאַנד און וואַנדערן אַרום, אין קעגענזאַץ צו דער תקנה וואָס איז מקפיד, זאָל מען איצט נאָך דעם אומקום זיך איילן מיט דער מצוה אויפצולעבן, וואָס מער נפשות. (בוך בריסק דליטא זייט 37—38).

חסידיזם ציט זיינע וואָרצלען פון כאזאריע

מיט דעם אונטערגאנג פון דעם ועד ד׳ ארצות, זיינען די אידעשע קהלות געוואָרן הפקר. אין דער שפּיץ פון דער קהלה, האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער תקיף דער גביר און האָט אָנגעהייבן דאָרטן איינפירן זיינע אָרדענונגען. דער רב פון דער קהלה, וואָס זיין עקזיסטענץ איז געווען אָפּהענגיג פון דעם תקיף, וואָס איז מערסטנס געווען דער פּרנס און שתדלן האָט געמוזט שווייגן. די הפקרות אין די קהלות האָבן זיך אַרויפגעלייגט ווי א שרעקלאַכע משא אויף די פּלייצעס פון דעם געפּלאָגטן און אונטערדריקטן אידעשן פאָלקס מענטש, די פאַרקנעכטעטע און רעכטלאָזע אידעשע מאסן האָבן געליטן אין צווייען. פון איין זייט פון דער גויעשער סביבה פון דעם פּריץ און גלח, און פון דער צווייטער זייט פון דער אינעווייניגסטער אידעשער רעאַקציע פון די רעדעלפירער׳ פון פאָלק, די גבירים, תקיפים און רבנים, וואָס האָבן געהערשט איבער דעם אידעשן לעבן. דער פאָלקס מענטש איז געזונקען אַלץ טיפער אין נויט און עלענט. אין יענער צייט איז געקומען צו זיין הילף אַ נייע באַוועגונג. „דער חסידיזם״. די תורה פון חסידיזם האָט אריינגענומען קבלה און מיט דער הילף פון קבלה האָט זי געמאכט דער ווירקלאַכער וועלט פאַר א פאנטאַזיע און די פאַנטאַזיע פאַר א ווירקלעכקייט, דאָס האָט געפונען אַן אָפּקלאנג אין די הערצער פון די אָרעמעלייט, בעלי מלאכות, דאָרפסמענטשן, קרעטשמער, אַרענדאַרן, און הענדלער אַזוי אַז דער חסידיזם איז דערהויבן געוואָרן צו א פאָלקס באוועגונג.

לויט דער אָנגענומער ווערסיע איז דער חסידיזם געבאָרן געוואָרן אין פּאָדאָליע און קאַרפּאטאָ־רוסלאַנד און אַז דער שאַפער פון חסידיזם איז געווען ר׳ ישראל בעש״ט (ראשי תיבות בעל שם טוב). דער אמת איז אַז נאָך פאר דעם בעש״ט איז געווען הסידיזם און דער בעש״ט האָט דעם נאָמען איבערגענומען פון זיינעם אַ פאָרגייער דעם ווינער בעש״ט.

פּאָדאָליע און קאַרפּאטאָ־רוס האָבן ניט געליטן אַזוי פיל פון דער גאנצער כמעלניצקי מלחמה וויפיל עס האָבן געליטן פון דער מלחמה די אידן פון ליטע, ווייסרוסלאנד און אוקראאינע, און ווייל זיי זיינען נאָענט פון די מזרח אייראָפּעאישע סטעפּעס האָט זיך ביי זיי לענגער אויפגעהאלטן די כאַזאַרישע מנהגים און תורות. דער חסידיזם מיט אַלע זיינע פאָלקסטימלעכקייטן בילדעט אַן אַריסטאָקראטיע און די חסידישע רבייעשע הויפן מיט זייער משדך זיך זיין מיט אייגענע און מיט זייער יחוס האָבן ווי עס זעט אויס געשטרעבט צו בילדן אַן אַריסטאָקראַטיע. ווי עס איז געווען אין כאַזאַריע. די קבלה ווי עס זעט אויס איז אויך געווען שטארק פאַרשפּרייט צווישן די אידן אין כאַזאַריע, וואָס עס באַווייזן די אויסקריצונגען אויף די שטיינער פון

ר׳ ישראל בעל שם טוב לויט אַן אלטער בילד

סאַרקעל, וואָס פאַרגלייכן זיך צו די בילדער פון דעם קבלה ספר רזיאל המלאך, ווי מיר האָבן געבראכט פריער. אין דער צייט פון דעם ועד ר׳ ארצות איז חסידיזם געווען מעגלאך אין אונטערגרונד און זיך ניט פאַרשפרייט ווייל דער ועד וואָלט אזא באַוועגונג ניט דערלאָזן. מיט דעם אונטערגאַנג פון ועד און מיט דער הפקרות וואָס האָט גענומען הערשן אין די קהלות האָט זיך דער הסידיזם פאַרשפרייט איבער אַלע אידעשע קהלות אין מזרח אייראָפּע. די רבניש למדנישע וועלט האָט זיך דערשראָקן, ווייל עס האָבן זיך נאָך געדוויכערט די האַלאָוושקעס פון די שפאלטונגען פון די קאַראַאימער, די שבתי צבי און די יעקב פראַנק באַוועגונגען.

אין דעם יאָר תקל״ב האָט דער ווילנער גאון רבינו אליהו מווילנא הגר״א אַריינגעלייגט אין חרם די חסידים. עס האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלאַכע מחלוקת און עס איז געשטאנען אין געפאַר די גאַנצקייט פון אידעשן פאָלק

יאזלאוויץ, דער האַרט וואו ר' ישראל האָט זיך צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט אַלס בעל שם טוב.

אין מזרח אייראָפּע. צום גליק האָבן די פירער פון חסידיזם פון יענער צייט ווי דער בעש״ט, דער מעזעריטשער מגיד, רבי לוי יצחק בערדיטשעווער ניט דערלאָזן צו א שפּאלטונג און ניט קוקענדיג אויף די הייס בלוט, חרמות און מסירות פוןביידע צדדים האָט צו אַ שפּאלטונג ניט געקומען און די גאנצקייט פון מזרח אייראָפּעאישן אידענטום איז פאַרבליבן.

דער טיילווייזער אונטערגאַנג פון דעם מזרח אייראָפּעאישן אידענטום

אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט מיט דעם אויפקום פון דער טעכנאָלאָגישער ציוויליזאַציע און מיט דער אויפבויאונג פון אייזענבאנען און דאמף שיפן, האָט זיך אָנגעהייבן אַן עמיגראַציע פון אידן פון מזרח אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די צאַרן און געווען באַרויבט פון זייערע מענטשלאכע רעכט. די עמיגראַציע האָט זיך געצויגן צו צפון און דרום אמעריקע, און צו דעם לאַנד פון ישראל. אין פאַרלויף פון דעם 19טן און די ערשטע האלב פון 20טן יאָרהונדערט האָט אַ גרויסער טייל פון מזרח אייראָפּעאישן אידענטום אַריבערגעוואנדערט אין אַנדערע לענדער און דאָרטן געבילדעט גרויסע ישובים.

אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה און

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן זיך אין אַ סך לענדער געבילדעט פאַ־שיסטישע און אַנטיסעמיטעשע באוועגונגען. ספּעציעל אין דייטשלאַנד וואו עס האָט זיך געגרינדעט א נאציסטישע באַוועגונג פון סאַדיסטן און מערדער, וועלכע האָבן געשאַפן א ראַסיסטישע טעאָריע, לויט וועלכער מען דאַרף אויסהרגענען אַלע אידן, ווייל זיי באַלאַנגען צו א נידעריגער ראַסע. אין אַ

א מזרח אייראָפּעאישער איד מיט זיין פרוי אין 20טן יאָרהונדערט

קורצע צייט פון דריי יאָר פון 1941—1944 איז פאָרגעקומען דער גרעסטער פאַרברעכן אין דער מענטשלאַכער געשיכטע. א פאָלק פון 6 מיליאָן אומבא־שיצטע מענטשן מענער, פרויען און קינדער ,אַלטע לייט און יונגע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין קאַלטן בלוט.

אינמיטן פון 20טן יאָרהונדערט איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס ביי די יונייטעד ניישאָנס צו פּראָקלאמירן ארץ ישראל אַלס אַ אידישע מדינה. די פירער און גרינדער פון דער אידעשער מדינה שטאמען פון מזרח איראָפּע. איראָפּע.

די פּאָלקס ציילונג אין דעם יאָר 1931

מיר גיבן דאָ איבער טיילן פון סטאטיסטישע ציפערן פון אַ פּאָלקס ציילונג וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן פון די פּאָליאקן אין יאָר 1931 נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. דער יאָר 1931 איז געווען 10 יאָר פריער איידער עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט מלחמה, וועלכע האָט גע־בראכט צו דער פאַרניכטונג פון דעם מזרח איראָפּעאישן אידענטום, אין דער פּאָלקס ציילונג גייען אַריין גרעסערע און קלענערע ישובים פון פּאָ־לעסיע, און וואָלין.

פּינסק 31.313 איינוואוינער 74 פּראָצענט אידן. בריסק 44.431 איינ־וואוינער 50 פּראָצענט אידן, ראָוונע 36 טויזנט איינוואוינער, 70 פּראָצענט אידן, קאָברין 10.101 איינוואוינער 80 פּראָצענט אידן. סארנע 7.587 איינ־וואוינער 50 פּראָצענט אידן. קאַמיען קאשירסק 2300 איינוואוינער 80 פּראָ־צענט אידן. דאוויד האָראָדאָק 11.704 איינוואוינער 40 פּראָצענט אידן, לוני־נעץ 8721 איינוואוינער 70 פּראָצענט אידן.

לויט דער פּאָלקס ציילונג זעט מען אַז אידן האָבן געבילדעט דעם גרעסטן פּראָצענט פון די איינוואוינער פון דער שטאָטישער און דער שטעטל־שער באַפעלקערונג אין מזרח איראָפּע. און מיט דעם אומברייינגען פון דעם מזרח איראָפּעאישן אידענטום איז אויך פאַרשוואונדן דער טייל פון אידעשן פּאָלק וואָס האָט געצויגן זיינע וואָרצלען, גייסטיגע און פיזישע פון דער מעכטיגער און וואונדערבאַרער אידישער מלוכה פון צענטראל און מזרח איראָפּע כאַזאַריע. (די פּאָלקס ציילונג גענומען פון בוך פּינסק זייט 296).

אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין כאזאַריע

בײַ ליעוו גומילעוו — אין די יאָרן 1859—1965

ווענן די כאַזאַרן איז א סך געשריבן געוואָרן, עס איז וועגן זיי געשריבן געוואָרן בא זייערע מיטצייטלער די אַראַבער, ביזאנטיער, אַרמעניער, און אַנדערע. חוץ דעם זיינען דאָ צוויי בריוו פון קעניג יוסף צו רבי חסדאי אבן שפרוט און אַ בריוו פון אַן אנאָנים. פרעגט זיך פאַרוואָס איז פון זיי ניט פאַרבליבן קיינע ארכעאָלאָגישע איבערבלייבענישן? וואו זיינען די איבערבלייבאכצן פון זייערע שטעט, בית עולם׳ס און אַנדערע שפורן פון זייער ציוויליזאַציע. וואו זיינען פאַרשוואונדן די צוויי גרויסע שיינע שטעט „איטיל״, „סעמענדער״, וועגן דער ערשטער איז דאָ אַ טעאָריע אַז זי איז דערטרונקען געוואָרן און זי געפינט זיך אונטער די וואַסערן פון דער וואָלגע. און די צווייטע איז דאַגעסאטן.

איטיל לויט די באַשרייבונג פודי אַראַבישע און פערסישע שרייבער, און די בריוו פון יוסף און דעם אנאָנים, איז געווען אַ גרויסע שטאָט וועלכע האָט זיך געפונען אויף אַ גרויסן שמאָלן אינזל צווישןביידע ברעגעס פון דער וואָלגע. דער רעכטער ברעג איז געווען פאַרבונדן מיט א בריק און אויף דעם לינקן ברעג האָט מען געדארפט אריבערפאָרן מיט א שיפל. די גרויס פון איטיל איז ניט קיין באַשטימטע, בא פאַרשידענע שרייבער פאַרשידן. נאָר אַלע גיבן צו אַז די שטאָט איז געווען אַ גרויסע און א קאָכיגע, כאָטש קיין ציגל הייזער חוץ דעם הערשערס זיינען דאָרט ניט געווען. זיי דערציילן אַז אין שטאָט זיינען געווען אַ סך בוימער און די וואנט וואָס האָט ארומגערינגלט דער שטאָט פאַרגלייכט מען צו דער וואנט פון דער שטאָט אוגרעטש. איז ניט פאַרשטענדלאך ווי אַזוי אַזאַ שטאָט האָט געקענט פאַרשווינדן? ניט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין שפור, ווען דערפער ווערן אויפגעדעקט דורך דעם שאַרפן אויג פון ארכעאָלאָג. ניט אַנדערש אַז די שטאָט איז דערטרונקען געוואָרן און געפינט זיך אונטער די וואַסערן פון דער וואָלגאַ.

פרעגט זיך אויב די כאַזאַרישע מלוכה, וואָס האָט זיך געפונען בא די ברעגעס פון דער וואָלגא און אין דער דיעלטא וואו די וואָלגא פאַלט אריין אין קאַספישן ים איז דערטרונקען געוואָרן, וואָס זיינען געווען די סבות וואָס האָבן געבראכט צו דער דערטרינקונג.

לויט גומילעוו און אַנדערע קלימאטאָלאָגן זיינען די סבות געווען קלימאטישע ענדערונגען און די קלימאַטישע ענדערונגען האָבן אויך געבראכט צו דער אונטערגאַנג פון דער כאַזאַרישער אימפעריע.

ווען מען באַטראכט די קלימאטישע באַדינגונגען אַרום דעם קאַספישן ים היינט, זעט מען ווי די וואַסערן אין דעם קאַספישן ים האלטן אין אָפפאלן און מיט דעם אָפפאלן פון דעם וואַסער טריקענען די טייכן וואָס פאַלן אַריין אין קאַספישן ים. מען באמערקט אויך קלימאטישע ענעדרונגען אין דעם קאַספישן ראיאָן. די קלימאטישע ענדערונגען באשעפטיגן די מוחות פון אַ

סך געלערנטע און עס זיינען דאָ עטלאכע טעאָריעס. איין טעאָריע פון וועלכער עס האלטן א סך לויטעט: אַז עס קומען פאָר פעריאָדישע ענדערונגען אין די ריכטונגען פון די ציקלאָנען וועלכע ברענגען פייכטקייט פון דעם אטלאנטישן אָקעאַן איבער דעם באַלטישן ים און עס ווענדעט זיך וואו די פייכטקייט פאַלט. פאַלט די פייכטקייט איבער די סטעפּעס ווערן די סטעפּעס באדעקט מיט געדיכטן גראָז און מיט געוויקסן וואָס דינט פאַר שפּייז פאַר פי צוכט. דאָס מאכט אַז עס זאָל זיך פונאנדערבליען אין די סטעפּעס נאָמאַדישע פי־צוכטליכעווירטשאפטן. עס פאַרגרעסערט זיך די נאָמאַדישע באפעלקערונג, עס בילדן זיך קליינע מלוכהלאך, עס קומען פאָר פאַרבינדונגען פון די קליינע מלוכות און עס אָרגאַניזירט זיך אַן אימפּעריע.

אין דער אייגענער צייט איז דער קאספּישער ים און די טייכן וואָס פאַלן אין אים אַריין וועלכע געפינען זיך אויף דער זייט וואו די ציקלאָנען קומען ניט, קריגן זיי ניט די פייכטקייט און זיי הייבן אָן אָפּפאלן און טריקענען. דאָס האָט פאַסירט מיט דער וואָלגא, מיט איר דיעלטא און מיט דעם קאַספּישן ים.

אין דער צייט פון די כאַזאַרן האָבן די ברעגעס פון דער וואָלגאַ זיך אויסגעברייטערט, די דיעלטא האָט זיך אויסגעטריקנט און געוואָרן פאַסיג פאַר אַגריקולטור, און דער כאַזאַרישער פאָלק איז געקומען זיך דאָרטן באזעצט און זיך באשעפטיגט מיט אַגריקולטור, דאָס האָט געקענט דויערן אַ פעריאָד פון עטלעכע הונדערט יאָר. אין דער אייגענער צייט האָבן די נאָמאַדישע פעלקער אין די סטעפּעס געשאַפן מלוכה אָרדענונגען, קולטורן צוגעפּאַסט צו זייערע נאָמאַדישע באַדינגונגען. אין דער אייגענער צייט האָבן די פעלקער באַ די ברעגעס און אין דער דילעטא פון דער וואָלגא זיך באשעפטיגט מיט אַגריקולטור און געשאַפן א ציוויליזאַציע צוגעפּאסט צו אַגריקולטור. מיט דער צייט האָבן זיךביידע ציוויליזאַציעס צונויפגעקומען און עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אימפּעריע. דאָס האָט פאַסירט מיט דער כאַזארישער אימפּעריע אין דער צייט פון איר עקזיסטענץ.

די דעלטאַס פון די גרויסע טייכן

ווען אַ גרויסער טייך שטראָמט צו דעם אָקעאַן שטראָמט ער אַלס איין שטראָם, שטראָמענדיג שלעפּט ער מיט זאַמד און אַנדערע זאַכן וואָס ער קריגט אויף זיין וועג און וועלכע ער וואשט אויס פון זיינע ברעגעס. ווען ער קומט צו דעם ים וואו ער פאַלט אריין זעצט זיך אָפּ אַלץ, וואָס ער האָט געבראכט ביי דעם ברעג פון ים. אין פאַרלויף פון מיליאָנען יאָרן קלייבט זיך אָן אַ סך זאַמד, בילדעט זיך אַ האלב אינזל און פאַרשטעלט דעם שטראָם פון טייך. דער שטראָם צושפּאלט זיך אויף א סך קליינע שטראָמען וועלכע פליסן אַריין אין ים דורך דעם האַלב אינזל. דער אָרט וואו דער טייך פאַלט

אַריין אין ים אין אַ סך קליינע שטראָמען ווערט גערופן דיעלטאַ. מייסטנס באַשטייען דיעלטאַס פון פּרוכטבאַרן באָדן. אַזוי איז מיט דער דיעלטאַ פון מיסיסיפּי וואָס פאַלט אַריין אין גאָלף פון מעקסיקאָ. די דיעלטאַ פון טייך ניל אין עגיפּטן באַשטייט פון פּרוכטבאַרן באָדן און ציט זיך אַריין אין ים אויף אַ שטח פון 200 מייל: די דיעלטאַ פון דער וואָלגאַ אין די יאָרן 800—500 נייע צייט רעכענונג ווען די כאַזאַרן האָבן זיך דאָרטן געפונען איז געווען טרוקן און געדיכט באַפעלקערט מיט דערפער און גרעסערע שטעט. ווען די קלימאַטישע באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט בא דער ענדע פון דעם ערשטן יאָרטויזנט נייע צייט רעכענונג, און די ציקלאָנען פון אַטלאַנטיק האָבן אָנגעהייבן טראָגן פייכטקייט אין דעם ראַיאָן וואו עס האָט זיך געפונען דער קאַספּישער ים מיט די טייכן וואָס האָבן אין אים אריינגעפאַלן, האָט זיך די וואַסער פון דער וואָלגא געהייבן און די דיעלטא איז פאַרטרונקען געוואָרן. צוזאַמען מיט דער דיעלטא און די פאַרטרונקענע ברעגעס פון דער וואָלגא זיינען פאַרטרונקען געוואָרן די דערפער און די שטעט וועלכע האָבן זיך געפונען בא די ברעגעס פון דער וואָלגאַ און אין דער דיעלטא, דאָס האָט פאַסירט מיט דער כאַזאַרישער מלוכה און איר אימפעריע.

די ענדערונגען אין קלימאַט, האָבן פאַרברענט די סטעפּעס און דערטרונקען די דערפער און שטעט וואו עס האָט זיך געפונען די כאַזאַרישע מלוכה. עס זיינען אָבער דאָ אין דער דיעלטא און אין די פאַרטרונקענע ברעגעס העכערע ערטער, וואו די וואַסער האָט ניט דערגרייכט. אויף די העכערע ערטער האָט ליעוו גומילעוו באַשלאָסן מאַכן ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען צו געפינען איבערבלייבאכצן פון דעם פאַרשוואונדענעם כאַזאַרישן פאָלק.

אין סעפּטעמבער 1959 איז פון לעניגראַד אַרויסגעפאָרן אַן ארכעאָלאָגישע עקספּעדיציע אונטער דער פירערשאַפט פון ליעוו גומילעוו. דעם 8טן סעפּטעמבער האָבן זיי זיך אַרויסגעזעצט אין דעם דאָרף ענטאַיעווסק בא דעם רעכטן ברעג פון דער וואָלגאַ. דער טייך וואָלגאַ ציט זיך ביז וואָלגאָגראַד (צאַריצין) אַלס איין מעכטיגער שטראָם ווייטער פון וואָלגאָגראַד פאַרבייגט ער זיך צו דרום מזרח און צוטיילט זיך אויף צוויי טייכן, דער מערבדיגער טייך הייסט די וואָלגא און דער צווייטער, דער מזרחדיגער הייסט „אוכטובא״. צווישן די ביידע טייכן ליגט א טאָל אַ גרויס שטיק זומפּיג לאַנד וועלכער ווערט פאַרגאָסן אין פרילינג ווען עס צוגיסן זיך ביידע טייכן. דער גרינער זומפּיגער טאָל באַדעקט מיט גרינע לאָנקעס און בוימער הארמאָנירט מיט דעם רעכטן זייט פון דער וואָלגא וועלכער איז אויסגעטריקנט און אויף וועלטן עס וואַקסן וואו ניט וואו פאַרדאַרטע בוימלאַך. אַלע דערפער געפינען זיך אויף דער טרוקענער הייכער זייט פון דער וואָלגא, צווישן ביידע טייכן אין טאָל זיינען ניטאָ קיין הייזער און דערפער ווייל די פרילינגדיגע אויסגוסן

פון דער וואָלגא וואָלטן פאַרגאָסן און פאַרניכטעט אַלע געביידעס און דערפער וועלכע וואָלטן זיך געפונען צווישןביידע טייכן. די אַרכעאָלאָגישע עקספעדיציע פון גומילעוו האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט דעם ברעג פון דער וואָלגאַ צו צפון צו געפינען עפּעס אַן איבערבלייבאכץ פון דער שטאָט איטיל. נאָך אַ לאַנגן פאָרשן און זוכן באַ די ברעגעס פון דער וואָלגא, איז פאַר אים איבערגעבליבן צו פאָרשן דעם ניט באַזעצטן טאָל צווישן דער וואָלגא און דער אכטובא וואַו אַריבער 200 יאָר האָט דאָרטן קיינער ניט געבויט קיין הייזער צוליב די פרילינג פאַרפלייצונגען. זוכענדיג אַרום דעם טאָל האָבן די אַרכאָלאָגן באַמערקט אַז פון זאַמד פון דעם אָפּגעוואַשענעם ברעג שטעקן אַרויס סעראַמיקס (אַלטע שערבלעך) פון 10טן יאָרהונדערט.

ווען די אַרכעאָלאָגן האָבן זיך גוט צוגעקוקט האָבן זיי באַמערקט אַז דער אָרט וואו זיי געפינען זיך, דער טאָל צווישן דער אכטובא און דער וואָלגא שטימט מיט דעם אָרט פון די באַשרייבונגען פון „איטיל” די הויפּט שטאָט פון דער כאַזאַרישער מלוכה.

„איטיל” איז געשטאַנען אויף אַן אינזל צווישן די צוויי טייכן די אוכטובא און די וואָלגא, וואָס זיינען אמאָל געווען איין טייך די וואָלגא. אין יענער צייט זיינען די וואַסערן פון דער וואָלגא געווען נידעריג און דער טאָל וואו דער אינזל האָט זיך געפונען איז געווען טרוקן און צוגעפּאַסט פאַר בויען הייזער און א שטאָט. מיט דער צייט ווען דער וואַסער האָט זיך געהייבן איז די גאַנצע שטאָט פאַרטרונקען געוואָרן. קיין אַנדער אָרט באַ די ברעגעס פון דער וואָלגא וואָס זאָל שטימען מיט די באשרייבונגען פון די אַלטע געשיכטע שרייבער פון די כאַזאַרן האָט מען ניט געקענט געפינען.

מיט דער וואָלגא האָט זיך גומילעווס עקספּעדיציע אוועקגעלאָזן צו דער דיעלטא וואו די וואָלגא פאַלט אַריין אין דעם קאַספּישן ים. די דיעלטא אין געגענזאַץ צו דעם אַרומיגן טרוקענעם סטעפּ, באַשטייט פון גרינע וואַסערדיגע לאָנקעס און בילדעט א קאָנטראַסט צו דעם אַרומיגן סטעפּ. צווישן די גרינע פאַרגאָסענע לאָנקעס געפינען זיך בערגלאך און הויכע ערטער, אויף די בערגלאך און הויכע ערטער געפינען זיך ישובים פון רוסן און קאַזאַבן. ביידע פעלקער לעבן בשלום, צוזאַמען פאָרט מען כאַפּן פיש, צוזאַמען פאַשעט מען די סטאַדעס פון פי און פערד.

די עקספּעדיציע זוכענדיג שפּורן פון די אמאָליגע איינוואוינער פון דער געגענט, האָבן זיך אָנגעשטייסן אויף אַ קליינעם ציגל זאוואָד וואָס האָט געגראָבן ליים. פון דער זייט פון דער גרוב וואו מען האָט געגראָבן די ליים האָט ארויסגעשטאַרצט א סקעלעט. ווען מען האָט אויסגעגראָבן דעם סקעלעט האָט מען געזען אַז דער סקעלעט ליגט ניט באַגראָבן ווי א נאָמאַד.

די נאָמאדישע פעלקער באגראָבן זייערע טויטע אין אַנדערע פּאָזעס. דער

סקעלעט וועלכן מען האָט אויפגעגראָבן איז געלעגן אויף זיין רוקן, נעבן דער רעכטער זייט פון סקעלעט איז געלעגן אַ מעסער און אויף דעם אָרט וואו עס איז געווען דער אויער איז געלעגן אַ רינגל פון בראָנדז. צו קאָפּנט פון סקעלעט איז געשטאַנען א טאָפּ וועלכער איז ניט געווען ענלאַך אויף די טעפּ וועלעכ זיינען געווען באקאנט ביז איצט. שטודירענדיג דעם טאָפּ, דעם קבר, און דאָס וואָס מען האָט געפונען האָט ניט געקענט זיין קיין צווייפל אַז דער סקעלעט און וואָס מען האָט געפונען שטאמט פון 7טן—8טן—9טן יאָרהונ־דערט, די צייט וואָס אין דער דיעלטא האָבן זיך געפונען כאַזאַרן, און אַז דער סקעלעט און אַלץ וואָס מען האָט געפונען זיינען כאַזאַרישע. דאָס שטימט מיט דעם בריוו וואָס דער קעניג פון די כאַזאַרן האָט געשריבן קיין שפּאניע צו רבי חסדאי אבן שפּרוט. ער שרייבט אין זיין בריוו: „אונזער לאַנד קריגט ניט אַריין קיין רעגענס מיר פאַרמאָגן א סך טייכן אין וועלכע עס געפינען זיך אַ סך פיש, מיר האָבן אויך אַ סך קוואלן. די לאַנד איז אַ פרוכטבארע זי באשטייט פון וויינגערטנער, גערטנער און פאַרקן. זיי ווערן אַלע באוואַ־סערט פון דעם טייך. איך וואוין אויף אַן אינזל, מיינע פעלדער, וויינגערטנער און גערטנער געפינען זיך אויף דעם אינזל". דער טאָל צווישן דער וואָלגאַ און אכטובא איז ענלאַך אויף אַן אינזל. ער געפינט זיך צווישן די צוויי טייכן וואָלגא און אוכטובא און איז אַן אינזל פון פרוכטבארער ערד. צווישן די טרוקענע אַרומיגע סטעפּעס. אין דער אַראבישער מיטלאלטערליכער ליטעראַטור, מיינט אַן אינזל א וואלד צווישן סטעפּ.

דער בערגל „סטעפּאן ראדזין"

דעם 18טן יליו 1961 האָט דעם בערגל „סטעפּאַן ראדזין" אין דער וואָל־גא דיעלטא באזוכט די אַסטראכאנער ארכעאָלאָגישע עקספּעדיציע. לויט אויס־רעכענונגען, וואָס די עקספּעדיציע האָט געמאכט איז אין דער צייט ווען די וואַסער האָט געגרייכט איר העכסטן פּונקט אין דעם 16טן יאָרהונדערט איז דער בערגל פאַר א צייט געווען אַן אינזל. שפּעטער ווען די וואַסער איז אָפּ־געפאלן האָבן זיך אין דער דיעלטא באַזעצט רוסישע פּישער ישובים. שפּעטער זיינען צו זיי צוגעקומען נאָמאדן פון דער בוקעיעווסקער אָרדע וואָס זיינען פון נאָמאדן פאַרוואנדלט געוואָרן אין ערד־אַרבעטער. אין דעם יאָר 1962 ווען די ארכעאָלאָגישע עקספּעדיציע איז אַהין געקומען איז שיין קיין וואסער ארום דעם בערגל ניט געווען. דער בערגל איז געווען אַרומגערינגלט מיט זומפּן באוואָקסן מיט געוויקסן און די זייטן פון בערגל באוואָקסן מיט בוימלאַך.

אין דער צייט ווען די כאַזאַרן האָבן דאָרט געוואוינט זיינען די זומפּן געווען טרוקן, באוואָקסן מיט גראָז, און בוימער. ווען מען האָט אָנגעהייבן פונאנדערגראָבן דעם בערגל האָט מען גאָרניט געפונען, שפּעטער זיינען גע־

פונען געוואָרן צייכנס פון דריי פאָרמען פון באַגראָבונגען. אין מזרח׳דיגן זייט פון בערגל האָט מען געפונען קברים מיט פאַרברענטע טויטע, אין מערב׳דיגן זייט האָט מען געפונען סקעלעטן באַגראָבן אין זיצענדיגע פאָזעס, אין דעם דרום׳דיגן זייט האָט מען געפונען אַ סקעלעט מיט א טאָפ צוקאָפנס ליגענדיג אויף דעם רוקן. אין איין קבר האָט מען געפונען אַ סקעלעט באַגראָבן מיט אַ פערד. פון דעם שפּיץ פון דעם „סטעפּאַן ראַדזין״ בערגל האָט זיך געעפנט פאַר די אויגן פון דער אַרכעאָלאָגישער עקספּעדיציע א וואונדערבאַרער בילד, צו צפון האָט זיך געצויגן אַ פלאַכלאַנד באַדעקט מיט וואַסער פון דעם קאַספּישן ים. אויף דער מזרחדיגער צייט האָט זיך געצויגן אַ וואַנט פון הויכע געוויקסן וועלכער האָט זיך געשאָקלט פון ווינט. אויף דעם מערב זייט האָט זיך געצויגן א דזשאָנגל וואו עס האָבן זיך געפונען פויגלען און ווילדע חזרים. איבער דער גאַנצער דיעלטא האָבן זיך געפונען נאָך בערגלאך ווי דער סטענקא ראַזין בערגל. באַטראַכטענדיג די בערגלאך האָבן די אַרכעאָלאָגן באַשלאָסן צו מאַכען אויף זיי אויסגראָבונגען. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן מיט א שיפל געשטופּט פון לאַנגע שטעקנס, און צוגעקומען צו א לאָנקע אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען צוויי בערגלאך. צווישן די צוויי בערגלאך האָט זיך געפונען א ישוב פון קאַזאַכן. צווישן שטעכיגע קאָרטשעס און אויסגעבערענטע גראָזן האָבן די אַרכעאָלאָגן געפונען קעראַמיקע (שערבלאך פון קרוגן און כלים) און אַן אלטן כאַזאַרישן בית עולם וועלכער האָט זיך געפונען אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד, ווייל די שכנישע איינוואוינער די קאַזאַכן האָבן געטריבן איבער דעם בערגל סטאַדעס מיט שעפּסן, זוכענדיג ווייטער האָבן זיי געפונען א צווייטן כאַזאַרישן בית עולם אין א בעסערן צושטאַנד.

פון דעם בערגל האָבן זיי געפאָרן צו א צווייטן בערגל וועלכן די איינוואוינער רופן דעם „טייוולס שטאָט״, באַטראַכטענדיג דעם בערגל האָבן זיי באַמערקט אַז דער בערגל איז אַנדערש פון אַנדערע בערגלאך. אַלע בערגלאך זיינען זייערע שפּיצן געווען טרוקענע און אויף דעם בערגל זיינען געשטאַנען ליוזשעס וואַסער. פאַרוואָס זיינען די ליוזשעס ניט איינגעזונקען געוואָרן אין דער נאַסער ווייכער ערד, באַטראַכטענדיג די לוזשעס האָבן די געאָלאָגן אויסגעפונען די אורזאַך פאַרוואָס די לוזשעס זיינען ניט איינגעזונקען געוואָרן ווייל די לוזשעס זיינען געשטאַנען איבער פּאָדלאָגעס פון איינגעטראָטענע ליים, דאָס האָט באַוויזן אז אמאָל זיינען אויף דעם אָרט געשטאַנען הייזער. די הייזער זיינען חרוב געוואָרן און די איינגעטראָטענע ליימענע פּאָדלאָגעס זיינען פאַרבליבן און פון וואַסער וואָס קומט פון רעגענס פאָרמירן זיך לוזשעס און בלייבן שטיין אויף די פּאָדלאָגעס, דערפון האָבן די אַרכעאָלאָגן פאַרשטאַנען אַז ווען עס זיינען אויף די בערגלאך דאָ לוזשעס און טייכלאך איז אַ סימן אַז אויף דעם בערגל איז געווען א ישוב און מען דאַרף

אויף אים מאַכן אַן אויסגראָבונג, און ווען עס זיינען ניטאָ קיין לוזשעס איז ניטאָ וואָס צו זוכן. שפּעטער האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיג און עס האָט איינגעשפּאָרט די ארכעאָלאָגן צייט און ביים פונאַנדערגראָבן דעם בערגל האָבן זיי געפונען א סך שערבלאַך און אַפילו מטבעות, אָבער דאָס איז אַלץ געווען פון א שפּעטערדיגער עפּאָכע פון דעם 14טן יאָרהונדערט. פון דאָרט האָבן זיי געפאָרן צו א בערגל מיט דעם נאָמען „טוטינסקיס בערגל”, זיי האָבן דאָרטן געפונען בית עולם׳ס פון כאַזאַרן ווי אויף דער סטענקא ראַזין בערגל. די בית עולם׳ס האָבן זיך געפונען אין א שלעכטן צושטאַנד אָבער זיי האָבן זיך ניט אונטערשיידט פון די בית עולם׳ס אויף דעם סטענקא ראַזין בערגל. אויף יעדן בערגל וואָס די עקספּעדיציע האָט באַזוכט האָט זי געפונען ארכעאָלאָגישע געפינסן. ספּעציעל האָט זיך מיט די ארכעאָלאָגישע געפינסן אויסגעצייכנט דער „באַראַניע בערגל” וועלכער האָט זיך געפונען א קילאָמעטער ווייט פון דעם ברעג פון דעם טייך „בוזאַן”. אויף דעם בערגל האָט מען געפונען סעראַמיקס און געפעס.

א צווייטע גרופּע וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער עקספּעדיציע און געמאַכט ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אויף אַנדערע בערגלאַך און הויכע ערטער אין דער דיעלטא האָט צונויפגעקליבן אַ גרויסע קאָלעקציע פון סע־ראַמיקס פון דער כאַזאַרישער צייט. עס איז קלאָר געוואָרן פאַר דער עקס־פּעדיציע אַז אין דער צייט פון די כאַזאַרן איז דער געגענט געווען געדיכט באַפעלקערט. זוכענדיג ווייטער האָט די עקספּעדיציע זיך אָנגעשטויסן אויף צייכנס פון פאַדלאָגעס אין וועלכער עס האָבן געשטעקט שטיקלאַך אייזערנע געצייג און סעראַמיקא פון דער צייט פון די כאַזאַרן. עס זעט אויס אַז אויף א סך פון די בערגלאַך ווען דער וואַסער האָט זיך שוין געהייבן האָבן זיך נאָך אַלץ געפונען כאַזאַרן וועלכע האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן זייער היים־לאַנד און זיך געפונען אין די הייזער אויף די בערגלאַך און הויכע ערטער ווי לאַנג זיי האָבן נאָר געקענט.

פאָרענדיג איבער דער זומפּיגער דיעלטא האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף א קאַנאַל וואָס איז ניט לאַנג צוריק געגראָבן געוואָרן אין דער דיעלטא. דער קאַנאַל דאַרף דינען פאַר א וועג צום קאַספּישן ים און אויסצוטריקענען די זומפּן. אין איין אָרט אין דעם קאַנאַל און בא די די זייטן פון קאַנאַל האָבן זיי צונויפגעקליבן א קאָלעקציע פון כאַזאַרישע סעראַמיקס און קליינע כלים פון דעם 6טן יאָרהונדערט. דאָס האָט געוויזן אַז די מאַשין וואָס האָט געגראָבן דעם קאַנאַל האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָרט וואו עס האָט זיך אַמאָל געפונען א ישוב פון כאַזאַרן וואָס געפינט זיך איצט אונטער דעם וואַסער. די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען וואָס מען האָט געפונען האָבן געוויזן אַז

אויף דער דיעלטא ארום דעם קאַספּישן ים און בא די ברעגעס פון דער וואָלגא וואָס איז איצט פאַרטרונקען אָדער ווערט פאַרטרונקען אין פרילינג, האָט זיך געפונען אַ כאזארישער ציוויליזאַציע וואָס געפינט זיך היינט אונטער דעם וואַסער. גומילעוו און זיין עקספּעדיציע האָבן פעסטגעשטעלט אַז דער בריוו פון דעם כאַזאַרישן קעניג יוסף צו רבי חסדאי איבן שפרוט איז אַ ריכטיגער און די כאַזאַרישע הויפּט שטאָט האָט זיך געפונען דאָרט וואו די וואָלגא צווייגט זיך אָפּ אויף צוויי טייכן און די פאָלק האָט געלעבט ביי די ברע־געס פון דער וואָלגא און אין דער דיעלטאַ פון קאספּישן ים. וועלכע איז היינט פאַרוואנדלט אין זומפּן איז אין דער צייט פון די כאַזאַרן געוועזן טרוקן און געדיכט באפעלקערט. אַלע ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וואָס מען האָט געפונען האָבן געטראָגן סמנים אַז זיי האָבן זיך געפונען אונטערן וואסער און געוויזן אַז אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן האָט דאָרט געבאַלעבאטעוועט דער קאָספּישער ים.

אויסגראבונגען אויף בית עולם׳ס

עס דוכט זיך אַז ביים לעבן טיילן זיך מענטשן פונאַנדער מיט זייער קליידונג, שפּראַך, שפּייז א. אז. וו. אָבער נאָך דעם טויט זיינען אַלע גלייך, ווייזט זיך אַרויס אז נאָך דעם טויט אין באגראָבן זייערע טויטע האָט יעדער פאָלק זיין סטיל און צערעמאָניע פון באהאלטן זיינע טויטע.

א סך אמאָליגע פעלקער און נאָך היינט אין אינדיע און יאפּאַן פאַרברענט מען דעם טויטן. פאַרברענען א מענטשלאכן קערפּער איז ניט אַזוי גרינג, עס פאָדערט זיך אַ גרויסע מאָס היץ וועלכע די אמאָליגע פעלקער האָבן ניט געקענט שאפן פלעגן די אמאָליקע פעלקער פאַרברענען טיילן פון דעם קערפּער און די איבעריגע באגראָבן. א סך אלטע פעלקער פלעגן באגראָבן זייערע טויטע שטייענדיג, מיט געווער גרייט צום שלאכט, אַ סך פלעגט מען מיטגעבן זייערע פערד און דעם זאָטל, א סך פלעגט מען באגראָבן זיצענדיג. אידן און קריסטן באגראָבן זייערע טויטע ליגענדיג און א סך מאָל מיט זייערע קעפּ צום מזרח. ווען ארכעאָלאָגן גראָבן פונאַנדער אלטע בית עולם׳ס דערקענען זיי צו וואָס פאַר א פאָלק עס געהערט דער בית עולם. די כאַזאַרן פלעגן באגראָבן זייערע טויטע ווי די אידן און די קריסטן ליגענדיג אויף דעם רוקן מיט דעם קאָפּ צום מזרח און צו קאָפּנס א טאָפּ.

די ענדערונג אין קלימאט

ווען די טריקעניש אין די סטעפּעס האָבן זיך אָנגעהייבן זיינען פון די סטעפּעס פון צפון געלאָפן די נאָמאדישע פעלקער פאַרבינדעטע פון די כאַזאַרן געטריבן פון הונגער און עפּידעמיעס. די טריקעניש האָט פאַרברענט די גראָזן אין די סטעפּעס און די סטאַדעס, זייער פאַרמעגן און שפּייז זיינען

אומגעקומען. אין דרום האָט זיך געהייבן די וואַסער פון קאַספּישן ים און האָט פאַרטרונקען דער דיעלטא און די נידעריגע ברעגעס פון דער וואָלגאַ. ווען די וואַסער אין דער וואָלגא האָט זיך געהייבן און די וואָלגא איז געוואָרן פול האָבן זייערע שונאים די רוסן געקריגן א מעגליכקייט אויף שיפלאך זיך לאָזן מיט זייערע ארמייען צו פאַרניכטן דעם אָפּגעשוואכטן פאָלק.

די כאַזאַרן האָבן ביטער געקעמפּט פאַר זייער פרייהייט און אין יאָר 913 האָבן זיי באזיגט דעם רוסישן מיליטער און א טייל פון זייער מיליטער פאַרניכטעט. אין 965 קערן זיך די רוסן אום צוריק אויף זייערע לייכטע שיפלאך מיט וועלכע זיי האָבן זיך געקענט שנעל באַוועגן איבער דער וואָלגא מיט א גרויסע ארמיי וועלכע עס האָט צוזאמענגעקליבן דער קניאז סוויאטאָסלאָוו איגאָרעוויטש. די אָפּגעשוואכטע אימפּעריע, צוליב די קלימאַטישע קאטאסטראָפעס, האָט ניט געקענט שטעלן קיין שטארקן ווידערשטאנד און איז אומגעקומען. די פעלקער פון יענער צייט האָבן זיך ניט געטיילט אויף נאַציאָנען נאָר אויף רעליגיעס. אַ טייל פון די כאַזאַרן וועלכע האָט אָנגענומען דעם מאכמעדאנישן גלויבן האָט זיך אויסגעמישט מיט די טאָטארן כאַזאַרן, וואָס זיינען געווען אונטער דעם אידישן גלויבן זיינען געלאָפן צום מערב וואו עס האָבן זיך געפונען אידישע קהלות און זיך אויסגעמישט מיט זיי. אַ סך זיינען אַריבער דעם דאָן און דאָרטן זיך באַזעצט און שפּעטער זיך אויסגעמישט מיט די רוסן וועלכע זייענן געקומען אַהין.

ביילאַגעס

וואָס דערציילן די בילינעס

בילינעס זיינען רוסישע פּאָעטישע שאפונגען און ערציילונגען, אין וועלכע עס ווערט דערציילט און באַזונגען היסטאָרישע געשעענישן און פּאַסירונגען ביי „גוסליארס". בלינדע און אַלטע בעטלערס, פּאָלקס זינגערס וועלכע פלעגן זינגען און שפּילן אויף יארידן און פּאָלקס פאַרזאמלונגען. מען האָט זיי גערופן „גוסליארס" ווייל דער אינסטרומענט אויף וועלכן זיי האָבן געשפּילט האָט געהייסן „גוסליא".

בילינעס זיינען געשאַפן געוואָרן איידער דאָס רוסישע פּאָלק האָט געהאט שריפט, דעם אלעף בית. אין איינער פון די בילינעס, ווערט דערציילט אַז „דאָברינא" אַן אָנקל פון דער מאַמעס צד, צו דעם הייליגן קניאז וולאַדימיר, אַ קלוגער און כיטרער מאַן, מיט א שטארקן ווילענסקראפט, ווען דער קניאז וולאדימיר איז נאָך געווען אַ קליינער האָט ער געפירט פאַר אים דער מלוכה אין קיעוו און נאָווגראָד, ווען וולאַדימיר איז עלטער געוואָרן, איז ער געוואָרן, ווי מען וואָלט היינט געזאָגט אַ פּרעמיער מיניסטער, ווען קיעוו האָט שיין געהאט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָט נאָך נאָווגראָד ניט געוואָלט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. דאָברינא האָט גענומען אויף זיך די מיסיע צו באַקערן די נאָווגראָדער צו דעם קריסטלעכן גלויבן. די נאָוואָגראָדער האָבן אים באַגעגענט מיט א בונט און אַן אויפשטאַנד, זיי האָבן זיך באוואָפנט און אַרויס אין א מלחמה געגן דעם קניאזס מיליטער. די שלאכט האָט זיך פאַרצויגן און דעם קניאזס מיליטער, האָט געהאלטן ביים פאַרלירן. דער כיטרע אַלטער האָט געהייסן אונטערצינדן די הייזער ביים ברעג שטאָט. דער פייער האָט זיך פונאַדערגעפלאקערט, ווען די שטאָטישע איינוואוינער האָבן דערזען דעם פייער האָבן זיי פאַרלאָזן דעם שלאכט פעלד און געלאָפן לעשן, דער אלטער האָט געהייסן די קריגער אַריין אין שטאָט און כאפּן די געטער און זיי וואַרפן אין טייך, ווען די נאָוואָגראָדער האָבן דאָס דערזען האָבן זיי אָנגעהייבן בעטן דעם אַלטן ער זאָל האָבן איינזעעניש מיט די געטער. דער אַלטער האָט זיי געזאָגט. פארוואָס בעט איר פאַר די, וואָס קענען זיך אַליין ניט העלפן און פון די אונבאהאָלפענע ערוואַרטעט איר הילף אין דער צוקונפט. הערענדיג די קלוגע רייד פון דעם אַלטן האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן און זיך געגאַנגען טובלען אין טייך און די וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך טובלען, האָבן זיי די קריגער געשלעפּט צום טייך מיט געוואלט און געטובלט („נאאוקא אי זשיזן" נומבער 12, 1969 געשריבן ביי סערגעי נאראָווטשאטאָוו) פון דער בילינאַ זעט מען, אַז די איינוואוינער פון דעם גרויסן נאָוואָגראָד, האָבן ניט געוואָלט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן נאָכדעם ווי ער איז אָנגענומען געוואָרן אין קיעוו און דער קיעווער קניאז האָט

זיי געמוזט צווינגען אָנצונעמען דעם קריסטלעך ביזאנטישן גלויבן מיט געוואלט און מעגלאך מיט געלט מיטלען.

געווער

צו באהערשן די אייגענע אָרדעס און צו פירן מלחמות מיט פיינטלעכע פעלקער און ספּעציעל מיט דער גרויסער מענטשן כוואליע וועלכע האָט זיך געטראָגן פון אַזיע קיין איראָפּע, האָט זיך געפּאָדערט איין ארמיי באוואָפנט מיט געווער. אויסגראָבונגען וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן אין סטעפּעס פון דרום צענטראל רוסלאַנד און קורגאַנען און אויף בית עולם׳ס פון דעם 7טן יאָרהונדערט ווייזן אַז אין פּראָסטע גריבער אָדער אין געבויטע קברים מיט ווענט האָט מען די טויטע באַגראָבן צוזאַמען מיט זייערע פערד און געווער. לויט דעם וואָס מען געפינט אין די קברים זעט מען אַז די געווער בא די נאָמאַדן אין דעם 7טן יאָרהונדערט זיינען באַשטאַנען פון א בויגן, אַ שפּיז, און אַ שווערד. עס באמערקט זיך אָבער אויך אַן אויסבעסערונג אין דער אויסאַרבעטונג פון דעם געווער. די בויגנס זיינען געוואָרן גרויסע און ווייט שיסענדע, די שפּיצן פון די פיילן זיינען געוואָרן אייזערנע, גרויסע, שווערע און שאַרפע און דער שווערד אויף דעם אָרט פון אַ לאנגן שווערד מיט צוויי שאַרפן באווייזט זיך אַ קורצער אויסגעבויגענער שווערד מיט וועלכן עס איז לייכטער זיך צו באַוועגן און פעכטן.

די נייע ערפינדונגען זייענען געווען צוגעפּאַסט צו דער נייער ערפינדונג פון דעם זאָטל. די נייע ערפינדונגען זיינען געווען צוויי לעדערנע פּאַסן וועלכע האָט זיך געצויגן פון זאָטל אויף ביידע זייטן פערד און אויף וועלכע עס זיינען געהאנגען צוויי מעטאַלענע פוס האלטערס אין וועלכע דער רייטער האָט ארייַנטוענדיג זיינע פיס געקענט שטיין און זיך פעכטן רייטענדיג שטייענדיג, ניט זיצענדיג, ספּעציעל ווען עס איז גקומען צו אַ האנט פעכט. די פוס האַלטערס אין די זאָטלען איז געווען ווי עס זעט אויס א נייע ערפינדונג, ווייל אין פריערדיגע אויסגראָבונגען טרעפט מען זיי ניט, און מעגלאך אַז די נייע ערפינדונג איז געווען אַ כאַזאַרישער און דאָס האָט געגעבן די כאַזאַרן א מעגלעכקייט צו באַזיגן זייערע שונאים און צו ווערן א מעכטיגע אימפּעריע. שפּעטער האָבן מעגלאך אַנדערע פעלקער אויסגעפונען דער ערפינדונג און דאָס אָנגעהייבן נוצן.

אַ מערקווירדיער היסטאָרישער צופאַל יעקב סווערדלאָוו

אין דער שטאָט גאָרקי געוועזענע ניזשני נאָוואָגראָד ביי דער וואָלגא, ניט ווייט פון דעם טייך „אכטובא", וואָס צווייגט זיך אָפּ פון דער וואָלגא און וואו לויט דעם אַרכעאָלאָג גומילעוו האָט זיך געפונען די הויפּט שטאָט פון די כאַזאַרן „איטיל" וועלכע געפינט זיך היינט דערטרונקען אונטער דעם וואַסער פון דער וואָלגא, איז אין דער צייט פון דער צאַרישער רעגירונג געווען אידן פאַרבאָטן צו וואוינען. אין דער געגענט אַרום דער וואָלגא זיינען נאָר געווען ערלויבט צו וואוינען בעלי מלאכות און ערשטע גילדע סוחרים.

אין דער שטאָט ניזשני נאָוואָגראָד האָט געוואוינט א איד מיכאיל איזרעאי־לעוויטש און זיין ווייב יעליזאָוועטא סאָלאָמאָנאָוונא סווערדלאָוו. מיכאאיל איזראַ־אילעוויטש איז לויט זיין פאַך געווען א בעל מלאכה אַ גראווירער, זיין ווערק־שטאָט איז געווען אין זיין הויז. זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון זיין ווייב און זעקס קינדער. צווישן די קינדער איז געווען יעקב געבאָרן אין יאָר 1885 און זיך געפונען אין גאָרקי ביז דעם 20 יאָריגן עלטער 1905.

יעקב סווערדלאָוו האָט גענומען אַ שטאַרקן אנטייל אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג אין ניזשני נאָוואָגראָד און אין אַנדערע שטעט אויף דער וואָלגא. נאָך דער רעוואָלוציע איז יעקב סווערדלאָוו געוואָרן דער ערשטער פּרעזידענט פון דעם סאָוועטן פאַרבאַנד. דאָס מיינט דער פּרעזידענט פון דער רוסישער אימפּעריע. עס איז א שפּיל פון דער געשיכטע, אַז ביי די ברעגעס פון דער וואָלגאַ, וואו אמאָל האָט זיך געפונען א אידעשע מלוכה וועלכע איז פאַרניכטעט געוואָרן פון די קניאזן און צאַרן, ביי דער זעלבער וואָלגאַ וואו עס איז ניט ערלויבט געווען א אידן צו וואוינען אין פאַרלויף פון יאָרהונ־דערטער, זאָל דאָרטן דוקא ביי א אידעשן בעל מלאכה וואָס האָט געמוזט מיט שוועריגקייטן קריגן אַן ערלויבעניש דאָרט צו וואוינען געבוירן ווערן אַ זון וואָס איז געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע דער ערשטער פּרעזידענט פון דער מעכטיגער אימפּעריע וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן אויף די חורבות פון דער אימפּעריע פון די כאַזאַרן וואָס האָבן אָנגענומען דעם אידישן גלויבן.

די הויפּט גאַס פון גאָרקי טראָגט היינט דעם נאָמען פון יעקב סווערדלאָוו. אויף אַ ברייטן פּלאַץ פון דער גאַס שטייט א גרויסער מאָנומענט פון דעם יונגן סווערדלאָוו. מיט עטלעכע קוואַרטאלן ווייטער, געפינט זיך די הויז, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און געוואוינט ביז זיין 20 יאָריגן עלטער. דאָס הויז איז אַ מוזעאום א קליין איין שטאָקיג הייזל אָנגעשפּארט אין אַ גרויסער פיר שטאָקיג געביידע. צוויי קליינע צימערלאך, וואו עס האָבן גע־וואוינט סווערדלאָווס עלטערן מיט זעקס קינדער און וואו עס איז אויך געווען

א זיצונג פון ראט פון פאָלקס קאָמיסארן וואו יעקב סווערדלאָוו שטייענדיג איז ערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער אַלרוסישער פעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער רעפּובליק.

דער גראַווירער ווערקשטאַט פון סווערדלאָווס פאָטער. שפּעטער זיינען זיי אַריבער וואוינען אין אַן אַנדער דירה און אין הויז איז געבליבן נאָר דער ווערקשטאַט.

דאָס הויז־מוזיי איז פול מיט בילדער פון סווערדלאָווס פאַמיליע. פון זיין יוגנט פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט און זיינע חברים אין ניזשני נאָוואָגראָד און אין אַנדערע שטעט אַרום דער וואָלגא, מיט ביכער וועגן אים, דעם ערשטן פּרעזידענט פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע, יעקב

סוועררלאָוו. בילדער פון זיין טאַטן און מאמען, בילדער פון זיינע דריי ברידער בינמין, זינאָווי, לעוו און צוויי שוועסטער סאָפיא און פאַראַ, אַ סך בילדער, וואָס ווייזן פאַרשידענע פעריאָדן אין לעבן פון סווערדלאָוו. אויף זיי געפינען זיך אויפשריפטן פון לענינען און פון פל אָנגעזעענע רעוואָלוציאָנערן:

צווישן די פילצאָליגע ביכער וועגן סווערדלאָוון געפינט זיך א בוך „דערציילונגען וועגן סווערדלאָוון״ אַרויסגעגעבן פונ׳ם „קינדער פאַרלאג״ פאַר די שילער פון עלטערע קלאַסן.

צווישן דער גרויסער צאָל פון אויפשריפטן געפינט זיך אַן אויפשריפט פון לענינען. דער חבר סווערדלאָוו שרייבט ער, „איז אומגעקומען אין גאַנג פון אונזער רעוואָלוציע און אירע זיגן. ווי אַ פירער פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע. ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט אין זיך אויפגעאַרבעט אַזאַ אויסשליסלעך אָרגאַניזאטאָרישן טאלאנט וועלכן מיר וועלן קיינמאָל ניט קענען פאַרבייטן מיט קיין אַנדערן מענטש, אים קאָן פאַרבייטן נאָר אַ גאנצער קאָ־לעקטיוו״. אַן אויפשריפט פון לונאטשארסקין לייענט זיך „אין פאַנטעאָן פון דער וועלט רעוואָלוציע שטייט די פיגור פון סווערדלאָוון אויף איינעם פון די ערשטע ערטער״.

דאָס איז געווען יעקב מיכאלאָוויטש סווערדלאָוו וואָס האָט גע־האָט דעם כבוד צו געבאָרן ווערן ביי דער וואָלגא וואו עס איז מיט א טויזנט יאָר פריער פון זיין געבורט זיך געפונען אַ אידעשע מלוכה און זיין דער ערשטער פרעזידענט פון דער מעכטיגער אימפעריע וואָס האָט איינגעשלונ־גען דער כאַזאַרישער מלוכה.

די זשידאָווסטוואָווישטשע יערעס אין נאָוואָגראָד, מאָסקווע

לויט „פיקטשוראל היסטאָרי אף טהי דזשואיש היסטאָרי (ז. 131־132)

אין דעם יאָר 1475 האָבן די טערקן פאַרטריבן פון קרים, די טאַטארן און געהערשט איבער דעם קרימעאישן האַלב אינזל ביז דעם יאָר 1783.. די אידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין קרים, האָבן געקראָגן ביי די טערקן, פולע רעכט און פרייהייט, , זיי האָבן געדינט אלס בעאמטע, דיפלאָמאטן און פאַר־מיטלער צווישן די טערקישע הערשער און די מאָסקווער קניאזן, ספעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט א איד פון טעדאסיע קרים קאַזאַ קאקאָס. ער איז באשטימט געוואָרן אַלס אַן אמבאסאדאָר קיין מאָסקווע, ער האָט דורכגעפירט א מיליטערישן אָפמאך צווישן דעם גרויסן קניאז איוואַן דעם דריטן פון

מאָסקווע (1472־1475) און דעם כאַן פון קרים. אינטערעסאנט איז, אַז דער אָפּמאַך צווישן גרויסן קניאז און דעם כאַן איז געשריבן אין העברעאיש.

צווישן די הויכע בעאמטע פון כאַן אין קרים, איז געווען אַן איטאַליענער איד זכרי׳ גוזאלבא, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטול דער פירשט פון „טאמאַן", צו אים האָבן באלאַנגט אַ גרויסער טייל פון טאמאנישן האלב אינזל. דער גרויסער קניאז פון מאָסקווע האָט אים איינגעלאַדן קיין מאָסקווע און געגעבן אַ דיפּלאָמאַטישן אמט אַלס זיין פאַרטרעטער, ביי דעם טערקישן כאַן. געווען איז דאָ ארום דער צייט ווען די „זשידאָווסטוואויטשע יערעס" האָט זיך אָנגעהייבן פאַרשפּרייטן איבער נאָוואָגראָד. זכריה גוזאָלפאָ, האָט אַריבער־געוואונען אויף זיין זייט צוויי בארימטע קריסטלעכע גלחים דעניס און אלעקסוס פון דער גריכיש אָרטאָדאָקסישער פאראפיע אין נאָוואָגראָד. די צוויי גרים האָבן זיך געלאָזט איבער דעם לאַנד אַגיטירענדיג און פאַרשפּרייטענדיג, דער נייער רעליגיע. אַ סך אין נאָוואָגראָד און אַרום נאָוואָגראַד, האָבן זיך מגיר געווען. די אידישע רעליגיע איז אַריין אין דער מאָדע אין אַ סך באָיאַ־רישע הויפן אין מאָסקווע, איינע פון אירע נאָכפאָלגער איז געווען די שנור פון דעם גרויסן קניאז פון מאָסקווע. די גריכיש קאַטוילישע היראַרכיע האָט זיך דערשראָקן און גערופן אַ ספּעציעלן סאָוועט און אין יאָר 1504, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל , אַז אלע זשידאָווסטוואויועשצע הערעטיקס, זאָלן געכאפּט און פאַרברענט ווערן.

איבער גאַנץ צענטראַל רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהייבן אַ געיעג איבער די זשידעס, וועלכע זיינען דעם שטנס קינדער, כשוף מאכערס און ברייגגען אומ־גליק פאַר דער לאַנד. דאָס רוסישע פאָלק, וואָס איז געווען פינסטער צוריק געשטאַנען און אָבערגלויבעיש, האָט זיי געגלויבט, און שרעקענדיג זיך פאַר זיי האָבן זיי אָנגעהייבן צו פאַרניכטן און פאַרטרייבן די אידן פון רוסלאַנד. אין דעם יאָר 1526, האָט דער מאָסקווער אַמבאַסאַדאָר דערקלערט אין רוים אַז די מאָסקווער מענטשן האָבן קיינעם ניט אַזוי פיינט, ווי די אידן און פאַרטרייבן זיי פון זייער לאַנד, אַזוי זיינען פון צענטראל רוסלאַנד פאַרשוואונדן די לעצטע איבערבלייבאכצן פון די אידן, אַ טייל זיינען אומגעבראכט געוואָרן און אַ טייל זיינען אנטלאָפן קיין אוקראינע ווייס רוסלאַנד ליטע און פוילן.

אין דעם יאָר 1550, ווען איבער רוסלאַנד האָט געהערשט צאַר איוואַן דער פערטער (איוואַן גראָזני) האָט זיך צו אים געווענדעט דער פוילישער קעניג מיט אַ ביטע ער זאָל ערלויבן אידעשע סוחרים פון פוילן און ליטע צו באזוכן די רוסישע יארידן. דער צאַר האָט געענטפערט אַז ער קען אַזעלכעס ניט ערלויבן, ווייל אידעשע סוחרים ברייגגען מיט זייערע סחורת אומגליקן און פאַרפירן מיט זייער רעליגיע די רוסישע מענטשן פון קריסטלעכן גלויבן. דאָס ווייזט אַז 500 יאָר נאָך דעם אונטערגאַנג פון די כאַזאַרן וועלכע האָבן

אָנגענומען דעם אידעשן גלויבן האָט נאָך איבער די רוסישע באָיאַרן און צאַרן און דער קאַטויליש גריכישער היעראַרכיע געהאַנגען דער שרעק פון דעם כאַזאַריש אידישן גלויבן און ווירקלעך האָבן די רעליגיעזע סעקטעס ווי די סובאָטניקעס, דוכאָבאָרן, זשידאָווסטוואויעשצע, און אַנדערע סעקטעס אָנגעטאָן א סך צרות צו די הערשער און אונטערדריקער פון די סלאַווישע פעלקער די באָיארן, קניאזן און צאַרן וועלכע זיינען אַליין קיין סלאַוון ניט געוועזן נאָר וואַריאגן טעווטאָנען, דייטשן פרעמדע אונטערדריקער וואָס האָבן זיך רוסיפיצירט און אַרויפגעצוואונגען אַ גלויבן און פאַרשקלאפט די סלאַוויש רוסישע פעלקער.

די זשידאָווסאוואויושטשע יערעס רוסישע קוואַלן

לויט אַלעקסאנדראָוו (סאָוועטיש היימלאַנד נומער 8, 1970, ז׳ 138)

די הייפט שטערונג פאַר די פאָרשער פון דער געשיכטע פון דער „זשידאָווסטוואויעשטשער יערעס באשטייט אין דערויף, וואָס דער מאטעריאַל וועגן זיי קומט פון די ווערק פון זייערע געגנער און פאָרפאָלגער. זיי קומען אין בריוו פון נאָוואָגראָדער אַרציבישאָף גענאדי צו העכערע פאָרשטייער פון דער פראוואָסלאַוונער קירך און פון יאָסיף וואַלאַצקי אין א בוך „פראָסוועטיטעל״ וועלכער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין די יאָרן 1452—1453 דורכן איהומען (אָנפירער) פון וואָלקאָלאמסקער מאָנאסטיר דער פריער דערמאָנטער יאָסיף וואַלאצקי, וועלכער איז שפעטער דערקלערט געוואָרן פון דער פראָוואָסלאַוונער קירך פאַר א הייליקן.

לויט די מאַטעריאַלן זעט מען האָט דער גרויסער קניאז איוואַן דער דריטער, מעגלאך צוליב פאָליטישע אורזאַכן ניט געוועזן קיין געגנער פון דער זשיסדאָווסטוואויצשער יערעס, אין יאָר 1705, ווען עס איז פאָרגעקומען א קירך סאָבאָר, און צו דעם סאָבאָר האָט זיך געגרייט די קירך הערארכיע דורכצופירן אַ געזעץ אַז מען זאָל ברענען און הענגען די הערעטיקער, איז דאָס דורכגעפאלן מען האָט זיך באַגרעניצט נאָר מיט חרמות און אַנדערע לייכטע שטראָפן: נאָך יענעם סאבאָר האָט זיך די צאָל הערעטיקער פאַרגרעסערט. די פראוואָסלאַוונער היראַרכיע האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהייבן פירן אַ שטארקע אַגיטאציע און באַוויזן אַז די זשידאָווסטוואיושטשע יערעס, איז די אַרבעט פון שטן. און באשטייט פון זשידעס כישוף מאכער, וואָס ברייננגען קראַנקהייטן א. אז. וו. און מען דאַרף זיי הענגען און ברענען.

אויף דעם פאָבאָר פון יאָר 1405 האָט איוואַן דער דריטער געצוואונגען איינצוגיין דערויף, אַז מען דאַרף אָננעמען אינקוויזיטאָרישע מיטלען צו מאַכן א סוף מיט דער יערעס. מיר ברענגען דאָ אייניקע דאָקומענטן, וועגן דער

עקזיסטענץ און טעטיגקייט פון דער זשידאָווסטוואָיוישצער יערעס געבראַכט ביי זייערע קעגנער.

אין אַ בריוו פון דעם נאָוואָגראָדער אַרציבישאָף גענאַדי צו דעם מיטראָפּאָליט זאָסימא (אָקט. 1490) שרייבט ער, אַז צוזאַמען מיט דעם פירשט מיכאַיל אַלעלקאָוויטש איז געקומען קיין נאָוואָגראָד א זשידאָווין הערע־טיקער (קיין נאָמען רופט ער ניט אָן)׳ און דער זשידאָווין הערעטיקער האָט דאָס פאַרשפּרייט די הערעטישע לערע איבער דער גאַנצער נאָוואָגראָדער ערד. מען האָט דאָס געהאַלטן בסוד נאָר דערנאָך האָבן זיי אָנגעהייבן אַרויס־געבן איינער דעם אנדערן שיכורערהייט.

יאָסיף וואָלאָצקי דערציילט אין זיין בוך פּראָסוועטיטעל, אַז אין קיעוו האָט געלעבט א „זשידאָווין״ ביים נאָמען זכריה. דער קניאַז אין קיעוו איז געווען מיכאַיל, וועלכער איז געקומען קיין נאָוואָגראָד אין יאָר (1471) אין די צייטן פון דעם קניאַז איוואַן וואַסילעוויטש, מיט אים צוזאַמען איז קיין נאָוואָגראָד געקומען דער איד זכריה. יאָסיף וואָלאַצקי כאַראַקטעריזירט אים מיט די שרעקליכסטע ווערטער, כלי פון שטן, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט כשוף, שוואַרצע ביכער, געזעצן פון די שטערן און אסטראָלאָגיע. ער האָט פאַרפירט דעם פּאָפּ דעניס און אים אַריינגעפירט אין זשידאָווסטוואָ, דעניס האָט געבראַכט צו אים דעם פּראָטאָפּאָפּ אַלעקסעי און ער האָט אים אויך אָפּ־געשטייסן פון דער קריסטלעכער רעליגיע ,דערנאָך זיינען געקומען פון ליטע נאָך צוויי אידן, וועלכע האָבן געהייסן יוסף שמואל סקאַראַווער און מאָאיסעי כאַנוש, יאָסיף וואלאצקי זייענדיג דער הויפּט פאַרפאָלגער האָט אָנגערופן דעם הויפּט פון די הערעטיקער דעם זשידאָווין זכריה און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַז זכריה איז געווען דער גרינדער פון די זשידאָווסטוואָישטשער יערעס. אַלעס אַזעלכער איז ער פאַרבליבן אין דער אלגעמיינער און אין דער אידעשער היסטאָריע, וועגן דעם ווייטערדיגן גורל פון זכריה, דערציילט יאָסיף וואַלאַצקי גאָרניט. אין אַן אנדער אָרט ווערט דערציילט אַז אין יאָר (1471) איז געקומען קיין נאָוואָגראָד דער פירשט מיכאַאיל אַלעלקאָוויטש פון ליטע און מיט אים אידן, הענדלער און פיל גלחים, וועלכע האָבן געלעבט ווי חזירים, האָבן מענטשן אָנגעהייבן צו זיי גיין און טרינקען און לערנען כישוף ביכער און זיך אויסגעלערנט, די געגען קריסטלעכע הערעטישע לערע, זייער פּאָפּ און אָנפירער איז אַלעקסעי פּראָטאָפּאָפּ גאַווריליא און פיל אַנדערע.

פון די נאָוואָגראָדער הערעטיקער איז ניט פאַרבליבן קיין שום ליטע־ראטור געשריבן ביי זיי אַליין. פון די מאָסקווער זשידאָווסטוואָיושטשע איז פאַרבליבן אַ ווערק פון זייער אָנפירער פיאָדאָר קוריצין „לאַדאיקער בריוו״. דערפאַר זיינען פאַרבליבן איבערזעצונגען פון א צאָל ביכער.

אַקאַדעמיקער אי סאָבאָלעווסקי אין זיין בוך „איבערגעזעצטע ליטעראטור

פון מאָסקווער רוס אין זיבעצנטן און זעכצענטן יאָרהונדערט" שרייבט אַז אין דער מאָסקווער סינאָדאַלער ביבליאָטעק, אין פּאָגאָדינס זאַמלונגען און אויך אין דער מלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק אויף דעם נאָמען פון סאַלטיקאָוו שטשעדרין און אין דער ביכער זאַמלונג פון סאָלאָוועצקי מאָנאַסטיר געפינען זיך איבערזעצונגען פון א בוך פון רמב"ם (מאַימאָנידעס) אונטער דעם נאָמען „מלות ההגיון". אויף דעם דריטן שער בלאַט פון בוך איז פאַרצייכנט אין רוסיש „טראַקטאַט איבער לאָגיק פון מיימאָניד אין דער סלאַווישער שפּראַך" פון דער ליטעראַטור פון די זשידאָווסטוואָויושטשע.

אין דער סלאַווישער איבערזעצונג, ווערט דער רמב"ם גערופן משה דער מצרי (מאָאיסעי עגיפּטיאַנין) אַזוי ווערט דער רמב"ם גערופן בא דעם מיטלאַלטערלעכן פילאָזאָף אַלבערט דער גרויסער (1201-1280) דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט דער רמב"ם פאַרבראַכט אין מצרים אַלס הויז דאָקטאָר ביים כאַליף סאַלאַדין. אַנאַליזירענדיג די שפּראַך פון דער סלאַווישער איבערזעצונג, לויט דעם סינאָדאַלן עקזעמפּליאַר, האָט סאָבאָלעווסקי פעסטגעשטעלט ,אַז די שפּראַך איז מערב רוסיש מיט אָפטע פּאָלאָניזמען (ווערטער פון דער פּוילישער שפּראַך) און קלויסטער סלאַוויזמען, צוליב דערויף וואָס די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון העברעאיש. לויט די מיינונג פון באַוואוסטן העברעאיסט קאָקאָווצעוו שטעלט דער רוסישער טעקסט מיט זיך פאָר ניט קיין איבערזעצונג נאָר אַן איבערדערציילונג אָדער איבעראַרבעטונג פון העברעאישן טעקסט.

אין אַ בריוו פון נאָווגאָראָדער אַרציבישאָף גענאַדי צו דעם געוועזענעם אַרציבישאָף יאָסיף רעכענט ער אויס צוועלף ביכער, וועלכע זיינען פאַרהאַן בא די נאָווגאָראָדער זשידאָווסטוואָויושטשע הערעטיקער פון זיין צייט דעם רמב"םס לאָגיק געפינט זיך אויף דעם 11טן אָרט. שפּעטערדיגע פאָרשער האָט אָנגעוויזן אַז אין דער איבערגעזעצטער לאָגיק זיינען פאַראַן געדאַנקען, אַרויסגענומענע פון ווערק פון דעם אַראַבישן פילאָזאָף אַל-גאַזאַלי (סוף 11טן אָנהייב 12טן יאָרהונדערט) א קעגנער פון אַריסטאָטלען. דער רמב"ם איז געווען אַן אָנהייגער פון אריסטאָטעלן.

דער אַקאַדעמיקער ליכאַטשאָוו אין זיין בוך „פּאָעזיע פון דער אַלט רוסישער ליטעראַטור" שרייבט אַז אין דער ביבליאָטעק פון דעם וועליקי קניאַז (גרויס פירשט) וואַסילי דעם דריטן (1505-1533) האָבן זיך געפונען ביכער אויף פאַרשידענע שפּראַכן צווישן זיי העברעאישע, חוץ דער איבערזעצונג פון לאָגיק, איז דאָרטן געווען אַ איבערזעצונג פון דעם העברעאישן ספר אגב א קבלה ספר „שש כנפים" אין רוסיש „שעסטאָקריל", א בוך פון אַסטראָנאָמיע. וואָס עס האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1865 עמנואל בן יעקב באַנפוס, אַן איבערזעצונג פון „יוסיפון" און אַנדערע.

די נאָוואָגראָדער מאָסקווער זשידאָווסטוואויושטשע באַוועגונג האָט איבער־געלאָזט טיפע שפורן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער קולטור, קריטיק פון דער פּעאָדאלער קירך, פון די דאָגמאטן פון קריסטענטום און אַנדערע, דאָס האָט מיטגעהאָלפן אונטעררייסן די רעליגיעזע איעדאָלאָגיעס פון דער פעאָדאלער געזעלשאפט און אין דעם באשטייט די פּראָגרעסיווע באַדייטונג פון דער נאָוואָגראָדער מאָסקווער זשידאָווסטוואויושטשער יערעס באוועגונג.

פון מיין ברודער הרב שלום און מיין שוועסטער ליבע ז״ל
וואָס זיינען געשטאָרבן פריצייטיק.:

צום אייביקן אָנדענק

פון מײַן פאַמיליע, אונגעקומען פון די הענט
פון די נאַציס, ימח שמם

מיין פאָטער ליבער פאדאלעפסקי

ברודער חיים יצחק און אסתר און זייער פאַמיליע

ברודער משה און אסתר און און זייער פאמיליע

ברודער יודל

שוועסטער חיהביילע און מיין טייערן חבר, איר מאן לייזער קילמאן און פאמיליע

שוועסטער חנה און איר מאן און זייער פאַמיליע

שוועסטער שיינע מרים מיט איר מאַן און פאמיליע

שוועסטער שרה און ישראל קילמאַן און זייער פאַמיליע

צום אָנדענק

פון מיין ברודער הרב שלום און מיין שוועסטער ליבע ז״ל, וואָס זיינען געשטאָרבן פריצייטיק.

רשימה פון ספאנסארס

אש, מר. און מרס.

באָסניאַק, ירמיהו און חיה מירל

באסניאַק, רבקה, אין אָנדענק פון איר מאן שמואל

בלאנק, מר. און מרס.

באָרנשטיין, מאָריס און עדנא

ברוקנער, מדרכי און בינה

גודהיים, מעקס און געזעלא

גרינבערג, יודל און פייגל

גרינבערג, הרב מרדכי ז״ל, און פייגל

טענענבוים, דזשעק און בעלא

דאַראַשקין, יעקב און ציטל

סטוירן, מעקס און ראָזע

ספינדעל, מר. און מרס.

סיוו,

ליטאַוויץ, העלען און ישעיהו

לואיס לאַזאַראָוו

פענקין, לעאָן און לאה

צוקער, פיליפּ און סעידי

קעס, שרה, לזכר דוד קעס

קאסלא, דר.

ריטאלד, מר. און מרס. ארטהור

שלאם, לעאָן

קיצעס, לאה

האלזטוך, ראָזע, אין אָנדענק פון שמואל

אראָן, יצחק און חנה

צווייג, אסתר און חיים

פארטה, הערבערט

קאַץ, ראָזי

לעווין, סעם, אין אָנדענק פון זיין פרוי רחל

פוגאטש, רוטה און פהיל

ווייצנער בראָס., מצבה מאכער

טשארלי און העלען בערלאַנט

אָרגאַניזאַציעס

גרענד סטריט קולטשורעל קלוב

חברה בני יעקב אנשי טשעכאנאוועצ